This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31 . Sa 8

סאָוועטיש

12

1983

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פסשר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“

מאָסקווע

דעקאַבער

12

1983

אינהאַלט

אָפענער בריוו צו די ייִדן פון פשא 3

נײַע איבערזעצונגען. מאָרדעכײַ ריטשלער. בעניע, די מילכאָמע אין אייראָפּע און בעלע, מײַערסאָנס טאָכטער 7

גאַלינע קאָרנילאָווא. דער טויער אָסטרא־בראמא 14

לייב סאָלאָווייטשיק. קאַפּיטלען פון א לעבן . . 21

יאָסל בוכבינדער. לעם היימישע האפנס (לידער) . 53

רײַזע־פארצייכענונגען. א. ווערגעליס. דאָרט, ווו איך בין נאָך ניט געוועזן 57

פארצייכענונג. גריגאָרי רעזניטשענקאָ. בוימוואָל 72

כאַיִם גורעוויטש. מיט ליכטיקן פארשטאנד (לידער) 87

מוישע פּענס. אין הארצן מיט געדולד (לידער) . . 90

זיכרוינעס. שילער־בוזגאַן. מײַן לעבן אין טעאטער 92

אלעקסאנדער בעלאָוסאָוו. גאָר פלוצעם, אומגעריכט 105

לעוו בערינסקי. וועגן דער איבערזעצונג פון „שיר־השירים" אף רומעניש 108

שמועסן וועגן מוזיק און עסטראדע. זינאָווי קאָמפּאַנייעץ. וועגן איינעם א פּארגעסענעם זשאנער פון דער פאָלקסליד 112

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. נאָכעם אויסלענדער. די טרייסט 113

י. דאָברושין און זײַנע בריוו צו י. צינבערגן און א. גורשטיינען 121

פובליציסטיק. גריגאָרי באָנדארעווסקי. וויאַזוי די באלפור־דעקלאראציע איז אויסגענוצט געוואָרן אף צו צעצינדן די מילכאָמע צווישן פעלקער 131

יאָסיף גריגולעוויטש. דער פּראָצעס פון די ראָזענבערגס 145

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען. צווי לאָקער. ספאַרדישע קעהילעס אף די קאַריבער אינדזלען און בישכיינעס. שאול טוואל. די ייִדישע קעהילעס אין טערקײַ אין אונדזער צײַט. דאניִעל כאנאך־סטאווראָלאקיס. דער ייִדישער מוזיי אין גריכנלאנד 155

פאר די, וואָס לערנען ייִדיש 160

מאַטעריאַלן פאר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 164

פריילעכע שורעס. ייִדישע וויצן. פארשריבן און באארבעט פון מוישע ליאכאָוויצקי 166

אינהאַלט פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" פארן יאָר 1983 168

כראָניק 13, 20, 104, 107, 130, 163

רעזומע (רוסיש, ענגליש) 1

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ.ביידער (שטעלפארטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר),
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער,
ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער,
י. שוסטער (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), י. שרײַבמאַן

אָפענער בריוו צו די ייִדן פון פשא

מיר, סאָוועטישע ייִדן, האָבן באַשלאָסן זיך ווענדן צו אײַך מיט דער האָפענונג, אַז אונדזער רוף, וואָס גייט פון טיפן האַרצן, וועט געפינען אָן אָפּקלאַנג בײַ אַלע ערלעכע מענטשן, וועמען עס איז טײַער דער שלום אין דער גאָרער וועלט.

איבער אונדזער פּלאַנעטע לויערט הײַנט אַ שוידערלעכע געפאַר. עס דראָעט דער מענטשהייט אַ פאַרניכטנדיקער טערמאָנוקלעאַרער קאָנפליקט. אַ באַזונדערע געפאַר פאַר דער זאַך פון שלום שטעלן מיט זיך פאָר די באַהויפּטונגען, וואָס מע זאָגט אַרויס אַלץ העכער וועגן דעם, אַז אין אַ נוקלעאַרער מילכאָמע קאָן מען קלוימערשט זיך דערשלאָגן אַ ניצחון, אַז אַ נוקלעאַרע מילכאָמע קאָן קלוימערשט טראָגן אַ באַגרענעצטן כאַראַקטער. מע וויל די מענטשן צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז די אַטאָמבאָמבע איז ניט געפערלעך, אַז זי איז קלוימערשט אַ געוויינלעכער אינסטרומענט פון פּאָליטיק. די דאָזיקע רייד זײַנען דורכגעדרונגען מיט אַ פולשטענדיקער ביטל־באַציִונג צו די גורלען פון מיליאָנען מענטשן, וועלכע מע לייגט פאָר צו באַצאָלן מיט זייער לעבן פאַר די אומזיניקע פּלענער פון פאַנאַנדערוויקלען אַ נוקלעאַרע מילכאָמע.

די יעניקע, וואָס קוקן אויף אונדזער פּלאַנעטע דורך דעם נוקלעאַרן וויזיר, ווײַזט זיך שוין אויס, אַז ס׳איז ניט גענוג בלויז פאַנאַנדערשטעלן נוקלעאַרע אופּרײַס־קעפּלעך אויף דער ערד, אונטער דער וואַסער און אין דער לופטן. עס פאַרשיקערט זיי דער קאָסמישער מיראַזש פון „שטערן־מילכאָמעס״. אונטערן שלייער פון דער פאַלשער זאָרג וועגן „בלײַבן לעבן״ ווילן זיי פאַרוואַנדלען דעם קאָסמישן רוים אין אַ סטאַרט־פּלאַץ פאַר אַגרעסיע.

איבער דער שולד פונעם אימפּעריאַליזם אַנטשטייען אין פאַרשיידענע ראַיאָנען פון דער וועלט נעסטן פון צווישנפעלקערלעכע קאָנפליקטן. קאָרבאָנעס פון באַוואָפנטער אַגרעסיע זײַנען געוואָרן די פעלקער פון צענטראַל־אַמעריקע. אָן אַלגעמיינעם גרימצאָרן האָט אַרויסגערופן די חוצפּהדיקע אינוואַזיע פונעם אַמעריקאַנער מיליטער אויף דער טעריטאָריע פון גרענאַדע. אין אַ ברען־פּונקט פון דער פּלאַנעטע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן דער דאָרעם פון אַפריקע. נײַע פּרווון צו צעצינדן די שפּאַנונג ווערן אונטערגענומען אין דאָרעם־מיזרעך־אַזיע. בײַ אַלע ערלעכע מענטשן אין דער וועלט רופט אַרויס אומרו די געפערלעכע לאַגע אויפן נאָענטן מיזרעך.

יעדער ניכטערדענקענדיקער מענטש קאָן הײַנט נישט ניט פאַרשטיין, אַז מיטן קויעך פון געווער טאָר מען ניט לייזן קיין צווישנפעלקערלעכע פּראָבלעמען. דער פאַלשער קרײַז פון גוואַלדטאַט, וואָס דראָעט דעם עצם לעבן אויף דער ערד, דאַרף פאַנאַנדערגעריסן ווערן. בלויז די לינדערונג פון דער צווישנפעלקערלעכער שפּאַנונג און דאָס פאַרווירקלעכן אין דער פּראַקטיק די פּרינציפּן פון פרידלעכער קאָעקזיסטענץ זײַנען בעיכוילעס צו פאַרמײַדן די סאַקאָנע פון אַ קאַטאַסטראָפע, וועלכע הענגט איבער דער מענטשהייט. אַנדערש קאָן געשען אַ גרויסער אומגליק — צי איבער אַ צופאַל, צי אין רעזולטאַט פון אַ קייטן־רעאַקציע פון די געשעענישן, צי איבערן ביין ווילן פון יענע, וואָס גלייבן ניט, אַז די מענטשן זײַנען בעקויעך פרידלעך צו לייזן די שטרײַט־פּראָבלעמען און מיינונגס־פאַרשיידנהײַטן.

מיר זײַנען זיכער, אַז איר, אַמעריקאַנער ייִדן, פּונקט ווי דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער פאָלק, ווי אַלע מענטשן אויף דער וועלט, דאַרפן ניט קיין מילכאָמע, דאַרפן ניט קיין טויטגעפערלעכן וואָפן־פאַרמעסט. ווער קאָן זיך פילן אויסער געפאַר, ווען ער ווייסט, אַז אַלץ נײַע און נײַע נוקלעאַרע אופּרײַס־קעפּלעך גייען אַראָפּ פון די קאָנווייערס אויף די מיליטערישע זאַוואָדן?

מיר, סאָוועטישע מענטשן, האָבן מער, ווי אַ באַליביק אַנדער פאָלק, אויסגעפּרווט אויף זיך אַלע גרוילן פון דער מילכאָמע. 20 מיליאָן סאָוועטישע מענטשן האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס אינעם קאַמף קעגן דײַטשישן פאַשיזם. דעמאָלט זײַנען דאָס סאָוועטישע און אַמעריקאַנער פעלקער געווען פאַרבינדעטע אינעם קאַמף קעגן דעם אַלגעמיינעם סוינע — דער „ברוינער פּעסט״ פון היטלעריזם, קעגן יענע, וואָס האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט פּלענער פון וועלט־הערשאַפט, מאַסקירנדיק זיי מיט דעמאַגאָגיע וועגן אַ „ייִדיש־קאָמוניסטישער פאַרשווערונג״.

אויך הײַנט האָבן מיר אָן אַלגעמיינעם סוינע — די געפאַר פון אַ טערמאָנוקלעאַרער וועלט־מילכאָמע. אַ נוקלעאַרע קאַטאַסטראָפע וואָלט פאַרוואַנדלט אונדזער גאַנצע פּלאַנעטע אין אַ ריזיקן אויוון פון אָשוויענטשים. דער היטלער־גענאָציד איז געריכטעט געווען קעגן יענע פעלקער, וועלכע די פאַשיסטן האָבן דערקלערט אַלס „ניט קיין פולווערטיקע״, און דער נוקלעאַרער גענאָציד אָבער איז געריכטעט קעגן אַלע פעלקער אין דער וועלט.

דאָס פילנאַציִאָנאַלע סאָוועטישע פאָלק טרעט איינמוטיק אַרויס קעגן מילכאָמע. מיר ווילן, אַז איבער אונדזער פּלאַנעטע זאָל שטענדיק זײַן אַ פרידלעכער הימל, אַז קיינמאָל זאָל זיך ניט איבערכאַזערן די טראַגעדיע, וועלכע די מענטשהײַט האָט איבערגעלעבט מיט פיר יאָרצענדליקער צוריק. מיר ווילן, אַז די קומענדיקע דוירעס זאָלן אויסגעלייזט ווערן פונעם געשפּענסט פון אַ נוקלעאַרן שוואָם, און מיט פולע רעכט און ריינעם געוויסן זאָגן מיר: גלייבט ניט די יעניקע, וואָס פאַרשפּרייטן הײַנט די באָבעמײַסע וועגן „סאָוועטישער דראָונג״! די סאָוועטישע מענטשן דאַרפן ניט קיין מילכאָמע!

דער מאַגיסטראַל־קורס פון דער אויסערן־פּאָליטיק פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס זײַן ציל איז — אײַנהיטן און פאַרשטאַרקן דעם שלום, אויסברייטערן און פאַרטיפערן די מיטאַרבעט צווישן די פעלקער — איז גאַנץ באַשטימט אויסגעדריקט און באַשטעטיקט אין דער לעצטער דערקלערונג פונעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון צק קפּסס, פאָרזיצער פון פּרעזידיום פונעם אויבערסאָוועט פון פססר יו. וו. אַנדראָפּאָוו. מיר שטיצן פולשטענדיק די דאָזיקע

פּאָזיציע, וועלכע דריקט אויס דעם פּאָליטישן ווילן פונעם גאנצן סאָוועטישן פּאָלק.

פונקט ווי אלע סאָוועטישע מענטשן, האלטן מיר, אז שאָלעם אף דער ערד קאָן מען גאראנטירן בלויז מיטן וועג פון אונטערהאנדלונגען, וואָס זײַנען געצילט צו אן אלגעמיינער און פולער אנטוואָפענונג. ווי אן ערשטער שריט צו א סטאבילן שאָלעם טרעטן מיר ארויס פאר דעם, אז עס זאָל וואָס גיכער אָפּגעשטעלט ווערן דער וואָפן־געיעג, פאר טייקעף פארפרירן די פּראָדוצירונג פון נוקלעארן געווער. און מיר וויסן, אז די אידיי וועגן פארפרירן דאָס נוקלעארע געווער ווערט געשטיצט מיצאד דער מערהײַט אמעריקאנער, דערונטער פון אײַנפלוסרײַכע קרײַזן פון די אמעריקאנער ייִדן. די דאָזיקע פארפרירונג איז, פארשטייט זיך, ניט קיין זעלבסטציל, נאָר בלויז אן אָנהייב פונעם וועג, וועלכער דארף ברענגען צו אנטוואָפענונג.

דער סאָוועטנפארבאנד האָט אף אן איינזײַטיקן אויפן גענומען אף זיך א פארפליכטונג ניט אָנווענדן דער ערשטער נוקלעארן געווער און האָט ארײַנגעטראָגן אין דער אונאָ א פּראָיעקט פון א דעקלאראציע „די פארורטיילונג פון א נוקלעארער מילכאָמע”.

מיר טרעטן ארויס, אז אף די אונטערהאנדלונגען צווישן דעם סאָוועטנפארבאנד און די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע אין זשענעווע זאָל וואָס גיכער געשלאָסן ווערן א העסקעם וועגן באגרענעצן און פארקירצן דעם סטראטעגישן וואָפן.

מיר האלטן, אז אזא העסקעם דארף פּאָרויסזען א וועזנטלעכע פארקירצונג פון די סטראטעגישע קויכעס פון ביידע צדאָדים, שטרענג אָפּהיטנדיק דעם פּרינציפּ פון אלציינער געפארלאָזיקײַט. נאטירלעך, אז דער העסקעם וועגן באגרענעצן און פארקירצן דאָס סטראטעגישע באוואָפענונג דארף פּאָרויסזען זיכערע מיטלען פון קאָנטראָל, ווי ער ווערט אויסגעפילט. מיר האלטן, אז אזא העסקעם וואָלט אנטשפּראָכן די אינטערעסן אי פונעם סאָוועטישן, אי פונעם אמעריקאנער פאָלק, פון דער גאנצער מענטשהײַט.

ס׳איז אויך נייטיק אָנצונעמען עפעקטיווע מאָסמיטלען קעגן די פּרוּוון צו פארוואנדלען דעם קאָסמישן רוים אין אן ארענע פון נוקלעארער קאָנפראָנטאציע. מע דארף וואָס גיכער שטערן דער מיליטאריזירונג פונעם קאָסמאָס, ניט דערלאָזן צו א נײַעם קרײַז פון וואָפן־געיעג, וואָס פירט צו די סאמע געפערלעכע קאָנסעקווענצן. דערצו נאָך וואָלט דאָס אײַנגעשלונגען קאָלאָסאלע געלט־מיטלען, וועלכע וואָלטן געקאָנט אויסגענוצט ווערן צוגונסטן דער מענטשהײַט.

מיר זײַנען זיכער, אז גרויסע נוץ וואָלט געקאָנט ברענגען די רעאליזירונג פון די פּאָרשלאָגן וועגן שאפן אין פארשיידענע ראיאָנען פון דער וועלט נוקלעארלאָזע זאָנעס. עס מעג זײַן צאָפן־אייראָפּע אָדער די באלקאנען, דער נאָענטער מיזרעך אָדער דער אינדישער אָקעאן. דאָס דערקלערן א באליביקן ראיאָן פון דער וועלט אלס פרײַען פון נוקלעארן וואָפן, וועט דערנעענטערן יענעם טאָג, ווען אונדזער פּלאנעטע וואָלט פּאָטער געוואָרן פון דער נוקלעארער סאקאָנע.

מיר האלטן, אז מע טאָר ניט דערלאָזן, אז אפן אייראָפּעיִשן קאָנטינענט, ווּו עס שטייען דירעקט איינע קעגן די אנדערע די קרעפטן פון דער נאטאָ און פונעם ווארשעווער אָפּמאך, זאָלן פאנאנדערגעשטעלט ווערן נײַע נוקלעארע ראקעטעס. פארקערט, לויט אונדזער מיינונג, דארף מען אין אייראָפּע פארקלענערן די צאָל קעגנשטייענדיקע נוקלעארע מיטלען פון מיטעלן ראדיוס. באליביקע פּרוּוון צו גויוער זײַן אף דעם קרעפטן־באלאנס, וואָס האָט זיך דאָ געשאפן, קאָנען בלויז ברענגען צו א וווּקס פון דער צווישנפעלקערלעכער שפּאנונג. אלעמען דארף זײַן קלאָר, אז דאָס צעשטעלן פליגל־ראקעטעס און די ראקעטעס „פּערשינג־2” וועט פארגרעסערן די סאקאָנע פאר דער זיכערהײַט ניט נאָר פון סאָוועטנפארבאנד. אונדזער לאנד וועט דאָך זײַן געצווּנגען אָנצונעמען ענטפער־מיטלען.

מיר האלטן ניט, אז די סאקאָנע, וועלכע לויערט איבער דער מענטשהײַט, איז א פאטאלע. קאָנקרעטע מיטלען, געריכטעטע קעגן דעם וואָפן־געיעג, אף צו לינדערן די צווישנפעלקערלעכע שפּאנונג — אזא איז דער אויסוועג פונעם טעמפּן ווינקל, וווּהין עס קאָן פארפירן אונדזער פּלאנעטע דאָס אומקערן זיך צום „קאלטן קריג”. ער וואָלט דאָך לײַכט געקאָנט פארוואנדלט ווערן פון א „קאלטן” אין א „הייסן” קריג.

אָבער געוויסע קויכעס סטארען זיך ניט דערלאָזן, אז דער סייכל־האיאָשער זאָל טריומפירן. די איצטיקע אדמיניסטראציע פון פשא פירט א צעיורשעטע פּראָפּאגאנדע, וואָס איז געריכטעט קעגן דער פארבעסערונג פון די באציִונגען צווישן פשא און פססר, פארשארפט די שפּאנונג, טרײַבט רעכילעס אף דער אינערן־ און אויסערן־פּאָליטיק פון אונדזער לאנד.

מע דארף באזונדערס אויסטיילן די פּרוּוון פון געוויסע קרײַזן צו מאָטיווירן זייער קאמף קעגן דער לינדערונג פון דער צווישנפעלקערלעכער שפּאנונג מיט דער צוויִעסדיקער „זאָרג וועגן די סאָוועטישע ייִדן”. אונטער דער פאלשער פאָן פון „פארטיידיקן די סאָוועטישע ייִדן” אגיטירן די דאָזיקע קרײַזן קעגן יעטווידע פארשטענדיקונגען צווישן פשא און פססר און לעטויוועס דעם וואָפן־געיעג.

מיר, סאָוועטישע ייִדן, דארפן ניט קיין אומגעבעטענע „פארטיידיקער” פון יענער זײַט אָקעאן. אונדז איז ניטאָ פון וועמען און פון וואָס פארטיידיקן אין אונדזער אייגענעם לאנד!

מיר דערלאָזן, אז איינִיקע אמעריקאנער ייִדן, וואָס זייערע טאטעס און זיידעס זײַנען אנטלאָפן פונעם צארישן רוסלאנד, ראטעווענדיק זיך פון פּאָגראָמען, איז שווער צו באנעמען, אז אין סאָוועטנפארבאנד זײַנען שוין פונלאנג ליקווידירט געוואָרן די וואָרצלען פון נאציאָנאלן אנטאגאָניזם. די רעאלע ווירקלעכקײַט לייקנט אינגאנצן אָפּ די רעכילעס פון דער מײַרעוודיקער פּראָפּאגאנדע וועגן דעם, אז אין פססר עקזיסטירט „אָפיציעלער אנטיסעמיטיזם”. אין דער דאָזיקער אויסטראכטעניש קאָנען גלייבן בלויז מענטשן, וועלכע זײַנען אבסאָליוט ניט באקאנט מיט דער זאכלאגע אין אונדזער לאנד. יעדער אָרנטלעכער און אָביעקטיווער מענטש קאָן לײַכט זיך איבערצײַגן דערין. וועגן דעם זאָגן אײדעס אויך אונדזערע אייגענע גויראָלעס.

אף אונדזער לאנד ווארפט מען ארוף שטראָמען פון בייזוויליקער רעכילעס, קעדיי אָפּווענדן די אופמערקזאמקײַט פון די אמעריקאנער בירגער פונעם קאמף פאר שאָלעם און אנטוואָפענונג, קעדיי צווינגען די מענטשן פארגעסן, אז גראָד דער סאָוועטנפארבאנד האָט צעשטערט די היטלער־פלענער וועגן אן „ענדגילטיקער לייזונג פון דער ייִדן־פראגע". די סאָוועטישע ארמיי האָט געראטעוועט הונדערטער טויזנטער ייִדן פון אומקום אין די פאשיסטישע טויט־לאגערן. און נעמלעך אָט דעם פאקט פרוּוון זיך אָפּווישן פונעם מענטשלעכן זיקאָרן די יעניקע, וואָס פירן די רעכילעס־קאמפאניע „פאר פארטיידיקן די סאָוועטישע ייִדן".

רעכילעס זײַנען אויך די באמיִונגען צו צושרײַבן דעם סאָוועטנפארבאנד די שטרעבונג „פארניכטן ייִסראָעל". ס'איז דאָך אלעמען באוווּסט, אז פססר האָט געשטיצט דעם באשלוס פון דער אונאָ וועגן געבן רעכט אף זעלבסטבאשטימונג דער ייִדישער און אראבישער באפעלקערונג פון פאלעסטינע און וועגן אויסבילדן אף דער פאלעסטינער ערד א ייִדישע און אן אראבישע מעלוכע. מיר טרעטן ארויס ניט קעגן דער עקזיסטענץ פון מעדינאס־ייִסראָעל, נאָר קעגן די פרוּוון פון אירע הערשנדיקע קרײַזן צו אָפּנעמען דאָס רעכט אפן קיִעם פונעם פאלעסטינער פאָלק, פארכאפן די באָדנס, וועלכע געהערן די שכיינעסדיקע אראבישע מעלוכעס. דער סאָוועטנפארבאנד קעמפט פאר אן אלץ ארומכאפנדיקער און גערעכטיקער רעגולירונג פונעם נאָענטמיזרעכדיקן קאָנפליקט. א סטאבילער שאָלעם אפן נאָענטן מיזרעך קאָן דערגרייכט ווערן בלויז אפן יעסאָד פון נעמען אין אכט די אינטערעסן פון אלע צדאָדים, אײַנגעשלאָסן דאָס פאָלק פון מעדינאס־ייִסראָעל און דאָס פאלעסטינער פאָלק.

די אגרעסיווע פאָליטיק פון דער ייִסראָעלדיקער קנופיע רופט ארויס גרימצאָרן בא דער גאנצער וועלט־עפנטלעכקײַט. קעגן דער דאָזיקער פאָליטיק טרעטן ארויס די דעמאָקראטישע קויכעס אין ייִסראָעל גופע, אין די ייִדישע קרײַזן פון פארשיידענע לענדער. דעם ייִסראָעל־פאָלק קאָן ברענגען א סטאבילן שאָלעם ניט קיין מילכאָמע, נאָר אונטערהאנדלונגען מיט אלע פארינטערעסירטע צדאָדים, דערונטער מיטן איינציקן געזעצלעכן פאָרשטייער פונעם פאלעסטינער פאָלק — דער אָרגאניזאציע פאר באפרײַען פאלעסטינע. דער העמשעך פון דער אגרעסיווער פאָליטיק, ווי אויך די געפערלעכע שפּיל, וועלכע די ייִסראָעלדיקע רעדלפירער האָבן אָנגעהויבן ארום דעם נוקלעארן געווער, קאָן בלויז דערפירן די דאָזיקע מעלוכע צו א קאטאסטראָפע.

די אמעריקאנער ייִדן און די ייִדישע אָרגאניזאציעס וואָלטן אויך געדארפט א טראכט טאָן וועגן דעם גוירל פון די ייִדן אין ייִסראָעל. די פאָליטיק פון די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל בא דער שטיצע פון דער אמעריקאנער אדמיניסטראציע שאפט דאָך א סאקאָנע פאר דעם עצעם קיִעם פון אָט דער מעדינע. מיר האלטן פאר נויטווענדיק, אז עס זאָלן וואָס גיכער באנײַט ווערן די קאָלעקטיווע באמיִונגען, קעדיי געפינען א וועג צו א שאָלעם אפן נאָענטן מיזרעך. דער קאמף פאר א גערעכטיקער אײַנרעגולירונג פונעם נאָענטמיזרעכדיקן קאָנפליקט איז אומצערײַסבאר פארבונדן מיטן קאמף פאר שאָלעם אין דער גאָרער וועלט.

הײַנט, ווען יעדער אײַנוווינער פון אונדזער פלאנעטע דארף באזיניקן די געפאר, וואָס דראָעט דער וועלט, אנטשטייט מיט דער גאנצער קלאָרקײַט די פראגע: צי וועלן די ייִדן פון פשא דערלויבן, זיי זאָלן אויסגענוצט ווערן דורך יעניקע, וואָס פירן א קורס אף ארײַנצוקריכן אין א טערמאָנוקלעארער מילכאָמע, אין וועלכער עס וועט אומקומען די גאנצע מענטשהײַט, אָדער זיי וועלן ארײַנטראָגן זייער צושטײַער אינעם אָפּשוואכן די שפאנונג, אינעם פארמײַדן א מילכאָמע, אין דער אינטערנאציאָנאלער מיטארבעט און פרײַנטשאפט צווישן די פעלקער?

מיר האָפן, אז איר וועט אויסקלײַבן דעם צווייטן וועג, אז לעשעם דער ליבע צום לעבן און דעם האס צום אומזיניקן טויט פון נוקלעארער פארניכטונג וועט איר ארויסטרעטן פאר שאָלעם, קעגן דער אלץ וואקסנדיקער געפאר פון אויסראָטן די מענטשהײַט.

די צײַט ווארט ניט. דאָס אָפּציִען איז ניט לעטויוועס דעם שאָלעם, נאָר לעטויוועס א שוידערלעכער מילכאָמע.

מיר רופן אײַך אָנווענדן אלע באמיִונגען, אויסנוצן אײַער אווטאָריטעט, ארויסווײַזן גוטן ווילן און, לעסאָף, פּאָשעט ניט פארלירן דעם סייכל, קעדיי מיטהעלפן דער וויכטיקסטער אופגאבע פון דער מענטשהײַט — **אויסקעמפן דעם שאָלעם אף דער ערד.**

ז. אי. אזגור — סקולפטאָר, העלד פון סאָציִאליסטישער מי, דעפוטאט פונעם אויבערסאָוועט פון דער ווײַסרוסישער ססר; **ד. נ. אל** — דראמאטורג; **יע. ק. ארנאפאָלינא** — נייטערן פון דער ביראָבידזשאנער זאָקן־טריקאָטאזש־פאבריק, העלד פון סאָציִאליסטישער מי; **ס. ר. אראָנאָוו** — מיטגליד פון דער קאָלעגיע פונעם מעלוכע־פלאן פון דער אוזבעקישער ססר, פארדינסטפולער עקאָנאָמיסט פון דער רעפובליק; **א. ז. אסטראכאן** — שטעלפארטרעטער פונעם מיניסטער פון שטיינקוילן־אינדוסטריע פון דער אוקראַיִנישער ססר, דעפוטאט פון אויבערסאָוועט פון דער רעפובליק; **ר. ל. בארג** — אינזשעניער פונעם טשערנאָוויצער זאוואָד „קווארץ", דעפוטאט פונעם אויבערסאָוועט פון דער אוקראַיִנישער ססר; **ב. פ. בערלין** — דירעקטאָר פון דעם צווישנשול־לערן־פראָדוציר־קאָמבינאט פון ארבעטס־שטודיום און פראָפעסיִאָנעלער אָריִענטאציע פון די שילער פון לענינער ראיאָן פון דער שטאָט מאָגיליאָוו, דעפוטאט פונעם אויבערסאָוועט פון דער ווײַסרוסישער ססר; **מ. אי. בלאנטער** — קאָמפּאָזיטאָר, פאָלקס־ארטיסט פון פססר, העלד פון סאָציִאליסטישער מי; **א. פ. בליוגער** — פראָרעקטאָר פונעם ריגער מעדיצינישן אינסטיטוט, ווירקלעכער מיטגליד פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון דער לעטלענדישער ססר, פארדינסטפולער וויסנשאפט־טוער, לאורעאט פון דער מעלוכע־פרעמיע פון דער לעטלענדישער ססר; **ג. ל. באָנדארעווסקי** — דאָקטאָר פון היסטאָרישע וויסנשאפטן, פראָפעסאָר, פארדינסטפולער וויסנשאפט־טוער פון רספסר; **א. יע.**

בראונשטיין —ווירקלעכער מיטגליד פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פסםר און פון דער אַקאַ־
דעמיע פון מעדיצינישע וויסנשאַפטן פון פסםר, העלד פון סאָציאַליסטישער מי, לאָורעאַט פון דער
לענין־פּרעמיע און מעלוכע־פּרעמיעס; **ב. ק. ווײַנשטיין** — ווירקלעכער מיטגליד פון דער **וויסנ־**
שאַפט־אַקאַדעמיע פון פסםר, דירעקטאָר פונעם אינסטיטוט פון קריסטאַלאָגראַפיע פון דער וויסנ־
שאַפט־אַקאַדעמיע פון פסםר; **א. ל. ווערגעליס** — פּאָעט, הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „סאָוועט־
טיש היימלאַנד"; **יאַ. אי. ווערניקאָוו** — גענעראַל־מאַיאָר פון אוויִאַציע, העלד פון סאָוועטנפאַר־
באַנד, פאַרדינסטפולער פליִער־אויספּרוּווער פון פסםר; **יע. י. גאַברילאָוויטש** — קינאָדראַמאַטורג,
העלד פון סאָציאַליסטישער מי, לאָורעאַט פון מעלוכע־פּרעמיעס; **פּ. וו. געלמאַן** — קאַנדידאַט פון
עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן, דאָצענט, געוועזענע מיליטערישע פליִערן, העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד;
יע. אי. גאָלדבערג — גענעראַל־לייטענאַנט; **ג. ב. גאָפּמאַן** — שרײַבער, העלד פון סאָוועטנפאַר־
באַנד; **ס. א. גראַנאָווסקי** — פירנדיקער אינזשעניער פון דער פאַרייניקונג „לענינגראַדער מעטאַל־
זאַוואָד", לאָורעאַט פון דער לענין־פּרעמיע און מעלוכע־פּרעמיעס; **יע. ג. גורוויטש** — דירעקטאָר
פון דער מעלוכישער אינפאָרמאַציע־אַגענטור באַם מיניסטאָרן־ראַט פון דער אַזערבײַדזשאַנישער
ססר, דעפּוטאַט פונעם אויבערסאָוועט פון דער אַזערבײַדזשאַנישער ססר; **מ. ד. דאַוויטאַשווילי** —
רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „סאָפּליס צכאָווּרעבאַ", דעפּוטאַט פונעם אויבערסאָוועט פון דער
גרוזינישער ססר, פאַרדינסטפולער זשורנאַליסט פון דער רעפּובליק; **ד. א. דראַגונסקי** — גענעראַל־
פּאָלקאָווניק פון טאַנקען־מיליטער, צוויי מאָל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד; **יע. א. דיסקין** — גע־
נעראַל־מאַיאָר פון מעדיצינישער דינסט, העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד; **ב. יע. יעפימאָוו** — פאָלקס־
קינסטלער פון פסםר, ווירקלעכער מיטגליד פון דער קונסט־אַקאַדעמיע פון פסםר; **א. ג. זארכי** —
קינאָרעזשיסער, פאָלקס־אַרטיסט פון פסםר, העלד פון סאָציאַליסטישער מי, לאָורעאַט פון מעלוכע־
פּרעמיעס; **ס. ל. זיווס** — דאָקטאָר פון יורידישע וויסנשאַפטן, פּראָפעסאָר, פאַרדינסטפולער וויסנ־
שאַפט־טוער פון רספסר; **ג. אָ. זימאַנאַס** — דאָקטאָר פון פילאָסאָפישע וויסנשאַפטן, פּראָפעסאָר, דע־
פּוטאַט פונעם אויבערסאָוועט פון דער ליטווישער ססר; **מ. אי. קאַבאַטשניק** — ווירקלעכער מיטגליד
פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פסםר, העלד פון סאָציאַליסטישער מי, לאָורעאַט פון דער
לענין־פּרעמיע און מעלוכע־פּרעמיעס; **וו. ג. קאַלנער** — שטעלפאַרטרעטער פונעם הויפּט־אינזשע־
ניער פונעם מאָסקווער אויטאָמאָביל־זאַוואָד אף ליכאַטשאָווס נאָמען, לאָורעאַט פון דער מעלוכע־
פּרעמיע פון פסםר, דאָקטאָר פון טעכנישע וויסנשאַפטן, פּראָפעסאָר; **אי. ד. קאַפּוסטין** — שעף פון דער
צענטראַלער סטאַטיסטישער פאַרוואַלטונג פון דער טאַדזשיקישער ססר, דעפּוטאַט פונעם אויבער־
סאָוועט פון דער טאַדזשיקישער ססר; **א. פּ. קאַץ** — הויפּט־רעזשיסער פון דעם ריגער מעלוכישן
טעאַטער פון רוסישער דראַמע, פאָלקס־אַרטיסט פון דער לעטלענדישער ססר; **ל. יע. קערבעל** —
פאָלקס־קינסטלער פון פסםר, ווירקלעכער מיטגליד פון דער קונסט־אַקאַדעמיע פון פסםר, לאָורעאַט
פון דער לענין־פּרעמיע און מעלוכע־פּרעמיעס; **יו. א. קאָלעסניקאָוו** — שרײַבער; **ע. ס. קאַלמאַנאָוו־**
סקי — קאָמפּאָזיטאָר, פאָלקס־אַרטיסט פון רספסר; **יאַ. אי. קאַפּילאָוו** — מעכאַניזאַטאָר פונעם קאָל־
ווירט „איליטשס געבאָטן", בירָאָבידזשאַנער ראַיאָן פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, דעפּוטאַט
פונעם אויבערסאָוועט פון רספסר; **מ. ב. קרופּקין** — זשורנאַליסט, קאַנדידאַט פון יורידישע וויסנ־
שאַפטן; **מ. א. לעוויצקי** — קאָמאַנדיר פון דער שיף „טו־154" פון דער דושאַנבינער אוויִאַ־אונ־
טערנעמונג פון ציוויל־אוויִאַציע, דעפּוטאַט פונעם אויבערסאָוועט פון דער טאַדזשיקישער ססר;
ב. ל. ליווּשיץ — גענעראַל־מאַיאָר־אינזשעניער, פאַרדינסטפולער בויער פון רספסר; **יע. ס. מאַזין** —
דירעקטאָר פון דער אויפּעס־פאַבריק „וואָיסקאָוויצי" גאַטשינער ראַיאָן, לענינגראַדער געגנט; **ב.**
אי. מעדאָוואַר — פאַרוואַלטער פון אַן אָפּטייל אינעם אינסטיטוט פון עלעקטראָשווייסונג אפן נאָמען
פון יע. אָ. פּאַטאָן פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון דער אוקראַיִנישער ססר, דעפּוטאַט פונעם
אויבערסאָוועט פון דער אוקראַיִנישער ססר; **י. י. מינץ** — ווירקלעכער מיטגליד פון דער וויסנ־
שאַפט־אַקאַדעמיע פון פסםר, העלד פון סאָציאַליסטישער מי, לאָורעאַט פון דער לענין־פּרעמיע און
מעלוכע־פּרעמיעס; **ט. אי. אָיזערמאַן** — ווירקלעכער מיטגליד פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון
פסםר, פּראָפעסאָר פונעם מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט אפן נאָמען פון מ. וו. לאָמאָנאָסאָוו;
ב. אי. פּינכאַסאָוו — דאָקטאָר פון יורידישע וויסנשאַפטן, דירעקטאָר פונעם וויסנשאַפטלעך־פאָר־
שערישן אינסטיטוט פון געריכט־עקספּערטיזע, דעפּוטאַט פונעם אויבערסאָוועט פון דער אוזבעקי־
שער ססר; **מ. אי. פּרודקין** — פאָלקס־אַרטיסט פון פסםר, לאָורעאַט פון מעלוכע־פּרעמיעס פון
פסםר; **אי. ס. ראַוויטש** — שטעלפאַרטרעטער פון פאַרבינדונגס־מיניסטער פון פסםר; **א. אי. רײַקין** —
פאָלקס־אַרטיסט פון פסםר, העלד פון סאָציאַליסטישער מי; **ב. יאַ. רעזניק** — פאַרוואַלטער פון אַ
קאַטעדרע פונעם אָדעסער מעדיצינישן אינסטיטוט אף נ. אי. פּיראָגאָווס נאָמען, דעפּוטאַט פונעם
אויבערסאָוועט פון דער אוקראַיִנישער ססר; **צ. ס. סאָלאָדאַר** — שרײַבער, לאָורעאַט פון דער פּרע־
מיע פון לענינישן קאָמיוג; **מ. וו. פײַנשטיין** — אַרבעטערן פון דער קעשענעווער מעבל־פאַבריק אפן
נאָמען פון מ. וו. פרונזע, דעפּוטאַט פונעם אויבערסאָוועט פון דער מאָלדאַווישער ססר; **אי. ר.**
צוביס — אינזשעניער־קאָנסטרוקטאָר פון דער מאָסקווער פּראָדוציר־פאַרייניקונג „באָרעץ"; **ל. ב.**
שאַפּיראָ — ערשטער סעקרעטאַר פונעם געגנטקאָם קפּסס פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט,
דעפּוטאַט פונעם אויבערסאָוועט פון פסםר; **ל. ב. שקאָלניק** — הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג
„בירָאָבידזשאַנער שטערן"; **יאַ. א. שנײַדערמאַן** — דירעקטאָר פון דער שוך־פאַבריק פון דער
שטאָט בירָאָבידזשאַן.

מאָרדעכײַ ריטשלער

מאָרדעכײַ ריטשלער איז א באַוווּסטער ענגליש־שפּראַכיקער שרײַבער פון קאַנאַדע. ער איז געבוירן, געוואָרן אין 1931 אין מאָנטרעאַל. מ. ריטשלער איז דער אַוטאָר פון ראָמאַנען, פּיעסן, דערציילונגען. די הויפּט־טעמע פון זײַן שאַפונג איז — דאָס יידישע לעבן אין קאַנאַדע.

די לעצטע צײַט וווינט מ. ריטשלער אין ענגלאַנד.

בעניע, די מילכאָמע אין אײראָפּע און בעלע, מייערסאָנס טאָכטער

ווען אין טיפן הארבסט 1941 האָט מען געשיקט בעניען קיין אײראָפּע אף דער מילכאָמע, האָט זײַן פאָטער, מיסטער גארבער, א טראַכט געטאָן: „אויב מיר איז שוין באַשערט אָפּגעבן אין דער ארמיי א זון, זאָל עס בעסער זײַן בעניע, ווײַל בעניע וועט אומזיסט און אומנישט אין פײַער ניט קריכן". מיסיס גארבער האָט אָן ערעך אויך אזוי געטראַכט: „בעניע איז א פאָלגעוודיק קינד, ער וועט זיך היטן"... און אייב, בעניעס עלטערער ברודער, האָט באַשטימט בא זיך: „צו יענער צײַט, ווען בעניע וועט זיך אומקערן פון דער מילכאָמע, וועל איך שוין האָבן אן אייגענעם גאראַזש, און דער ברודער וועט גיין צו מיר ארבעטן".

איין מאָל אין דער וואָך האָט בעניע געשריבן אהיים בריוו, און יעדע וואָך האָבן די גארבערס געשיקט דעם זון פּעקלעך מיט קאָלערליי געשמאַקע זאַכן — סאַליאַמי, מאַרינירטער הערינג, שטרודל. אין די פּעקלעך איז שטענדיק געווען איין און דאָס זעלבע עסנוואַרג, און די בריוו, וועלכע פלעגן אָנקומען פון נאָרמאַנדיע און פון האָלאַנד, האָבן זיך אויך אָנגעהויבן טאָמיד מיט די זעלבע ווערטער: „איך האָף, אז איר זײַט אלע געזונט...", און זיי פלעגן זיך פאַרענדיקן: „וועגן מיר באַאומרויִקט זיך ניט... איך ווינטש אײַך אלדאָס בעסטע! א דאַנק פארן פּעקל".

ווען בעניע האָט זיך אומגעקערט אהיים פון דער מילכאָמע, האָבן די גארבערס לעקאָוועד זײַן קומען צוגעגרייט א יאָמטעוודיקן מיטיק. אייב האָט זיך זייער געפרייט:

— ס'איז שוין איינמאָל א בעניע! א באָכער א כוואַט! — האָט מען פון אים געהערט דעם גאַנצן אָוונט.

— אף דער פאבריק, מיין איך, דאַרפסטו זיך מער ניט אומקערן, — האָט געזאָגט מיסטער גארבער, — דײַן פריִערדיקע ארבעט איז איצט ניט פאר דיר. העלף בעסער אייבן אין גאראַזש.

— גוט! — האָט אים קורץ געענטפערט בעניע.

— נו, וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צו אים מיט דער אַרבעט? — האָט געמוסערט מיסיס גאַרבער. — זאָל ער זיך פריִער אַ ביסל אָפּרוען. ס'זועט, כאָלילע, גאָרנישט ניט פּאַסירן, אויב דאָס ייִנגל וועט עטלעכע וואָכן ניט אַרבעטן!

אַף דער מילכאָמע האָט מען בעניען פאַרוווּנדעט אין אַ פוס, און טאַקע דערפאַר איז ער דעמאָביליזירט געוואָרן און געקומען אַהיים. ניט געקוקט אָבער אַף דער ווונד, האָט ער ניט שטאַרק געהונקען. וועגן דער מילכאָמע האָט ער ניט ליב געהאַט צו דערציילן און בּיכלאַל פלעגט ער מער שווײַגן, איידער ריידן. נאָכן אומקערן זיך האָט ער אין עפּעס זיך געענדערט, און פונדעסטוועגן האָט עס קימאַט קיינער ניט באַמערקט. קיינער ניט, אויסער בעלען, מייערסאָנס טאָכטער.

מיסטער מייערסאָן האָט געהאַלטן אַ טאַבעק-קלייט אַף דער לאָריִער-גאַס, און אין אַ באַליביקן טאָג האָט מען אים געקאָנט דאָרט זען. ער פלעגט געוויינלעך זיצן אַף אַן אַלטן טאַבורעט און שפּילן מיט זײַנע שכיינים אין פּאָקער. איין אויג איז בּאַ אים געווען אַ גלעזערנס, און ווען דער מיטשפּילער האָט זיך אַף אַ ווײַלע פאַרטראַכט, פלעגט ער אַרויסנעמען דאָס אויג פונעם אָרט און עס אָנהייבן רײַבן און פּוצן, אָנטרײַבנדיק יעדעס מאָל אַ שרעק אַף די אַרומיקע מענטשן. באַם פּאַרקויף-טיש פלעגט שטיין און האַנדלען זײַן טאָכטער בעלע.

פון געבוירן אָן האָט זי געהונקען אַף אַ פוס. דאָס פּאָנעם איז בּאַ איר געווען באַוואַקסן מיט קורצע שוואַרצע הערעלעך. זי איז אַלט געווען זעקס און צוואַנציק יאָר, און קיינער האָט שוין ניט געצווייפלט, אַז זי וועט בלײַבן אַן אַלטע מויד.

פונדעסטוועגן האָט פונקט זי, בעלע, באַמערקט, ווי שטאַרק די מילכאָמע האָט געענדערט בעניען. ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל נאָך זײַן אומקערן זיך אַהיים אַרײַנגעקומען אין דער טאַבעק-קלייט, האָט בעלע בּאַ אים אַ פרעג געטאָן:

— בעניע, וואָס קומט מיט דיר פּאָר?.. דו זעסט עפּעס אויס, ווי אַ דערשראָקענער...

— מיט מיר איז אַלץ אין אָרדענונג, — האָט ער געענטפערט.

בעניע איז געווען בעטעווע אַ שטילער באָכער. ניט קיין הויכער, אַ דאַרלעכער, מיט אַ שמאָל-אויסגעצויגן פּאָנעם, מיט אַן עטוואָס אויסגעקרימט מויל און מיט אַ שטענדיקן פּאַכעד אין די אויגן. הענט האָט ער פאַרמאָגט צו גרויסע, די מעגושעמדיקײַט זייערע האָט זיך אָנשוילעך אָנגעזען, דעריבער פלעגט ער זיי האַלטן אין די קעשענעס, וואָס ווײַטער פון זײַטיקע בליקן.

ווען בעניע איז אין נײַנטן קלאַס דורכגעפאַלן אַפן עקזאַמען, האָט זײַן לערער, מיסטער פּערקינס, אים אָפּגעשיקט אַהיים מיט אַ בריוול צו די עלטערן. „בענדזשאַמען, — האָט געשריבן דער לערער, — איז ניט פעיִק צום לערנען. ער פאַרמאָגט אָבער אַלץ, קעדיי זײַן אַ ווירדיקער בירגער. ער איז אַן ערלעכער, אַן אַרבעטזאַמער און אַן אויפמערקזאַמער יונגערמאַן. איך וואָלט רעקאָמענדירט, איר זאָלט אים לערנען אַ מעלאָכע".

מיסטער גאַרבער האָט איבערגעלייענט דאָס בריוול, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, צעקנייטשט אין קלעק דאָס פּאַפּירל און אויסגערופן:

— אַ מעלאָכע!..

דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן אַף בעניען און איבערגעכאַזערט:

— אַ מעלאָכע? און שאַפּיראָס זון וועט ווערן אַ דאָקטער!

— אוי, ער ליגט מיר שוין אין די ביינער, שאַפּיראָס זון, — האָט מיט אַ זיפץ אַרויסגעבראַכט מיסיס גאַרבער.

בעניע האָט דעמאָלט אויפגעהויבן פונעם דיל דעם לערערס בריוועלע, צעגלעט עס און באַהאַלטן אין קעשענע. ער איז געווען זיכער, אַז פריִער אָדער שפּעטער וועט אַ פּאָליציִאַנט צי אפילע אַן אָפיצער פון דער רײַטער-פּאָליציי אים וועלן אַרעסטירן, און אָט דאָס בריוועלע דעם לערערס וועט אים עפשער קאָנען ראַטעווען פונעם אומגליק.

פון קינדווײַז אָן האָט ער געטרוימט זײַן אַ פּילאָט אָדער, וואָס עס איז נאָך בעסער, אַ רײַכער און געבילדעטער מענטש. אַזעלכע לײַט, האָט ער ערגעץ געהערט, שלאָפן ביז אַזייגער נײַן אינדערפרי... נאָר ער האָט גיך פאַרשטאַנען, אַז אָט די טרוימען זײַנע וועלן זיך קיינמאָל ניט פאַרווירקלעכן, ווײַל ער איז אַ טעמפּער יונג, ניט קיין פעיִקער צום לערנען. אַזוי איז שוין אים, ווײַזט אויס, באַשערט צו לעבן אַף דער וועלט. און עס קאָן אויך זײַן, אַז אין איינעם אַ טאָג וועט מען אים אַרעסטירן. וואָדע קאָן עס זײַן...

אַף מאָרגן, נאָכן אומקערן זיך פון אייראָפּע קיין מאָנטרעאַל, האָט ער זיך געיאָוועט צו

אייבן אין גאראזש. רוען צוויי וואָכן האָט ער ניט געוואָלט. ס'איז געווען ניט אין זײַן כאַ-ראַקטער.

— איך זע, אַז דאָרט, אף דער מילכאָמע, ביסטו געוואָרן ערנסטער, — האָט געזאָגט אייב. — דאָס איז גוט. אין אונדזער צײַט איז עס זייער נייטיק און וויכטיק.

אייב האָט געאַרבעט אין זײַן גאראזש טאָג און נאַכט, און געגלייבט, אַז איצט וועט זיך מיט בעניס הילף דער גאראזש צעוואַקסן.

— דאָס איז מײַן ייִנגער ברודערל בעניע, — פלעגט ער זאָגן די קליִענטן, — פיר יאָר האָט ער געדינט אין דער פּעכאָטע און צוויי פון זיי געווען אפן פראָנט. א האַרט ניסל איז ער, קאָן איך אײַך זאָגן...

— די ערשטע צײַט איז אייב געווען מיטן ברודער צופרידן.

„ער אַרבעט טאַקע לאַנגזאַם, — האָט ער געטראַכט, — און א מעכאַניקער איז ער אויך ניט פון די בעסטע, אָבער בא די קליִענטן נעמט ער אויס. אין א צײַט אַרום, גלייב איך, וועט ער באַהערשן די מעלאָכע".

שפּעטער אָבער האָט אייב אָנגעהויבן צו באַמערקן אינעם ברודערס אויפירונג מאָדנע זאַכן. אשטייגער, אין יענע טעג, ווען עס איז ניט געווען קיין אַרבעט, פלעגט בעניע זיך פאַרקלײַבן אין א ווײַט ווינקל פונעם גאראזש, פאַרפרעסן די הענט צווישן די קני און צי-טערן פון מוירע.

— וואָס איז מיט דיר, בעניע? — האָט געפרעגט בא אים אייב, צוגייענדיק צום ברו-דער. — דו האָסט זיך פאַרקילט?..

— ניין... אַלץ איז אין אָרדענונג!..

— עפשער וועסטו גיין אהיים?..

— ניין!

דער דאָזיקער צושטאַנד בעניס פלעגט זיך איבערכאַזערן פון צײַט צו צײַט. אייב האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער באַמערקט עס ניט. „נישקאָשע, — האָט ער געטראַכט, — מיט דער צײַט וועט בעניע זיך אַרײַנציִען אין דער אַרבעט, צוגעוווינען זיך צום נײַעם לעבן".

ווען עס האָט אָבער גערעגנט — און יענער פרילינג איז געווען א רעגנדיקער, — פלעגט בעניע אַפּט פאַרשווונדן ווערן, און דאָס האָט שוין אָנגעהויבן באַאומרויִקן דעם עלטערן ברו-דער. איינמאָל, ווען אין דרויסן האָט געגאָסן אָן אויפהער, איז בעניע פלוצעם נעלעם געוואָרן. אייב האָט אים אין גאראזש ניט געפונען. דורכגייענדיק לעבן טואַלעט, האָט אייב באַמערקט, אַז די טיר איז פאַרשפּאַרט פון אינעווייניק.

— בעניע! — האָט ער א רוף געטאָן. — עפן אוף די טיר... איך ווייס דאָך, אַז דו ביסט דאָרט!

בעניע האָט געשוויגן. דעמאָלט האָט אייב געכאַפּט א סטאַמעסקע אין די הענט און אופ-געמאַכט מיט איר די טיר.

בעניע איז געזעסן אפן אוניטאַז אַן אײַנגעקאָרטשעטער, דעם קאָפּ האָט ער אַראָפּגע-לאָזט אף די קני און ס'האָט מיט אים געוואָרפן, ווי אין א פיבער. ניט קוקנדיק אף דער קעלט, איז ער אינגאַנצן באַגאָסן געוואָרן מיט שווייס.

— וואָס איז מיט דיר, בעניע?..

— עס רעגנט, — האָט ער שטיל געענטפערט.

— איך וועל אַרויסרופן דעם דאָקטער!

— מע דאַרף ניט... גיי בעסער אַרויס פונדאַנען...

— אָבער, בעניע...

— עס רעגנט, — האָט נאָכאַמאָל געזאָגט בעניע.

אפן אַנדערן טאָג איז אייב געקומען צום טאַטן און אים אַלץ דערציילט.

— איך קאָן דיר אפילע ניט איבערגעבן, — האָט געזאָגט דער זון, — ווי בעניע האָט מיך נעכטן איבערגעשראָקן!

— אין דעם אַלעמען איז די מילכאָמע שולדיק, — האָט באַמערקט מיסיס גאַרבער, — די מילכאָמע!

— אַנדערע כעווורע זײַנען אויך געווען אף דער מילכאָמע, — האָט איר געענטפערט אייב.

— שאַפּיראָס זון איז געווען אַן אָפיצער, — האָט געזאָגט מיסטער גאַרבער.

— ער ליגט מיר שוין אין די ביינער, שאַפּיראָס זון, — האָט זיך אָנגערופן מיסיס גאַר-בער. — איך בעט דיך, אייב, באַפרײַ בעניען אף א צײַט פון דער אַרבעט, זאָל ער זיך א קאָפּל אָפּרוען. רייד אים אײַן. בעניע איז א גוט קינד. ער וועט אינגיכן קומען צו-זיך.



בײס זײַן אורלויב האָט בעניע זיך קיין אָרט ניט געפונען. ער האָט ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט דער פרײַער צײַט: וווּהין זיך אהינטאָן? ער האָט אפילע געפּרוּווט שלאָפן ביז האַלב-טאָג, ווי עס פירט זיך בא די רײַכע און געבילדעטע לײַט. פלעגן זיך אים גראָד אײַנדערפרי כאָלעמען, ווי אַפּצולאָכעס, בײזע כאַלוימעס, און דעריבער האָט ער שוין געמוזט אופשטיין. שפּאַצירן איז ער ניט געגאַנגען: ניט געוואָלט, אַז מענטשן זאָלן טראַכטן וועגן אים, ווי וועגן א לײדיקגײער. האָט ער אָנגעהויבן רעמאָנטירן בא די שכיינים און בא באַקאַנטע פאַרשיידענע שטוב-געשיר, וועלאָסיפּעדן, עלעקטרע-אַפּאַראַטן, און קיין געצאָלט פאַר דער אַרבעט פלעגט ער ניט נעמען, און דאָס האָט אָנגעשטאָט דאַנקבאַרקײַט אַרויסגערופן בא די מענטשן א כּשאַד: „אונדזער געלט איז אים שוין ניט געפעלן, צי וואָס? מע קאָן מיינען, אַז נאָר ער איז געווען אַף דער מילכאָמע...”

בעניע האָט אָנגעהויבן אַרײַנגיין צו מיסטער מייערסאָנען אין טאַבעק-קלייט.

— בעלע, עס געפעלן מיר ניט זײַנע וויזיטן! — האָט געטײַנעט צו דער טאָכטער מיסטער מייערסאָן, פוצנדיק בײסמײַסע זײַן גלעזערן אויג. — איך דאַרף אים האָבן, ווי א ראַקאָווע געשווילעכץ.

— בעניען פעלט א קלעפּקע אין קאָפּ, — האָט געזאָגט איינער פון די קאָרטנשפּילער.

נאָר בעלען איז בעניע, אַפּאָנעם, געווען צום האַרצן, און אינגיכן האָט מיסטער מייערסאָן זיך געמוזט באַטראַכטן און אופהערן אויסוואַרפן דער טאָכטער בעניעס וויזיטן. ער האָט געטראַכט: „עפּשער האָט דער באָכער גוטע קאַוואָנעס, און מיט מײַן טאָכטערס „מײַלעס” האָב איך ניט וואָס צו זײַן אַזוי שטאַרק איבערקלײַבעריש”.

ווען בעלע און בעניע פלעגן זײַן איינײנעם, האָבן זיי קימאַט ניט גערעדט צווישן זיך. גלאַט אַזוי געזעסן און געשוויגן. ס'איז זיי געווען גוט אָן רייד: אַן איבעריק וואָרט קאָן אַמאָל אויך מאַכן קאַליע. בעלע האָט געוויינלעך געשטריקט, און בעניע איז געזעסן אַנטקעגן איר און גערייכערט. ווען עס פלעגט אַרײַנקומען א קוינע און בעלע פלעגט צו אים, הינקענדיק, צוגיין, פלעגט בעניע מיט א צאַפּלדיק האַרץ קוקן אַף איר און פילן, ווי פון טאָג צו טאָג ווערט זי אים נעענטער און טײַערער. בלויז בעלען, מער קיינעם ניט, וואָלט ער, בעניע, געוואָלט דערציילן וועגן דער מילכאָמע, וועגן דעם אַלעמען, וואָס ער האָט דאָרט, אין אייראָפּע, איבערגעלעבט...

— מיר זײַנען געשטאַנען דעמלט מיט מײַן סערזשאַנט און האָבן גערעדט, — האָט בעניע זיך דערמאָנט, — דער סערזשאַנט האָט זיך געקליבן מיר װײַזן דעם בריװ, װאָס ער האָט באַקומען פֿון זײַן װײַב, און פּלוצעם...

נאָכן „פּלוצעם" פֿלעגט בעניע אַנשװײַגן װערן — זײַן געזיכט הײבט אָן זיך צוקן, אין האַלדז װערט טרוקן, און ער איז מער ניט בעקױעך אַרױסצוברענגען אַ װאָרט. בעלע פֿלעגט אױפֿהערן שטריקן, בלױז קוקן אױף אים אַזױ, װי עס קוקט אַ מאַמע, און װאַרטן, ביז ער װעט זיך באַרויִקן.

ניט אײן מאָל פֿלעגט בעניע אָנהײבן אַזױ דערצײלן װעגן די מילכאָמע־שױדערן, זיך פֿאַרהאַקן אינמיטן און װײַטער שױן זיצן שטילערהײט און זיך ברעכן די פֿינגער. אַזײגער פֿינף באַטאָג פֿלעגט ער אױפֿשטײן פֿונעם בענקל און, ניט אױסרײדנדיק קײן װאָרט, זיך לאָזן גײן צו דער טיר. בעלע פֿלעגט אים מיטגעבן אַ פּעקל זשורנאַלן, קעדײ ער זאָל אין אָװנט איבערלײענען און אײַנדערפֿרי אומקערן גאַנצערהײט צוריק.

די צײַט איז געגאַנגען, און אין אײנעם אַ טאָג, װען ס'איז געקומען בעניעס שאַ אַװעקצוגײן אַהײם, האָט אים בעלע גענומען פֿאַר דער האַנט און זיך אױפֿגעהױבן מיט אים צו זיך אין צימער.

אַ גליקלעכער שמײכל האָט זיך באַװיזן אױף מײערסאָנס פּאָנעם. אַ צופֿרידענער, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— פֿון קײן בעסערן זון, װי בעניע, האָב איך אַפֿילע ניט געטרױמט.

— זע נאָר, ער כאַפּט שױן די פֿיש פֿאַר דער יויִד, — האָט זיך אָנגערופֿן אײנער פֿון די קאָרטנלײַט.

אין מעשעך פֿון די עטלעכע װאָכן, װאָס בעניע האָט ניט געאַרבעט, פֿלעגט ער טאָג־טעגלעך קומען אין קלײט, זיך אַװעקזעצן אױף אַ בענקל און אױפֿמערקזאַם באַטראַכטן זײַנע אײגענע הענט, פּונקט װי פֿאַר דער נאַכט האָבן זײ זיך געקאָנט ענדערן. און שױן שפּעטער, אין אָװנט, פֿלעגט ער מיט בעלען זיך אױפֿהײבן טרעפּ־אַרױף צו איר אין צימער, מאַכנדיק אָן אָנשטעל, אַז ער הערט ניט די װיצן פֿון די קאָרטנשפּילער.

ס'איז געקומען אַ טאָג, װען בעלע האָט אים געזאָגט:

— בא מיר װעט זײַן אַ קינד.

— גוט, — האָט געענטפֿערט בעניע.

— צי דען איז עס אַלץ, װאָס דו קאָנסט מיר איצט זאָגן?

בעניע איז אױפֿגעשטאַנען, פֿאַרביסן די אונטערשטע ליפּ און זיך אָנגעהױבן ברעכן די פֿינגער.

— װען דו װאָלסט נאָר געװוסט, װאָס מיר איז אױסגעקומען צו זען, — האָט ער געזאָגט...

די כאַסענע איז געװען אַ באַשײדענע, אין אַ קלײנער סינאַגאָגע, אָן פֿײַערלעכקײטן. נאָך דער צערעמאָניע איז אײב צוגעגאַנגען צו זײַן ברודער, לײַכט אַ שטױס געטאָן אים אין דער פּלײצע און געזאָגט:

— אײַ, איז עס אַ בעניע! אײַ, אַ באָכער אַ כוואַט!...

— איך מעג מאָרגן אַרױסגײן אױף דער אַרבעט? — האָט בא אים געפֿרעגט בעניע.

— פֿאַרשטײט זיך. איך זע, אַז דו ביסט געװאָרן דער פֿריִערדיקער בעניע!

נאָך דער כאַסענע, װען מיסטער גאַרבער האָט זיך אומגעקערט מיט זײַן פֿרױ אַהײם, האָט ער אַרױסגערעדט צװישן די צײן:

— און שאַפּיראָס זון האָט כאַסענע געהאַט פֿאַר סיגאַלאָװס טאָכטער.

— אױ, ער ליגט מיר שױן אין די בײנער, שאַפּיראָס זון, — האָט זיך אָנגערופֿן מיסיס גאַרבער.

בעניע האָט װידער געאַרבעט אין גאַראַזש. דער ברודער איז געװען מיט אים צופֿרידן.

— דאָס איז מײַן ײַנגער ברודערל בעניע, — פֿלעגט ער געבן צו װיסן די קליִענטן. — מיט זעקס װאָכן צוריק האָט ער כאַסענע געהאַט, אָבער דער פּלאַן איז שױן קימאַט אױפֿן טיש. ער איז בעכלאַל אַ גיבער טוער, דאַרף איך אײַך זאָגן...

װען דאָס קינד איז געקומען אױף דער װעלט און בעניע האָט אים דאָס ערשטע מאָל דערזען, האָט ער אַפֿילע אַ לאַך געטאָן.

מיט לײַב און לעבן האָט זיך בעניע אַרײַנגעצױגן אין דער אַרבעט. ער האָט אָנגעהױבן שפּאָרן געלט, טראַכטנדיק װעגן דעם קינפֿטיקן לעבן. אָבער פֿון צײַט צו צײַט, װען

אין גאראזש איז ניט געווען קיין ארבעט, פלעגט ער זיך פארקלייבן ערגעץ אין א טונקל ווינקעלע, זיצן דאָרט שאָענווײַז איינער אליין און קוקן אף די אייגענע הענט.

בעלע האָט זיך צום מאַן באַצויגן זייער גוט. קיין הויך וואָרט האָט זי אים קיינמאָל ניט געזאָגט, און ווען בעניע פלעגט זיך אמאָל אופכאפּן באנאכט פונעם שלאָף אין א קאלטן שווייס, האָט זי אים געגלעט איבערן קאָפּ און געשעפּטשעט מילדע ווערטער.

— בעלע... — האָט בעניע אין איינער אזא אומרויִקער נאכט געזאָגט צו דעם ווײַב.

— וואָס איז?

— איך האָב דערהארגעט א מענטשן...

— דו?.. א מענטשן?.. ווען?..

— אף דער מילכאָמע

— אף דער מילכאָמע?! און איך האָב זיך שוין אזוי דערשראָקן... געמיינט, כאַלילע... אף דער מילכאָמע האָסטו געקעמפט... און דערהארגעט האָסטו דאָרט א פאשיסט...

— יאָ. א פאשיסט...

— אויב דו ווילסט וויסן דעם עמעס, איז א שאָד, וואָס איינעם און ניט קיין צענדליק... איך וואָלט די פאשיסטן...

— איך האָב אים דערהארגעט מיט מײַנע אייגענע הענט!..

— שלאָף, איך בעט דיך...

— בעלע?..

— וואָסי, בעניע?

— דיר איז ניט שרעקלעך, וואָס איך האָב...

— ניין, נארעלע, ניט שרעקלעך... שלאָף.

— כ'האָב געזען דערהארגעטע קינדער, — האָט ער געשעפּטשעט, — וואָס וואָלט געווען, אויב...

— קיין מילכאָמע וועט מער ניט זײַן... האָב קיין מוירע ניט. מיט אונדזער ייִנגעלע וועט קיין שלעכטס ניט געשען...

— אָבער...

— בארויִק זיך און שלאָף...

זייער ייִנגעלע איז געוואקסן א געראָטן און א געזונט קינד. בעניע האָט אים זייער ליב געהאט, און קימאט די גאנצע פרײַע צײַט פלעגט ער זיך שפּילן מיט אים, מײַסטרעווען קאָ־לערליי שפּילעכלעך. ווי נאָר עפּעס א פּאראד, פלעגט ער אופהייבן דעם זון אף די אקסלען, קעדיי יענער זאָל בעסער זען, און שפּאצירן מיט אים אזוי איבער דער גאס.

די באנאכטיקע שוידערלעכע זעונגען האָבן בעניען אופגעהערט צו מאטערן. ער איז געוואָרן א באריידעוודיקער און אפילע א שארפזיניקער מיטשמועסער.

איינמאָל, קומענדיק פון דער ארבעט, האָט ער געזאָגט בעלען:

— אייב עפּנט א פּיליאַל אף דער מאונט־ראָיאַל סטריט, איך וועל דאָרט ארבעטן, מיר זײַנען מיט אים איצט שוטפים.

ערשט דעמלט האָט בעניע ארויסגעוואָרפן יענץ ברייוול, וואָס ס'האָט גאָר אמאָל אָנגע־שריבן זײַן לערער, מיסטער פּערקינס, צו זײַנע עלטערן. בעניע און בעלע האָבן געקויפט א מאשין און באשטימט אויך אָפּלייגן א ביסל געלט, קעדיי בעלע זאָל קאָנען פאָרן אין די פאראייניקטע שטאטן, אין א קליניק, ווו מע וועט איר מאכן אן אָפּעראציע אפן פוס.

— גלייב מיר, — האָט געטײַנעט בעלע, — אז ס'האָט ניט די ווערט צו פּאטערן אזוי־פיל געלט, קעדיי ווערן א שיינע. ניט צוליב דיר טו איך עס: איך וויל פּאָשעט ניט, אז שפּע־טער, ווען אונדזער זון וועט גיין אין שול, זאָל מען אים אויסוואָרפן, אז זײַן מאמע איז א קאליקע.

אן ערעך א כוידעש פאר דעם, ווי בעלע האָט געדארפט אוועקפאָרן אין די שטאטן אף דער אָפּעראציע, איז בעניע געגאנגען מיט איר אין קינאָ. ביכלאַל פלעגן זיי זייער זעלטן גיין אין קינאָ, ווײַל בעלע האָט ניט געוואָלט, אז בעניע זאָל קוקן פילמען וועגן דער מיל־כאָמע. אין יענעם אָוונט האָט מען געדארפט ווײַזן א פריילעכן מוזיקאלן פילם. אָבער ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן פארן פילם די כראָניק, אין וועלכער מ'האָט דעמאָנסטרירט אן אופ־רײַס פון א וואסערשטאָף־באָמבע, איז בעלען געוואָרן קלאָר, אז זי האָט דערלאָזט א גרויסן פעלער, קומענדיק אהער מיטן מאַן.

— איך בעט דיך, בעניע, — האָט זי אים איינגערוימט אפן אויער, — קוק ניט!

נאָר בעניע האָט שוין ניט געקאָנט אָפּפירן די אויגן פונעם עקראַן. ער האָט געזען דעם אופּרייס, די דיאַגראַמען, וועלכע האָבן דערציילט וועגן די צאָרעס, וואָס עס קאָן ברענגען איין וואַסערשטאָף־באָמבע פאַר אַזאַ שטאָט, ווי ניו־יאָרק, וועגן מאָנטרעאָל איז שוין ביכלאַל ניטאָ וואָס צו ריידן. ווי נאָר עס האָט זיך פאַרענדיקט די כראָניק, איז בעניע האַסטיק אופּגעשטאַנען און ארויס פון זאַל.

ווען בעלע איז געקומען אהיים, האָט זי געפונען דעם מאַן אין אַ פינצטער ווינקל. ער איז געזעסן אפן דיל, איינגעהויקערט, דעם קאָפּ ארויפגעלאָזט אף די קני און געציטערט, ווי אין אַ פיבער. אַ שווייס האָט באַדעקט זיין פּאָנעם. בעלע האָט אים געוואָלט אַ גלעט טאָן איבערן קאָפּ, נאָר ער האָט זיך ניט געלאָזט.

— עפשער זאָל איך שיקן נאָכן דאָקטאָר?

— בעלע... — האָט ער בלויז געקאָנט ארויסזאָגן, — בעלע...

— באַרויק זיך... טראַכט וועגן עפּעס גוטס...

— בעלע... — האָט ער געשטאַמלט, — בעלע... בעלע...

אפן אַנדערן טאָג, אַ מאָרעשכוירעדיקער, אַ פאַרומערטער, האָט בעניע זיך ארומגעדרייט דעם גאַנצן אינדערפרי איבער דער שטוב. ער האָט אַקשאָנעסדיק געשוויגן, קיין איין וואָרט ניט ארויסגעבראַכט, אפילע מיטן קינד ניט געוואָלט ריידן. ארום צוועלף אַזייגער באַטאָג האָט ער אָנגעטאָן זיין הוט און איז ארויס פון שטוב. שוין שפּעטער האָט בעלע פאַרשטאַנען, אַז זי האָט אים געדאַרפט אָפּשטעלן, איינריידן, ניט אָפּלאָזן...

אין עטלעכע שאָ ארום איז צו זיי אהיים געקומען דער טאַטע און אויך די גאַרבערס. לויט זייער אויסזען האָט בעלע אַלץ פאַרשטאַנען.

— ער איז געשטאָרבן? — האָט זי בא זיי אַ פרעג געטאָן.

— שאַפּיראָס זון, דער דאָקטער, האָט געזאָגט, אַז בעניע האָט זיך ניט געמוטשעט, — האָט געענטפערט מיסטער גאַרבער.

— שאַפּיראָס זון... — האָט אַ זיפץ געטאָן מיסיס גאַרבער.

— דער שאָפער איז ניט שולדיק, — האָט געזאָגט מיסטער מייערסאָן.

— איך ווייס... — האָט אַ שעפּטשע געטאָן בעלע.

פון ענגליש — דאָרע כייקינע

■

יידישע דיכטונג אף אוקראַיניש

דער קיִעווער מעלוכע־פאַרלאַג „דניפּראָ" האָט ארויסגעגעבן אַ נייע זאַמלונג „פון דער יידישער סאָוועטישער דיכטונג". דער צונויפשטעלער און איבערזעצער פונעם בוך איז דער באַוווסטער אוקראַיִנישער דיכטער אַבראַם קאַצנעלסאָן.

דער אוקראַיִנישער לייענער באַקומט אַ מעגלעכקייט צו באַקאַנען זיך אין די ראַמען פון איין אויסגאַבע מיט דער שאַפונג פון 24 יידישע פּאָעטן, וועמענס לעבן און שאַפונג עס זיינען אַזוי אָדער אַנדערש פאַרבונדן מיט אוקראַיִנע.

מיט מוסטערן פון זייערע ווערק זיינען פאָרגעשטעלט: **דאָוויד האָפשטיין, איציק פעפער,** לייב קוויטקאָ, מוישע כאַשטשעוואַצקי, כאַנע לעווינע, כאַנע וויינערמאַן, מאָטל האַרצמאַן, שמועל העלמאָנד, הערשל דיאַמאַנט, שימען גאָלדענבערג, אָרן ווערגעליס, אַווראָם גאָנטאַר, ריווע באַליאַסנע, מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי, דאָרע כייקינע, יאָסל בוכבינדער, שלוימע טשערניאַווסקי, בוזי מילער, אַווראָם קאַצעוו, מישע מאָגילעוויטש, כאַיםביידער, פיניע קיריטשאַנסקי, באָריס מאָגילנער, וועלוול ווערביק.

גאלינע קארנילאָווא

דער טויער אָסטרא־בראַמא

איך הייב נאָך דערוויַיל ניט אָן מיַין דערציילונג. איך גיי צום וואָקזאַל. זעץ זיך דאָרט אין אווטאָבוס נומער אכט, און ער פירט מיך צום סאַמע שטאָט, דערנאָך דורך א פלאכלאנד, באוואקסן מיט שיטערע קוסטעס, און שטעלט זיך צולעצט אָפּ אף א שטילער גאס פון א פאַרשטאָט.

איצט וואָלט איך וועלן, מע זאָל זיך אף א וויַיל פאַרשטעלן אָט וואָס: אַנשטאָט מיר, קריכט ארויס פון אווטאָבוס אן אנדערער מענטש. אזא, וואָס ווייסט גאָרניט וועגן יענעם אָרט, וווּהין ער איז אָנגעקומען. וואָס ווארפט זיך אים אין די אויגן? וואָס פאר א געפילן און געדאנקען וועקן זיך אין אים אוף בייס ער שפּריַיזט פארביַי די שפּיצדעכערדיקע דאטשעס, גייענדיק צום איַיזנבאַן־וועג? גיכער פון אלץ — קיין שום געפילן און געדאנקען. אָן א באַזונדערן אינטערעס, און אוודע שוין אָן עמאָציעס, וועט ער קוקן אף די היַיזער הינטער דיביימער, אף דעם גלעזערנעם פאווליאָנטשיק, ווו מע פארקויפט לימאָנאד און בוטערבראָדן מיט פארטריקנטע פענעצלעך קעז. אף דעם בלוי־גרינעם, אין שטריַיפן, ווי א זעברע, ציַיטונג־קיאָסק. ער וועט ארויסגיין צום איַיזנבאַן־וועג, זיך אופהייבן אפן הילצערנעם בריקל איבער די רעלסן, ווו עס ווייעט א ווינטל, וואָס שמעקט מיט רויך פון קוילן און מאזוט. פון אָט דער הייך וועט דער מענטש באקוקן די שטילע געסלעך פון דער פאַרשטאָט און ווידער ניט אנטדעקן פאר זיך קיין אויסערגעוויינלעכס. „ווי וואָכעדיק דאָס איז אלץ...“ — וועט ער א טראכט טאָן, דערזעענדיק א גאס מיט קאליוזשעס פון נעכטיקע רעגנס, א טיפּישע געביַידע פון א פּראָווינציעלן אוניווערמאג, דעם פארשלאָסענעם אף מיטיק קיאָסק „וואסער—ביר“, א וויַיסן הונט, וואָס באשמעקט דעם הויפן שלאק נעבן דעם איַיזנבאַן־וועג. עפשער וועט ער נאָך א גענעץ טאָן, ווען זיַין בליק וועט זיך אָפּנייגן אף רעכטס, ווו עס ציט זיך לענגויס דער איַיזנבאַן א ניט־ברייטער שאָסיי מיט גליַיכע שלאק־בעטאָנענע היַיזלעך אין דער ארומרינגלונג פון שיטערע צאמען...

אָבער איך, אין אונטערשייד פונעם דורך מיר צוגעטראכטן פארשוין, האָב געוווּסט, וווּהין איך בין אָנגעקומען און וואָס פאר א יישעוו עס ליגט הינטער דער איַיזנבאַן. דעריבער, שטייענדיק אפן הילצערנעם בריקל, קוק איך מיט אנגסט און וויטעק אפן ארום, זוכנדיק אין אים עפּעס אזוינס, וואָס זאָל זאָגן אידעס וועגן דעם איימעדיקן, וואָס איז דאָ פארלאָפן. א טעלעגראַף־סטויפּ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער קאליוזשע, צעטיילנדיק זי אף צוויי העלפטן. דער וויַיסער הונט איז אוועק פונעם הויפן שלאק צום קיאָסק. דאָס שוואכע ווינטל האָט צעקעמט און אָפּגעטראָגן אין א זיַיט דאָס גרוי־שמוציקע בעזעמל פון זיַין עק. אין גערטנדל לעבן א היַיזקע האָט א קלונג געטאָן עפּעס א רויִקע מענער־שטים און אף אים האָט זיך אָפּגערופן א הילכיקער געלעכטער פון א פרוי.

איך בין שוין געגאנגען פאזע די נידעריקע צאמען לענגויס די היַיזקעס, געקוקט אף די קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט נעבן גאנעק מיט א קאץ, אף די איַינגעגראָבענע הילצערנע טישן און בענקלעך הינטער די ביימער, אף די שטאלעכלעך און ביַידלעך אין די הויפן. א ניַיִנקער העל־רויטער מאָטאָראָלער איז געשטאנען לעבן איינעם א שיַיער און לעם אַן אנדערן האָט אן אלטיטשקע, איַינגעהילט אין א ווארעמער שאַל, געוואָרפן פון א שיסל קערנדלעך פאר די צעפּאַלאָשעטע הינער. אף די האלב־נאקעטע צוויַיגן פון די עפּלביימער האָבן נאָך דאָ און דאָרט געבלינצלט געל־ראָזע עפּל. אף די אָנגעצויגענע אין די הויפן שטריק זיַינען געהאנגען שווערע ליַילעכער און אונטערקאָלדרעס.

וויַיטער האָט זיך די גליַיכע ליניע פון היַיזקעס אָפּגעריסן און אָנשטאָט איר האָט זיך צעצויגן א שיטער וועלדל פון נידעריקע יאָדלעס און סאָסנעס. אזעלכע, וואָס זיַינען זייער כאראקטעריסטיש פאר דער ביַי־באלטיק. דינפּיסיקע, דארינקע, אף זאמדיקע היגלען. באַרוועס צו גיין אין אזא וועלדל איז ניט באקוועם, עס איז געדיכט באוואקסן מיט קוסטעס און

דאַרנביימער, גרויליקע געפֿלעכטן פֿון קרײַטעכצער, ווי דער שוים פֿון יאַם-כוואַליעס, זײַנען
אַרויסגעקראָכן פֿונעם וועלדל צום סאַמע ראַנד פֿון דעם וועג. פֿון זיי שלאָגט אַ רייעך פֿון
פֿעלד-בלומען און סמאָלע. מעגלעך, אַז אונדזער זיך לאַנגווײַלנדיקער וואַנדערער, צוגעצויגן,
ווי איך, דורך דעם דאָזיקן אַראָמאַט, וועט פֿאַרלאָזן דעם וועג, און, טאַפּטשענדיק די שטע-
כיקע דערנער, וועט ער אַרײַנטרעטן אין נידעריקן וועלדל. און דאַן וועט מיט אים פּאַסירן
עפּעס אַזוינס, וואָס וועט אים צווינגען גאָר מיט אַנדערע אויגן אַ קוק טאָן אויפֿן אַרום.

איך בין אַראָפּגעלאָפֿן פֿונעם וועג און, פֿאַרטשעפּענדיק זיך אין די נידעריקע צווײַגע-
לעך, צוגעקומען צו די ערשטע סאָסנעלעך. אין דער זעלבער סעקונדע האָט דער וואַלד אויפֿ-
געלעבט. ער האָט ווי אויפֿגעציטערט און, פֿלאַטערנדיק מיט שווערע פֿליגל, זיך ווילד צע-
קאַרקעט. עס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אינדערהייך הונדערטער שוואַרצע הייזעריק שרײַענדי-
קע פֿייגל. די שוואַרצע טשאַטשע האָט אויף אַ ווײַל פֿאַרשטעלט די זון, און די געשרייען האָבן
פֿאַרטויבט דעם גערויש פֿון אַ פֿאַרבײַגייענדיקן פּראַכטצוג אויף דער אײַזנבאַן. אויפֿגעשוידערט
פֿון אַן אומפֿאַרשטענדלעכער אימע, בין איך אַרויסגעלאָפֿן צוריק אויפֿן שאָסיי. אָבער אויך
דאָ זײַנען צעיאַכמערט געפֿלויגן נידעריק איבערן קאָפּ מאַכנעס שאַרפֿשנאָבלדיקע, מיט
עפּעס ענלעכע אויף באַפֿליגלטע מײַז, וועזנס — די עמעסע באַלעבאַטים פֿון אָט די מעקוימעס.

וואָס אַזוינס איז פֿאַרבאָרגן אין אָט דעם שטילן וועלדל מיט די ווילדע טשאַטעס וואָ-
ראָנעס? אויך דער ייִשעוו איז ווי ניט קיין עכטער. זײַן זאָרגעוודיק אונטערגעשטראָכענע
געוויינלעכקײַט רופֿט אַרויס דעם כשאַד פֿון אַ קינסטלעך אויפֿגעבויטער דעקאָראַציע, וואָס
דאַרף פֿאַרשטעלן פֿונעם מענטשלעכן אויג עפּעס-וואָס מאָנסטריעזס. און עפּשער דוכט זיך
עס מיר אויס, ווײַל אין מויעך קלינגט ווי אַ אַליאַרעם-גלאָק דער נאָמען פֿון אָט
דעם ייִשעוו — פּאָנאַר! — און עס צווינגט אָנגעשטרענגט זיך אַרומקוקן, מיט אומצוטרוי זיך
אַרײַנבליקן אין די געזיכטער פֿון די מענטשן, שטוינענדיק, וואָס זיי זײַנען אַזוי רויִק, אַזוי
גלײַכגילטיק. פֿאַרגעסן? מיד געוואָרן צו געדענקען?

אָבער אָט די פֿייגל האָבן קיין זאַך ניט פֿאַרגעסן. ניין, ס'איז ניט מײַן שרײַבערישע
פֿאַנטאַזיע, מע דאַרף נאָר איין מאָל אַ קוק טאָן אויף די טשאַטעס, קעדיי פֿאַרשטיין, וואָס דאָ
קומט פֿאָר. אַ דאָר נאָך אַ דאָר לעבן די פֿייגל מיט אַ גענעטישן זיקאָרן וועגן אַ פּעט פֿרע-
סעכץ, וואָס זייערע אורעלטערן איז אויסגעפֿאַלן אין דעם וואַלד. און דערפֿאַר דרייען זיי זיך
אַרום איבער די זעלבע סאָסנעס, לאָזן זיך אַראָפּ אויף די זעלבע קוסטעס און דערנער אין
בלינדער האָפֿענונג אויף צוקינפֿטיקע סודעס. די קינדער-וואָראָנעס האָבן איבערגענומען פֿון
די עלטערן די רויב-אינסטינקטן, און דערמיט אונטערשיידן זיי זיך בוילעט פֿון אונדזערע
שטאָטישע גרויע קראָען, אײַנגעהאַלטענע און מעסיקע. מיט גרילצנדיקע געשרייען טראָגן
זיי זיך נידעריק איבערן וואַלד, איבערן אײַזנבאַן-וועג, אויסקוקנדיק מיט שאַרפֿע אויגן, צי
עס איז ניט ווידער גרייט פֿאַר זיי די אײמעדיק-שוידערלעכע אכילע.

זאָגט, וואָס איר ווילט, אָבער לעבן דאָ קאָן איך ניט — אין שכיינעס מיט אָט דער
רויבערישער באַפֿליגלטער באַנדע און מיט דעם אַזוי געמיטלעכן הײַזל-מוזיי אין זעלבן
וועלדל. און אינווייניק, הינטער דער ווײַסער שײַן פֿון די לאָמפּן, זײַנען אונטערן גלאָז פֿון
די וויטרינעס אויסגעלייגט קלייניקײַטן פֿון אונדזער מענטשלעך לעבן: פּענסנע מיט אַ מע-
טאַלישׁ רעמל מיט געפּלאַצטע גלעזלעך, אַן אַליומינענע לעפֿל, אַ שנײַדערישע לאַנגע שער,
אַ שיטערער פּלאַסטמאַסעווער קעמל, אַ בינטל שליסל אויף אַ פֿאַרזשאַווערט רינגל, אַ קינ-
דערשע געשטריקטע הענטשקע מיט אַ לעכל אויפֿן גרויסן פֿינגער... זאַכן פֿון מענטשן, וועמ-
ענס לעבן איז מיט העכער דרײַסיק יאָר צוריק פֿאַרשניטן געוואָרן דאָ, אין סאָסנאָווען
וועלדל...

אַ שטעגל, באַשאָטן מיט זאַמד, פֿירט פֿון דעם מוזיי צו די סאָסנעס, צו די היגלען הינ-
טער זיי, הייבט זיך אויף אויף אַ ניט-מעשופּעדיק בערגל. און דאָ עפֿנט זיך פֿאַר אונדזער בליק
דאָס, וואָס איז צוערשט געווען פֿאַרבאָרגן הינטער די ביימער און קוסטעס: גיגאַנטישע גרי-
בער-רעזערוואַרן מיט מעשופּעדיקע ווענטלעך. שוואַרצע, בלינד-אויסגעגלאָצטע צום הימל
אויגן-לעכער, וווּהין דער ווינט פֿאַרטראָגט פֿאַרוועלקטע בלעטער און געלע אָפּגעשטאָר-
בענע ביימער-נאָדלען. און אויפֿן ראַנד פֿון יעדער גרוב — אַקוראַטע ברעטלעך אויף פֿלעקלעך
מיט די ציפֿערן: „10.000“, „7.500“, „5.200“... דאָס איז די צאָל מענטשן, וואָס זײַנען דורך
די נאַציסטן דערשאָסן און באַגראָבן געוואָרן אין די גריבער. איז וואָס, אַז איצטער שאָרכן
די בלעטער אויף די ביימער און עס שמעקט מיט וואַלד און בלומען? פֿאַראַן זאַכן אויף דער
וועלט, וואָס פֿאַרשווינדן ניט מיט די יאָרן, און דער גאַנג פֿון די צײַט-סעזאָנען ווישט זיי ניט
אָפּ.

און אָט דעריבער לאָזסטו זיך אין צוריקוועג קימאַט לויפנדיק, און איצטער ליגן דיר ניט אין קאָפּ די הײַזקעס, די הייפלעך, די מענטשן, און בלויז אין אווטאָבוס, קוקנדיק דורכן פענצטער אין דעם טריבן טאָל מיט די שיטערע נידעריקע קוסטעס, גיסטו אַ קלער, אַז דאָס איז דאָך דער פּייזאַזש, וואָס זיי האָבן געזען, ווען מע האָט זיי געפירט צום אומקום. דער סאָף פון זייער וועג איז געווען דאָס וועלדל, וואָס איך האָב איצטער פאַרלאָזט, און דער אָנהייב, קאָן מען זאָגן, איז געווען יענער ברייטער פּלאַץ אין צענטער שטאָט, ווּהין עס אײַלט איצט דער אווטאָבוס. אָט וועגן דעם אָנהייב וועט אַצינד גיין אַ רייד.

די געשיכטע האָב איך געהערט, ווי מע זאָגט, „פון דער דריטער האַנט". די עלטערע פרוי האָט עס געזען מיט די אייגענע אויגן. זי האָט דורכגעמאַכט די אָקופּאַציע, האָט עס דערציילט איר באַלעבאָסטע, אַ באַקאַנטער ליטווישער אַקטריסע, און יענע האָט עס דערציילט מיר, ווען מיר האָבן אין איינעם אַ וואַרעמען זונטיק שפּאַצירט צוזאַמען איבער דער שטאָט. נאָר פריִער אַ פּאָר ווערטער וועגן דער שטאָט גופא.

דער, וואָס קומט אַהער צום ערשטן מאָל, דאַרף טאָן אָט וואָס: ער דאַרף זיך אויפהייבן אויפן העכסטן עטאַזש פון אַ געבײַדע אין צענטער, לאָמיר זאָגן, אויפן לענין-פּראָספּעקט, אָדער טשערניאַכאָווסקי-סקווער, און אַרויסקוקן דורכן פענצטער. וואָס וועט ער זען? די כאַראַקטעריסטישע סילועטן, וואָס באַשטימען, אַזוי צו זאָגן, דעם גראַפישן קענצייכן פון דער שטאָט. און דאַן וועט אים שוין לײַכטער זײַן זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין אַלץ. פונדערהייך וועט זיך אַנטפּלעקן פאַר אײַך אַ וווּנדערלעכע פּאַנאָראַמע: עלעהיי אַ כוואַליענדיקער ים, וואָס איז פאַרגליווערט געוואָרן. די כוואַליעס הייבן זיך, פאַלן אַראָפּ, און אינעם אַראָפּפאַלן פאַרדרייען זיי זיך אין אויסטערלישע ספּיראַל-וואָליוטעס, בילדנדיק דערבײַ פילשטופּיקע האַלבקרײַזן. דאָס אַלץ רופט זיך באַראָקאָ. ערטערווײַז ווערן די ריטמיש זיך הוידענדיקע כוואַליעס דורכגעשטראָכן דורך שפּיציקע ווערטיקאַלן פון גאָטישע טורמעס. נאָר בלויז ערטערווײַז. די שאַרפקײַט און שטעכיקײַט פון דער גאָטיק ווערט אָפּגעשוואַכט דורך די שכײנעסדיקע ווייכע סילועטן פון די באַראָקאָ-געבײַדעס.

די באַצויבערנדיקע ווייכקײַט — דאָס איז אַ שטריך, וואָס קאָן זײַן כאַראַקטעריסטיש ניט נאָר פאַר מענטשן, נאָר אויך פאַר אַ גאַנצער שטאָט. זי קומט צום אויסדרוק אין דער אַרכיטעקטור, אין קלימאַט, אין די ניט-אײַליקע באַוועגונגען פון די דורכגייער אויף די גאַסן, אין דער שטילקײַט פון די ענגע הייפלעך.

נאָר דאַפקע איבער דעם איז שווער געווען צו באַנעמען די געשעענישן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט דאָ מיט קימאַט פיר יאָרצענדליקער צוריק. זיי זעען אויס צו זײַן אומגלייבלעך, אַזוי בינדן זיי זיך ניט צום אָנבליק פון דער שטאָט. ענלעכס דערפילט מען, ווען מע דערוויסט זיך עפּעס-וואָס אָפּשטויסנדיקס וועגן אַ גוט באַקאַנטן בעקאָוועדיקן מענטשן. עס גלייבט זיך ניט, ווײַל עס שטימט ניט מיט דער פאָרשטעלונג, וואָס דו האָסט וועגן אים.

די געשעענישן, וועגן וועלכע דאָ וועט זײַן די רייד, זײַנען פאָרגעקומען אין דעם דאָרעמדיקן טייל פון שטאָט, אויף דעם פּלאַץ, ווּהין עס גייט אַרויס דער באַרימטער טויער פון אַסטראַ-בראַמאַ, אָדער מעדינינקער טויער. דעם נאָמען „אַסטראַ" טראָגט ער אין זיכער פון דער שפּיציקער פאָרם, וואָס ער האָט געהאַט אין מיטלאַלטער. דער וועג פונעם טויער האָט געפירט צום מעדינינקער שלאָס. דערפון נעמט זיך דער צווייטער נאָמען. פאַראַן נאָך אַ דריטער נאָמען: „אושראָס", וואָס אויף ליטוויש באַטײַט עס זריכע.

איבערן טויער, וועלכער איז אַמאָל געווען אַ טייל פונעם מויער אַרום דער שטאָט, געפינט זיך אַ קאַפּעלע מיט דער וווּנדערשאַפנדיקער גאָטס מוטער. דאָס געשטאַלט קאָן מען זען נאָך איצטער: אַ יונג טונקלהויטיק פּאָנעם מיט אײדעלע שטריכן, פול מיט מיסטעריִעזן אומרו און נעוויִישן טרויער. אין טעג פון גרויסע כאָגעס עפנט מען אויבן דאָס פענצטער און דאַן זעט מען שוין פונדערווײַטנס דאָס מויפּעסדיקע געשטאַלט. צענדליקער מענטשן לאָזן זיך אין אָט דעם מאָמענט אַראָפּ אויף די קני, און די גאַס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אייגנאַרטיקן טעמפּל אונטערן פרײַען הימל. אויף דער אַנדער זײַט פונעם טויער, הינטער דעם שטאָט-מויער, איז אַמאָל געווען אַ פאָרשטאָט. זי איז שוין לאַנג געוואָרן אַ טייל פון דער שטאָט. בלויז די הײַזער זײַנען דאָ באַשיידענער, ווי אויף די צענטראַלע גאַסן — אַ סימען פון דער אַמאָליקער „פּראָווינציִעלקײַט".

מיר זײַנען דורכגעגאַנגען אונטער דעם געוועלב פונעם טויער און אַרויס אויף אַ ברייטן פּלאַץ. מײַן באַגלייטערין האָט געזאָגט:

— איר ווייסט, בייס דער מילכאָמע איז דאָ געווען אַ מאַרק.

דאָס איז ניט געווען פאַר מיר קיין חידוש. אַזאַ ברייטער פּלאַץ, אַרומגערינגלט מיט הײַזער, איז פּאַסיק פאַר אַ מאַרק. מיניאַסטאַם איז ער געווען דאָרט, אויפן סקווער, פון וואַנען עס גייען זיך פונאַנדער דרײַ שמאָלע געסלעך.

— ער איז געווען אָט דאָרטן, ווו איצט איז דער סקווער, — האָט באַשטעטיקט מײַן האַשאָרע די באַגלייטערין. — אַ געוויינלעכער מאַרק, וווּהין די פּויערים פלעגן ברענגען פון די דערפער זייערע פּראָדוקטן. אָט דאָ איז געווען דער וואָג...

אַזוי האָט זי אָנגעהויבן די מײַסע, וואָס זי האָט געהערט פון דער עלטערער פּוילישער פרוי, וועמען מיר וועלן דאָ באַדינגלעך רופן סטאַניסלאַווא.

אין יענעם האַרבסט-טאָג, גענויער גערעדט, אין יענעם פרימאָרגן פון אָקטיאַבער, איז פּאַני סטאַניסלאַווא, דעמאָלט נאָך אַ יונגע, אַוועק אויפן מאַרק. הײַנט איז שוין ניט וויכטיק, וואָס זי האָט זיך געקליבן דאָרט צו קויפן, זי געדענקט עס אַליין שוין ניט, נאָר וויכטיק איז, אַז אין יענעם פרימאָרגן איז זי געווען אויפן פּלאַץ פאַר דעם מויער פון אָסטראַ-בראַמאַ.

ווי־אַזוי ס'האָט אויסגעזען דעמאָלט דער פּלאַץ, איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן — די מאַרק פון דער גאַנצער וועלט זעען אויס אומגעפער אַלציינס. אינמיטן פּלאַץ זײַנען געווען לאַנגע, פון ברייטע ברעטער צוזאַמענגעקלאַפּטע טישן. בײַ דער זײַט זײַנען געשטאַנען די וועגענער. די פערדלעך האָבן פרידלעך געכראַמטשקעט היי. הינטער די טישן, נעענטער צום וואָג, איז געווען אַ געזעמל פון פרויען, וואָס האָבן אַרויסגעטראָגן צום פאַרקויפן קנוילן וואָל, פאַרטיקע געשטריקטע זאַכן, געפלאָכטענע קערב, אויסגענייטע טעפּיכלעך און ענלעכע זאַכן, מיט וואָס מע האַנדלט אויף אַלע מאַרק.

אָבער גלײַכצײַטיק האָט זיך אָט דער מאַרק אונטערגעשיידט פון אַנדערע, ווײַל ס'איז געווען מילכאָמע און די שטאָט האָט אָקופּירט דער סוינע. אויפן מאַרק האָט מען ניט געזען אַזעלכע פּראָדוקטן, ווי פּוטער, סמעטענע, אייער. אַלץ האָט געקאָסט טײַער. אויסער דעם, איז דער עולם געווען אַ ניט-ריידעוודיקער, אַן אָנגעשטרענגטער, אַ שלעכט געקליידטער.

אַלזאָ, דער מאַרק איז אין פולן ברען. די זון פאַרפּלייצט די שטאָט מיט אַ קלאָרער קאַלטער שײַן. די אַלטע ווענט גיסן זיך אָן מיט אַ ראָזער ליכט. די שפּיצן פון די קירכן צינדן זיך אָן מיט גאָלד. זילבערדיק בליצט דאָס טײַכל ווילייקע. אויף דעם מאַרק-פּלאַץ גלאַנצט די פעל פון די פערד. עס לעבן אויף די אָפּגעבליאַקעוועטע קווייטן אויף די ווײַבערשע טיכלעך. עס שײַנט מיט וווּנדערשיינע פאַרבן דאָס יונגע טרויעריקע פּאָנעם פון דער מאַדאָנע איבער דעם מויער פון אָסטראַ-בראַמאַ.

די מיט ליכט באַגאָסענע שטאָט מיט אירע טורעמס, קלויסטערס און רויטע דאַך-ציגל אויף די הײַזער זעט איצטער אויס, ווי אַ סצענע פון אַ טעאַטער, וואָס איז באַלויכטן פון יופּיטער-לאָמפּן. אָט-אָט וועט זיך דאָ אָפּשפּילן אַן אַקט פון אַ מיטלאַלטערלעכער מיסטעריע. און אינדערעמעסן, זי לאָזט אויף זיך ניט וואַרטן...

ס'איז שוין נאָך האַלבן טאָג, די מענטשן אויפן מאַרק האָבן פּלוצלינג דערהערט מאָדנע קלאַנגען, וואָס קומען פון אַ ווײַטער גאַס. ס'איז געווען אַן אַלץ זיך דערנעענטערנדיקער גערויש פון אַ מענגע, פון צײַט צו צײַט ווערט דער גערויש פאַרטויבט דורך שאַרפע אויסגעשרייען פון דײַטשישע קאָמאַנדעס. אויפן מאַרק זײַנען אײַנגעשטילט געוואָרן דאָס גערעדעכץ און די דינגעניש. פאַרקויפערס און קויפערס זײַנען שטיין געבליבן פאַרגליווערטע לעבן די טאָמבענק און מיט אומרו זיך אַרומגעקוקט. אויפן מאַרק איז ביסלעכווײַז געוואָרן שטיל.

אַלץ העכער און שטאַרקער האָבן זיך געהערט די אויסגעשרייען פון די דײַטשן, אַלץ אומרויִקער האָבן די מענטשן געקוקט אַהין, ווו די מענגע איז געגאַנגען. ווי־אַזוי די דײַטשן שרײַען אויס זייערע קאָמאַנדעס, האָט מען אין שטאָט שוין גוט געוווּסט. נאָר דאָס מאָל האָט זיך געהערט אַ באַזונדערע אַכזאָריעס אין די אויסגעשרייען. מעגלעך, אַז די עסעסאָווצעס זײַנען ספּעציעל טרענירט געוואָרן צו ריטשען ווי חײַעס אויף מענטשן, אַז יענע זאָלן פאַרויס שטאַרבן פון מוירע.

איצט האָבן די אויסגעשרייען געשראָקן נאָך מער, ווײַל מע האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס עס קומט פאָר אין שטאָט. ס'איז בלויז געווען קלאָר, אַז די אויסגעשרייען און דער אומקלאָרער גערויש דערנעענטערן זיך אַהער, צום מאַרק-פּלאַץ. אַ סך פון די מענטשן אויפן מאַרק האָבן גענומען שטעלן פּיס. ס'האָבן זיך אַ ריר געטאָן אויך די הענדלערקעס. אייניקע פון זיי האָבן, ליאַרעמענדיק איבערן ברוק, פאַרקערעוועט אין אַ זײַט. די, וואָס האָבן ניט געקאָנט אָדער ניט געוואָלט אַנטלויפן, האָבן זיך צוזאַמענגעשאַרט נעבן סאַמע וואָג, מיט די פּענעמער געווענדט צו יענער זײַט, פון וואַנען דער גערויש איז געקומען.

אַלץ העכער און העכער האָבן געשריגן די דײַטשן, און אָט איז שוין ניט שווער געווען צו דערהערן דאָס שאָרכן פֿון טויזנטער פֿיס. אַ שווערע לעבעדיקע מאַסע האָט זיך באַוועגט אין די נאָענטע גאַסן. און פּלוצעם איז ווי אַ פֿונק דורכגעלאָפֿן איבער דער מענגע:

— מע פֿירט ייִדן!

— די ייִדן פֿון געטאָ טרײַבט מען!

דער האַמוין האָט אויפֿגעציטערט אין פֿאַרגעפֿיל פֿון עפּעס שרעקלעכס. עס האָט זיך באַוויזן די ערשטע שרעקנגע מענטשן אין טונקעלע אַלטע בגדים, דערנאָך אַ צווייטע, און נאָך און נאָך. ווי אַ לאַנגזאַמער שוואַרצער טײַך האָט זיך אַרויסגעגאָסן אַ גרויע, זיך הוידענדיקע מאַסע און זיך צעקראָכן.

פּאַני סטאַניסלאַווא האָט געזאָגט דער באַלעבאָסטע:

— זיי שטייען נאָך ביז איצט פֿאַר מײַנע אויגן, ווי לעבעדיקע...

און דאָס איז פֿאַרשטענדלעך. דער זיקאָרן פֿון אַ מענטשן האָט אַזאַ טעווע, אַז געוויסע מאָמענטן, צי וויל ער עס, צי ניט, ווערן ניט אָפּגעווישט. די עסעסאָווצעס האָבן געפֿירט צום מאַרק שרעקנגעס אויסגעמאַטערטע בלאַסע מענטשן — טיפֿע זקיינים, וואָס האָבן מיט מי געשטעלט די פֿיס, יונגע, קימאַט קינדער, וועמענס האַרבע ניט־קינדערשע בליקן האָבן געבריט די פֿענעמער פֿון די, וואָס זײַנען געשטאַנען באַם ראַנד פֿון וועג. פֿרויען מיט אויסגעלאָשענע אויגן האָבן געדריקט צו די ברוסט האַלב־נאַקעטע זויגלינגען.

אין דער מיט פֿון דער פּראָצעסיע האָט זיך באַוועגט איין־איינציקע פֿור מיט אַ נידעריק פֿערדל. אויף דער פֿור, מיט דעם רוקן צום פֿורמאַן, איז געזעסן אַן אײַנגעהויקערטער אויסגעדאַרטער זאָקן, דער ראָוו. מיט עטלעכע טעג צוריק זײַנען באַ אים (וועגן דעם האָט שוין עמעצער מודיע געווען דעם מאַרק) פּאַראַליזירט געוואָרן די פֿיס. אויסשטרעקנדיק איבער די קעפּ פֿון די גייענדיקע מענטשן זײַנע ציטעריקע הענט, האָט ער עפּעס געמורמלט, און זײַן קאָפּ, באַדעקט מיט אַ טאַלעס, איז מאַכטלאָז געלעגן אויף דער ברוסט.

פֿון די ערשטע טעג פֿון דער אָקופּאַציע האָט די שטאָט זיך אָפּגעוווינט צו ריידן הויך. אין די גאַסן האָבן אויפֿן פּוילן קאָל געקלונגען בלויז דײַטשישע רייד. איצט האָט די שטאָט אינגאַנצן פֿאַרלאָרן ס׳לאָשן. קיין איין קלאַנג האָט זיך ניט געהערט, אויסער די שלוכצן פֿון די פֿרויען, וועלכע האָבן באַוויינט זייערע קינדער, און דאָס שווערע עטעמען פֿון די אויסגע-

שעפטע מענטשן. און נאָך — די שאַרפע, ווי דאָס קנאַקן פון אַ בײַטש, אויסגעשרייען פון די סאָלדאַטן-קאַנוואָירן.

אומפאַרשטענדלעך איז געווען, פאַרוואָס זיי שרײַען אַזוי. די מענטשן זײַנען דאָך גע-גאַנגען, וווּהין מע האָט זיי געפירט. ס'איז ניט געווען קיין מינדסטער פּרווו זיך צו פאַרהאַלטן, אָדער אַרויסלויפן פון דער ריי. מיסטאָם האָבן די עסעסאָווצעס געגרעוועט, קעדיי צו פאַר-טויבן זיך. באַ יעדן רעווען האָבן די פרויען אויף דעם מאַרק-פּלאַץ זיך גענומען ציילעמען.

אָבער די, וואָס האָבן זיך געשלעפּט אין לאַנגזאַמע צעפלאָנטערטע רייען אויף דער גאַס, האָבן, דאַכט זיך, קיין זאַך ניט געהערט. פון דער זײַט האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי זעען און הערן גאָרנישט. אַפילו דעמלט, ווען זיי האָבן אויף אַ ווײַלע אויפגעהויבן די אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, האָבן זיי, קענטיק, ניט געזען ניט דעם שטאָט-פּלאַץ, ניט דעם פאַרשטילטן האַמויז, ניט די ווילד-געוואָרענע קאַנוואָירן. ווײַזט אויס, אַז זיי האָבן געזען עפּעס גאָר אַנדערס.

מיט איין מאָל, אומדערוואַרט פאַר אַלעמען, האָט די באַוועגונג פון דער פּראָצעסיע זיך פאַרהאַקט. די הינטערשטע האָבן ניט געקאָנט זען, וואָס עס קומט פאַר פאָרנט, זיי האָבן בלויז געהערט אויפגערעגטע פרויִשע שטימען. דערפאַר האָבן די מענטשן, וואָס זײַנען פאַר-גליווערטע געשטאַנען באַם וועג, געזען אַלץ.

אין די ערשטע רייען פון דער קאָלאָנע זײַנען דערייקערשט געגאַנגען קינדער און פרויען. צווישן די פרויען האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן איינע אַ ניט יונגע און שווערלײַביקע. גראָווע לאָקנס האָבן אַרויסגעקוקט פון אונטער דעם לײַכטן קאָפּטיכל. דאָס פּאָנעם איז גע-ווען אַ געשוואָלנס, מיט אַ ניט-געזונטער געלקײַט. די אַמאָל, קענטיק, שיינע געזיכט-שטריכן זײַנען געווען פאַרגליווערט אין אַ טויטער אַפּהענטיקײַט. אָבער אויף דעם דאַזיקן פאַרסאַר-פּעטן וויסטן פּאָנעם האָט נאָך געפלאַטערט דאָס פײַער פון אַ שײַטער. עס האָבן נאָך גע-רעדט צוויי אויגן-שטערן, און יעדערער, ווער עס האָט אַרײַנגעקוקט אין דער טיף פון אָט די אויגן, האָט שוין ניט געקאָנט אָפּווענדן זײַן בליק.

„די אויגן דײַנע פון אונטער דײַנע לאָקן זײַנען אויגן פון אַ טויב, די האָר דײַנע, ווי אַ סטאַדע פון שעפּסן, וועלכע לאָזן זיך אַראָפּ פון די בערג פון גילאָד...“

אין דעם מאָמענט, ווען די ערשטע ריי פון דער קאָלאָנע איז צוגעקומען צום טויער פון אַסטראַ-בראַמאַ, האָט די פרוי מיט די גראָווע קוטשעראַווע האָר אויפגעהויבן דעם קאָפּ און איז שטיין געבליבן ווי אַ פאַרגליווערטע. די אַנדערע האָבן זיך פאַרלאָרן אומגעקוקט אויף איר און אויך געבליבן שטיין. אַלע, ווי איינער, האָבן געקוקט אַהין, ווו אויפן טויער אין איר קאַמערל-קאַפּעלע טרויערט די טונקלהויטיקע מאַדאָנע מאַריאַ.

די עלטערע פרוי איז פּלוצלינג געפאַלן אויף די קני, זי האָט אויסגעצויגן די הענט מיט די געשוואָלענע פינגער:

— מאַריאַ! — האָט זי אויסגעשריִען הייזעריק און לײַדנשאַפטלעך. — קוק זיך אום אויף אונדז! קוק אַהער!

די מענטשן אין דער קאָלאָנע האָבן געווענדט די אויגן צו דער פרוי, וואָס שטייט אויף די קני.

— מאַריאַ! — האָט זי געשריגן, און איר שטים האָט אויף אַ ווײַלע פאַרטויבט אַלע אַנדערע קלאַנגען אויפן פּלאַץ. — דערמאָן זיך, ווער דו ביסט געווען, מאַריאַ! דו האָסט גע-לעבט אין אונדזער פאָלק, מאַריאַ! דו ביסט געווען אַ ייִדישקע, מאַריאַ! ראַטעווע זשע אונד-זערע קינדער! לאָז זיי ניט פאַרלענדן, מאַריאַ! ראַטעווע זיי!

אויפן שטויביקן ברוק זײַנען שוין געפאַלן איינע נאָך דער אַנדערער טונקל געקליידטע פרויען, עלעהיי מע האָט איינעם נאָכן אַנדערן ביימער אין אַ געדיכטן וואַלד.

— מאַריאַ! מאַריאַ! מאַריאַ! — האָבן שלוכצנדיק איבערגעכאַזערט פרויען, וואָס האָבן זיך געקאָרטשעט אויף דער ערד. זייערע אויפגעהויבענע ראַכמים-בעטנדיקע הענט זײַנען גע-ווען ענלעך אויף ציטעריקע לעבעדיקע צווײַגן.

איצטער האָט זיך צו די געשרייען פון די ייִדישע פרויען פאַרייניקט אויך דאָס געוויין פון די פּויערטעס באַם וועג. און אַזאַ קלאָגערײַ, אַזאַ קרעכץ איז געשטאַנען איבערן פּלאַץ, אַז ס'איז שוין ניט קלאָר געווען: צי דער געוויין הייבט זיך אויף צום הימל, אָדער די הימלען וויינען איבער די, וואָס לײַדן אויף דער ערד.

פון דעם אַלץ האָבן אַפילו די קאָנוואָירן זיך פאַרלאָרן אַ ביסל. זייערע געשרייען זײַנען פאַרלאָרן געגאַנגען אין דעם ווייגעשריי פונעם האַמויז, און זיי האָבן, קענטיק, ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן.

און דאַן האָט די פרוי מיטן פלאַמיקן בליק זיך אויפגעהויבן פון די קני, אָפּגעריסן פון זיך דאָס פּיצינקע מיידעלע, וואָס האָט זיך געקלאַמערט אין איר קלייד, און אַרויסגעשלײַ-

דערט עס פון דער קאַלאַנע. פראָסט-פּאַשעט, אַרײַנגעוואָרפן דאָס קינד אין האמוין. און דער האמוין האָט זיך אַף א ווײַלע פאַנאַנדערגערוקט און פאַרשלונגען דאָס קינד, פאַרבאַהאַלטן עס הינטער די פּלייצעס. און טייקעף איז געשען דאָס אומבאַגרײַפלעכע. וויינענדיקע מאַמעס האָבן איינס נאָכן אַנדערן אָפּגעריסן די קינדערשע הענטלעך פון זייערע לײַבער און געשלײַדערט אין האמוין זייערע קינדער. פונעם האמוין האָבן זיך שוין געצויגן הענט, וואָס האָבן אונטערגעכאַפּט די קינדער. פּויערטעס האָבן גיך אַראָפּגעכאַפּט פון די קעפּ די פאַרביקע פאַטשיילעס, אײַנגעוויקלט אין זיי די אייפעלעך און אַנטלאָפן אַזוי אין די דערבײַיקע גאַסן.

א לעבעדיקער שטורעם האָט געבושעוועט אַפן פּלאַץ, ביז די קאָנוואָירן זײַנען געקומען צו-זיך. זיי האָבן זיך ווילד געטראָגן לענגויס דער קאַלאַנע, געאַרבעט מיט די ביקסן און סאָפּקאַלסאָף געצוווּנגען די קאַלאַנע ווײַטער זיך רירן פון אָרט. די דײַטשן האָבן זיך געײַלט נאָך דערפאַר, ווײַל דער וועג צום אָרט, וווּהין מע האָט געפירט די מענטשן פון געטאָ, איז געווען א לאַנגער.

די וויינענדיקע פרויען האָבן זיך אופגעהויבן פונעם ברוק, און זיי זײַנען אַוועק ווײַטער, אומקוקנדיק זיך צוריק צום האמוין, אין וועלכן זייערע קינדער זײַנען פאַרשוווּנדן. די דײַטשן האָבן איצטער ווילד אָרודעוועט מיט די ביקסן, אונטעריאָגנדיק די מענטשן. די קאַלאַנע איז שוין איצטער ניט געגאַנגען פּאַמעלעך, נאָר קימאַט געלאָפן. גלײַך נאָכן פּלאַץ איז דער וועג געגאַנגען באַרג-אַראָפּ, ווי עס פּאַסט פאַר א וועג, וואָס פירט אין דער וועלט פון טויט.

„מיר וועלן שטאַרבן און זײַן, ווי דאָס וואַסער, וואָס מע גיסט אויס אַף דער ערד, און צוזאַמענעמען קאָן מען עס ניט...”

פאַרענדיקנדיק איר דערציילונג, האָט מײַן באַגלייטערין צוגעגעבן אָט וואָס: א סאַך פון די געראַטעוועטע קינדער זײַנען גליקלעך איבערגעקומען די מילכאָמע און די אָקופּאַציע. זי אַליין, לעמאַשל, קען א פרוי, נאָך גאָר א יונגע, וואָס אַרבעט אַף דער פּאָטשט אין שטעטל אַניקשטשײַ. מע רופט זי מיריאַם. אַף ליטוויש — מאַריטע. א פאַמיליע-נאָמען האָט זי א ליטווישן, ווײַל זי איז אויסגעוואַקסן אין א ליטווישער דאָרפישער מישפּאָכע. אין שטוב זײַנען געווען אויך אייגענע קינדער, אַזוי אַז מאַריטע האָט עטלעכע ברידער און שוועסטער. מאַריטע זאָגט, אַז זי געדענקט לאַכלוטן ניט יענעם שרעקלעכן טאָג, ווײַל זי איז דעמלט געווען קוים צוויי יאָר אַלט. שפּעטער, אַז זי איז געוואָרן פּוליעריק, האָבן די עלטערן איר דערציילט, ווער זי איז. באַהאַלטן פון איר דעם עמעס האָבן זיי ניט געוואָלט. אין יענער קאַלאַנע איז דאָך געווען איר עמעסע מאַמע און עפּשער אויך דער טאַטע. געוויס זײַנען דאָרט געווען נאָך קרויווים אירע און עפּשער אויך עלטערע ברידערלעך און שוועסטערלעך.

אין יענעם טאָג האָבן די היטלעריסטן זיי אַלעמען געטריבן אַפן וועג, וואָס פירט אַף דאָרעם-מיזרעך פון דער שטאָט, און צעשאָסן זיי אַף די היגלען מיט שיטערע ביימלעך באַם שטעטל, וואָס הייסט פּאָנאַר.

פון רוסיש — בער האַלפּערן

■ ■ ■

לייב סאָלאָווייטשיק

קאַפּיטלען פון א לעבן

דער אָנהייב

אויב די מאמע בראָניע האָט באשלאָסן, אז דאָס זונעלע לאָזט מען ניט אָפּ פון דער היים, וועט שוין אזוי זײַן. ס'איז איצט ניט אזא צײַט, אז מע זאָל אוועקפאָרן פון דער היים, דערצו נאָך קיין כארקאָוו. דער „קאטאָרזשניק" האָט שוין פארזוכט דעם דאָזיקן כארקאָוו ווי ס'געהער צו זײַן, מער פעלט ניט, ווי אומברענגען דעם איינציקן זון. בישקאָשע, ס'וועט זיך פאר אים געפינען אויך אין סומי ווו צו לערנען. און קעדיי ער זאָל ניט ארומגיין ליידיק, זאָל ער זיך אָפּזוכן עפּעס א גרינגע ארבעט.

אזוי האָט געפּאסקנט די מאמע בראָניע, אויסגעטרונקען איר ביסל וואלעריאנקע און צוגעגעבן:

— געדענקט מײַנע ווערטער, ער וועט נאָך ברענגען א פּאיאָק אויך. דער, וואָס לעבט אייביק, האָט אונדז קיינמאָל ניט פארלאָזט...

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן מײַנע גייענישן אף דער ארבעט-בירזשע. ביז אין איינעם א טאָג האָט מען בא מיר געפרעגט:

— אין רעוווטריבונאל וועסטו גיין? דאָרטן איז דאָ אן אָרט.

כ'וועל זאָגן דעם עמעס — עס האָט מיך איבערראשט. אונדז, ייִנגלעך, האָט דער דאָזי-קער שטרענגער אנשטאלט שטענדיק צוגעצויגן מיט זײַן סוידעסדיקײַט. מיר האָבן מיט א באזונדער אופמערקזאמקײַט געלייענט די מיטיילונגען אונטערן קעפּל: „אין געריכט פון דער רעוואָליוציע", און אָט לייגט מען מיר פאָר גיין אהין ארבעטן...

— וועסט גיין אין טריבונאל? — מינטערט מיך אן אקשאָנעסדיק קאָל. יונגער געוויסן איז ריין, ווי א טרער, דאָס וואָרט „טריבונאל" רופט בא מיר ניט ארויס קיין שום שווערע אסאָציאציעס.

דרייענדיק אין דער האנט דאָס פּאפּירל פון דער ארבעט-בירזשע און אײַנקוקנדיק זיך אין מיר, האָט דער עלטערער סעקרעטאר פון דעם טריבונאל וויקטאָר וואסיליעוויטש מיר פארגעבן בלויז איין פראגע: צי קען איך דרוקן אף א מאשינקע? ס'איז מיר געוואָרן א ביסל ביטערלעך.

— מיילע, מיר וועלן זיך באגיין. איך דארף א סעקרעטאר אין דעם געריכט-טייל. די דאָזיקע שטעלע הייסט בא אונדז „קאָרעספּאָנדענט"...

קאָרעספּאָנדענט?!

דער עלטערער סעקרעטאר האָט דערווײַל פאָרגעזעצט:

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 11, 1983.

— די ארבעט איז ניט גאָר קיין שווערע. דעריקער איז האַלטן אין פולער אָרדענונג די איניאַנים און פירן דעם פּראָטאָקאָל פון דער געריכט-זיצונג. ס'וועט אייך אויסקומען צו דעזשורען. אויב אינדערוואָכן, איז נאָך דער ארבעט ביזן אָוונט. זונטיק — א גאַנצן טאָג. איר וועט קאָנען?

— יאָ!

מײַן קאַטעגאָרישער ענטפער איז געפעלן געוואָרן.

— געהאַלט וועט איר קריגן, — און ער האָט אָנגערופן, איך געדענק שוין ניט וויפל מיליאָן רובל א כוידעש. און אין די טעג, ווען עס גייט א פּראָצעס, באקומט מען טיי און ברויט מיט פּאָווידלע...

וויקטאָר וואסיליעוויטש האָט אונדז פעסט געהאַלטן אין די הענט. ער פלעגט זיצן בא דער שרײַבמאשינקע און קנאקן ווי א קוילנוואַרפער, ניט אויפגעהערט דערבײַ צו קײַען דעם פּאַפּיראָס און אָפּגעבן באפעלן: אוועקשיקן, ארויסרופן, באפרײַען...

ס'איז געגאַנגען דאָס 1921 יאָר. מיטן בירגערקריג איז געווען געענדיקט, אָבער באנדיטן זײַנען נאָך געווען, פארעטער האָבן אויך ניט געפעלט. סאמאָגאָנשטשיקעס זײַנען געוואקסן ווי קראָפּעווע. ס'האָט זיך נאָרוואָס אָנגעהויבן דער נעפּ. און קיין שום קאָדעקסן זײַנען ניט געווען.

אָבער ס'איז געווען די ראַטנמאכט, די מעלוכע פון ארבעטער און פויערים. אין לעבן זײַנען ארײַנגעדרונגען אזעלכע באגריפן, ווי רעוואָליוציאָנערער געוויסן און סאָציאַליסטישע גערעכטיקײַט. אין נאָמען פון אָט די הויכע אידעאַלן האָט דער רעוואָליוציאָנערער טריבונאַל ארויסגעטראָגן זײַנע אורטיילן. באנדיטן האָט מען געשאָסן, פארעטער — געזעצט אין טורמע, בא ספּעקוליאנטן האָט מען קאָנפיסקירט דאָס אומגעזעצלעך דערוואָרבענע פארמעגן. בא סאמאָגאָנשטשיקעס פלעגט מען צונעמען די אפּאראַטן, און אויב ס'פלעגט זיך אײַנגעבן, אויך דעם סאמאָגאָן.

דאָסראָוו האָט מען פאנאנדערגעקליבן איניאַנים פון באנדיטן. זיי פלעגט מען מישפּעטן אין די דערפער, וווּ זיי האָבן געהאַט אָרודעוועט. אף די ארויספאָר-סעסיעס פלעגט מייניסטנס פאָרן אליין דער עלטערער סעקרעטאר, וויקטאָר וואסיליעוויטש. ס'איז געווען א שאָד, איבערהויפּט דערפאר, ווײַל די אָנטיילנעמער פון די סעסיעס פלעגן באקומען טיי און א שטיקל שוואַרץ ברויט מיט פּאָווידלע. לויט יענע צײַטן — א זאַך אף מעקאָנע צו זײַן. ווען מע פלעגט מישפּעטן סאמאָגאָנשטשיקעס, גאנאָווים, נעפּלײַט, איז מיט די בוטערבראָדן געווען ערגער; טיי מיט מערן-סענץ האָט מען געקאָנט טרינקען, וויפל מע האָט געוואָלט, אָבער די בוטערבראָדן זײַנען געווען שטרענג אויסגעציילט, יעדערן צו צוויי — סײַ דעם פאָרזיצער, סײַ די מיטגלידער פונעם טריבונאַל, סײַ דעם סעקרעטאר פון געריכט-טייל.

דאָס דעזשורען, וועגן וועלכן ס'האָט ווי דערעכאגעוו דערמאָנט דער עלטערער סעקרעטאר בייסן אָנעמען אף דער ארבעט, האָט אינדערעמעסן זיך ארויסגעוויזן פאר א גאַנץ אומרויִקער זאַך.

ס'האָט זיך מיר גוט פארגעדענקט איינער אזא זונטיק. א וווּנדערלעכער זומערדיקער טאָג. פלוצעם רײַסט זיך ארײַן דורך די צעעפנטע פענצטער דער רויש פון אן עראָפּלאַן. אָט פליט ער שוין גאָר נידעריק איבער דער שטאָט. עס גייט דורך א קורצע צײַט, און עס באווײַזן זיך אין קאָרידאָר פיר מיליטערלײַט אין גימנאסטיאָרקעס און מיט שפּאָגל-נײַע פּאָרטופּייעס. דרײַ שטייען אין דער זײַט, און דער פערטער, אין דער סאמע ווײַסער גימנאסטיאָרקע, זייער קאָמאנדיר, ווײַזט אויס, פרוווט עפענען, איינע נאָך דער אנדערער, די פארמאכטע טירן, און ענדלעך צעשרײַט ער זיך:

— דאָ זײַנען דאָ מענטשן? ווער איז דער דעזשורנע?

— איך! — גיב איך מיט ווירדע צו וויסן וועגן זיך. — דאָס זײַט איר נאָרוואָס געקומען מיטן עראָפּלאַן?

דרײַ ציטערן אוף דערשראָקן און דער, וואָס איז אָנגעטאָן אין דער שניי-ווײַסער גימנאסטיאָרקע, באטראכט דאָס אזעסדיקע יינגל פון קאָפּ ביז די פיס:

— ווּו איז די אָנפירערשאפט?

— איך ווייס ניט... נאָר איך קאָן א זוך טאָן.

— „איך ווייס ניט”, — קרימט ער מיך איבער. — דער דעזשורנע מוז וויסן. איך בין יאקיר!

אן איבעראשטער פון אזא באקאנטשאפט, שיס איך אויס:

— און איך בין סאָלאָווייטשיק!..

דער העלד פון בירגערקריג יוינע יאקיר, דער קאָמאַנדיר פונעם רויטן מיליטער פון אוקראַינע און קרים האָט בלויז א שמייכל געטאָן, דערהערנדיק דעם ענטפער פונעם דעזשורנע, בא וועלכן ס'האָט נאָך דער מאמעס מילך אף די ליפּן ניט אויסגעטריקנט.

ס'האָט זיך פארגעדענקט נאָך איין דעזשורסטווע אין סומער רעוואָטריבונאַל דעם זעלבן זומער פון 1921 יאָר. דאָס מאָל האָט עס געטראָפן אינדערוואָכן, נאָך דער ארבעט. דער קאָנוואָיר האָט געבראכט צוויי ארעסטירטע. אין אזוינע פאלן דארף דער דעזשורנע ארויסרופן א נייַעם קאָנוואָי, איבערגעבן די ארעסטירטע פון האנט צו האנט און אָפּשיקן זיי אין טורמע. כ'האָב אָנגעהויבן דרייען דאָס הענטל פונעם הילצערנעם טעלעפאָן, וואָס איז געהאנגען אף דער וואנט. ביידע ארעסטירטע — צוויי געזונטע יונגען — האָבן זיך אוועקגעזעצט אפן דיוואנטשיק. דער קאָנוואָיר איז נעלעם געוואָרן, ווי נאָר כ'האָב זיך אונטערגעשריבן. איך דריי דאָס הענטל פונעם טעלעפאָן און ווער שיר ניט הייזעריק שרייַענדיק „האלאָ! האלאָ! סטאנציע!" דער טעלעפאָן שווייַגט. צי איז ער ניט צעבראָכן. יאָ. ס'איז טאקע אזוי. כ'לויף ארויס אין שכיינעסדיקן צימער און דערקלינג זיך אין איין מינוט, כ'באשטעל א נייַעם קאָנוואָי און קער זיך אום צו זיך — און ווײ, אן אומגליק! די ארעסטירטע זייַנען אנטרונען! איך לויף דורך אלע קאָרידאָרן, זוך אין די טואלעטן, ניטאָ! אָט איז שוין געקומען דער נייַער קאָנוואָי, צוויי רויטארמייער ווארטן, איך זאָל זיי זאָגן, וואָס צו טאָן, און דערווייַל באזעצן זיי זיך אפן דיוואנטשיק, פון וועלכן יענע צוויי זייַנען נעלעם געוואָרן. איך מאָל מיר אויס, ווי איך וועל באלד מוזן זאָגן צום קאָנוואָי: „פירט מיך אין טורמע"... איך זע שוין, ווי זיי פירן מיך מיט די ביקסן אויסגעשטרעקט. ס'איז מיר נאָר א ראכמאָנעס אף דער מאמען. די איינציקע האָפענונג איז נאָר אף איר. זי וועט מיך באפרייַען. זי האָט דאָך דעם טאטן אויך באפרייַט אין 1918 יאָר, ווען די דייַטשן האָבן אים אריַינגעזעצט אין טורמע. זי איז געפאָרן אים ארויסנעמען פון טורמע, האָט זי אויך מיך מיטגענומען.

ס'איז געווען אזוי. אין גארדעראָב פון דער קאָמערץ-שול האָבן די כעוורע אָנגעהויבן א געשלעג און בייסמיַיסע האָט מען בא עמעצן צעריסן א פּעטליורישע „גריוונע" צי א דייַטשישע „אָקופּאציע-מארקע". דער געליטענער האָט אופגעהויבן א געשריי איבערן גאנצן קאָרידאָר:

— מע האָט צעריסן מייַן געלט!

— אויך מיר א גרויסער אומגליק! — האָב איך אים געטרייסט. — בא אונדז אינדערהיים איז דאָ א מאשינקע, כ'וועל דיר מאכן, וויפל דו ווילסט...

אף מאָרגן איז מען געקומען צו אונדז אהיים מאכן אן אונטערזוכונג. מע האָט אלץ איבערגעטרייסלט, גאָרנישט געפונען, נאָר דעם טאטן האָט מען ארעסטירט.

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן פארהערן, מע האָט ארויסגערופן די מאמע, דעם פעטער כאַים, די שכיינים.

פון דעם אלעם וואָלט מען געקאָנט זיך אויסלאכן, ווען ניט די צייַט. ס'האָט דעמלט לאנג ניט געדארפט דויערן, מע זאָל דיך אוועקשטעלן צום ווענטל.

נאָר אלץ איז אדורך בעשאָלעם. מע האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין שול, און אָט האָט שוין די מאמע בראָניע אן אָרדער אף באפרייַען דעם טאטן פון טורמע.

— דאָס האָט דער אייבערשטער אין הימל ראכמאָנעס געהאט אף אונדז, — האָט פייַערלעך געזאָגט די מאמע, פאָכענדיק מיטן אָרדער.

מע האָט אונדז אריַינגעפירט אינווייניק אין טורמע — מאָדנע פאָראָנדקעס זייַנען געווען אין יענע צייַטן! — דורכגעפירט דורך די לאנגע פינצטערע קאָרידאָרן גלייַך אין קאמער, ווו דער טאטע איז געזעסן. די טיר איז געווען אָפן, און דאָס ערשטע, וואָס מיר האָבן דערזען, — דער טאטע מיט נאָך דרייַ ארעסטאנטן שפּילן אין קאָרטן...

דער טאטע איז געווען אזוי פארכאפּט מיטן שפּילן, אז ער האָט אונדז צוערשט ניט באמערקט. נאָר אָט האָט ער אונדז דערזען און זיך דערפרייט: מע איז געקומען זיך זען מיט אים. ווען די מאמע בראָניע האָט אים געזאָגט, אז מע באפרייַט אים, האָט ער זיך אזש פארלאָרן:

— לאָזט מיך כאָטש פארענדיקן די „פּולקע"... איך שפּיל אויס...

— נו, געוויס, — האָט די מאמע בראָניע א קרעכץ געטאָן, — אן אלט לידל. פאר וועמען א טפיסע און פאר וועמען א היים...

פאר דער צייַט, וואָס איך האָב זיך דאָס אלץ אויסגעמאָלט, זייַנען געקומען צו לויפן די פארפאלענע, מיט א שעמעוודיק שמייכעלע דערקלערט:

— מיר זייַנען אוועק נאָך פּאפּיראָסן, א ביסעלע פארבלאָנדזשעט...

איך בין גרייט געווין זיי אַרומנעמען.

כאַטש ס׳האָט זיך מיר גוט געאַרבעט אין רעוואָטריבונאַל, נאָר האַרבסט 1921 יאָר איז מיר אויסגעקומען זיך געזעגענען מיט אים. מע דאַרף ווייטער לערנען. דעם טאַטנס טרוים וועגן כאַרקאָווער אוניווערסיטעט איז טאַקע ניט מעקוייעם געוואָרן. אים האָט גע-שטערט די זשאַנדאַרמעריע, און מיר, זײַן זון, — אַ געלעכטער אויסצורײדן! — די מאַמע. איר וועטאָ. אין קיין שום כאַרקאָוו וועט זי מיך ניט לאָזן, און באַסטאַ! בלײַבט איין אויס-וועג — די אינדוסטריִעל-בויערישע פּראַפּשול. ס׳זײַנען דאָ צוויי אַפּטײלונגען און כ׳האָב רעכט אַליין מאַכן דעם אויסוואַל. מיר איז געווען צום האַרצן ווערן אַ בויער.

...ס׳איז געקומען דאָס 1925 יאָר. כ׳האָב פאַרענדיקט די שול. אָבער אין סומי, ווו עס לאָזן זיך נאָך שטאַרק פילן די פאָלגן פון די מילכאָמע-יאָרן, איז קיין אַרבעט ניטאָ.

נו, און אויב אַ זוך טאָן אַלטע כאַווײרים? עמעס, אַ סאַך זײַנען זיך צעפאָרן, נאָר פּאַשע וואָראַנאַ, אַ דאַר באַכערל מיט אײַנגעפאַלענע באַקן, איז אין שטאָט. צו מיר, ווען כ׳האָב מיט אים געאַרבעט אין רעוואָטריבונאַל, האָט ער זיך גוט באַצויגן. איצט אַרבעט ער אין פאָלקס-געריכט. טאַקע צו אים בין איך אַוועק, האָפנדיק זיך אײַנאָרדענען לויט דער אַלטער „ספּעציאַליטעט".

— מע דאַרף אַ טראַכט טאָן, — זאָגט פּאַשע גאָטווויליק, — דאָ מערקט זיך אָן עפּעס אַן ערטעלע, וועסט דאַרפן עטוואָס צוואַרטן. איך וועל זיך מיט עמעצ-וועמען דורכשמועסן. און דו קום אַרײַן די קומענדיקע וואָך...

די ערשטע צײַטונג...

אַרויסגייענדיק פון וואָראָנען, האָב איך אַרײַנגעקוקט אין זאַל, ווו עס קומען פאָר די געריכט-זיצונגען. דאָ איז אַלץ ווי ס׳איז געווען מיט פיר יאָר צוריק. געטאָקטע סטויפּיקלעך אַרום דער באַשולדיקונגס-באַנק, דער טיש פאַרשפּרייט מיט רויטן געוואַנט... איצט געפינט זיך דאָ דער פאָלקס-געריכט. מע קלײַבט פאַנאַנדער אַן איניען וועגן אַלימענטן. די אָנקלאָגערן לאָזט מאַנאַטאַניש צו וויסן:

— ער איז געגאַנגען צו מיר און געגאַנגען, געזאָגט צו מיר און געזאָגט אַזוי און אַזוי... ניין, זאָג איך, סזועט ניט זײַן, ווי דו ווילסט. דערנאָך... אַז דאָס האָט געטראָפן... מאַך איך צו אים — האָב מיט מיר כאַסענע...

דער אָנגעקלאָגטער לײקנט שטײַן און בײַן. ער קען זי אַפילע ניט. אָט די כוצפּעדיקע ווערטער זײַנע רופן אַרויס בא דער אָנקלאַגערן מוירעדיקע רוגזע.

— אומפאַרשעמטער! — שרײַט זי איבערן גאַנצן זאַל. — און דענסטמאָל, אין קלוניע, ווען דו האָסט מיך ניט געלאָזן שרײַען און מיט אַ שײַט האָלץ צוגעקוועטשט מײַנע הענט, האָסטו מיך אויך ניט געקענט!

דעם ריכטער ווערט דערעסן די גאַנצע מײַסע און ער טוט אַ פרעג:

— און דאָס קינד פון וועמען איז. דער ווינט האָט עס אַרײַנגעבלאָזן?

די מענטשן אין זאַל קײַכן פון געלעכטער, און איך שטעל זיך פאָר, וויאַזוי כ׳וועל דאָס אַלץ דערציילן ווי אַן אַנעקדאָט. נאָר פּלוצעם איז מיר אײַנגעפאַלן: פאַרוואָס ניט אָנ-שרײַבן וועגן דעם אין צײַטונג? ס׳איז דאָך אַ שטייגער-בילד. געקומען אהיים, אָנגעשריבן אָנדערהאַלבן זײַטלעך, אַ נאָמען געגעבן „דער ווינט האָט אָנגעבלאָזן" און אַוועקגעטראָגן זיי אין «Плуг и молот» („אַקער און האַמער"), אַזוי האָט איצט געהייסן די סומער אויעזד-צײַטונג.

דעם סעקרעטאַר פון רעדאַקציע איסאַק וויניקן האָב איך געקענט. ער איז געווען על-טער פון מיר, נאָר אונדזערע טאַטעס האָבן זיך געכאַווערט. דער עלטערער וויניק איז געווען אַ קירזשנער.

אַ לײען געטאָן דאָס נאָטיצל, האָט איסאַק אַ שמייכל געטאָן און נאָכלעסיק אַ וואָרף געטאָן מײַנע זײַטלעך אַפן טיש, ווו עס איז שוין געלעגן אַ באַרג מיט פּאַפּירן.

— לאָז עס איבער. כ׳וועל ווײַזן דעם רעדאַקטאָר, קום אַרײַן מאָרגן.

מאָרגן הייסט ער מיר ווידער קומען מאָרגן. און נאָר אין עטלעכע טעג אַרום לאָזט ער מיר וויסן:

— עס איז אַוועק אין זאַץ, מאָרגן וועט עס זײַן אין צײַטונג. לײען...

אַט דער לעצטער „מאָרגן" האָט מיך אינגאַנצן צערודערט. ווי נאָר ס'איז ליכטיק געוואָרן, בין איך אַוועקגעלאָפן צום כאַריטאָנער סקווער, דאָרטן געפינט זיך דער נאָענטסטער צײַטונג־קיאָסק. אָבער אַף די לאָדנס הענגען נאָך גרויסע שלעסער. קלוימערשט זאָרגלאָז שפּאַציר איך מיר הין און צוריק. עס שטעלט זיך א ווונדערלעכער זומערדיקער פרימאָרגן. ענדלעך קומט צו גיין א מאַלער אין א ציצן קליידל און נעמט זיך פאָרען לעבן קיאָסק. אָבער גאָט מײַנער, ווי לאַנגזאַם זי טוט אַלץ. זי האָט זיך מיסטאָמע ניט אויסגעשלאָפן. גענעצנדיק, נעמט זי אַראָפּ דעם שלאָס, רוקט פויל אָפּ די שטאַבע. עס גייען אַוועק כאַלאַשעסדיקע מינוטן. נאָר אַט שטעלט זיך אַף לעבן קיאָסק א פורל. דער באַלעגאָלע אײַלט אויך ניט. ער דערלאַנגט דורכן קיאָסק־פענצטערל א פּעקל צײַטונגען און הייבט אָן פּלוידערן מיט דער מאַכעשייפע. מײַן געדולד איז אויסגעשעפּט. איך פאַל אַרײַן אין זייערע רייד און פאָדער א הײַנטיקע צײַטונג. ניט איך בעט, נאָר איך פאָדער. די קיאָסקיאָרשע לייגט פאַנאַנדער די צײַטונגען, און ביז איך דערלעב צו זען דאָס געגאַרטע, גייט מיר אויס די נעשאָמע.

דאָס ווילע מיידל דערלאַנגט מיר א צײַטונג און שמייכלט צו מיר ליבלעך. צי דען האָט זי דערקענט אין מיר אַן אויטאָר? מיר איז אומבאַקוועם דערפון, וואָס די מאַטבייע, וואָס איך דערלאַנג איר, האָט זיך לאַנג געוואַרעמט אין מײַן האַנט.

איך לייען די ערשטע זײַט, כאָטש איך צווייפל, אַז איך וועל דאָ געפינען מײַן נאָטיץ. כ'שטודיר די צווייטע זײַט. דאָס האַרץ פּויקט. איך געפין ניט. צי דען האָט איסאַק ווינִיק מיך אָפּגענאַרט? די דריטע זײַט... אָט איז עס, דאָס צוזאָגנדיקע קעפּל: „אין פאָלקסגעריכט פון סומשטשינע" און אַן אונטערקעפּל: „דער ווינט האָט אָנגעבלאָזן..." איך דערקען יעדער וואָרט, יעדער אָס. שוין זשע האָב איך דאָס אָנגעשריבן? געוויס איך, אָט איז דאָך מײַן אונטערשריפט — „ל. ס.". וואָס איז, אייגנטלעך, פאָרגעקומען פאַר דער נאַכט? נעכטן איז דאָס געווען א בייגעלע פּאַפּיר, וואָס איך האָב אָנגעשריבן, און הײַנט איז דאָס א צײַטונג... מײַנס — און ניט מײַנס! א צײַטונג... הײַנט בין איך א טיילכל פון דער צײַטונג...

די דאָזיקע פאַרוואַנדלונג איז געווען איבעראַשנדיק, און דאָס, אייגנטלעך, האָט באַשטימט מײַן גורל אַפן גאַנצן לעבן.

געשען איז עס דעם 3 יול 1925 יאָר.

איך לויף אָן א נעשאָמע צום טאַטן אַפן מאַרק. קיינער פון די שטוביקע האָט ביז איצט ניט געוווּסט וועגן מײַנע גענג אין רעדאַקציע. איך האָב זייער מוירע געהאַט פאַר א דורכפאַל. אָבער איצט!...

דער טאַטע האָט זיך געלאַנגווײַליקט אין שטעלכל, וואַרטנדיק אַף קליִענטן. איך דערלאַנג אים די צײַטונג, ער זאָטלט אָן די ברילן און לייענט. איבערגעלייענט דאָס נאָטיצל, מאַכט ער אַן אומצופרידענע מינע, ניט אַנדערש דאָס פּריוואָלע קעפּל געפעלט אים ניט, און נעמט זיך ווידער לייענען. דערנאָך דערלאַנגט ער מיר די צײַטונג מיט א זויערן שמייכל:

— נו, וואָס זאָל איך דיר זאָגן, ביסט א מאָלאָדיעץ. ווינִיקס יִנגל איז, דאַכט זיך, אויך אין רעדאַקציע, אויך אָנגעהויבן שטילינקערהײַט, פון א קלייניקײַט, און איצט איז ער דאָרטן א גאַנצער קנאַקער. זאָל, ווי די מאַמע זאָגט, גאָט העלפן...

ווײַזט אויס, אַז דער מאַמעס גאָט האָט אַפּאַנעמעסן געהאָלפן. נאָטיצן „פון געריכטזאַל" האָבן אָנגעהויבן דערשײַנען רעגולער. אינגיכן האָבן די גאַנץ דורכזיכטיקע אונטערשריפטן „ל. ס." און אַפילע „עלס" אויפגעהערט צו באַפרידיקן דעם מעכאַבער, וואָס איז פּלוצעם אַזוי דערהויבן געוואָרן איבער זײַנע נעכטיקע כאַווײרים. איז ווי זיך אונטערשרײַבן? ס'איז דאָך א באַוווּסטע זאַך, אַז אין דער פּרעסע איז אָנגענומען אַרויסצוטרעטן אונטער א פּסעוודאָנים. לעמאָשל: „מאַקסים גאָרקי". איז זאָל זײַן „ל. סומני". גאַנץ ווויל. אי ס'הערט זיך דאָ דער נאָמען פון דער היימשטאָט — סומי, אי דאָס וואָרט איז א גוטס. אַף אוקראַיִניש — דער שפּראַך פון דער צײַטונג — הייסט עס „אומעטיקער". צו נײַנצן יאָר איז אַזוי אָנגענעם זיך אונטערצושרײַבן „דער אומעטיקער"...

נאָר אָט איז געקומען א טאָג, ווען ווינִיק, נעמענדיק בא מיר מײַנע א נאָטיץ, האָט זיך פוילבלעך אָנגערופן:

— שורע איז אַוועק אין דעקרעט, און ס'איז ניטאָ, ווער ס'זאָל איבערזעצן דײַן מאַכערײַקע. ווילסט, מע זאָל דיך דרוקן, איז שרײַב אַף אוקראַיִניש, ניין, — וועלן מיר זיך באַגיין אָן דײַנע ווערק...

פאַרשטייט זיך, וועלן זיי אָן מיר זיך באַגיין. אָבער איך קאָן זיך איצט שוין ניט באַגיין אָן דער רעדאַקציע. איך האָב אָנגעהויבן צו שרײַבן אף אוקראַיִניש. וואַסילי אַלעשקאָ, דער רעדאַקציע-פּעליטעקאַניסט, האָט זיך צו מיר גוט באַצויגן און מיר אונטערגעהאָלפן.

— האָב געדולד, — פלעגט ער צו מיר זאָגן, — מיר וועלן מאַכן פון דיר אַן עמעסן צײַטונגס-מענטש... — און זײַן קײַלעכדיק פּאָנעם פלעגט צעשוומען ווערן פון א שמייכל.

מיסטאַמע ניט אָן זײַן אָנטייל האָט מען מיך אײַנגיכן אָנגענומען אין שטאַט. און דאָ באַלד טאַקע איז איסאַק וויניק אַוועקגעפאָרן קיין כאַרקאָוו, דער דעמאָלטיקער הויפּט-שטאָט פון אוקראַיִנע, און איך האָב איבערגענומען די שטעלע פון פאַראַנטוואָרטלעכן סעקרעטאַר פון רעדאַקציע. און ווײַל ס'האָבן אויסגעפעלט קאַדרען, בין איך דערצו נאָך געווען דער אַרויסלאָזער אויך.

אָט אַזוי האָט מיטאַמאָל זיך אף מיר אַרופגעוואָלגערט א באַרג — אף גאַנצן לעבן! א גאַנצינקן טאָג גרייט מען מאַטעריאַל צום זאַץ. נאָר אָט זײַנען שוין דאָ די אָפּצוגן. ס'איז שוין צונויפגעשטעלט געוואָרן עפּעס ענלעכס אף א מאַקעט פונעם מאָרגעדיקן נומער, און דאָס אַלץ איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אף טיש פונעם רעדאַקטאָר, וועלכער טראָגט די גרויסאַרטיקע פאַמיליע באַרד. ער וואַרפט זיך אף דעם אַלץ אַרויף, ווי א רויב-פויגל. לאָז אים, וועט ער דעם גאַנצן זאַץ צונישט מאַכן. אָבער דער שפּאָגל-נײַער פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר שטייט אף דער וואַך: ער געדענקט פעסט איסאַק וויניקס געבאָט פאַרן אַוועקפאָרן.

— האָב אין זינען, — האָט יענער געלערנט, — לאָז ניט צו דעם רעדאַקטאָר צום פאַרטיקן זאַץ, קוק מיט בײדע אויגן, ער זאָל, כאַליליע, ניט פאַרריכטן אין די אָפּצוגן. אין די אָריגינאַלן זאָל ער זיך טאָן, וואָס ער וויל, אָבער ניט אין די גראַנקעס...

אין יענע ווײַטע צײַטן האָבן מיר געוויאָרסטעוועט די צײַטונג גאַנץ פּראָסט. דעם מאַקעט פלעגט מען צונויפשטעלן נאָר פאַרן רעדאַקטאָר אף פאַרבלענדן אים די אויגן. ענדגילטיק פלעגט די צײַטונגס-זײַט געבוירן ווערן באַם טאַלער, ניט אָן דעם שעפערישן אָנטייל פונעם מעטראַנפּאַזש לאַפּטיעוו און זײַן געהילף וואַסיע לאַזאַרענקאָ. פונעם ערשטן טאָג אָן האָבן זיי מיך גענומען אונטער זייער שוץ.

— אָט דאָס דאַרף מען פאַרוויאָרסטעווען אף צוויי שפּאַלטן. איסאַק האָט שטענדיק אַזוי געטאָן, — פלעגט ניט זעלטן אונטערזאָגן לאַפּטיעוו.

און אָט איז די צײַטונג אויסגעוויאָרסטעוועט. אַלץ איז דורכגעקאָנטראָלירט, אויסגעבעסערט, אונטערגעשריבן, די צײַטונג גייט אַריבער אין רעשוס פונעם דרוקער. די טיפּאָגראַפיע האָט זיך געפונען אין א פײַכטן, טונקעלן פאָדוואַל מיט געוועלבטע סופיטן. דאָ איז געווען געגנוג בלײַ-שטויב, קעדיי צו קריגן טובערקולאָז, און איך האָב אים טאַקע געקראָגן.

ס'איז זיך גרינג פאָרצושטעלן, וואָס פאַר אַן ענערגישע מיטלען די מאַמע בראָניע האָט אָנגעווענדט, קעדיי מיך צו ראַטעווען. זי האָט מיך געהאַלטן אין איין שלעפּן צו דאָקטוירים, און יענע האָבן געפונען, אַז „דאָס קינד" דאַרף קרים. דער פאַרייִן פון די פּאָליגראַפיסטן האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט און געקראָגן א לההאַטנע פּוטיאָווקע אין יאַלטער אָפּרו-הויז „זשורנאַליסט". אַרײַנגעפאַלן אין א סוויווע פון הויפּטשטאָטישע זשורנאַליסטן, האָט דער פּראָווינציאַל אויפגעהערט אַפילע צו טראַכטן וועגן זײַן טובערקולאָז.

אָט דער ערשטער צײַטונג מײַנער — „פלוג אי מאָלאָט" האָב איך געשענקט פינף יאָר פון מײַן לעבן. דאָס זײַנען געווען ביז גאָר אינטערעסאַנטע יאָרן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אינדוסטריאַליזאַציע פון לאַנד, דער ערשטער פינפיאָר. איך בין דעמאָלט געווען מיט זשור-נאַליסטישע אויפגאַבן אפן כאַרקאָווער טראַקטאָר-זאַוואָד, אפן דניעפּערבוי. ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסן-קאָלעקטיוויזאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט, פלעגן מיר אַרויספאָרן אין די דערפער פון סומער אויעזד.

א וואָגן, אָנגעלאָדן מיט א דרוקמאַשין, מיט צוויי-דרײַ שריפטקאַסעס און א פינף קע-ראָסין-לאָמפּן — דאָס איז דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון דער אַרויספאָר-דרוקערײַ. דער שטאַט באַשטייט פון א דרוקער און דרײַ זעצער. זיי טאַקע וועלן דרייען די ראָד פון דער „אַמע-ריקאַנקע".

די רעדאַקציע באַשטייט פון צוויי מענטשן. זיי זײַנען אי די אָרגאַניזאַטאָרס, אי די אַווטאָרן, קאָרעקטאָרן, אַרויסלאָזער און עקספּעדיטאָרס. זיי זײַנען נאָר ניט קיין מאַשיניסטקעס. אָבער קיין מאַשיניסטקעס דאַרף מען ניט. די צײַטונג זעצט מען אויס פון געשרײַבענע מיט דער האַנט מינוסקריפּטן.

דער קלײנער שטאט פון דער ארויספאַר-רעדאקציע האָט אָבער א גרויסן אקטיוו דאָרפס-קאָרעספּאָנדענטן. וועגן דעם, אז די צײַטונג פאַרט, ווייסט מען פון פריִער און מע וואָרט אַף איר.

אין די דערפער האָט אין יענע צײַטן געקאָכט. די קאָלעקטיוויזאציע האָט ארויסגערופן א פארביטערטן ווידערשטאנד פון די באַלעגופים. ניט זעלטן פלעגט אויך א קויל טרעפן באנאכט אין א פענצטער פון אן אקטיוויסט. „דער באַלעגופישער אגיטפראַפּ" האָט פאַרשפּרייט קלאַנגען, אז אין קאָלווירט וועלן אַלע שלאָפן אונטער איין גרויסער-גרויסער קאָלדרע „אזש אַף הונדערט ארשין", די ווײַבער וועלן זײַן אַלעמענס און די קינדער וועט מען „שטעמפּלען"...

האָט באדאַרפט טרעפן, אז איינעם אזא קלאַנג האָט אונדזער רעדאקציע ניט ווילנדיק אונטערגעהאַלטן. אָט וויאַזוי דאָס איז פאָרגעקומען. צו אונדז אין כאטע זײַנען געקומען א כאָפּטע דאָרפישע קינדער. אַלע האָט זיי אויסגעזען וווּנדערלעך: די קאסע מיטן שריפט, די דרוקמאשין. וואסיע לאַזארענקאָ האָט זיך געוואָלט אויספּײַנען:

— ווי רופט מען דיך? — האָט ער געפרעגט בא א ייִנגל.

— פּעטיע...

אין איין מאָמענט ווערט אויסגעזעצט דער נאָמען און אָט שײַנט ער שוין אַפן ייִנגלס האנט מיט פּעטן שריפט.

— מיר אויך, מיר אויך, — האָבן זיך גענומען ציִען הענטלעך פון אַלע זײַטן.

לאַזארענקאָ איז, ווײַזט אויס, אויך געפעלן געוואָרן די שפּיל. אינגיכן זײַנען אַף די הענטלעך בא אַלע קינדער געווען אָנגעדרוקט זייערע נעמען. צופרידענע, זײַנען זיי זיך צעלאָפן אהיים.

אָט דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אן עמעסער טומל. די ווײַבער אין די ארומיקע דערפער האָבן אופגעהויבן א גוואַלד: מיר וועלן ניט דערלאָזן, מע זאָל שטעמפּלען אונדזערע קינדער ווי דאָס פי!..

די צײַטונג פלעגט ארויסגיין אַלע צוויי-דרײַ טעג. ביז איינער פון אונדז לאָזט ארויס דעם אָרדנטלעכן נומער, וואנדערט דער אנדערער איבער די דערפער. נאָך גוט, אז עס מאכט זיך א פור. אויב ניט, דאַרף מען שפּאַנען אַף די אייגענע צוויי. יעדן טאָג קומט פאָר א פארזאמלונג. און אין אייניקע טעג ניט איינע און אין פארשיידענע עקן פון ראיאָן.

פארזאמלונגען הייסע, וואָס גייען דורך אין אמפערנישן און שטרײַטן. מע דאַרף זײַן ניט נאָר א רעפּאָרטיאָר, נאָר אויך אן אקטיווער אָנטיילנעמער און אן אגיטאטאָר פאר דער נײַער קאָלווירטישער אָרדענונג. און די בעסטע באַלוינונג איז פאר אונדז געווען, ווען מיר פלעגן אין אָרדנטלעכן נומער פון אונדזער צײַטונג אָפּדרוקן מיט פּעטן שריפט „די פּויערים פון דעם און דעם דאַרף האָבן געשאפן א קאָלווירט".

וואָס קאָנט איר טאָן?

סענטיאבער 1930 יאָר. דער פּראָווינציִעלער צײַטונג-טוער פאָרט קיין קרים. ער מוז דורכלויפטערן די שוואכע לונגען. אָט גייט ער איבער דער סימפעראָפּאָליער צענטראַלער גאס אַפן נאָמען פון קאַרל מארקס. פּלוצעם, ווי עמעצער וואָלט אים א שטויס געטאָן אין רוקן. בא דעם טויער פון הויז נום. 6 האָט ער איבערגעלייענט אזא ליב וואָרט „רעדאקציע"... א גלעזערנע שילד «Красный Крым» („רויטער קרים"), א טונקעלע ארקע, א באשיידן ברעטעלע אַף א גאנעקל: „ארײַנגאנג אין רעדאקציע". ארײַנגיין?

די טרעפּ פירן אַפן צווייטן שטאָק. א לאַנגער געדרייטער קאָרידאָר, קיין לעבעדיקער נעפעש. אן עטוואָס אופגעעפנטע טיר מיט א שילדל „פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטאָר". איך גיי דרייסט ארײַן אין א גרויסן פוסטלעכן צימער, באם איינציקן טיש זעצט זיך קוים ארויס דער קאָפּ פון זייער א קליינוווקסיקן מענטש. אין זײַנע גרויסע, שמייכלענדיקע אויגן — א פראגע — ס'הייסט: וואָס דאַרפסטו דאָ, באָכער? איך בין עפּעס ווי מעוווּלוול געוואָרן, דוכט זיך, אפילע קיין גוטמאָרגן ניט געזאָגט, און ארויסגעשאָסן:

— כ'האָב געלייענט אין „זשורנאַליסט", אז צו אײַך אַף ארבעט ווילן אָנקומען נאָר קראנקע. עפשער דאַרפט איר א געזונטן?

פארשטייט זיך, דאָס איז ניט געווען דער ריינער עמעס. מײַן שטיקל טובערקוליאָז,

וואָס כ'האָב געקראָגן אין סומי מיט דריי יאָר צוריק, איז פאַרהיילט, אָבער נאָך ניט אינגאַנצן. אניט, וואָלט עס מיך ניט פאַרטראָגן נאָכאַמאָל קיין קרים.

— וואָס קאָנט איר טאָן?

ווען מע איז אַלט פינף און צוואַנציק יאָר און מע האָט שוין גאַנצע פינף יאָר אָפּגעאַרבעט אין א צייטונג, דאַכט זיך דיר אויס, אז דו קאָנסט אַלץ: זיין א רעפּאָרטיאָר, אן אַרויסלאָזער, א פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פון רעדאַקציע...

— נו, און לידער שרייבט איר?

זעסטו... לאָזט זיך אויס, ניט אַלץ קענסטו.

— נו-ניין! — און גלייך בין איך געוואָרן אויס בעריע. וווהין איז אהינגעקומען מיין דרייסטקייט? צוליב וואָס בין איך אהער אריין? אָבער דער קליינוווקסיקער מענטש באַם טיש האָט אופגעלעבט:

— איז טאַקע גוט! — און ער טוט א קוועטש א קנאָפּקע. — אזובוקינען! — גיט ער א זאָג דעם מיידל, וואָס איז שטיל אריין אין צימער.

פונקט אזוי שטיל וואַקסט אויס באַם טיש באַריס אזובוקין. ווי איך האָב זיך נאָכדעם דערוווּסט, — די רעכטע האַנט פונעם רעדאַקטאָר גורי גלעבאָווסקי. זיי טוען איינער דעם אַנדערן א זאָג עטלעכע האַלבע ווערטער, פון וועלכע מע קאָן זיך אָנשטויסן, אז עס גייט א רייד וועגן איבערשטעלן די קאַדרען. דאָס אַלץ געדויערט ניט מער, ווי צוויי מינוט. און אָט לייגט מען מיר פאָר זיין דער שטעלפאַרטרעטער פונעם פאַראַנטוואָרטלעכן סעקרעטאַר פון רעדאַקציע. צו דער אַרבעט קאָן איך צוטרעטן טאַקע באַלד.

— וואָס רעדט איר? באַלד, מיטאַמאָל? ווי קאָן דאָס זיין? — נעם איך טייַנען, ניט פאַרשטייענדיק, אז דערמיט גיב איך מיין האַסקאָמע. איך בין דאָך דאָ אין אורלויב! מע דאַרף זיך דאָך באַפרייען פון דער אַרבעט אין סומי.

— צוליב וואָס דאַרפט איר עס? — פרעגט מען מיך מיט א קלוגיטשקן שמייכל.

— מע וועט מיך אויסשליסן פון פּאַרטיי...

— ס'הייבט זיך גאָרניט אָן, מיר וועלן אָנשרייבן א בריוו, וועט מען ניט אויסשליסן.

ס'איז מיר אפילו ניט איינגעפאַלן, אז דאָס צופעליקע אריינגיין דורכן טונקעלן טויער וועט זיך פאַרציִען אויף פינף יאָר! אָט די פינף קרימער יאָר האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין לעבן. דאָ האָב איך דעראָבערט פריינט, ווי מע זאָגט, ביסקל דעם קיוועך. שוין מער ניטאָ ניט גורי גלעבאָווסקי, ניט מוישע אַלינסקי, אדריאַן באַרישניקאָוו, באַריס אזובוקין, אראָן לוקאַצקי, נאָר פאַרגעסן קאָן מען זיי ניט. וואָס פאַר א ראָמאַנטיקער מיר זיינען דאַן אַלע געווען!

אין זיקאָרן טויכן אויף בילדער פונעם טאָגטעגלעכן לעבן אין רעדאַקציע.

...אין סאַמע גרעסטן צימער, ווו ס'האָט זיך געפונען אי דער סעקרעטאַריאַט, אי דער פּאַרטיי-אָפּטייל, האָט זיך איבערגעבויגן איבער זיין טישל מיט די אויסגעקרימטע פיס, וואָס שטייט באַם פענצטער, מוישע אַלינסקי — דער „מויעד" פון דער רעדאַקציע, א מענטש פון ענציקלאָפּעדישן וויסן. ער איינער האָט פאַרפולט דעם גרעסטן טייל פון דער צייטונג. די היגע און צווישנפעלקערלעכע אינפאָרמאַציע, פּראָבלעמען פון ליטעראַטור, קונסט און וויסנשאַפט — דאָס אַלץ איז געלעגן אויף אים. און ער... פלעגט אויך ארויסגעבן די מיטאַרבעטער — אונטער א כסימע! — פאַפּיר, פענעס, בלייערס... ער איז אויך געווען דער באַלעבאָס איבער דעם טיפּאָגראַפיע-פאַפּיר, האָט קורירט די בוכהאַלטעריע, ווו דער הויפּט-בוכהאַלטער איז געווען איסאַק ראַבינאָוויטש, און מע קאָן זאָגן, ביכלאַל געהאַט אין אויג די גאַנצע באַלעבאַטישקייט פון דער גרויסער טעגלעכער צייטונג.

דער סעקרעטאַריאַט, וווהין גלעבאָווסקי האָט מיך באַשטימט אַרבעטן, איז געווען ווי א מין אויספּרוּוו-פּאָליגאָן. און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר מיר איינע נאָך דער אַנדערער צייטונגס-קאַמפּאַניעס, לאַנגדויערנדיקע און שנעלע, אינטערעסאַנטע און אומעטיקע. אָבער אַלע — זייער נייטיקע און אַלע עפּעס אין א מעשוגענעם טעמפּ!

מאָרגן הייבן זיך אָן מאַנעווערס פון די מיליטערישע יאַם-קרעפטן אפן שוואַרצן יאַם. דער קרייסער, וואָס הייסט ווי אונדזער צייטונג „רויטער קרים", לאָדט איין א קאָרעספּאָנדענט. און אָט באַקומסטו די בעקאָוועדיקע אופגאַבע. יאָגסט קיין סעוואַסטאָפּאָל, קעדיי אין לויפנדיקן נומער איבערגעבן דעם שמועס מיטן הויפּט-קאָמאַנדיר. אין צייטונג האָט מען איבערגעלאָזט אן אָרט, וואָס דאָס רופט מען אפן רעדאַקציע-לאָשן — „א לעכל". ביז איך דערקלייב זיך צום קרייסער, האָט דער הויפּט-קאָמאַנדיר אריבערגעטראָגן זיין שטאַב אפן לינקער „פּאַריזשער קאָמונע", און א דערלויבעניש אהין צו קומען קאָן איך קריגן נאָר מאָרגן אינדערפרי... קומט אויס צוטראַכטן א שפּיצל.

דער גראפישער האפן אין סעוואסטאָפאָל. פונדאנען גייט אָפ אלע שאָ א קאטיער צום לינקאר. א צען-צוועלף מענטשן גייען פארבײַ דעם גלײַכגילטיקן סטארשינא, קעדיי זיך ארײַנזעצן אין קאטיער. אלעמען קען ער זיי לויטן אויסזען. יאמלײַט, עטלעכע ציווילע, צוויי-דרײַ פרויען. רוקסט זיך ארײַן צווישן אָט די מענטשן, סטארענדיק זיך זײַן ערגעץ אינ-מיטן, אָבער דער סטארשינא קוקט דיך שווײַגנדיק אָן, ווארט, דו זאָלסט ווײַזן דײַן דורכלאָז-שײַן.

איך מאך צו אים נאכלעסיק:

— דער שעף פון שטאב האָט מיך ארויסגערופן, — און ער לאָזט מיך דורך.

אפן קרייסער „פאריזשער קאָמונע" האלט איך זיך בא דער זעלבער טאקטיק: זיך גע-פינען אינמיטן דער גרופע און בייס איך גיי איבערן הויכן טראפ, שרײַט דער וואכזאמער סטארשינא צו עמעצן אף דער שיף:

— דער בירגער איז ארויסגערופן אין שטאב!

נו, און אף דער שיפדעק איז שוין ניט שרעקלעך, מע וועט דאָך דיך ניט ארויסווארפן אין יאם.

דעם קאָמאנדיר פון די יאם-קרעפטן קאָזשאנאָוון גייט ניט אָן, צי האָט דער קאָרעס-פאָנדענט א דורכלאָז-שײַן, צי ניט. דער שמועס דויערט ניט לאנג, נאָר אף צו פארפולן דאָס „לעכל" וועט קלעקן מאטעריאל. א קאטיער וועט ערשט זײַן אין א שאָ ארום, און די צײַטונג ווארט. איך זאָג עס דעם קאָמאנדיר.

— אָפפירן אים מיט מײַן קאטיער! — באפעלט ער.

נעכטיקן קומט אויס אפן קרייסער „רויטער קרים", וואָס האָט אײַנגעלאדן דעם קאָ-רעספאָנדענט. דער סאמע איקער שטייט נאָך פאָר „אָט מאָרגן אינדערפרי..." — זאָגט דער קאָמיסאר פונעם קרייסער. אָבער באנאכט האָט זיך צעבושעוועט א מוירעדיקער שטאָרם. ער געדויערט אלע דרײַ צי פיר טעג. קאָן זײַן, אז פאר די מאנעווערעס איז דאָס גראָד גוט, אָבער דער קאָרעספאָנדענט זעט גאָרנישט. די אלע טעג איז אים זייער ניט גוט. אָט איז ער אין קאיוטע, אָט אף דער אייבערשטער שיפדעק, ווו דער ווינט נעמט גוט דורך.

און גאָר ניט ווײַט פונדאנען איז דער וואונדערלעכער דאָרעמדיקער ברעג, דער רוי-קער יאם. נאָר פאר די שווארצארבעטער פון צײַטונג איז דאָס א פארבאָטענער גאניידן-קאנט. טאָמיד פארטאָן אין ארבעט און טאָמיד איז די ארבעט אין דער קעגנזעצלעכער ריכ-טונג פון די קוראָרט-געגנטן. פרילינג-פארזיי. אראָפנעם-קאמפאניע. ארויספאָר-רעדאקציעס. דער טיפאָגראפיע-וואגאָן איז אָט אין ביוק-אָנלאר, אָט אין וולאדיסלאוואָוקע, אין דזשאנ-קאָי...

קאָקטעבעל. איצט הייסט אָט דאָס שיינע אָרט, צוואנציק קילאָמעטער פון פעאָדאָסיע, פלאנערסקאָיע. נאָענט געפינט זיך דער באוווסטער קלעמענטיעוו-בארג, וועלכן ס'האָבן ליב באקומען די פלאנעריסטן. און פלוצעם, אין איינעם פון די סענטיאבער-טעג, א פאניק: ס'ווערט צונויפגערופן א יובילײַ-צונויפלי. מע ווארט אף מאָסקווער קאָרעספאָנדענטן און שרײַבער. צודערצו דערוויסן מיר זיך, אז מאָרגן וועט אין קאָקטעבעל קומען דער קאָמקאָר איידעמאן. אזא מין געשעעניש טאָר מען ניט דורכלאָזן. און ווידער די זעלבע מײַסע, וואָס אין סעוואסטאָפאָל. מע דארף יאָגן און נעמען אן אינטערוויו פארן נומער.

ראָבערט פעטראָוויטש איידעמאן, א וווּקסיקער מענטש, א פריילעכער, באגעגנט אונדז פרײַנטלעך. האלט זיך מיט אונדז היימיש. זעט אויס עלטער פון זײַנע אכט און דרײַסיק יאָר. זײַן גאנצער אָנבליק איז זייער ציוויל. מעגלעך, אז אונדז — מיר זײַנען געפאָרן זאלבעצווייט, איך און דער רעדאקטאָר גלעבאָווסקי, — האָט זיך עס נאָר אויסגעוויזן, מיר האָבן דאָך געוווּסט, אז איידעמאן איז אן אָנגעזעענער לעטישער שרײַבער. אָבער מיר האָבן אויך געוווּסט, אז ביז ניט לאנג צוריק איז ער געווען דער שעף פון דער מיליטערישער אקאדעמיע אף פרונזעס נאָמען. צוויי בלאנקענדיקע אָרדענס פון דער רויטער פאָן אף דער גימנאסטיאָרקע האָבן געזאָגט איידעס וועגן זײַנע העלדנטאטן.

דער אינטערוויו האָט זיך אָנגעהויבן דערפון, וואָס ער האָט געמוסערט די קרימער אײַנוווינער, אז זיי שעצן ניט גענוג אזא אויצער, ווי דער קלעמענטיעוו-בארג, שרײַבן וועגן פלאנעריזם און ביכלאל דערציט מען ניט קיין ציווילע פליער. מע דארף לערנען די יוגנט פליען, מיר זײַנען מעכויעוו צו געבן פליגל אונדזערע יונגע כעוורע...

די אופגאבע צו העלפן דער יוגנט דעראָבערן פליגל האָט גלעבאָווסקי ארופגעלייגט אף מיר. דאָס האָט געבראכט דערצו, אז פארופנדיק זיך אף איידעמאנס דירעק-טיוו, וועלכע איך האָב אָפעראטיוו איבערגעגעבן פון פעאָדאָסיע, האָט דער שעף פון דער סימפעראָפאָליער שול פאר ציווילע פליער ניקאָלײַ כארלאמאָוו זיך בוכשטעבלעך אָנגעזעצט

אף מיר. ס׳פלעגט קיין טאָג ניט אוועקגיין, ער זאָל ניט ברענגען אין רעדאקציע א נאָטיץ, אַן ארטיקל, א צירקוליאַר. דאָס אַלץ איז אָבער געווען אזוי רוי, אז מע האָט געדארפט אף דעם האָרעווען און האָרעווען.

אין יענע טעג, אגעוו, האָט זיך אף מיר אָנגעזעצט ניט נאָר איין כאַרלאַמאָוו. עס האָט זיך געפונען א נאָכפאָלגער — יולי ראָזענשטיין. און אויב דער פליער האָט זיך אָנגעשפּארט אף איידעמאנס אוטאָריטעט, האָט יולי מיך אומבעראכמאָנעסדיק עקספּלואטירט לויט די רעכט פון אלטער כאווערשאפט, וואָס האָט זיך געצויגן אזש פון סומער צײַטן.

פייקײַטן צו שאָך-שפּיל האָט ראָזענשטיין געהאט פון קינדווײַז אָן. אין 1928 יאָר האָט מען אים, א שלאָסער פונעם טשערקאסער צוקער-זאוואָד, געשיקט קיין אָדעס שפּילן אפן שאָך-טשעמפּיאָנאט פון אוקראינע. ביז דער שלוס-פּארטיע איז אַלץ געגאנגען גלאַט. ער האָט געקאָנט האָפן צו פארנעמען דאָס דריטע אָרט און באקומען דעם טיטל פון א ספּאָרט-מײַסטער. נאָר אין דער לעצטער פּארטיע האָט ער דערלאָזט א פארדריסלעכן טאָעס און זי פארשפּילט. דערצו ווען? — אַן אאוטסײַדער! ס׳איז געווען א בושע צו פאָרן אהיים, און ער איז אוועקגעפאָרן קיין סומי, דאָרטן איז אויך דאָ א צוקער-זאוואָד, נאָך א גרעסערער ווי אין טשערקאס.

שיר ניט פונעם ערשטן טאָג אָן איז יוליק געווען אין דער זעלבער יוגנט-קאָמפּאניע, וואָס איך. ניט צוליב מיר, פארשטייט זיך, נאָר צוליב איינער א פּאניטשקע מיט שאַרפע אייגעלעך, וואָס האָט געארבעט אין דער בוכהאלטעריע פונעם זאוואָד. לאַנג זיך פארנעמען אין סומי מיט שלאָסערײַ איז אים ניט אויסגעקומען. אינגיכן האָט מען אים ארויסגערוקט ארבעטן אלס סעקרעטאַר פון סומער געזערד-אָפּטיילונג. אָט דאַן האָט ער גענומען אָפּט ארײַנצוקומען צו מיר אין רעדאקציע און מאמעש מיך פארשאָטן מיט נאָטיצן וועגן דער רעאליזאציע פון בילעטן פון דער אלפארבאנדישער געזערד-לאָטעריי. ס׳איז געווען אומעגלעך פון אים זיך ארויסצודרייען, ווי גלײַך קיין וויכטיקערע געשעענישן זײַנען גאָר אף דער וועלט ניטאָ! נאָר אינגיכן בין איך אוועקגעפאָרן פון סומי.

אין יענע יאָרן האָבן אין די קרימער סטעפּעס זיך באוויזן ייִדן — איבערוואנדערער. אין סאראבוז לעבן דזשאנקאָי איז אופגעקומען א נאציאָנאלער ייִדישער דאָרפראט. א טײַערער פאר מיר, באזונדערס. פאָרזיצער איז דאָרט געווען מײַן שווער יויסעף גראָסמאַן. א יאָדערדיקער געזונטער ייִד מיט א ברייט פּאָנעם און א קײַלעכדיקער געלער באָרד. א האָרעפּאשניק, וואָס האָט אַלץ ליב געהאט צו טאָן מיט די אייגענע הענט. אין זײַן היימשטעטל, זווניגאָראָדקע, איז ער געווען אַן אקטיווער געזערדאָוועץ, און דאָס איז ער אייגנטלעך געווען דער איניציאַטאָר פון אריבערפאָרן קיין קרים. אפן פּאָסטן פון דאָרפראט-פּאָרזיצער האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ער פארמאָגט אדמיניסטראטיוון טאלאנט, און אין סאראבוז האָט מען אים זייער געשעצט. דאָ טאקע, אין סאראבוז, איז געבאָרן געוואָרן זײַן אייניקל און מײַן זון סימאָן.

...אין איינעם א טאָג אָנהייב דרײַסיקער יאָרן האָט אין מײַן צימער אין דער רעדאקציע פון „קראסני קרים" זיך געעפנט די טיר און אף דער שוועל האָט זיך באוויזן יוליק ראָזענשטיין. וועגן סימפעראָפּאָל זאָגט מען, אז דאָס זײַנען די „טויערן פון קרים", פאָרט מען אף א קוראָרט און צוריק פון קוראָרט — סימפעראָפּאָל איז שווער אויסצומײַדן. האָב איך טאקע א טראכט געטאָן, אז ראָזענשטיין, ווי מען כ׳האָב שוין פון אויג פארלוירן, איז דאָ אונטערוועגנס. ס׳האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן, אז ער איז געקומען אהער אף שטענדיק, דער געזערד האָט אים געשיקט אף ארבעט אין פרײַדאָרפער ראיאָן.

— דער סעקרעטאַר פון ראיקאָם פרעגט מיך: „וואָס קאָנסט איך טאָן?" — דערציילט יולי. — אַלץ, ענטפער איך, וואָס די פּארטיי וועט באפעלן, קאָן איך טאָן. דאַן פרעגט ער נאָך א פראגע: „צי אָהב איך עפּעס אַן אונונג אין פינאנציעלע זאכן?" איך האָב געהאט אמאָל ניט קיין גרויסע סומע געלט אין שפּאָרקאסע. „נו, אויב אזוי, זאָגט דער סעקרעטאַר, וועסטו זײַן דער פארוואלטער פון דער שפּאָרקאסע. גיי און נעם איבער די איניאָנים".

און אָט איז די רעדאקציע פארשאָטן געוואָרן מיט א מאָנבלאָן אינפאָרמאציעס פון פרײַדאָרפער ראיאָן. און אַלץ וועגן שאָך. נאָטיצן וועגן די דערפאָלגן פון די ראיאָנישע שאכמאטיסטן, וועגן קרײַזלעך אין די קלובן און אין די שולן, באגעגענישן מיט געקומענע שאכמאטיסטן, טורנירן, סעאנסן — אומעטום שאָך, און אַן עק! און גיי דרוק דאָס אַלץ... ווי כ׳האָב געקאָנט, האָב איך זיך אויסגעדרייט דערפון.

יוליקס באמיִונגען זײַנען ניט געגאנגען לעיבעד. אין סענטיאבער 1931 יאָר האָט מען אים אײַנגעלאדן צו שפּילן אין קרימער שאָך-טשעמפּיאָנאט. אָבער וואָס זאָל ער טאָן? אָן א דערלויבעניש קאָן ער ניט איבערלאָזן זײַן שפּארקאסע, און דער סעקרעטאַר פון

ראַיקאָם סאָלאָגוב וויל אַפילע ניט הערן וועגן אָפּלאָזן אים אין סימפעראָפּאָל. „אין שאַשקעלעך האָט זיך דיר פאַרגלוסט שפּילן? עס פעלט דיר אַרבעט?"

ראָזענשטיין האָט געפונען אַן אויסוועג. ער האָט אָנשטאָט זיך איבערגעלאָזט זײַן שטעלפאַרטרעטער און אים שטרענג אָנגעזאָגט: טאָמער פרעגט מען בא אים, ווו איז ראָזענשטיין, איז דער ענטפער — אָוועקגעפאָרן אַף רעוויזיעס אין ראַיאָן. און פאַרנאַכט האָט דער שאַכמאַטיסט אַוועקגעטיאָפּעט אַ קילאָמעטער דרײַסיק צופוס קיין יעווּפּאַטאָריע, קעדיי צו באַווײַזן אַפן סימפעראָפּאָליער צוג. געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט, אָפּשטעלנדיק זיך אַלע האַלבע שאָ, קעדיי רייניקן די שיך פון בלאָטע. ווי אַפּצולאָכעס איז געגאַנגען אַ גוסרעגן.

אַן אויסגעווייקטער, אַ פאַרשמירטער, שטעלט ער זיך אַרײַן אין רעדאַקציע און פאַלט מיר שיר ניט צו די פיס:

— האָב ראַכמאָנעס, ראַטעווע מיך, שרײַב ניט אין צײַטונג מײַן פאַמיליע, טאָמער דערוויסט זיך סאָלאָגוב, אַז איך בין אַפן טורניר, וועט ער מיך דוירעס זײַן...

דער טורניר האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ טריומף. מײַן יוליק האָט פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט. נאָר אייניצײַטיק האָט ער געקראָגן אַן אויסרייד דערפאַר, וואָס ער איז אַוועקגעפאָרן פון שפּאָרקאַסע אָן אַ דערלויבעניש. איינגיכן האָט זיך דער פרײַדאָרפער ראַיאָן באַפרײַט פונעם פאַרקאָכטן שאַכמאַטיסט, מע האָט אים אַריבערגעפירט קיין סטאַרי קרים, אַפילע אַף אַ העכערער שטעלע. ער איז געוואָרן דער איניאַנים-פאַרוואַלטער פונעם שטאָטישן פאַרטיי-קאָמיטעט. כ'האָב געציטערט, ס'וועלן אַף מיר ווידער אַ פלייץ טאָן זײַנע אַרטיקלען וועגן שאַך. נאָר ס'גייט דורך אַ וואָך, די צווייטע, און ס'איז שטיל. כ'האָב געמיינט, ער איז קראַנק געוואָרן· איך פרעג זיך אָן. ניין, ענטפערט ער, ער איז פריש און געזונט, אָבער דאָ איז דיר ניט קיין שפּאָרקאַסע, עס קלעקט אַרבעט. אָבער די שאָכשפּיל האָט יוליק ניט פאַרוואָרפן, און שפּעטער, אין יאָרן אַרום, האָט יוליק אין לענינגראַד, ווו ער איז געווען דער שעף פון אַן אומבאַטײַט אַפן קיראָוו-זאַוואָד, טרענירט די שאַכמאַטיסטן פונעם באַרימטן גיגאַנט.

...און אין צײַטונג „קראַסני קרים" איז דערווײַל אַלץ געגאַנגען מיט זײַן סיידער. ס'איז געקומען די צײַט, און מע האָט מיך אַריבערגעפירט אַף אַ נײַער שטעלע. ווידער אין סעקרעטאַריאַט, אָבער שוין מיט גאָר אַנדערע פולמאַכטן. עמעס, ס'איז דאָ פאַראַן אַ פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר — אַ באַיאָרטער, גוטמיטיקער און קרענקלעכער מענטש, אָבער ער שוועבט אין די הימלען. ער פאַרנעמט זיך מיט אַלגעמיינע פראַגן — „פירט אָן". און עמעצער אין סעקרעטאַריאַט דאַרף דאָך אָבער מאַכן אויך די צײַטונג, אַ גרויסע טעגלעכע צײַטונג. אָט דער „עמעצער" בין איך געוואָרן.

ס'איז גוט באַוווּסט, ווי שווער ס'קומט אַמאָל אָן צו רעאַליזירן גוטע ווּנטשן. מיטן גוטן ווּנטש אַרויסצולאָזן די צײַטונג אָן אַ פאַרשפּעטיקונג הייבט זיך אָן יעדער טאָג אין רעדאַקציע, אָבער יעדן טאָג וואַרפט אונטער דער טאַסס אַ וואָרענונג: „וואַרט, ס'וועט אָנקומען דרינגענדיקער מאַטעריאַל פאַרן לויפנדיקן נומער". און דער מאַטעריאַל טאָר ווירקלעך ניט אָפּגעלייגט ווערן:

מ'האָט אונטערגעצונדן דעם רייכסטאַג.

ליטווינאָוו האָט זיך צונויפגערעדט מיט רוזוועלטן וועגן אײַנשטעלן באַציִונגען צווישן פסס"ר און די פאַרייניקטע שטאַטן.

אין פאַשיסטישן דײַטשלאַנד גייט דער אומגערעכטער מישפּעט איבער געאָרגי דימיטראָוון און זײַנע דרײַ כאַווײרים.

דער מאַטש באָטווינניק — סאַלאָ פלאָר האָט זיך פאַרענדיקט מיט רעמי.

דעם 26 דעקאַבער 1933 איז אין פראַנקרײַך פון אַ האַרץ-קראַנקײַט געשטאָרבן אַנאַטאָלי וואַסיליעוויטש לונאַטשאַרסקי.

די לעווײַע פון די העלדן פון דער סטראַטאָספער פעדאָסייענקאָ, וואַסענקאָ, אוסיסקין.

דעם 16 פעוראַל 1934 איז פון אַ לונגען-אָנצינדונג געשטאָרבן דער סאָוועטישער דיכטער עדואַרד באַגריצקי.

אין לענינגראַד האָט מען דערמאָרדעט קיראָוון...

ס'איז צוויי אָדער דרײַ אַזייגער באַנאַכט. ס'שוין לאַנג צײַט אָנצוהייבן דרוקן די צײַטונג. נאָר אין טיפּאָגראַפיע גייט נאָך די ווערסטקע. דער פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר זיצט בא זײַן טיש. ער קוקט מיט מידע אויגן און מאַכט צו מיר מיט אַ ראַכמאָנעס-שמייכל:

— דאַכט זיך, אַז הײַנט האָב איך שוין דאָ מער ניט וואָס צו טאָן... זײַ אַזוי גוט, ענדיק דאָ אַרויס אַלץ... האַ?

ער איז אַן עלטערער און אַ קראַנקער מענטש. דו ביסט יונג און געזונט, ווער זשע דאַרף אַרויסענדיקן דעם נומער?

אַנומלטן איז אין רעדאַקציע אָנגעקומען אַ נײַער מיטאַרבעטער, אַ מאָסקווער טויִשעוו — איוואַן סטאָליאַראָוו. פּערזענלעכע אומשטענדן האָבן אים געצוווּנגען צײַטווײַליק אוועקפֿאָרן פֿון מאָסקווע. אַן אויסגעצייכנטער צײַטונגס-טוער, האָט ער געבראַכט מיט זיך באַהאַווּנטקײַט און געשמאַק. ער איז געווען בײַ אונדז צוויי יאָר, און מיר האָבן זיך זייער באַפֿרײַנדעט. פֿאַרן סאַמע אוועקפֿאָרן פֿון סימפֿעראָפּאָל פֿרעגט ער מיך, צי וויל איך ניט אַריבערקלײַבן זיך אין דער הויפּטשטאָט? ער קען מיך רעקאָמענדירן אין דער צײַטונג «За коммунистическое просвещение» („פֿאַר קאָמוניסטישער בילדונג").

— אַ גוטע צײַטונג, ווילע מענטשן, איך בין איבערצײַגט, אַז אײַך וועט דאָרטן געפֿעלן ווערן.

שטורעם-ברוך

דער צײַטונגס-טוער, וועלכן מע האָט אײַנגעלאַדן אין דער הויפּט-שטאָט, איז ניט דאָס ערשטע מאָל אין מאָסקווע, ער איז שוין דאָ געווען און אַפֿילע באַגעגנט דאָס נײַע, 1929 יאָר. יענער ערשטער באַזוך האָט פֿאַרשטאַרקט דאָס געפֿיל פֿון קינע, וואָס האָט זיך שוין פֿון לאַנג באַוויזן און באַזונדערס געגעבן וועגן זיך צו וויסן אין יאַלטע, אין אָפּרו-הויז „זשורנאַליסט", ווו דער פּראָווינציאַל איז געווען שיִר ניט איינער אַזאַ צווישן די מאָסקווער און לענינגראַדער „עמעסע" זשורנאַליסטן, וועלכע האָבן, עמעס, גענומען דעם אָנפֿאַנגער אונטער זייער שוץ. אַ שאָכן אין פּאַלאַטע, וועלכער האָט שטאָלץ זיך גערופֿן רעפּאָרטיאָר, האָט דערציילט פּראָטים פֿון הויפּט-שטאָטישן שטייגער. אין מאָסקווע, ווײַזט זיך אַרויס, גיט מען אַ קאָנטראַמאַרקע אין טעאַטער אויף צוויי פּערזאָן אווטאָמאַטיש, מע דאַרף אַפֿילע ניט בעטן... אָבער ביכלאַל איז דאָרט דאָס לעבן מוירעדיק טײַער. גייסט אַרויס מיטן ווײַב אײַנאָוונט אַ שפּאַציר טאָן אויף דער גאָרקי-גאַס, האָלטסטו אין איין אויסגעבן געלט. קינאָ, אײַזקרעם, דאָס, יענץ — קוקסט זיך אַרום, און קיין רובל איז שוין ניטאָ!...

און אָט איז זי, מאָסקווע! 1935 יאָר. סענטיאַבער. די רעדאַקציע פֿון דער צײַטונג „זאַ קאָמוניסטיטשעסקאָיע פּראָסוועשטשעניע" געפֿינט זיך אויף הערצען-גאַס. מע קען זאָגן, מאַמעש לעבן רויטן פּלאַץ. און דאָ באַלד — דער מעטראָפּאָליטען, אַ נײַנקער, ערשט פֿיר כאָדאָשים אַלט. און אָט איז די באַרימטע גאָרקי-גאַס. פֿאַרשטייט זיך, זי איז ניט אַזאַ, ווי זי האָט זיך פֿאַרגעדענקט פֿון די פֿאָטאָגראַפֿיעס און פֿון קינאָ, ניט פֿאַרפֿלייצט מיט מענטשן, ווי, לעמאָשל, דאַן, ווען מע האָט באַגעגנט די טשעליוסקינצעס. אָבער זי איז סײַווי איבעראַשנדיק. עס גלייבט זיך ניט, אַז דאָס גיי איך איבער דער הויפּט-גאַס.

די נײַע רעדאַקציע האָט מיך אויפֿגענומען וואַרעם. מע האָט באַלד געגעבן אַ דירע. עמעס, ניט אין סאַמע שטאָט, נאָר אין כימקי, אין אַ קליינער דאַטשקע, וווּהין די מיטאַרבעטער פֿאָרן אַרויס אויף זומער. און עס מאַכט ניט אויס, וואָס מע דאַרף אַהין צוערשט זיך דערקלײַבן מיטן צוג, דערנאָך שפּאַנען אין די האַרבסטיקע בלאָטעס, דערפֿאַר האָסטו אין דײַן רעשוס פֿיר צימערלעך, צוויי טעראַסקעס, אַ זומער-בעטל און צוויי טאַבורעטקעס. און דערצו נאָך אַ גרויסע קאָכלנע הרובע. הייץ און וואַרעם זיך, וויפֿל דײַן האַרץ גלוסט.

אָבער דעריקער — אַ באַזונדערער קאַבינעט אויף הערצען-גאַס. דער ערשטער אין לעבן פּערזענלעכער קאַבינעט מיט אַ פּערזענלעכן טעלעפֿאָן. דער נאָמען פֿון דער שטעלע קלינגט שטאָלץ. „פֿאַרוואַלטער פֿון דער רעדאַקציע". אָבער מיט וואָס פֿאַרוואַלטן — איז ניט אינגאַנצן פֿאַרשטענדלעך, ניט געקוקט אויפֿן גענויעם אינסטרוקטאַזש פֿון דעם פֿאַראַנטוואָרטלעכן סעקרעטאַר אַבראַם קורטיק. דאָ איז אַלץ פֿאַר מיר נײַ. און דאָס לעבן גייט דאָ צו שטיל. זעקס אײַנאָוונט איז שוין די רעדאַקציע אויפֿן שלאָס. נאָר דער דעזשורנע קלינגט זיך פֿוילבלעך איבער מיט דער טיפּאָגראַפֿיע וואָס געפֿינט זיך ערגעץ אין אויסרײַסעניש אַזוי אַז דער קוריערשע דערלאַנג אַ מאַשין. דאָס אַלץ זעט מיר אויס פֿרעמדלעך נאָך פֿינף יאָר אין „קראַסני קרים", ווו דאָס לעבן פֿלעגט זיך אָנהייבן עלף אַזייגער אינדערפֿרי, קעדיי זיך פֿאַרענדיקן פֿינף-זעקס-זיבן אינדערפֿרי, שוין דעם אַנדערן טאָג.

יאָ... דאָ, אין מאָסקווע, איז אַלץ אַנדערש. און ווען איך האָב, מאַטערנדיק זיך פֿון לאַנגווײַל, זיך פֿאַרקלאָגט, אַז ס'איז מיר, הייסט עס, אומבאַקוועם צו שטעקן אין אַ באַזונדערן קאַבינעט און פֿוסטעפּאַסעווען, האָט קורטיק מיך באַרויִקט:

— װעמעס אײסעק איז עס, װאָס איר טוט דאָרטן? — און גוטמוטיק צוגעגעבן: — זאָרגט ניט, איר װעט זיך צוקוקן, װעט זיך געפינען ארבעט אױך.

און אינדערעמעסן אינגיכן, בין איך אױסגעלײזט געװאָרן פון דעם לאַנגװײַליקן פאַרװאַלטן מיט דער רעדאקציע. ס'האָבן זיך געפונען מער לעבעדיקע ארבעטן.

די סעסיע פון אַלפאַרבאַנדישן צענטראַלן אױספיר-קאָמיטעט װעט אױסהערן א פאָרטראָג װעגן דער אנטװיקלונג פון דער פאָלקס-בילדונג אין דער יאַקוטישער אױטאָנאָמער רעפּובליק און דער באַלעבאָס פונעם פערזענלעכן קאַבינעט באַקומט א קאָנקרעטע אױפגאַבע — צוגרײטן א צײַטונג-זײַט װעגן יאַקוטיע. איך נעם זיך צו דער ארבעט, און בעסער צי ערגער, נאָר דער מאַטעריאַל איז פאַרטיק צו דער צײַט. אָבער ס'קומען אױף נײַע אידייען. אָט אזא, לעמאָשל: זאָל יעדער דעפּוטאַט, קומענדיק אינדערפרי אַף דער זיצונג אין גרױסן קרעמל-פּאַלאַץ, טרעפן אַף זײַן בענקל א פרישן נומער פון אונדזער צײַטונג מיט דעם אָפּגעדרוקטן מאַטעריאַל װעגן יאַקוטיע. דאָס װעט דאָך זײַן אױסגעצײכנט. אַבראַם קורטיק און אַפילע אַלײן דער רעדאַקטאָר זשעבראָװסקי זײַנען מסכים, אַז ס'װעט טאַקע זײַן אױסגעצײכנט: טוט אזױ.

איצט איז דאָס שױן אַן ערן-אױפגאַבע. מיט גרױס מי האָבן מיר אײַנגעבעטן די קאָמענדאַטור פון קרעמל אײַנגײן דערױף. אָבער מיר װעלן זיך מיט אײַך ניט פאַרנעמען, — האָט מען אונדז געזאָגט, — קומט צו פאָרן און לײגט אַלײן פאַנאַנדער אײַערע צײַטונגען כאָטש אַף אַלע טױזנט ערטער...

מיטן גרעסטן קאָװעד!.. אין דעם באַשטימטן טאָג, גאַנצפרי, אײדער עס האָט זיך אָנגעהױבן די זיצונג, האָט באַם ארײַנגאַנג אין גרױסן קרעמל-פּאַלאַץ זיך אָפּגעשטעלט די צעפאָרענע רעדאקציע-מאַשין. אײן מענטשן איז שװער זיך ספּראַװען מיט אזא באַרג צײַטונגען. עס העלפן די װאַכלײַט. מיר טראָגן צוזאַמען ארױף די צײַטונגען אַף די מירמלנע טרעפּ פונעם פּאַלאַץ, גײען דורך דורך די היסטאָרישע פּאַלאַטעס — אין יענע צײַטן איז אַהער א פּאָשעטן מענטשן געװען שװער צוצוקומען, — און אָט איז דער זיצונג-זאַל. אַלע אײנײנעם הײבן מיר אָן פאַנאַנדערלײגן די צײַטונגען. אַף יעדער דעפּוטאַטן-אָרט א צײַטונג. דערנאָך פרײען מיר זיך מיטן בילד, װאָס מיר זעען פונעם באַלקאָן און פון דער פּרעסע-לאָזשע: דער ריזיקער זאַל איז װי מיט א לײַלעך פאַרשפּרײט — קײנער איז ניט געבליבן גלײַכגילטיק צו אונדזער מאַטאָנע. מע הערט ניט דעם פאָרטרעגער, אַלע לײענען זײַן אַרטיקל װעגן די דערפאָלגן פון דער בילדונג אינעם אַמאָליקן פאַרװאָרפענעם העק פון צאַרישן רוסלאַנד, װעלכער האָט געצײלט אינגאַנצן פינף און צװאַנציק מענטשן מיט הױכבילדונג.

עמעצער אין לאָזשע איז דערצאָרנט:

— װעמען איז דאָס אײַנגעפאַלן אָט די אידיאָטישע אידײ צו פאַרמיסטיקן דעם זאַל מיט צײַטונגען?

ניט אַנדערש, דאָס האָט א צײַטונגס-טוער א זאָג געטאָן. אױס אײפּערזוכט. די גלענצנדיק דורכגעפירטע אָפּעראַציע „דער גרױסער קרעמל-פּאַלאַץ" איז װירדיק אָפּגעשאַצט. און דאָס האָט זי געװיס געעפנט פאַר מיר דעם װעג צו א העכערן ראַנג. איך װער פאַרװאַלטער פונעם בריװ-אָפּטײל. קאָמאַנדעװע מיט א גאַנצן שטאַט — אכט מײדלעך. ארבעט קלעקט. אכט מײדלעך זיצן אין א גרױסן צימער און ארבעטן אָן אױפהער: עפענען קאָנװערטן, סאָרטירן בריװ, רעגיסטרירן. װיכטיקע בריװ װערן ארײַנגעלײגט אין דער פּאַפּקע „פאַר דעם פאַרװאַלטער פון אָפּטײל". מיט זײ װעט ער זיך אַלײן באַשעפטיקן: „פאָרלײגן צו פאַרעפנטלעכן אין צײַטונג אָדער אָנעמען מיטלען — קלינגען, שרײַבן. און האָסט גרױס באַפרידיקונג, װען עס געלינגט דיר אױפטאָן עפּעס גוטס פאַר עמעצן.

אין יאַנואַר 1937 יאָר בין איך אריבער ארבעטן אין «Красная Звезда» („רױטער שטערן"). ס'איז ברײט באַװוּסט, װי פּאָפּולער עס איז די צענטראַלע אַרמײיִשע צײַטונג ניט בלױז באַם מיליטערישן לײענער. דעם ארבעט-ריטם פון דער נײַער רעדאקציע האָב איך דערפילט פון די ערשטע טריט.

דעם טאָן האָט דאָ פאָרגעגעבן איליא פּעקערמאַן, דער פאַראַנטװאָרטלעכער סעקרעטאַר. אַן ענערגישער מענטש פון ניט הױכן װוּקס. אַף זײַן פּאָנעם, האָט זיך געדוכט, שװעבט קעסײדער אַן איראָנישער שמײכל, װאָס גיט פאַרטרױלעך צו װיסן: „מיך, ברודערל, װעסטו מיט גאָרנישט ניט פאַרװוּנדערן...". אַן עכטער צײַטונגס-מענטש. זײער א דערפינדערישער, האָט אױסגעצײכנט געװוּסט דאָס לעבן פון דער אַרמײ און געהאַט גרױס אױטאָריטעט אױך באַ די מיטאַרבעטער פון דער צײַטונג, װאָס האָבן געטראָגן װאָגיקערע מיליטער-צײכנס, װי זײַן שפּאַלע — אין יענע צײַטן האָט ער אַנטשפּרעכט דעם ראַנג פון אַן

„עלטערן פּאַליטרוק“. אין אָנהייב פון דער מילכאָמע האָט פּעקערמאַן זיך אָפּגעגעבן אַפן פראָנט, און ביזן סאַמע ניצאָכן געווען דער רעדאַקטאָר פון אַן אַרמייִשער צײַטונג. עמעס, פיר מאָל איז אים אויסגעקומען מאַכן איבערײַסן. געהיילט די ווונדן.

דאָס אָרט, אַף וועלכן איליאַ האָט מיך באַשטימט, האָט געהאַט אַ באַשיידענעם נאָמען, ווײַט פון דער מיליטערישער ספּעציפיק: „ליטעראַרישער מיטאַרבעטער פונעם אָפּטייל פון קולטור און שטייגער“. און ווי עס פירט זיך אין אַ צײַטונג: כ'האָב ניט באַוויזן זיך אַרומקוקן, ווי איך בין שוין פאַרוואַלגערט מיט אַרבעט.

עס בויט זיך דער צענטראַלער טעאַטער פון דער רויטער אַרמיי. אַ פּאָמפּעזע געבײַדע. אַ נײַ וואָרט אין דער אַרכיטעקטור. די צײַטונג באַלויכט סיסטעמאַטיש און גענוי די בויונג. און דאָס איז מײַן זאַך — פירן די דאָזיקע בויונג. דערבײַ דאַרפסטו קענען אויסמײַדן „שאַרפע ווינקלען“ אין דירעקטן זין פון די דאָזיקע ווערטער. אין וואָס באַשטייט די נײַקײַט פון דער דאָזיקער אַרכיטעקטור? אין דעם, וואָס עמעצן האָט זיך פאַרוואָלט, די געבײַדע זאָל האָבן פינף ווינקלען און זאָל אויסזען אין פּלאַן ווי אַ פינפעקיקער שטערן. עמעס, דערזען דעם דאָזיקן אידייִש-אויסגעהאַלטענעם קאָנטור קאָנען בלויז פייגל. נאָר דער פּראָיעקט איז באַשטעטיקט, קיין וועג אַף צוריק איז ניטאָ. און דער אַרכיטעקטאָר סימבירצעוו ברעכט איצט דעם קאָפּ אַף דעם, ווי זאָל ער אַרײַנבויען אין די שפּיצן פון דעם דאָזיקן שטערן די טרעפּ-מאַרשן. דער טאַלאַנטפולער אַרכיטעקטאָר האָט עס טאַקע ניט דערגרייכט.

ס'איז אַוועק ניט קיין סאַך צײַט נאָך דעם, ווי מע האָט פאַרענדיקט די בויונג, און די געבײַדע פונעם נײַעם טעאַטער איז געוואָרן אונדזער היים. אין יול 1941 יאָר, ווען אַף מאָסקווע האָבן זיך אַ שאָט געטאָן באָמבעס און צינד-סנאַריאַדן, האָט די „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ“ געפונען אַ מאָקעם-מיקלעט אין די גרויסע טעאַטער-פּאָדוואַלן. פאַר איין נאַכט האָט מען אײַנגעשלאָסן די טעלעפאָנען, אַריבערגעפירט פון קליין-דמיטראָווקע די טישן, די שרײַבמאַשינקעס, די לינאָטיפּן און צוזאַמען מיטן איבעריקן האָב-און-גוטס אויך צונויפפלייג-בעטלעך. מיר אַלע האָבן זיך געפונען אין קאַזאַרמע-צושטאַנד. איצט, ווען ס'וועט זײַן אַ לופט-אַליאַרעם, וועט מען שוין ניט דאַרפן וואַרפן די אַרבעט און גיין אין באָמבעבאַהעלטעניש.

אַ טיפן שפּור אין זיקאָרן האָט איבערגעלאָזט נאָך איין מאָסקווער בויונג פון די פאַרמילכאָמע-יאָרן — דער קאַנאַל וואָלגע—מאָסקווע. יאָרצענדליקער זײַנען דורך, נאָר איך קאָן ניט זײַן גלײַכגילטיק אויך הײַנט, בייס איך זע דעם גרויסאַרטיקן כימקער טײַך-וואָקזאַל. ער הויכט זיך איבערן וואַסער-שפּיגל, ווי אַ שיף מיט דעם מאַסטבוים-שפּיץ. אין אָט דער בויונג געפינט זיך אַ טראָפּן אויך פון מײַן זשורנאַליסטישער מי.

— פאַר זשורנאַליסטן עלף דורכלאָז-שײַנען, קיין איינעם ניט מיר. זיי זאָלן ניט שטערן אַרבעטן. איך דאַרף טעסליערס, בעטאָנשטשיקעס, ערדגרעבער... די זשורנאַליסטן ווענדן נאָר אָפּ פון דער אַרבעט.

דער שעף פון דער בויונג, וועלכע האָט זיך צעשפּרייט אַף הונדערט אַכט און צוואַנציק קילאָמעטער, דער כאַוווער זשוק, אַ מענטש מיט דרײַ ראָמבן אַפן לאַץ, איז שטרענג און וועט מער קיין איין דורכלאָז-שײַן ניט געבן. אָבער „עלף גליקלעכע“ איז אויך גאַנץ גענוג. זיי היטן איינער דעם אַנדערן. די מײַסע איז, וואָס די בויונג גייט צו ענדע, עס דערנעענטערט זיך די סאַמע וויכטיקע געשעעניש — אָט-אָט, און קיין כימקי וועט קומען די ערשטע שיף און יעדערער פון אונדז טרוימט וועגן דעם, אַז זײַן צײַטונג זאָל די ערשטע אָנזאָגן אָט די נײַס. און זאָל דיך גאָט אויסהיטן פון פאַרשפּעטיקן.

עס האָט שיר ניט געטראָפן, אַז איך וואָלט דורכגעלאָזט אָט די נײַס, ווען די איניאָנים וואָלטן מיך גראָד אין יענעם טאָג, דעם 9 יול 1937, גאַנץ צופעליק ניט געבראַכט אַפן כימקער טײַך-וואָקזאַל. איך גיי צו צום וואָקזאַל און גלייב ניט די אייגענע אויגן: בא דער וואַנט פון פּאָרט שטייט און שעמערירט מיט איר ווײַסקײַט אַ שיינע שיף... דאָס איז איר ערשטע עקספּערימענטאַלע רײַזע. איך פריי זיך, וואָס מיר האָט אַזוי אָפּגעגליקט און שפּאַן מוטיק אַרויף אַפן נײַינקן טראַפּ. נאָר עפּעס אַ מאַזיק אַ ייִנגל מיט אַ רויט בענדל אַפן אַרבל שטעלט מיך אָפּ:

— אײַער בילעטיק?..

דאָס, וואָס איך האָב אַ דורכלאָז-שײַן, וועלכע אַליין זשוק האָט אַרויסגעגעבן, איז פאַרן יאַט גאָרנישט. פון הײַנטיקן טאָג אָן זײַנען אַלע דורכלאָז-צעטלען אַנולירט. אָט דאָרטן איז די קאַסע, זײַט מויכל, קויפט אַ בילעט.

יאָ, ריכטיק. הינטער א פּענצטערל האָט זיך באַזעצט די קאַסירשע, איר פּאָנעם איז פּונקט אַזוי יאָמטעוודיק, ווי בא דעם יאָט. ס'האָט מיר מיט נאָך א זאַך אָפּגעגליקט: לעבן דער קאַסע איז קיינער פון אונדזער צײַטונג-בראַנזשע ניטאָ. איך באַצאָל געלט און האַלט אין האַנט דעם היסטאָרישן בילעט פונעם ערשטן פּאַסאַזשיר!

...אַלרוסלענדישער צוזאַמענפאָר פון כירורגן. ער איז פאָרגעקומען אין כאַרקאָוו סאָף 1939 יאָר, אינגיכן נאָך די געשעענישן אָף כאַלכין-גאָל. ס'איז פאָרגעשטאַנען אויסציהערן אויך א פאָרטראָג וועגן מיליטערישער כירורגיע. און צווישן די פיל פאַרשטייער פון דער פּרעסע איז אויך געווען א קאָרעספּאָנדענט פון „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ”... מיט דעם פאָרטראָג טרעט אַרויס דער פּראָפעסאָר אַכוטין. אין ליופנדיקן נומער דאַרפן מיר דעם דאָזיקן פאָרטראָג דרוקן, און פאַר מיר איז איבערגעלאָזט געוואָרן דאָס מאָל זייער א סאָליד פּענצטערל — א גאַנצע זײַט! די זיצונג וועט זיך ענדיקן שפּעט אינאָוונט און דאַן וועל איך שוין ניט קאָנען אַריבעריאָגן די „פּראַוודאַ”, אונדזער הויפּט-קאָנקורענט. ס'איז דאָ איין אויסוועג: איבערגעבן אין רעדאַקציע טעלעפאָניש דעם נאָך ניט געלייענטן טעקסט. מיט אַכוטינען בין איך גוט באַקאַנט און דערריידן זיך מיט אים איז ניט שווער. ער רוקט אַרויס א טײַוולאָנישן פּלאַן:

— ס'וועט אײַך אויסקומען צו אַטאַקירן די דירע פון מײַנע עלטערן. אונטערן בעט אין א טשעמאָדאַן ליגט די קאָפּיע פונעם פאָרטראָג. פּאַרט אָף רימאַרסקע-גאַס, און אויב איר וועט געפינען די קאָפּיע, קאָנט איר זי נעמען. און דעריקער איז, מײַנע אַלטיטשקע זאָלן זײַן אין שטוב... און כ'בעט אײַך זייער, — האָט ער צוגעגעבן מיט אן אַנדער טאָן, — שרעקט זיי ניט שטאַרק איבער...

אָן א נעשאָמע לויף איך אַרײַן אין דער פרעמדער דירע, קריך אַרונטער אונטערן בעט און הייב אָן צו נישטערן אין פרעמדן טשעמאָדאַן. אין די אויגן פון די דערשראָקענע אַלטיטשקע זעסטו טאַקע אַפּאַנעמעסן אויס ווי א נאַליאָטשיק. אָבער כ'האָב קיין צײַט ניט אָף קיין לאַנגע דערקלערונגען, כ'דאַרף לויפן צום טעלעפאָן און נאָך ביזן אָנהייב פון דער אָוונט-זיצונג אָפּדיקטירן דער סטענאָגראַפיסטקע א גאַנצע זײַט. דערפאַר אָבער איז דאָס „פּענצטערל” אין דער צײַטונג פאַרפולט און מײַנע קאָלעגן צײַטונגס-טוער קאָנען מיר נאָר מעקאַנע זײַן.

...פון צײַט צו צײַט קומען פאַר קאָנקורסן פון דער מיליטערישער ליד. אָנטיילנעמען אין דער זשורי פון אַזא קאָנקורס גייט אויך אַרײַן אין די פליכטן פונעם אָפּטייל פון קולטור און שטייגער פון דער „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ”. גאַנצע טעג, פון אינדערפרי ביז באַנאַכט, הערסטו לידער, צענדליקער און צענדליקער לידער. ס'טרעפט, אַז א ליד ווערט געבאָרן טאַקע דאָ, אין אונדזער הויז אָף קליין-דמיטראָווקע, ווו עס זײַנען אָפטע געסט די קאָמפּאָזיטאָרן מאַטוויי בלאַנטער, די ברידער פּאָקראַס, יאַקאָוו ליסטאָוו, אַנאַטאָלי נאָוויקאָוו. דאַן נעמט זיך צונויף אין זיצונג-זאַל די גאַנצע רעדאַקציע. טאַקע דאָ, אין אָט דעם זאַל, איז צום ערשטן מאָל געזונגען געוואָרן בלאַנטערס „קאַטיושע”, וואָס איז שפּעטער באַוווסט געוואָרן אָף דער גאַנצער וועלט.

אין 1971 יאָר האָב איך געהערט די ליד אין פלאָרענציע, ווען ס'האָט זי געשפּילט א מענטש אָן אָרקעסטער. דער מוזיקאַנט איז געשטאַנען אָף א ווייניק באַלעבטן פּלאַץ, ער האָט געשפּילט אָף א טרומייט, צוגעקלונגען מיט גלעקלעך, וועלכע זײַנען געווען צוגעפּעסטיקט צו זײַנע עלנבויגנס און קני, גלעקלעך האָבן אויך אַרומגעכאַפּט, ווי א קראַנץ, זײַן אַנטבלויזטן קאָפּ. מיט דעם פוס, צו וועלכן ס'זײַנען ניט געווען צוגעבונדן קיין גלעקלעך, האָט ער געבראַכט אין באַוועגונג א גאַנצע „סיסטעם”, וועלכע איז געהאַנגען בא אים אָפן רוקן: א שטעקעלע האָט געקלאַפּט אין א פּײַקל, ס'האָבן געקלונגען ליטאַווראַס... אָף דער ערד איז געלעגן זײַן הוט. זעלטענע דורכגייער האָבן אַהין געוואָרפן קליינגעלט. און כ'האָב זיך דערמאָנט, ווי מיט דרײַ יאָרצענדליקער צוריק האָט אין יענעם ענגן זאַל פון אונדזער צײַטונג מאַטוויי בלאַנטער, אַקאָמפּאַנירנדיק זיך אַליין אָף אן אַלטינקער פּיאַנע, צום ערשטן מאָל פאַר אונדז אויסגעזונגען מיט זײַן ספּעציפישער שטים פון א קאָמפּאָזיטאָר די ליבהאַרציקע ליד „קאַטיושע”...

* * *

זונטיק. 22 יוני 1941 יאָר.

דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען האַלב עלף אינדערפרי. עס קלינגט איליע, די פרוי פון אונדזער מיטאַרבעטער רוווים מאָראַן. איך הער איר אומרויִקע שטים: „קומט

באלד אין רעדאקציע... ליא גער...". דאָס וואָרט „מילכאָמע" נעמט נאָך דער באַוווּסטזײַן ניט אויף, און זי ברענגט עס ארויס אף פראנצויזיש גאַר. אײַנגיכן האָבן אַלע מיטארבעטער פון דער צײַטונג, ווען מ'איז געלונגען אַנצוקלינגען, זיך פארזאמלט אין דעם הויז פון דער „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ" אף קליין-דמיטראָווקע. דאָ טאַקע האָבן מיר 12 אזייגער באַטאָג געהערט מאָלאָטאָווס ארויסטרעטונג.

ביז דעם טאָג האָט אָנגעפירט מיט דער רעדאקציע דער קאָרפּוס-קאָמיסאַר באַגאַט-קין. אַן אויסגעשפראָכענער מיליטערמאַן, וואָס איז געשטאַנען זייער ווײַט פונעם צײַטונג-וועזן. איצט האָט מען אים גלײַך געשיקט אין מיליטער, ווו ער איז, אָן ספּאָפעק, געווען צום אָרט, און מער האָבן מיר אים ניט געזען. פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ" איז געוואָרן זײַן שטעלפאַרטרעטער, דער דיוויזיע-קאָמיסאַר דאַוויד יאָסיפאָוויטש אָרטענבערג. די צײַטונג האָט ער אונטערגעשריבן „ד. וואַדימאָוו" — לויטן נאָמען פון זײַן זון, וועלכן מע האָט גערופן וואַדים. די מעטאַמאָרפאָזע האָט זיך דערקלערט גאַנץ פּאָשעט: ניט צוּוואַרפן געבעלסן קיין איבעריקע שפּײַז.

אָרטענבערג האָט זיך שוין אויסגעצייכנט ווי א באַגאַבטער רעדאַקטאָר בײַס די שלאַכטן אף כאַלכין-גאָל און דערנאָך אין דער „קליינער מילכאָמע" מיט די ווײַספינען אין 1940 יאָר. פאַר דער קורצער צײַט, וואָס ער איז געווען דער שטעלפאַרטרעטער פון דער צײַטונג, האָבן מיר אים גאַנץ גוט דערקענט. און מיר האָבן געוווּסט, וואָס פאַר א פײַערדיקע ענערגיע דער מענטש פאַרמאָגט — איצט האָט זי זיך אַנטפּלעקט אין איר גאַנצער קראַפט.

גרייטנדיק דעם ערשטן מילכאָמע-נומער פון דער צײַטונג, האָבן מיר מיט פּיאָטער קאָרזינקינען אײַנגעלאַדן אין רעדאַקציע א ריי מאָסקווער שרײַבער און געבעטן זיי שרײַבן מאַטעריאַלן פאַר אונדז. יעווגעני גאַברילאָוויטשן האָבן מיר באַופטראָגט אָנצושרײַבן א רעפּאָרטאַזש, ווי מע האָט באַגלייט אפן פראָנט א פאַרבינדלער-פּאָלק. דעם מאַטעריאַל האָט מען פּלאַנירט אין נומער. די שרײַבער זײַנען ארויס פון אונדזער ענג צימערל, און מיר האָבן זיך גענומען צו אַנדערע איניאַנים, זיך „אוועקגעזעצט" אפן טעלעפאָן. מיטאַמאָל קומט צו לויפן דעם רעדאַקטאָרס סעקרעטאַרשע וועראָניקאַ מייעראָוויטש.

— איר הענגט דאָ מאַמעש אף די טעלעפאָנען, מע קאָן זיך צו אײַך ניט דערקלינגען... אונדז האָט מען ערשט אָנגעקלונגען, אז אין די סאָקאָלניקער קאַזאַרמעס האָט מען פאַרהאַלטן גאַברילאָוויטשן! ווי א שפּיאָן...

מע האָט אים טאַקע אָנגענומען פאַר א פרעמדן. שולדיק איז געווען זײַן עקסטראַוואַגאַנטער אָנצוג. קאָרזינקין איז אַוועקגעלאָפן אויסלייזן דעם „שפּיאָן", און איך האָב ווײַטער זיך גענומען קלינגען אין טעלעפאָן, קעדיי קריגן לידער פאַרן נומער. נאָר אין יענעם זונטיקדיקן טאָג איז מיר ניט געלונגען צו געפינען קיינעם פון די פּאָעטן, וועלכע מיר אין רעדאַקציע האָבן געהאַלטן פאַר „וואָרטפּולע". ענדלעך נעמט דאָס טרײַבל לעבעדיעוו-קומאַטש. ער איז צופרידן, צו אים האָט די „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ" זיך ניט אָפּגעווענדט... שוין אפן אַנדערן טאָג, גאַנצפרי, האָט דער פּאָעט דורכן טעלעפאָן איבערגעגעבן דעם טעקסט פון א ליד. מיר לייענען. ניט אַלץ, דעם עמעס געזאָגט, געפעלט אין דער ליד, נאָר וואָס טאָן! קיין אַנדערע, וועלכע זאָל פּאַסן פאַר דעם מאָמענט, איז ניטאָ. און די צײַטונג וואָרסטעוועט מען שוין. איז די ליד אוועק אין זאַץ.

מיר האָבן פאַרעבענדעוועט און שיר זיך ניט שטאַרק אָפּגענאַרט! ווער האָט געקאָנט פאָרויסזען, אז אָט דער ליד איז באַשערט צו ווערן לעגענדאַריש. דאָס איז געווען די ליד «Священная война» — די „הייליקע מילכאָמע". די מוזיק צו איר האָט אָנגעשריבן דער באַרימטער קאָמפּאָזיטאָר באָריס אַלעקסאַנדראָוו.

אין מעשעך פון דער גאַנצער מילכאָמע האָב איך געאַרבעט אין „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ" און בין געווען צוגעשמידט צו מאָסקווע איבער דעם, וואָס פון קינדווײַז אָן האָב איך געהאַט א קראַנקן פוס. אָרטענבערג האָט מיך בעשום-אויפן ניט געוואָלט לאָזן אפן פראָנט. און אויב ער האָט שוין יאָ אַמאָל געלאָזט, איז ניט ווײַטער ווי אין א הינטער-עשעלאָן. ס'וועט אויסקומען לויפן, — פלעגט ער זאָגן, — אפן פראָנט טרעפן אויך אַזעלכע זאַכן, און איר וועט ניט קאָנען. מע וועט אײַך נעמען אין געפאַנגענשאַפט. און די דײַטשן וועלן נעמען שרײַען איבער גאָר דער וועלט: אָט, הייסט עס, צו וואָס די באָלשעוויקעס האָבן דערלעבט, זיי שיקן שוין אף דער מילכאָמע הינקעדיקע קאַליקעס...".

פונדעסטוועגן פלעגט מיר געלינגען אים אָפּנאַרן, אויסטראַכטנדיק, צום בײַשפּיל, אז איך האָב באַקומען א סיגנאַל פון א פראָנט-שפּיטאָל. פראַגן פון מיליטעריש-סאַניטאַרער דינסט האָב איך באַדאַרפט באַלויכטן. דאָס האָב איך, מיסטאָמע, געהאַט צו פאַרדאַנקען די אַלטע

צײַטן, ווען איך בין געווען דער קאָרעספּאָנדענט אפן צוזאמענפאָר פון די כירורגן אין כאַרקאָוו.

לויט דער רעדאקציע-צײַגעניש בין איך דער „שטעלפארטרעטער פונעם שעף פון אינפאָרמאציע-אָפּטייל”, אליין דער שעף, איליא פעקערמאַן, איז פון די ערשטע מילכאָמע-טעג אפן פראָנט. אזוי אז איך פארטרעט אים טאקע פולשטענדיק. דערצו האָב איך נאָך אף זיך די פליכטן פונעם אָפּטייל פאר קולטור און שטייגער, ווו איך בין ביכלאל איינער אליין. אנדער ארבעט פעלט אויך ניט.

אָבער פריִער פון אלע „סאמע, סאמע” דרינגענדיקע איניאָנים ליגט אף מיר דאָס אָרגאניזירן דעם ליטעראַרישן מאטעריאל, די פארבינדונג מיט שרײַבער. מילכאָמע-צײַט האָט אין דער „קראסנאיא זוועזדא” זיך צונויפגענומען א שטערן-קראַנץ פון די בעסטע פאָרשטייער פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור — אָרטענבערג האָט געוווּסט, ווי צוציִען אונטער זײַנע פליגל דאָס שענסטע און בעסטע. ס'איז ניט ארויס, מיין איך, קיין איין צײַטונג-נומער, ווו עס זאָל ניט געווען שײַנען א שרײַבערשער נאָמען.

אלעקסיי טאָלסטאָי. מיכאַיל שאָלאָכאָוו. וואסילי גראָסמאַן. ווסעוואָלאָד איוואַנאָוו. אנדריי פּלאַטאָנאָוו. פּערעץ מארקיש. מיכאַיל סוועטלאָוו. וויקטאָר גוסיעוו. סעמיאָן קירסאַנאָוו. לעוו ניקולין. מיכאַיל גאָלאָדני. סאמויל מארשאַק. דעמיאַן בעדני. אדעלינא אדאַליס. קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו. אלעקסיי סורקאָוו. וואסילי איליענקאָוו. פּיאָטער פּאַוולענקאָ. גריגאָרי ריקלין. ניקאָלײַ אסייעוו. אלעקסאנדער קאָרנייטשוק. לעוו סלאַווין...

איליא ערענבורג... אף קליין-דמיטראָווקע, איצטער איז דאָס די טשעכאָוו-גאַס, ווו עס האָט זיך דעמלט געפונען אונדזער רעדאקציע, האָט ער זיך באַוויזן אפן דריטן אָדער פערטן טאָג פון דער מילכאָמע. ווי אָרטענבערג האָט פארגעדענקט, האָט איליא גריגאָריעוויטש אף דער פראגע, מיט וואָס קאָן ער זײַן נוצלעך אונדזער צײַטונג, געענטפערט: „איך בין, פארשטייט איר מיך, אן אלטער צייטונג-מענטש. איך וועל טאָן אלצדינג, וואָס א צײַטונג-מענטש דאַרף טאָן אף דער מילכאָמע. אָבער קוידעמקאָל וועל איך שרײַבן וועגן די נאַציסטן. בא אונדז ווייסט מען נאָך ניט ווי ס'געהער צו זײַן, וואָס זיי שטעלן מיט זיך פאָר. אלנפאלס, זייער א סאַך ווייסן עס ניט”.

אָרטענבערג האָט אים געבראַכט אין אונדזער ענג צימערל אפן דריטן שטאָק, אין וועלכן מיר זײַנען ביז איצט געזעסן זאלבעניאַנד מיט באָריס ראָזענצווײַגן. און דאָ האָט ערענבורג „פארבראַכט” גאַנצע טעג און אמאָל אויך נעכט. ער פלעגט הערן די געבעלסישע ראַדיאָ און, אופכאפנדיק עפּעס פּאַסיקס, זיך גלײַך אוועקזעצן קלאַפּן אף זײַן „קאָראָנע” — זײַן שרײַבמאַשינדל, וואָס איר שריפט איז באַשטאַנען פון הוילע גרויסהאַנטיקע אויסיעס. מע האָט געשמועסט, אז אזא שרײַבמאַשינדל איז איינס אין גאַנץ מאָסקווע. שוין צום סאָף פון דער מילכאָמע האָט עמעצער דערציילט, אז אין איינעם אַן אַנשטאַלט איז אָנגעקומען א בריוו פון עפּעס א הויכראַנגיקן גײַסטלעכן: דער בריוו איז ניט אַנדערש, ווי געווען אָפּגעדרוקט אף ערענבורגס שרײַבמאַשין, אף וויפל ס'איז באַוווּסט, אז קיין צווייטע אזא איז אין מאָסקווע ניטאָ. ערענבורג האָט געבעטן דורכקאָנטראָלירן אָט דעם קלאַנג, און וואָס זשע האָט זיך ארויסגעוויזן? ס'איז פונדעסטוועגן יאָ דאָ נאָך אזא מאַשינדל — אין מאָסקווער יעפּאַרכיע...

איז אָט, אף זײַן „קאָראָנע” פלעגט איליא גריגאָריעוויטש, ווי נאָר ער פלעגט אויסהערן די פאַשיסטישע ראַדיאָ, אויסקלאַפּן — מיט איין פינגער! — א קאָמענטאַר אף א צעטלער אָנדערהאַלבן, וועלכע אָרטענבערג פלעגט דאָ באַלד, ניט איבערדרוקנדיק זיי, אָפּשיקן אין דרוקערײַ.

בײַס די איבערײַסן פון דער דײַטשישער ראַדיאָ פלעגט ער זיך אוועקזעצן אפן דיוואַנטשיק בא אונדז אין צימערל און אָן אויפהער רייכערן זײַן ליולקע. קורץ פאר דער מילכאָמע איז ער געקומען פון שפּאַניע, ער האָט מיט זײַנע אויגן צוגעזען די טראַגעדיע פון פראַנקרײַך אין 1940, געזען, ווי די דײַטשן האָבן ארײַנמאַרשירט קיין פּאַריזש. אָבער וועגן די דאָזיקע געשעענישן האָט ער געערדט קנאַפּ. מער פון אלץ פלעגט ער דערציילן וועגן פארמילכאָמעדיקן פראַנקרײַך. ער האָט דאָס לאַנד דורכגעשפּאַנט אין דער לענג און אין דער ברייט און האָט וועגן דעם געקאָנט דערציילן שאָענווײַז.

עס דערהערט זיך א סיגנאל פון לופט-אליאַרעם. דער ווירטשאַפט-פארוואַלטער אָדעצקאָוו באַפוילט מיט זײַן הייזעריקלעכער שטים, מע זאָל גיין אין דער באָמבעבאַהעלטעניש. מיט אלעמען אינײנעם לאָזט זיך ערענבורג אראָפּ איבער די שמאָלע טרעפּלעך פון אונדזער ניט גאָר זיכערן קעלערל, וואָס איליא גריגאָריעוויטש האָט עס געקרוינט מיטן נאָמען „פאַראַכטונג צום טויט”. קיין געמיטלעכער דיוואַנטשיק שטייט

דאָ ניט, זעצט זיך ערענבורג צו אַף אַ באַנק, צופֿוסנס שטעלט ער אַוועק זײַן אײַביקע באַגלייטערן — די „קאַראַנע״ און זעצט פֿאַר צו דערציילן וועגן זײַנע רײַזעס און וואַנדערונגען איבער זײַן ליבן פֿראַנקרײַך.

נאָך דער מילכאָמע פֿלעג איך זיך אויך אַמאָל באַגעגענען מיט ערענבורגן. עס האָט זיך מיר באַזונדערס פֿאַרגעדענקט אַ לאַנגער שמועס בא אים אין שטוב, אַף גאָרקי-גאַס. דאָס איז געווען ערעוו דעם צוואַנציקסטן יאָרטאָג פֿון דעם ניצאָכן איבערן פֿאַשיזם. צו דער דאָזיקער דאַטע האָט באַדאַרפֿט דערשײַנען אַן אַרדנטלעכער באַנד פֿון «Литературное наследство»[1], געווידמעט דעם אַנטייל פֿון די שרײַבער אין דער מילכאָמע. איך האָב געדאַרפֿט צוגרייטן פֿאַר דעם באַנד אַ פּובליקאַציע וועגן ערענבורגן. כ׳האָב זיך געווענדט צו אים, און ער האָט מיר פֿאַרגעלייגט, איך זאָל דאָרטן געבן די סטענאָגראַמע פֿון זײַן אַרויסטרעטונג אַף סעמיאָן גודזענקאָס ערשטן שעפֿערישן אָוונט אין 1943 יאָר. אַט דעם טאַלאַנטפֿולן דיכטער האָט ערענבורג באַמערקט און מע קאָן זאָגן, געכאָוועט, ווען יענער איז נאָך געווען אַ יונגער רויטאַרמייער. כוץ דעם, האָט ער מיר רעקאָמענדירט פֿאַרעפֿנטלעכן עטלעכע בריוו פֿון זײַן קאָלאָסאַלער פּאָטשט בײַס די מילכאָמע-יאָרן, ער האָט דאָך באַקומען טויזנטער בריוו, און אַף דעם גרעסטן טייל פֿלעגט ער ענטפֿערן.

— דאָס איבערשרײַבן זיך מיטן פֿראָנט, — האָט ער מיר געזאָגט, — פֿלעגט אָפּנעמען זייער אַ סאַך צײַט, אַזויפֿיל, ווי אַף שרײַבן די אַרטיקלען. אַף בריוו, וואָס מע קריגט, דאַרף מען ענטפֿערן. און דאָס ווירקט דאַפֿקע גוט.

און ער האָט מיר געצייצעט, אַז איך זאָל אויסקלײַבן בא זײַן געוועזענער סעקרעטאַרשע וואַליע מילמאַן די בריוו, וועלכע וועלן מיר געפֿעלן ווערן.

אַקוראַט צונויפֿגעבונדענע מיט אַפּטייק-רעזינקעס פּעקלעך פֿראָנט-בריוו, פֿאַנאַנדערגעלייגטע לויטן אַלעפֿבייס, האָבן פֿאַרפֿולט צוויי ריזיקע קאָרבן אין וואַליע מילמאַנס קליין דירעלע. וואָס פֿאַר אַ בריוו איך נעם ניט, ווילט זיך מיר אים דרוקן. ניט אומזיסט האָט ערענבורג אַזוי הויך געשעצט די מילכאָמע-בריוו. אין 1943 יאָר האָט ער צוגעגרייט צום דרוק אַ בוך, וועלכן ער האָט אָנגערופֿן „הונדערט בריוו״. אין פֿאָרוואָרט האָט ער געשריבן: „כ׳האָב זיי אויסגעקליבן פֿון טויזנטער. ס׳האָט זיך מיר געדוכט, אַז זיי זײַנען די וויכטיקסטע, אַז זיי זאָגן איידעס וועגן גײַסט-צושטאַנד פֿון אונדזער פֿאָלק״. דאָס בוך איז דערשינען אין מאָסקווע אַף דער פֿראַנצויזישער שפּראַך, דערנאָך אויך אין פֿראַנקרײַך גופֿע. ס׳האָט געדאַרפֿט אַרויסגיין אויך אַף רוסיש, דער טעקסט איז שוין געווען אויסגעזעצט... נאָר פּונקט דעמלט איז אין „פּראַוודאַ״ דערשינען אַלעקסאַנדראָווס אַרטיקל „דער כאַווער ערענבורג פֿאַרײנפֿאַכט״. אין דעם זעלבן טאָג איז דאָס בוך אויסגעשלאָסן געוואָרן פֿונעם פֿאַרלאַג-פּלאַן. אין צוואַנציק יאָר אַרום האָט איליאַ גריגאָריעוויטש מיר איבערגעגעבן דאָס אויסגעזעצטע ניט דערשינענע בוך מיט די ווערטער:

— נעמט פֿונדאַנען, וואָס עס געפֿעלט אײַך.

און געפֿעלן איז מיר געוואָרן אַבסאָליוט אַלץ! נאָר דאָס אָרט איז געווען שטרענג באַגרענעצט, ס׳איז אַרײַן דאָס פֿאָרוואָרט — דרײַ פֿלאַמיקע זײַטלעך — און עטלעכע אָפּגעקלײַבענע אין די קאָרבן בריוו.

כאָטש ערענבורג האָט מיר געגעבן, ווי מע זאָגט, „קאַרט בלאַנש״, פֿונדעסטוועגן האָב איך געהאַלטן פֿאַר נייטיק, ער זאָל איבערלייענען דאָס, וואָס כ׳האָב צוגעגרייט אַף צו דרוקן. אין דער אָפּגערעדטער שאָ קום איך אַף דער גאָרקי-גאַס, ווי אַלעמאָל באַגעגנט מיך די שטענדיקע פֿרײַנטלעך-געשטימטע ליובאָוו מיכײַלאָוונע:

— נאָרוואָס האָט געקלונגען איליאַ גריגאָריעוויטש. ער בעט, איר זאָלט אים אַנטשולדיקן, וואָס ער פֿאַרשפּעטיקט, און אויב איר קענט, זאָלט איר צוואַרטן. ער וועט זײַן פֿון מינוט צו מינוט.

ער איז געקומען אַ פֿאַרסאָפּעטער זייער גיך. אַרײַנגעפֿירט מיך אין קאַבינעט, וווּ אַלע ווענט זײַנען פֿאַרשטעלט מיט סטעלאַזשן. דער שרײַבטיש איז אויך פֿאַרוואַלגערט מיט ביכער, — ער זעט אויס צו גרויס אינעם ענגן צימערל. שטויסן ביכער ליגן אויך אַפֿן פֿענצטער און אַפֿן דיוואַן. דאָס איינציקע פֿרײַע אָרט איז אַ טיפֿער לעדערנער פֿאָטעל, ווו דער באַלעבאָס באַזעצט מיך. אַליין זעצט ער זיך אַנטקעגן מיר באַם שרײַבטיש. אַוועקגעזעצט זיך און ווי דערטרונקען געוואָרן אין דעם ים ביכער און זשורנאַלן.

[1] „ליטעראַרישע ירושע״ — ניט קיין פֿעריאָדישע זאַמלונגען פֿון ליטעראַטור-געשיכטע.

אפגיך דורכגעקוקט די סטענאָגראמע, דורכגעבלעטערט די זײַטעלעך מיט די בריוו, האָט ער זיך פארטיפט אינעם פּאָרוואָרט. גערוואָרפן אף מיר א פילבאַדײַטנדיקן בליק... און אונדזער צוערשט שטומער שמועס האָט ווי אריבערגעוואָרפן זיך צו יענער שווערער פּאר ערענבורגן צײַט אין אָנהייב פון די פופציקער יאָרן, ווען ס'איז אָנגעגאנגען דער טרויעריק בארימטער „קאמף מיטן קאָסמאָפּאָליטיזם". דער אָפּקלאַנג — אָט איז ער בא ערענבורגן אין די הענט — דאָס בוך, וואָס איז ניט דערשינען.

ליידער זײַנען די נאָטיצן, וואָס כ'האָב געמאכט, קומענדיק אהיים, געוועזן צו קורצע, און איך הער זיך ניט אוף צו שטראָפן דערפאר ביז הײַנט. אגעוו, עפּעס-וואָס אופשטעלן אין זיקאָרן האָט מיר געהאָלפן טאקע אליין איליא גריגאָריעוויטש. אן ערעך אין אן אַנדערהאַלבן-צוויי יאָר ארום נאָך אונדזער באגעגעניש איז דערשינען דער זעקסטער בוך פון זײַנע דערינערונגען „מענטשן, יאָרן, לעבן", און דאָרטן האָב איך איבערגעלייענט דאָס, וואָס כ'האָב דאן געהערט פון זײַן מויל.

ערענבורג האָט גערעדט מיט פארביטערונג וועגן דעם, ווי מע האָט אים באַליידיקט, וועגן דער צײַט, ווען זײַן טעלעפאָן איז ווי שטום געוואָרן און ער אליין איז אויך אנשוויגן געוואָרן. זײַנס אן ארטיקל אין „פּראַוודאַ" האָט מען ניט געדרוקט, און די סיבע דערפון אים ניט דערקלערט. און אף איינער א פארזאמלונג האָט איינער א ביז גאָר פאראנטוואָרט-לעכער רעדנער געלאָזט הערן: „כ'קאָן אײַך אָנזאָגן א גוטע נײַס — ס'איז דעמאסקירט געוואָרן און מ'האָט ארעסטירט דעם קאָסמאָפּאָליט נומער איינס, דעם סוינע פון פאָלק איליא ערענבורג". אינדערפרי איז עמעצער פון די פרײַנט ארײַנגעלאָפן צו ערענבורגן, פריידיק אויסגעשריען: „הייסט עס, ס'איז א ליגן!" און איז נעלעם געוואָרן.

— דאן האָב איך אָנגעשריבן א קורצן בריוו סטאלינען, — האָט דערציילט איליא גריגאָריעוויטש: — שוין צוויי כאדאָשים, אז מע דרוקט מיך ניט. נעכטן האָט מען גע-מאָלדן, אז איך בין ארעסטירט, אָבער איך בין דאָך ניט ארעסטירט. איך בעט מיר דער-קלערן וואָס באטײַט דאָס אלץ... דעם בריוו האָב איך אוועקגעטראָגן אין קרעמל-קאָמענדאטור. אף מאָרגן קלינגט מאלענקאָוו. מיט א בוימלדיקער שטים פרעגט ער מיך וועגן מײַן געזונט און דערנאָך זאָגט ער: „איר האָט געשריבן דעם כאווער סמאלין. ער האָט מיך געבעטן אָנקלינגען אײַך... דאָס איז עפּעס א מיספארשטייעניש..." באלד איז דער טעלעפאָן געוואָרן ריידנדיק. מע האָט געקלונגען פון רעדאקציעס, פון פארלאַגן. מע האָט עפּעס געפלוידערט, עפּעס דערקלערט, צוגעזאָגט גיך דרוקן, געבעטן נאָך... און יעדער קלונג האָט זיך געענדיקט מיט איין און דער זעלבער פראַזע: „דאָס איז עפּעס א מיספארשטייעניש".

דערנאָך האָבן מיר זיך דערמאָנט אין דער „קראסנאיא זוועזדא" בײַס דער מילכאָמע. דערמאָנט זיך אין די זעלטענע נעכט, ווען עס פלעגט אויסקומען פאָרן אהיים און דערבײַ ניט ארויסלאָזן פון האנט די דורכלאָז-שײַן, אניט וואָלט מען יעדע מינוט געדאַרפט קריכן אין קעשענע. ביכלאל האָט די רעדאקציע זיך געפונען אין קאזארמע-צושטאנד. מיר האָבן געגעכטיקט אין רעדאקציע. געשלאָפן אף די דיוואנען, אף לײַוונטענע בעטלעך. דאָך פלעגט אמאָל געלינגען צופאָרן אהיים. אונדזער טעכנישער סעקרעטאר פלעגט צו-זוכן וועג-כאווירים. ערענבורג האָט געוווינט אינעם האָטעל „מאָסקווא", אף „סאדאָוואָיע קאָלצאָ" פלעגט אוועקפאָרן באָריס יעפימאָוו, נאָך דעם ווי ער פלעגט לאָזן אין רעדאקציע די קאריקאטור פארן נומער, מיט דער זעלבער מאשין פלעג איך פאָרן אף סאָליאנקע אין די נעכט, ווען כ'פלעג פארלאָזן די רעדאקציע. אמאָל פלעגט מיט אונדז פאָרן אילי-טשאָוו, דער פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר פון „פּראַוודאַ".

מיר האָבן דערמאָנט פּאוולענקאָן. פיאָטער אנדרייעוויטש האָט אין רעדאקציע געהאט זײַן באליבטן דיוואן, טאָמיד האָט זיך אים געוואָלט שלאָפן און ער איז מעקאנע געווען אָרטענבערגן, וועלכער האָט געקענט, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, זיך „אײַנאָרדענען". דערבײַ האָט ער קאָמיש נאָכגעמאכט, ווי יענער פארשליסט זיך, געוויינלעך אין דער צווייטער העלפט טאָג, אין זײַן קאבינעט און שפרינגט „ארונטער אונטער דער קאָלדרע". אָפּגעשלאָפן א מינוט „הונדערט", רײַבט דער רעדאקטאָר אויס די אויגן, נעמט שפאנען איבער דער רעדאקציע. וועגן דעם, אז דער רעדאקטאָר האָט זיך שוין אופגעכאפּט, פלעגן מיר זיך דערוויסן לויט זײַנע געשרייען אין קאָרידאָר: „פּאוולענקאָ! קאָפּיליאָוו! סאָלאָווייטשיק! דעניסאָוו!" יעדערן, ווער ס'האָט זיך נאָר באוויזן, פלעגט אָרטענבערג גלײַך אײַנשפאנען אין דער ארבעט, געבנדיק אים א נײַע אופגאבע.

דערמאָנט זיך אין יענע צײַטן, האָט ערענבורג געגומען ריידן וועגן דער קוריערשע קאָלינא. בא אים איז געווען עפּעס א מאָדנער אליאנס מיט אָט דער באַאַרטער, עלנטער,

האַרציקער פֿרוי. זומער און ווינטער איז זי געווען אָנגעטאָן אין א סאָלדאַטשיק, וואָס האָט שוין געזען ניט איין צענדליק ווינטערן. ווײַזט אויס, אז אַמאָל איז ער געווען א סאַמעטענער. זי איז געווען אן אַלטער טוּישעוו אין דער „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ״, און ניט איין רעדאַקטאָר איז פֿאַרביטן געוואָרן פֿאַר דער צײַט, וואָס זי האָט קורירעוועט אין צײַטונג. אין די ערשטע מילכאָמע-כאַדאָשים פֿלעגט ערענבורג ניט זעלטן זיך אַרײַנכאַפּן אין רעדאַקטאָרישן „פּאַדערבעדל״, ווו די קורירערשע איז געזעסן. דאָ אין ווינקעלע אויף א שטול פֿלעגט ער זיך באַזעצן און לאַנג שמועסן מיט איר, גלײַך ווי פֿאַר אים וואָלט געזעסן דע גאָל אָדער פּיקאַסאָ... כ׳מוז זיך מודה זײַן, איך און ראָזענצווײַג האָבן שטומערהייט זיך געעקט פֿון אייפֿערזוכט.

— שיפּרינען באַגעגנט איר אַמאָל? — האָט א שמייכל געטאָן ערענבורג.

אָרטענבערגס שטעלפֿאַרטרעטער איז פֿאַרבליבן אין אונדזער זיקאָרן ווי א שטרענגער היטער פֿונעם געזעץ: „צווייפֿלסטו, מעק אויס!״ און אויף וויפֿל ער האָט שטענדיק געצווייפֿלט, איז ניט שווער זיך פֿאָרצושטעלן, וואָס פֿאַר אן אויסזען עס האָבן געהאַט די אָריגינאַלן, וועלכע זײַנען אַרויס פֿון אונטער זײַן האַנט. צום גליק, פֿלעגט שיפּרינס ספּייקעס בענעגייע דעם, וואָס ערענבורג האָט געשריבן, אויפֿקומען נאָך דעם, ווי די צײַטונג איז שוין דערשינען... עס פֿלעגט טרעפֿן, אז אויך אָרטענבערג האָט „געצווייפֿלט״. אָבער עפּעס-וואָס אויסמעקן אָן דעם אוטאָר האָט ער ניט געוואָגט. ניט אזוי גרינג איז געווען אויסצומעקן בא ערענבורגן אפֿילע א וואָרט. ער פֿלעגט אײַנשטימען עפּעס צו פֿאַריכטן בלויז אין יענע זעלטענע פֿאַלן, ווען ער האָט אָנערקענט, אז דאָס איז אומבאַדינגט נייטיק.

דער שטראָם דערמאָנונגען, האָט זיך געדאַכט, וועט זיך ניט אויסשעפּן. דאָך האָט מײַן פֿאַרצויגענער וויזיט זיך פֿאַרענדיקט. פֿאַרן אוועקגיין האָב איך באַקומען א מאַטאָנע — דעם ערשטן באַנד פֿון דער נײַער אויסגאַבע געזאַמלטע ווערק מיט אן אויפֿשריפֿט: „דעם טײַערן סאָלאָווייטשיקן אויף אן אָנדענק וועגן די נעכט אין „זוועזדאַ״ און וועגן יענע אויסגעשטערנטע און ניט אויסגעשטערנטע נעכט״.

...דאָס איז געווען אונדזער לעצטע באַגעגעניש.

אין יאַנוואַר 1981 האָט די געזעלשאַפֿטלעכקײַט ברייט אָפּגעמערקט ערענבורגס נײַנציק יאָר. דער גרויסער זאַל פֿונעם צענטראַלן ליטעראַטן-הויז האָט ניט געקאָנט אַרײַנעמען די אַלע, וועלכע זײַנען געקומען באַערן זײַן אָנדענק. דער אַזויגערופֿענער „קליינער״ זאַל אין דער פֿאָיע איז אויך געווען פֿול מיט מענטשן. הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן האָט אַרויסגערופֿן די מיטיילונג פֿונעם פֿאָרזיצער פֿון דער פֿאַרזאַמלונג, אז ס׳איז דאָ א באַשלוס אָנצורופֿן מיט ערענבורגס נאָמען א מאָסקווער גאַס, א ביבליאָטעק און א שיף. דיכטער האָבן געלייענט ערענבורגס לידער, מע איז אַרויסגעטראָטן מיט זיכרוינעס וועגן אָנטייל פֿונעם שרײַבער אין די שפּאַנישע געשעענישן פֿון די דרײַסיקער יאָרן, וועגן זײַן גרויסן בײַטראָג אין דער צווישנפֿעלקערלעכער באַוועגונג פֿאַר שאָלעם. וועגן ערענבורגן דעם צײַטונגס-מענטש און פּובליציסט האָט דערציילט דער גענעראַל אָרטענבערג. דעם שרײַבערס טאָכטער אירינע האָט אין איר רעדע דערמאָנט וועגן ערענבורגס אַרויסטרעטונג אין דעם זעלבן זאַל מיט צוואַנציק יאָר צוריק, ווען מע האָט אָפּגעמערקט זײַן זיבעציקסטן געבוירן-טאָג. ער האָט דעמלט געבראַכט אן אויסצוג פֿון זײַן אַרויסטרעטונג אויף דער ראַדיאָ דעם זעלבן טאָג און דערבײַ א שפּאַס געטאָן, אז ער דערלויבט זיך איבערצוכאַזערן זײַנע אייגענע ווערטער, אויף וויפֿל די ראַדיאָ-טראַנסליאַציע איז פֿאָרגעקומען צען אַזייגער אינדערפֿרי, ווען הערן זי האָבן געקאָנט סײַדן נאָר שטוב-באַלעבאָסטעס...

— ס׳איז ניט געווען אין דער וועלט, — האָט געזאָגט ערענבורג, — קיין מער הומאַנישע ליטעראַטור, ווי די רוסישע און איך שטאָלציר דערמיט, וואָס איך בין א געוויינלעכער רוסישער שרײַבער. אין מײַן פּאַספּאָרט ווערט געזאָגט, אז איך בין ניט קיין רוס, נאָר א ייִד. פֿאַרוואָס זשע רוף איך זיך רוסישער שרײַבער? מײַן פֿאַרשטאָרבענער פֿרײַנט, דער גרויסער פּוילישער פּאָעט יוליאַן טווים, האָט זייער פֿינקטלעך דערקלערט אן אַנאַלאָגישע לאַגע. איך וועל ברענגען עטלעכע ציטאַטן: „איך בין א פּאָליאַק, ווײַל מיר געפֿעלט צו זײַן א פּאָליאַק. איך טייל ניט די פּאָליאַקן אויף ראַסעווע און ניט-ראַסעווע, דאָס לאָז איך איבער פֿאַר די ראַסיסטן, פֿאַר די אויסלענדישע און פֿאָטערלענדישע. איך טייל די פּאָליאַקן, ווי די ייִדן, ווי אַלע מענטשן פֿון א באַליביקער נאַציאָנאַליטעט, אויף קלוגע און נאַרישע, אויף אָרנטלעכע און אומאָרנטלעכע... איך טייל אויך די פּאָליאַקן אויף פֿאַשיסטן און אַנטיפֿאַשיסטן... איך בין א פּאָליאַק, ווײַל אין פּוילן בין איך געבוירן געוואָרן, אויסגעוואַקסן, זיך געלערנט... איך הער שטימען: „גוט. אָבער אויב איר זײַט א פּאָליאַק,

פאַרוואָס שרײַבט איר „מיר — ייִדן"? איך וועל ענטפערן: „צוליבן בלוט". — „הייסט עס, ראַסיזם?" „ניין, בעשום-אויפן ניט קיין ראַסיזם. פאַרקערט, ס׳איז דאָ צווייערליי בלוט: דאָס, וואָס פליסט אין די אָדערן, און דאָס, וואָס פליסט פון די אָדערן. דאָס ערשטע איז די זאַפט פונעם קערפער, אויספאָרשן עס איז די זאַך פונעם פיזיאָלאָג. דער, וואָס שרײַבט צו דעם דאָזיקן בלוט וועלכע-ניט-איז אַנדערע אייגנשאַפטן אויסער פיזיאָלאָגישע, דער, ווי מיר זעען, פאַרוואַנדלט אין רויִנען שטעט, ברענגט אום מיליאָנען מענטשן... דאָס אַנדערע בלוט — דאָס איז דאָס בלוט, וואָס דער רעדלפירער פונעם צווישנפעלקערלעכן פאַשיזם פאָמפּעט אויס פון דער מענטשהײַט, קעדיי צו דערווײַזן, אַז זײַן בלוט איז בעסער, ווי מײַנס, ווי דאָס בלוט פון מיליאָנען פאַרפּײַניקטע מענטשן... דאָס בלוט פון די ייִדן (ניט „ייִדיש בלוט") פליסט, ווי טיפע, ברייטע שטראָמען. שוואַרצגעוואָרענע גיסן זיי זיך צונויף אין איין שטורמישן שוימיקן טײַך..."

יאָ, בעסער וועסטו וועגן דעם ניט זאָגן, איך בין א רוסישער שרײַבער. אָבער קאָלזמאַן אף דער וועלט וועט עקזיסטירן כאָטש איין אַנטיסעמיט, וועל איך אף דער פראַגע וועגן מײַן נאַציאָנאַליטעט ענטפערן מיט שטאָלץ: „א ייִד". איך פאַרהאַס ראַסעווע און נאַציאָנאַלע גײַווע. די בעריאָזע קאָן זײַן טײַערער פון דער פאַלמע, אָבער ניט העכער...

איך קער זיך אום צו דער „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ" אין דער צײַט פון מילכאָמע. זומער 1941 האָט דעם סוינעס אוויאַציע שטאַרק באָמבירט מאָסקווע. די קעגנלופט-שוץ האָט מוטיק פאַרטיידיקט מאָסקווע. פונדעסטוועגן פלעגן איינצלנע פײַנטלעכע עראָפלאַנען זיך דורכרײַסן צו דער שטאָט און דאַן האָבן זיך געשאָטן באָמבעס און א האָגל פון צינד-סנאַריאַדן. די באָמבעס האָבן געבראַכט שאָדן, אָבער שוין אינדערפרי האָבן בריגאַדעס מוליערס און שטוקאַטורן גענומען זיך פאַר דער אַרבעט. די מאָסקווער אײַנוווינער, וואָס האָבן דעזשורעט אף די דעכער פון זייערע הײַזער, האָבן זיך אויסגעלערנט גיך אונטער-כאַפן מיט ברעזענטענע הענטשקעס די צינד-באָמבעס און לעשן זיי אין וואַסער. פולע פעסער מיט וואַסער זײַנען געשטאַנען פאַרגרייט פון פריִער. וואָס אָפטער עס זײַנען געווען די אָנפאַלן, אַלץ אָפטער האָט מען זיך געדאַרפט אַראָפלאָזן אין קעלערל, כאָטש געווען איז עס ווײַט ניט געפערלאָז. און די צײַטונג האָט מען אַריבערגעפירט, ווי איך האָב שוין געהאַט דערמאָנט, אין טעאַטער אפן קאָמונע-פלאַץ. נאָר ניט לאַנג איז אונדז דאָרטן אויסגעקומען צו זײַן. בלויז ביזן 16 אָקטיאַבער 1941.

דאָס איז געווען איינער פון די שווערסטע, אויב ניט דער סאַמע קריטישער מאָמענט פון די שלאַכטן הינטער מאָסקווע, ווען די געפאַר, וואָס איז געהאַנגען איבער דער שטאָט, האָט דערגרייכט דעם אַפאָגיי. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן טייקעף צו עוואַקויִרן אַלע מעלוכע-אַנשטאַלטן. אונדז האָט מען געגעבן א שאָ אָדער צוויי. באַפוילן אײַנצופאַקן די אַרכיוון, דאָס ווייניק וויכטיקע — פאַרברענען און גלײַך קומען אפן קאַזאַנער וואָקזאַל. דעם גרעסטן טייל מעלוכע-אַנשטאַלטן האָט מען עוואַקויִרט קיין קויבישעוו. צוזאַמען מיטן פאָלקס-קאָמיסאַריאַט פאַר לאַנדשוץ האָט מען אַהין אַרויסגעפירט אויך אונדזער רעדאַקציע. דער וועג האָט זיך געצויגן ווי פון פעך. גאַנצע מעסלעסן זײַנען מיר געשטאַנען, קעדיי דורכלאָזן מיליטערישע עשעלאָנען, וועלכע זײַנען געגאַנגען אף מײַרעוו. אין קויבישעוו איז די רעדאַקציע געבליבן שטעקן בא א צוויי כאָדאָשים און אָט די גאַנצע צײַט האָבן מיר געשריבן עפעס אַרטיקלען, נאָר ווײַטער פון שיפרינס פאַפקע זײַנען זיי ניט געגאַנגען. מיר האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט, מע זאָל אונדז אַרויסרופן קיין מאָסקווע.

קויבישעוו איז געווען אָנגעפראָפט מיט מענטשן. די מיטאַרבעטער פון רעדאַקציע האָבן געוווינט, ווו ס׳האָט זיך געמאַכט. איך בין געשלאָפן ערגעץ אין א שול אף דער פאָדלאָגע אף א צעשפּרייטער קאָלדרע, אונטער וועלכער כ׳פלעג אונטערלייגן צײַטונג-קאָמפלעקטן. כ׳געדענק שוין ניט, וויאַזוי איך בין פלוצעם אַריבער וווינען אין א גרויסאַרטיקן נומער פון א האָטעל. דאָס האָט מיר באַזונדערס אָפגעגליקט, ווײַל דעם שכײנעסדיקן נומער האָט פאַרנומען אַלעקסיי אַלעקסייעוויטש איגנאַטיעוו, א מענטש מיט אַן אויסערגעוויינלעכן לעבנס-גורל. א גראַף לויטן אָפשטאַם, האָט ער פאַרנומען הויכע פאָסטנס. די אָקטיאַבער-רעוואָליוציע האָט ער באַגעגנט אַלס דער רוסלענדישער מיליטערישער אַטאַשע אין פאַריזש. האָבנדיק אין זײַן רעשוס מיליאָנען, וועלכע האָבן געהערט דעם צאַרישן רוסלאַנד, האָט ער ניט געטאָן ווי די מערהײַט פאַרשטייער פון זײַן קרײַז, נאָר איבערגעגעבן דאָס געלט דער ראַטנמאַכט. ווען ער איז צוריקגעקומען אין היימלאַנד, האָט מען אים געגעבן דעם טיטל גענעראַל-לייטענאַנט פון דער רויטער אַרמיי. און אָט

איצט, אין עלטער פֿון פֿינף און זעכציק יאָר, איז ער צוזאַמען מיטן פֿאָלקס-קאָמיסאַריאַט אין קוֹיבישעוו.

ווי גוטע שכנים, פֿלעגן מיר די פֿרײַע צײַט, וועלכע מיר האָבן, צום באַדויערן, געהאַט איבערגענוג, פֿאַרברענגען צוזאַמען. דער געוועזענער גראַף האָט געהאַט אײנע א שוואַכקײַט — ער האָט א סך מער ליב געהאַט גרייטן מײַכאָלים, ווי זײַן פֿרוי, וועלכע איז אין דער פֿאַרגאַנגענהײַט געווען אײנע פֿון די בעסטע אַרטיסטנס אין פּאַריזש. איך פֿלעג געוויינלעך זיצן אין א פֿאָטעל, און ער, אָנגעטאָן א פֿאַרטעך אויף זײַן גרויסאַרטיקן באַרדאָ-כאַלאַט, האָט זיך געפּאָרעט בא דער עלעקטרישער פּליטקע, גרייטנדיק זײַן בעסטן מײַכל — א גוריעווער קאַשע. ער קאָכט און דערמאָנט זיך אין יענע צײַטן, ווען ער איז געווען דער מיליטערישער אַגענט אין סקאַנדינאַוויע און מעכאַבעד געווען מיט זײַנע מײַכאָלים ניט מער און ניט ווייניקער, ווי דעם נאָרוועגישן קיניג אַליין!

...ענדלעך איז דאָס געשען. אין דער נאַכט פֿון נײַ-יאָר האָב איך געקראָגן א מאַטאָנע — גריגאָרי שיפּרינס א צעטעלע: „איך קאָן אײַך דערפֿרייען, איר פֿאָרט מיט אונדז קיין מאָסקווע!" דאָס איז בעעמעס געווען א גרויסע פֿרייד, וואָרעם אומגעקערט האָבן זיך ניט אַלע. א העלפֿט מיטאַרבעטער איז געבליבן אין קוֹיבישעוו, מע קאָן זאָגן, אויף גאַטס באַראָט. און צווישן זיי, כ׳פֿאַרשטיי ניט פֿאַרוואָס, אויך דער ביז גאָר טאַלאַנטירטער זשורנאַליסט באָריס ראָזענצווײַג, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אײנער פֿון די בויער פֿונעם זשורנאַל «Иностранная литература» („אויסלענדישע ליטעראַטור"), וווּ ער האָט געאַרבעט פֿונעם ערשטן נומער, וואָס איז אַרויס אין 1957, און ביז די לעצטע טעג פֿון זײַן לעבן.

פֿון קוֹיבישעוו קיין מאָסקווע זײַנען מיר דערפֿאָרן גאַנץ גיך, און איך האָב גלײַך אײַנגעשלאָסן זיך אין דער אַרבעט, וואָס האָט געקאָכט ווי אין א קעסל. דעם גרעסטן טייל פֿון מײַן צײַט האָט אַוועקגענומען דאָס אָרגאַניזירן דעם ליטעראַרישן מאַטעריאַל פֿאַר דער צײַטונג.

מיכאַיל סוועטלאָוו... מיט אים האָבן בא אונדז זיך געשאַפֿן, וואָלט איך זאָגן, צאַרטע באַציִונגען. ער האָט מיך גערופֿן ניט אַנדערש, ווי „קעצעלע". ווײַל א קעצעלע שטאַמט דאָך פֿון דער לייבן-מישפּאָכע, — האָט ער מיר דערקלערט. אַנומלטן, דאָס איז שוין געווען נאָך דער מילכאָמע, האָב איך שפּאַצירט מיט סוועטלאָוון איבער דער גאָרקי-גאַס. ווען מיר זײַנען צוגעקומען צום הויז, ווו ער האָט דאַן געוווינט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט:

— הער, קעצעלע, אָט דאָ וועט מען מיט דער צײַט צוקלאַפּן א מירמלנע ברעט און אויף איר וועט מיט גאָלדענע אויסיִעס זײַן אָנגעשריבן: „דאָ האָט געלעבט און ניט געאַרבעט דער פּאָעט מיכאַיל סוועטלאָוו".

בייס ס׳איז באַוווּסט געוואָרן דער העלדנטאַט פֿון די אַכט און צוואַנציק פּאַנפֿילאָוו-צעס, האָט אָרטענבערג גענומען פֿאָדערן פֿון מיר: קריג גוטע לידער און אומבאַדינגט פֿון אַן אָנגעזעענעם דיכטער. איך האָב זיך ניט פֿאַרלוירן: אין צײַטונג האָט זיך געדרוקט פֿערעץ מאַרקיש, און כ׳האָב געוווּסט, אַז ער אַרבעט אויף א פּאָעמע „28". אַזוי האָב איך טאַקע געזאָגט אָרטענבערגן. אונדזער רעדאַקטאָר — דעם איבערקלײַבער האָט דאָס פּוּלקום צופֿרידנגעשטעלט. ער האָט מיך נאָר געפֿרעגט: און ווי וועט זײַן מיט דער איבערזעצונג? ס׳זאָל זיך ניט פֿאַרציִען...

אָרטענבערג האָט ניט אומזיסט זיך געקימערט. אַלע די, וואָס האָבן געקאָנט גיך און ווי עס דאַרף צו זײַן איבערזעצן מאַרקישן אויף רוסיש, זײַנען, צום באַדויערן, ניט געווען אין מאָסקווע: ווער אויפֿן פֿראָנט, ווער — אין עוואַקואַציע. צוהילף איז געקומען אונדזער א מיטאַרבעטער — דער דיכטער רוּווים מאָראַן — אײנער פֿון דער אַזויגערופֿענער רעדאַקציאָנעלער עליטע: ער האָט געשריבן לייטאַרטיקלען, געשליפֿן לאַנגווײַליקע אַרטיקלען, ער פֿלעגט אָפֿט אַרויספֿאָרן אויפֿן פֿראָנט און ברענגען פֿון דאָרטן גלענצנדיקע קאָרעספּאָנדענצן, געווען באַלוינט מיט אַן אָרדען פֿון „רויטן שטערן". בייס אײנער פֿון זײַנע פֿראָנט-קאָמאַנדירונגען איז ער שווער פֿאַרוווּנדעט געוואָרן, דעם שפּליטער, וואָס איז געבליבן שטעקן אין זײַן לענד, האָט מען אַרויסגענומען ערשט נאָך דער מילכאָמע.

מאָראַן האָט זיך הייס גענומען צו דער איבערזעצונג: מאַרקיש שרײַבט אָן א סטראָפֿע — מאָראַן זעצט עס גלײַך איבער. גיך, און דעריקער גוט. בײדע זײַנען צופֿרידן. אַלץ איז געגאַנגען גלאַט, ביז זיי האָבן זיך דערקלײַבן צום מיטן... און דאָ איז ווי אַפּצולאָכעס פֿערעץ מאַרקיש לאַכלוטן ניט צו דער צײַט ערנסט קראַנק געוואָרן. די אַרבעט איז געבליבן שטעקן. עמעס, מאַרקיש האָט זײַן פּאָעמע וועגן די פּאַנפֿילאָווצעס סאָפּקאָלפּאָף אָנגעשריבן, זי איז פֿעסט אַרײַן אין דער ליטעראַטור און איז פֿאַרעפֿנטלעכט אין זײַנעם

א בוך. אָבער ווי זאָגט דאָס רוסישע ווערטל: „ס'איז גוט צו האָבן דעם לעפל צום וואַרמעס!"

ס'איז פאַרגעשטאַנען זיך איבערצובויען. און פּלוצעם יאָוועט זיך אַרײַן אין רעדאַקציע סוועטלאָוו. ער איז נאָרוואָס געקומען פון דעם בלאָקאַדנע לענינגראַד, ווו ער איז געווען אונדזער מיליטערישער קאָרעספּאָנדענט.

— דו ווייסט, קעצעלע, איך בין פון די, — האָט זיך אָנגעצונדן סוועטלאָוו, ווען איך האָב פאַרפירט א שמועס וועגן די פאַנפילאָווצעס, — יאָ, קעצעלע, איך בין פון די, וואָס קאָנען זיך א נעם טאָן און געבן א שרײַב אָן א לאַנגע פּאָעמע...

— איז טאַקע אויסגעצייכנט. כאָטש אף א גאַנצער זײַט. אָרטענבערג וועט ניט זשאַלעווען קיין פּלאַץ.

כ'האָב באַזעצט סוועטלאָוון אין מײַן קאַבינעט, אים איבערגעלאָזט אַליין און צוגע־זאָגט אָפּצוהיטן פון פלוידערזעק. מיכאַיל אַרקאַדיעוויטש האָט זיך הייס גענומען צו דער אַרבעט. ער זיצט א טאָג, א צווייטן, א דריטן, מאַמעש ער גלײַכט ניט אויס די פּלייצעס... פון צײַט צו צײַט גיט ער זיך א ווײַז און לייענט אייניקע סטראָפעס. מיר הערן און האָבן האַנאָע פון די זאַפטיקע פערזן.

איינמאָל האָט אין קאָרידאָר זיך דערהערט דאָס קאָל פונעם ווירטשאַפט־פאַרוואַלטער: „מע האָט געבראַכט מאַכאָרקע!" אף אָט דעם פריידיקן רוף זײַנען אַלע אַרויסגעשפּרונגען פון די צימערן. סוועטלאָוו איז אויך אַרויס און נאָך אים — איליענקאָוו. ווי איך האָב ניט אָפּגעהיט סוועטלאָוון פון געסט, נאָר דער ליבער וואַסילי פּאַוולאָוויטש פלעגט פּאַרט אַרײַנקוקן אַהער, ווען ער פלעגט ברענגען זײַנע א פאַרצייכענונג פון פראָנט. און עס האָט געטראָפן אַן אומגליק. איליענקאָוו האָט פאַרן אַרויסלויפן פון צימער א וואָרף געטאָן אפן טיש לעבן דער עלעקטראָפּליטקע א צײַטונג, די צײַטונג האָט זיך אָנגעצונדן, און דער פלאַם האָט אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן טיש. אַלץ, וואָס סוועטלאָוו האָט אין מעשעך פון די טעג אָנגעשריבן, איז אַוועק מיטן פײַער.

דערנאָך האָט די גאַנצע רעדאַקציע זיך געפּרוּווט דערמאָנען די שורעס, וועלכע סוועטלאָוו האָט אונדז געלייענט. און דער מעכאַבער דער ניסרעף האָט פאַרשריבן זײַנע אייגענע שורעס, וואָס ער האָט איצט געהערט פון פרעמדע מײַלער... די פּאָעמע „אַכט און צוואַנציק" האָט סוועטלאָוו דאָך אָנגעשריבן. דרײַ הונדערט שורעס! זי איז אַרײַן אין דעם גאָלדענעם פאָנד פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור, כאָטש דער אַווטאָר, עמעס, האָט פאַרזיכערט, אַז דאָס, וואָס ס'איז אומגעקומען אין פײַער, איז געווען אָן א שיר בעסער.

אַכוץ דעם, וואָס כ'האָב געדאַרפט באַוואָרענען די צײַטונג מיט ליטעראַרישן מאַטע־ריאַל, בין איך צײַטנווײַז געווען פאַראַנטוואָרטלעך אויך פאַר דער קאָרעספּאָנדענטן־נעץ. דאָרטן איז געווען אַן אייגענער שעף, אַלעקסאַנדער אַנאָכין, נאָר ער איז זייער אָפט ניט געווען אין רעדאַקציע, און אָרטענבערג פלעגט מיר באַפוילן אים צו פאַרבײַטן. ווײַזט אויס, דערפאַר, וואָס איך בין געווען פעסט צוגעבונדן צום אָרט. דער פראַוודיסט אַנאָכין איז פון די ערשטע מילכאָמע־טעג געווען אפן פראָנט. אין דער פראָנט־צײַטונג און אין „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ" האָט ער זיך געפילט, ווי ער זאָל זײַן צוגעשמידט צום שטול, און דאָס איז ניט געווען אין זײַן כאַראַקטער. נאָך זײַענדיק א בערדיאַנסקער אַרבעטער־ייִנגל, איז ער פרײַוויליק אַוועק מילכאָמע האַלטן מיט דעניקינען, מיט מאַכנאָ און מיט ווראַנ־געלן. ער איז געווינט זיך צו געפינען אין דער געדיכטעניש פון די געשעענישן און דעריבער, כאָטש זײַן שטעלע פאָדערט, ער זאָל זיך געפינען אף זײַן אָרט אין רעדאַקציע, טוט ער, וואָס מע מעג און וואָס מע טאָר ניט, אַבי זיך אַרויסרײַסן אפן פראָנט. ער פלעגט שפּאַסן, אַז אין רעדאַקציע געפינט ער זיך ווי אף א מינען־פעלד, וואָס וועט אָט־אָט זיך אופרײַסן... ער, דער שעף פון אָפּטייל, איז דאָך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, עס זאָל ניט אַרויסגעלאָזט ווערן פון אויג עפּעס וויכטיקס אף דער גאַנצער קאָלאָסאַלער שטרעקע פונעם פראָנט — פון דעם ווײַסן ביזן שוואַרצן יאַם. און געווען איז בא אַנאָכי־נען א דעוויז: „דאָס אייגענע אויג איז צו א דימענט געגליכן". ער האָט געהאַלטן, אַז פאָדערן פונעם קאָרעספּאָנדענט „עכטע אַרבעט" קאָן מען נאָר דאַן, ווען מע ווייסט גוט, אין וועלכע אומשטענדן ער אַרבעט, און דעריבער דאַרף מען אַליין אומעטום זײַן.

אָט לויפט ער אַרײַן אַן אופגערעגטער צו מיר אין צימער:

— נו, ברודערל, ווידער בלײַבט אף דיר די באַלעבאַטישקײַט. אף איין טאָג נאָר... — ער ווינקט שעלמיש אונטער. הייסט עס, אַז ער האָט ווידער געפּויעלט בא אָרטענבערגן, יענער זאָל אים אָפּלאָזן אפן פראָנט. לאַנג דאַרף מען אָרטענבערגן ניט אײַנריידן. ער

דארף וואָס מער מענטשן פון דער צײַטונג זאָלן זײַן אפן פראָנט. אליין שרעקלאָז און מוטיק — ער האָט עס ניט איין מאָל דערוויזן — האָט אַרטענבערג געוווסט צו שעצן די העלדנמוטיקײַט פון זײַנע מיטארבעטער.

אנאָכינס „איין טאָג“ פלעגט זיך פארציִען אף וואָכן. און דאן פלעגן מיר זיך דערוויסן וועגן אים אָדער ווען עס פלעגט פלוצעם אין טעלעפאָן-טרײַבל זיך דערהערן זײַן קאָל, וואָס האָט געפאָדערט, מע זאָל אופנעמען זײַן מאטעריאל, וועלכער דארף „אומבאדינגט ארײַן אין נומער“, אָדער לויט זײַנע טעלעגראפישע מיטיילונגען פון פראָנט, וועלכע עס פלעגן פעקלעכווײַז ברענגען קוריערן פונעם טעלעגראף באם גענעראל-שטאב.

איינע פון אנאָכינס רײַזעס איז געווען די לעצטע... דעם 27 פעוראל 1943 יאָר האָבן אונדזערע כאיאָלעס פאָרסירט דעם טײַך לאָוואט, לעם וועליקיִע לוקי. אנאָכין, וועלכער האָט זיך גראָד געפונען ערגעץ אין יענע קאנטן, האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם פריִער פון אנדערע קאָרעספּאָנדענטן און א לאָז געטאָן זיך אהין דער ערשטער, קעדיי אלץ זען מיט די אייגענע אויגן. ערשט אין א שאָ אָדער צוויי ארום זײַנען געקומען אנדערע קאָרעספּאָנדענטן. ווען זיי האָבן זיך דערנעענטערט צו די ערדשטיבלעך, וואָס מע האָט אָפּגעשלאָגן באם סוינע, האָבן זיי דערזען די גוט באקאַנטע „עמקע“ פון דער „קראסנאיא זוועזדא“, וועלכע איז געווען דורכגעלעכערט פון באָמבע-שפּליטערן. אפן שנײ לעבן דער „עמקע“ איז געלעגן א געהארגעטער דער שאָפער פאנין און אין מאשין איז אָפּגעגאנגען מיט בלוט אנאָכין. ער איז געווען פארוווּנדעט אין דער ברוסט און אין בויך, די כאווײרים האָבן אים אוועקגעטראָגן אין דעם ערדשטיבל פונעם מעדסאנבאט. מע האָט אפילע באַוויזן אוועקצולייגן אים אפן אָפּעראציע-טיש. נאָר די כירורגן האָבן שוין ניט געהאט וואָס צו טאָן לעבן אים...

אין דער נײַער געבײַדע פון „קראסנאיא זוועזדא“ אף כאראָשעווסקער שאָסיי איז אוועקגעשטעלט א מעמאָריִאל-ברעט, אף וועלכער עס שײַנען גאָלדענע ווערטער:

„דעם ליכטיקן אָנדענק פון די זשורנאליסטן — קראסנאָזוויאָזדאָווצעס, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן אין דעם קאמף פארן היימלאנד אף די שלאכטפעלדער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע 1941—1945.

אנאָכין א. מ., בעלכין ק. יא., בערנשטיין מ. ס., ווילקאָמיר ל. וו., איש ל. ר., קרילאָוו פ. ט., לאפין ב. מ., אָלענדער פ. מ., פעטראָוו יע. פ., פאָליאקאָוו א. פ., ראָזענפעלד מ. ק., סאָפיגאָ ס. ט., סיסלאָווסקי יא. כ., סלוצקי א. יא., פאָקערמאן (לאָס) ל. מ., באצרעווין ז. ל., שוער (אָגין) א. מ.“.

א טרויעריקער צעטל פון די, וואָס האָבן זיך ניט אומגעקערט פון שלאכט... בלויז מאָסקווער זשורנאליסטן זײַנען אומגעקומען בא הונדערט פופציק מאן... און אין גאנצן לאנד — הונדערטער און הונדערטער.

ביכער פארן פראָנט

אין מארט 1943 יאָר האָט מען מיך „אריבערגעוואָרפן“, ווי דאָס האָט דעמלט געהייסן, אין מיליטערישן פארלאג („וואָיענאיזדאט“) אלס א רעדאקטאָר פון מיליטעריש-פאָליטישער ליטעראטור.

פאָרגעקומען איז דאָס קלאל ניט צופעליק, ס'איז געווען ווי א מין אָפּהילך פון יענע טעג, ווען איך, א זעכצניאָריק ייִנגל, בין געווען דער סעקרעטאר פונעם געריכט-טייל אין סומער רעוואָליוציאָנערן טריבונאל.

איך האָב שוין דאָ דערציילט, פון וואָס עס האָט זיך אָנגעהויבן מײַן לעבן אין צײַטונג — פון א געריכט-נאָטיץ! מײַן צוגעבונדנקײַט צו אָט דער טעמע האָט געדויערט אויך אין דער פארמילכאָמעדיקער „קראסנאיא זוועזדא“. נאָר דאָ האָב איך שוין געשריבן ניט וועגן אלימענטשטשיקעס, ווי אין מײַן ערשטער נאָטיץ אין דער אויעזדישער צײַטונג „פלוג אי מאָלאָט“. איצט איז געגאנגען א רייד וועגן שפּיאָנען פון די אימפּעריאַליסטישע אויסשפּירונג-אָרגאנען, וועלכע מע האָט געפּאקט, ווי עס איז דערציילט געוואָרן אין איינער פון די קאָרעספּאָנדענצן „באם סאָוועטישן גרענעץ-סטויפ“.

מײַנע קאָרעספּאָנדענצן פונעם געריכט-זאל, וועלכע האָבן אין מעשעך פון עטלעכע יאָר זיך געדרוקט אין צײַטונג, זײַנען אין 1940 יאָר ארויס ווי א באזונדער ביכל אין מיליטערישן פארלאג אונטער דעם נאָמען „שפּיאָנען פאר דעם סאָוועטישן געריכט“.

און אַט, ווען דער קאַמף קעגן שפּיאָנאַזש איז געוואָרן באַזונדערס אַקטועל, האָט מען זיך אײַן מיר דערמאָנט און דער מיליטערישער פאַרלאַג האָט מיך אופגעפאָדערט צו זיך אַף אַרבעט.

איך מיין, אַז אויך דעם הײַנטיקן לייענער וועט זײַן אינטערעסאַנט צו באַקאַנען זיך, וויאַזוי עס האָט אין די מילכאָמע-יאָרן געאַרבעט איינער פון אונדזערע גרעסטע פאַרלאַגן, וועלכער האָט געהאַט די אופגאַבע באַזאָרגן די רויטע אַרמיי ניט בלויז מיט מיליטערישער נאָר אויך מיט פּאָליטישער און קינסטלערישער ליטעראַטור.

אין יענע יאָרן האָט דער מיליטערישער פאַרלאַג זיך געפונען אין אָרליקאָוו-געסל און האָט פאַרנומען אַ שטאָק פון דער ריזיקער געבײַדע, געבויט אין סטיל „מאָדערן”. אַהינטער דער פאַרגלאָזטער טיר לעבן דעם ליפט — אַן אָפּיצער מיט אַ רויט בענדל אַפן אָרבל, דער דעזשורנע, און אַ באַוואָפנטער וואַכמאַן, וואָס קאָנטראָלירט די דורכלאָז-שײַנען סײַ באַם אַרײַנגיין, סײַ באַם אַרויסגיין.

נאָר אַט האָט מען אונדז דורכגעלאָזט...

דער פאַרלאַג באַשטייט פון אַ סאַך ביכער-רעדאַקציעס: לויטן מין פון געווער. דאָרט אַרבעטן רעדאַקטאָרן — ספּעציאַליסטן: פליער, טאַנקיסטן, אַרטילעריסטן, כימיקער, פאַרבינדלער, סאַפּיאָרן און נאָך און נאָך. באַזונדער פון דער רעדאַקציע-עליטע געפינט זיך דער טעכנישער אַפּאַראַט פונעם פאַרלאַג-מעכאַניזם. אין דער ערשטער ריי אַן אַרמאַדע קאָרעקטאָרס, טעכנישע רעדאַקטאָרן, אַרויסלאָזערס, דיספּעטשערס אאַוו., אאַוו. עס זײַנען קעסיידער פול מיט מענטשן די געראַמע זאַלן פונעם פּלאַקאַט-אָפּטייל. ס'איז דאָ זייער ענג, און קעדיי באַהאַנדלען אַ קומענדיקן פּלאַקאַט, גייען די קינסטלער אַרויס אין קאָרידאָר, דאָ קומען פאָר הייסע שטרײַטן. און ווײַל דער אָפּטייל גיט אַרויס אַ סאַך פּראָדוקציע, דויערן די קאָרידאָר-באַטאַליעס אָן אופהער.

דער שעף פונעם פּלאַן-אָפּטייל סעמיאָן אַבראַמאָוויטש וואָל, אַ מענטש, פול מיט ענערגיע, געפינט צײַט צונויפצופּאָרן מיט דער פּלאַנירונג פון דער ריזיקער ווירטשאַפט פונעם פאַרלאַג זײַן האָבי: ער איז אַ פאַרקאָכטער ליבהאָבער פון ביכער אין באַוווּסט ווי אַ קאָלעקציאָנער פון עקסליבריסן. ביז הײַנטיקן טאָג שטייט ער אין דער שפּיץ פון דער מאָסקווער סעקציע ליבהאָבער פון אַט די ראָמאַנטישע מיניאַטיורן.

פאַראַן, פאַרשטייט זיך, אויך אַ קאַסע. מילכאָמע-צײַט האָט דאָס געהאַלט קוים געקלעקט אַף אויסקויפן די קאַרטלעך, אַף וועלכע מע האָט געקאָנט כויץ ברויט אויך באַקומען איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין כוידעש אַ פּאַיאָק. ס'האָט נאָך געקלעקט אַף מיטיקן. מע האָט אונדז געהאָדעוועט אַף מיטיק-קאַרטלעך לויט פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס. און עס האָט אַפילע אַ האָר ניט געשניטן דעם אויער, ווען די אָפּיציאַנטקע פלעגט הויך אויסשרײַען אין קיך אַרײַן:

— צוויי מאָל קאָטלעטן פאַר פּריגעדונגענע.

— איין טיי, אַן אָפּיצערישע!

ערגעץ אין אַ זײַט האָט זיך געפונען אַ „געהיימער צימער”. קיין שום אופשריפט איז ניט געווען, נאָר די, וועלכע דאַרפן, ווייסן דאָס פענצטערל אין דער טיר, וואָס איז באַשלאָגן מיט אײַזן. רעדאַקטאָרן, קאָרעקטאָרן, טעכרעדן, קינסטלער גיבן דאָ אָפּ נאָך דער אַרבעט מאַטעריאַלן, וועלכע עס דאַרף ניט זען קיין פרעמד אויג.

די ביכער-רעדאַקציעס פונעם פאַרלאַג — דאָס זײַנען אָפּגעזונדערטע וועלטלעך. אַזאַ איז די ספּעציפיק פון אַ מיליטערישן אַנשטאַלט. אַפן פּאָן פונעם גרויסן פאַרלאַג-אָרגאַניזם האָט אונדזער אָפּטייל פון קינסטלערישער און פּאָליטישער ליטעראַטור אויסגעזען, ווי, לאָמיר זאָגן, אַ קיאָסק צופוסנס פון אַ ריזיקער געבײַדע. אין אונטערשייד פון אַנדערע ביכער-רעדאַקציעס, וואָס זייער טעמאַטיק איז באַגרענעצט מיט דער שמאָלער ספּעציאַליטעט, האָט אונדזער אָפּטייל אַרויסגעלאָזט ליטעראַטור פאַרן ברייטן מיליטערישן לייענער. דאָס זײַנען פונדאַנען אַוועק אין דער וועלט אַזעלכע ווערק, ווי אַלעקסיי טאָלסטאָיס „רוסישער כאַראַקטער”, וואַסילי גראָסמאַנס „דאָס פאָלק איז אומשטערבלעך”, באָריס גאָרבאַטאָווס „ניט באַזיגטע”, קאָנסטאַנטין סימאָנאָווס „טעג און נעכט”... אויך נאָך דער מילכאָמע האָבן מיר אַרויסגעגעבן דאָס בעסטע, וואָס פלעגט זיך באַווײַזן אַף דער מיליטערישער טעמע אין די זשורנאַלן, ווי דאָס איז געווען, לעמאָשל, מיט עמאַנויל קאַזאַקעוויטשעס ביכער.

דער שעף פונעם אָפּטייל אַלעקסיי איוואַנאָוויטש קרוטיקאָוו איז געווען אַ מענטש מיט אַ ברייטן פאָרנעם. אין דער יוגנט האָט ער פאַרענדיקט אַ לערער-סעמינאַריע, נאָר זייער ווייניק באַוויזן צו זײַן אַ לערער, אַוועק אַפן בירגערקריג, געוואָרן אַ פּאָליט-טוער. צו דער צײַט, ווען איך האָב אים געקענט, איז ער געווען אין ראַנג פון אַ פּאָלק-קאָמיסאַר. אין דעם „אָפּטייל פון קינסטלערישער און מיליטער-פּאָליטישער ליטעראַטור” האָט קיין אַרבעט ניט

געפעלט. קיין טאָג פֿלעגט ניט אַוועק, עס זאָלן פֿלוצעם ניט אויפֿקומען קיין „דרינגענדיקע" און „אויסערסט דרינגענדיקע" אויפֿגאַבעס. און ווען אַזאַ באַרג מיט אַרבעט פֿלעגט זיך אַרופֿוואַלגערן, — איז דער קריטערי געווען איינער: מע זאָל אים נאָר קענען בײַקומען, און וואָס גיכער.

די גרונט־פּראָדוקציע פֿונעם אָפּטייל איז, נאַטירלעך, געווען ביכער. אָבער ניט בלויז ביכער אַליין. ס'זײַנען נאָך געווען פֿלוגבלעטלעך. אָן אַ שיר! פֿלוגבלעטלעך אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן: זיי פֿלעגט מען אַראָפּוואַרפֿן פֿון אַעראָפּלאַנען אויף דער טעריטאָריע, וווּ ס'איז געווען דיסלאָצירט דעם סױנעס מיליטער; אַנדערע, ווידער, זײַנען געווען אַדרעסירט צו די סאָוועטישע מענטשן, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אין אָקופּאַציע. געווען אויך פֿלוגבלעטלעך פֿאַר אונדזער אַרמיי, אויך אויף אַ סך שפּראַכן פֿון די פֿעלקער פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד.

און אָט דעם גאַנצן באַרג מיט אַרבעט פֿלעגן אָפּטאָן צווייען — די יונגע זשורנאַליסטקע סאָניע מעלמאַן און כאַנע נאַטאַנסאָנע דריקער, אַ געוועזענע קאָמונאַרקע, פֿון די, וועגן וועלכע מ'זאָגט געווײנלעך „קאָמיוגיסטן פֿון די צוואַנציקער יאָרן". אירע פֿינף קינדער — ייִנגעלעך און מיידעלעך — איינס קלענער פֿונעם אַנדערן, האָט זי באַוויזן צו עוואַקוירן אין טיפֿן הינטערלאַנד נאָך אין יולי 1941. און איצט האָט איר גאָרנישט ניט געשטערט קײַלעכדיקע מעסלעסן וואָגלען פֿון איין טיפּאָגראַפֿיע אין דער אַנדערער און פֿאָדערן, בעטן, דערווײַזן, אַז מע דאַרף וואָס גיכער אָפּטאָן די אַרבעט פֿאַרן פֿאַרלאַג, ווײַל די צײַט ווערט איצטער געמאָסטן אויף מינוטן... מע קאָן זיך פֿאָרשטעלן איר צושטאַנד, ווען באַם טויער וואַרט די מאַשין אויף פּראָדוקציע, און די טיפּאָגראַפֿיע כאַפּט זיך ניט... ענדלעך, באַקומט זי אַרויס דעם טיראַזש. אַרײַנגעשטופּט די פּעקלעך מיט די פֿלוגבלעטלעך אינעם אַעראָפּלאַן, וואָס האָט געוואַרט אויף זיי אויפֿן צענטראַלן אַעראָדראָם, קומט כאַנע דריקער אָן קויכעס „אַהיים" — אין אונדזער רעדאַקציע־צימער. און דאָ רוקט איר שוין אונטער סאָניע מעלמאַן אַ נײַ פֿלוגבלעטל, מיט וועלכן מע דאַרף זיך ניט ווייניקער אײַלן...

ווי ס'איז ניט גרויס די אָנשטרענגונג, ספּראַוועט זיך דער אָפּטייל מיט זײַנע אויפֿגאַבעס. דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס קרוטיקאָווס פֿאַרדינסט — געוווּסט, ווי צוקלײַבן די קאַדרען.

דאָס ניט גרינגע וועגעלע פֿון דער אָפּטיילונג פֿאַר קינסטלערישער ליטעראַטור שלעפּן אויך צווייען: יעווגעני געראַסימאָוו, — נאָך דער מילכאָמע איז ער באַוווּסט געוואָרן ווי אַ פּראָזאַיקער, און זײַן געהילף ליע ראַם. זי איז בײַ אונדז געווען די געבריוכערן פֿון דעם מאַכאָרקע־פּאַיאָק — די, וועלכע האָבן ניט גערייכערט, פֿלעגן איר אַוועקגעבן די מאַכאָרקע. זיך פֿאָרשטעלן ליען אָן אַ מאַכאָרקע־ציגאַר איז פּאָשעט אוממעגלעך.

מיט רעדאַגירן פּאָליטישע ליטעראַטור האָבן זיך פֿאַרנומען עטלעכע מענטשן. דעם ערשטן וואָלט איך אָנגערופֿן דעם מאַיאָר יאַקאָוו אושערענקאָ, אַ געוועזענעם פּראַוודיסט. אַ פֿרײלעכער פֿאַרשוין, אַ ווערטלזאָגער — אַזאַ וואָלט באַדאַרפֿט באַלעבאַטעווען אין אַן אָפּטייל פֿון סאַטירע און הומאָר. נאָר בײַ אונדז האָט ער זיך געמוזט באַנוגענען מיט שרײַבן הומאָרעסקעס צוליבן אייגענעם פֿאַרגעניגן — שרײַבן און אַרײַנלייגן אין טישקעסטל. ער פֿלעגט זיי אונדז גערן פֿאָרלייענען. מיר האָבן געלאַכט, און אים האָט אַזאַ האָנאָראַר פֿולשטענדיק באַפֿרידיקט.

גיך און אין אַ קאָלאָסאַלער צאָל פֿלעגט אַרויסגעבן פּאָליטישע מאַסן־ליטעראַטור פֿון הויכער קוואַליטעט דער יונגער פּובליציסט יאַקאָוו קאַדער. אין זײַן יעפּאַרכיע זײַנען געווען אַקאַדעמיקער, פּראָפֿעסאָרן — אַווטאָרן פֿון וויסנשאַפֿטלעך־פּאָפּולערע בראָשורן. מיר האָבן אים דעריבער געקרוינט מיטן נאָמען „אָרטאָדאָקס".

ס'איז נאָך געווען דער קאַפּיטאַן איוואַן גאַוורילין — אונדזערע טישן זײַנען געשטאַנען שטײַף צוגערוקט איינער צום אַנדערן. ער האָט רעדאַגירט זאַמלונגען פֿון אַרטיקלען פֿאַר די פּאָליט־טוער פֿון דער אַרמיי.

אין איינעם אַן אינדערפֿרי האָט מײַן ווידזאַווי זיך באַוואָפֿנט מיט אַ שערל, אַ זאַק־נאָדל, פּאַק־פּעדעם, פּאַפּ... ווײַזט אויס, ער מאַכט גרעבער זײַן בלאָקנאָט, ניט אַנדערש ער האָט פֿאַרטראַכט אַ קאַפּיטאַל ווערק, — האָב איך אין זיך אַ שמייכל געטאָן, און קלאָר ניט געטראַכט, אַז דאָס ווערט געגרייט אַ מאַטאָנע פֿאַר מיר.

— האַלט, ליאָווע, איך שענק דיר אויף אייביק! דו ביסט בײַ אונדז אַ ספּעציאַליסט אויף שפּיאָן־איניאָנים, איז טו, ווי דו פֿאַרשטייסט...

און מיט די דאָזיקע ווערטער האָט ער איבער אונדזערע טישן, וואָס זײַנען געווען פֿאַרוואַלגערט מיט מאַנוסקריפּטן, דערלאַנגט אַ דיקן העפֿט, וואָס ער האָט ערשט צונויפֿגענייט. דאָס געשאַנק האָט געהאַט זײַן אונטערטעקסט. די אינטענדאַנטן פֿונעם פֿאָלקס־קאָמיסאַריאַט פֿאַר לאַנדשוץ, די, וואָס פֿלעגן אונדז באַוואָרענען מיט אַלערליי קאַנצעלאַרישע מאַכשירים,

האָבן אונדז אָנשטאָט פּאַפּיר אַף שרײַבן אַרײַנגעשיקט טאָפּאָגראַפישע מאַפּעס, וועלכע זײַנען געווען אָנגעדרוקט אַף אויסגעצייכנט פּאַפּיר, און די צווייטע זײַט זייערע איז געווען אַ ריינע. מע האָט דאָס פּאַפּיר אָנגעשניטן אַף שמאָלע פּאַסן און ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז אַף יעדן פּאַס איז געווען אָנגעשריבן: „געהיים"... אָט פון אַזעלכע פּאַסן האָט עס גאָווערילין אונטערגעטראָגן זײַן מאַטאָנע מיר, געבנדיק דערמיט אָנצוהערן, אַז איך אַרבעט אַף אַ „געהיימען" באַצירק אין אונדזער אָפּטייל. אַפּן באַצירק, וואָס מע האָט בא אונדז אין אַ שפּאַס גערופן „שפּיאָנישער".

אין יענע האַרבע מילכאָמע-יאָרן איז אין דער אַרמיי רעאָרגאַניזירט געוואָרן דער קאָרפּוס פון דער סאָוועטישער מיליטערישער קאָנטער-אויסשפּירונג. מע האָט אים פאַרברייטערט און געגעבן אַ נײַעם נאָמען „סמערש", וואָס האָט זיך גרינג געלאָזט דעשיפרירן ווי „סמערט שפּיאָנאַם" — „טויט די שפּיאָנען". אַהער זײַנען געקומען געוואַגטע, העלדישע מיליטערלײַט, גלענצנדיקע שיסער. צווישן זיי זײַנען געווען הויכגעבילדעטע מענטשן, דענקענדיקע, זיי האָבן באַזיצט די שפּראַך פונעם סוינע — אַקלאַל, זיי האָבן געהאַט אַלע מײַלעס פאַר אַזאַ געפערלעכער אַרבעט. נאָר איינס האָט זיי געפעלט: ניט געווען קיין דערפאַרונג פון כאַפּן דעם סוינעס שפּיאָנען.

און דעמלט האָט אַף קרוטיקאָוון אַרופגעוואַלגערט זיך נאָך אַן אויפגאַבע, אַן אויסערסט דרינגענדיקע: שאַפן אַ סעריע ביכלעך וועגן אויסשפּירונג און קאָנטער-אויסשפּירונג. אָט אַזוי איז אין אונדזער אָפּטייל געשאַפן געוואָרן נאָך אַ באַצירק, וואָס שאַרפע צינגער האָבן אים אַ נאָמען געגעבן „שפּיאָנישער", און זײַן איין-און-איינציקער מיטאַרבעטער האָט אויך באַקומען דעם אַנטשפּרעכיקן צונאָמען. דאָס האָט, אַגעוו, אים ניט געראַטעוועט פון אַנדערע אויסערסט דרינגענדיקע אויפגאַבן, וואָס האָבן זיך געשאָטן אַף אונדז אַלעמען אָן אַ שיר.

ס'איז אויפגעקומען אַ געאָגראַפישע סעריע. די סאָוועטישע אַרמיי האָט זיך דערנענטערט צו אונדזערע מעלוכע-גרענעצן, אָט-אָט וועט זי זיי אַריבערשפּאַנען, און דאַן וועט מען זיך נייטיקן כאָטשבי אין קורצע יעדיעס וועגן דער עקאָנאָמיק, דער געאָגראַפיע, פּאָליטישער לאַגע פון פּוילן, מיזרעך-פּרײַסן, רומעניע, אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע, בולגאַריע, עסטרײַך, פינלאַנד, נאָרוועגיע...

קיין גרייטע קסאָוויאַדן זײַנען ניטאָ. זיי קאָנען נישט זײַן. אַלץ, וואָס איז ביז איצט אָנגעשריבן וועגן די דערמאָנטע לענדער, איז שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרן. עס קומען אונדז צוהילף מענטשן, וואָס ווייסן דאָס אַלץ: פּאָליטישע טוער, עקאָנאָמיסטן, געאָגראַפן, ליטעראַטן, די, וועמען ס'איז געלונגען זיך ראַטעווען פון די היטלעריסטן. איצט וווינען זיי אין מאָסקווע און רופן זיך הייס אָפּ, ווען מיר ווענדן זיך צו זיי. אַ שאָד נאָר, וואָס זיי זײַנען אַלע שמאָלע ספּעציאַליסטן, דערצו שרײַבן זיי בלויז אַף זייערע שפּראַכן. נאָר נישקאָשע, מיר וועלן זיך אָן אייצע געבן. מיר וועלן איבערזעצן, קאָמפּאָנירן — אַבי ס'איז דאָ דער „רוי-מאַטעריאַל".

נעמלעך אַזאַ „מאַטעריאַל" ברענגט אונדז דער אונגאַרישער עקאָנאָמיסט ליפּײַ. אַ הויכער סוטולעוואַטער מענטש, אין אַ לאַנגן מאַנטל, אין אַ הוט מיט הענגענדיקע ראַנדן. ער האָט זײַנע בייגעלעך פּאַפּיר שוין איבערגעזעצט און אַפילע איבערגעדרוקט — די פּרוי קען רוסיש. כ'לייען אין זײַן אָנוועזנהײַט דאָס, וואָס ער האָט געבראַכט, בעט אים מיט דערעכערען עפּעס צוגעבן, עפּעס-וואָס איבערמאַכן. ער ענטפערט שעמעוודיק:

— אין שטוב וועל איך אַ ביסל ברעכן דעם קאָפּ און אינדערפרי וועל איך ברענגען...

אָט דער טערמין „ברעכן דעם קאָפּ" איז פעסט אַרײַן אין רעדאַקציע-לעקסיקאָן.

און צווישן אָט דעם אַלעם — פילשפּראַכיקע אַווטאָרס, איבערזעצערס, קאָנסולטאַנטן, קאַרטאָגראַפן, קינסטלער, מאַשיניסטקעס — האָוועט אַרום דער רעדאַקטאָר. און די געאָגראַפישע סעריע דערשײַנט צו דער אָנגעמערקטער צײַט — דרײַצן ביכלעך!

פאַר די טויטע האָט גערעדט דער זיקאָרן פון די לעבעדיקע

די מילכאָמע איז געענדיקט. דאָס היטלער-רײַך איז באַזיגט. יאַפּאָניע האָט קאַפּיטולירט. אין קרוטיקאָווס אָפּטייל זײַנען אונטערגעשריבן די סיגנאַל-עקזעמפּלאַרן און ס'זײַנען דערשינען די לעצטע ביכלעך פונעם ביבליאָטעקל וועגן אויסשפּירונג און קאָנטער-אויסשפּי-

רונג, ווי אויך די שלוס-בראַשורן פון דער געאָגראַפישער סעריע — „אינערלעכע מאָנגאָליע", „מאַנטשזשוריע", „קאָרייע" און „יאַפּאַניע".

אוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט דער אינטערעסאַנטער און אָנגעשטרענגטער פּעריאָד פון מײַן אַרבעט אין מיליטערישן פאַרלאַג, און דאַן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די טעמע, מיט וועלכער דו האָסט זיך פאַרנומען די אַלע יאָרן, לאָזט דיך ניט אָפּ. די טעמע וועגן וואַכזאַמקייט, וועגן אויסשפּירונג איז אַריסגעדריקט געוואָרן אין אַ ריי מײַנע בראַשורן פאַרן מיליטערישן לייענער. און דערנאָך אויך אין אַ גרעסערער דערציילונג: „דער קראַך פון וואָלאַסאָווס קאַריערע". איך האָב זי געשריבן צוזאַמען מיט דער שרײַבערן וואַלעריִע גראַסימאָווא, געשריבן האָט זיך שווער. מיר האָבן געמאַכט עטלעכע וואַריאַנטן — שפּעטער, אין 1956 יאָר, איז זי דערשינען טאַקע אין אונדזער פאַרלאַג, אָבער דערווײַל, ביז וואָס-ווען, האָב איך זיך פאַרנומען מיט אַן אַנדער אַרבעט.

לויטן אויפטראָג פונעם פאַרלאַג בײַ דער געזעלשאַפט „דאָסאַאַף" האָב איך זיך אונטערגענומען ליטעראַריש פאַרנאַטירן אַ ביכל פון אַ גענייטן פראָנטאַווויק „וואָס האָב איך זיך אויסגעלערנט אין דער לאַנדשוץ-געזעלשאַפט". געפינען אַזאַ מענטשן האָב איך אַליין באַדאַרפט און כ'האָב אָפּגעשטעלט מײַן אויסוואַל אויפן העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד יאַקאָוו פּעדאַטאָוויטש פּאַוולאָוו. דער פאַרלאַג האָט מיט מיר געשלאָסן אַן אָפּמאַך, געגעבן, ווי עס פירט זיך, אַן אַוואַנס.

ניט געוווּסט און ניט כּלומרשט געוווּנט האָב איך דאַן, אַז דאָס האָט מען מיך וואַנסירט מיט ביז גאָר אינטערעסאַנטער אַרבעט, אויף פיל-פיל יאָרן. און באַקומען האָט זיך דאָפּקע אַזוי. האַרבסט 1954. וואָלדײַ. אַ ראָמאַנטיש רוסיש שטעטל. דאָס צימערל אין קאָלווירט-הויז פאַרנעם איך מיט נאָך צוויי קאָמאַנדירטע. אַהער קומט צו מיר דער באַרימטער סערזשאַנט פּאַוולאָוו. נאָך דער מילכאָמע האָט ער פאַרענדיקט די העכסטע פּאַרטיי-שול. די לאַנדסלײַט האָבן אים אויסגעוויילט פאַר אַ דעפּוטאַט פונעם אויבער-סאָוועט פון רספּסר. איצטער איז ער דער פאַראַוואַלטער פונעם ראַיאָן-אָפּטייל פאַר סאָציאַלער באַזאָרגונג.

צען אָוונטן נאָכאַנאַנד דויערן אונדזערע שמועסן. איך פאַרנאָטיר דאָס, וואָס עס דערציילט מיר פּאַוולאָוו. אין בוך ווערט אויך קורץ דערציילט וועגן די אַכט און פופציק טעג פון פאַרטיידיקן דאָס הויז אויף דער וואָלגע.

די געשיכטע פון „פּאַוולאָווס הויז" האָט מיך פאַרכאַפּט און כ'האָב זיך אַרײַנגעטאָן אין איר אויף יאָרצענדליקער.

יאַקאָוו פּעדאַטאָוויטש איז געווען אויף דער מילכאָמע אַלע 1418 טעג, ווי מע זאָגט, פון קלונג ביז קלונג. נאָר געווען זײַנען צווישן זיי אַזוינע 58 טעג און נעכט, וואָס זײַנען באַזונדער אַרײַן אין דער געשיכטע — דאָס איז די פאַרטיידיקונג פון „פּאַוולאָווס הויז".

נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל פאָר איך קיין וואַלדײַ. גאַנצענע טעג באַמיִען מיר זיך אויפשטעלן אַלץ אין זיקאָרן. פונדעסטוועגן איז דער זיקאָרן פון איין מענטשן ניט גענוג. ס'וואָלט גוט געווען עפּעס אַ פרעג טאָן בײַ פּאַוולאָווס כאַווײרים. אָבער ווו זײַנען זיי? ווי פּאַוולאָוו האָט זיך ניט באַמיט, האָט ער טאַקע זיך ניט געקאָנט דערוויסן, וואָס איז וויײַטער געשען מיט די, וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים פאַרנומען דאָס הויז נומ. 63 אויף פּענזער גאַס אין סטאַלינגראַד.

דאָס ניט גרויסע ביכלע „דאָס הויז פונעם סערזשאַנט פּאַוולאָוו" איז אַרויס אין 1956 יאָר. אין פאָרוואָרט צו דעם האָט יאַקאָוו פּעדאַטאָוויטש געשריבן: „ווו זײַט איר, מײַנע שלאַכט-כאַווײרים? כ'וואָלט געווען גליקלעך, ווען איך וויים, אַז איר לעבט, ווען כ'וואָלט פון עמעצן פון אײַך געקראָגן אַ יעדיִע.

ניט וואַרטנדיק, ביז מע וועט דאָס ביכל איבערלייענען — און צי וועט עס ביכלאַל קומען פאַר די אויגן פון פּאַוולאָווס שלאַכט-כאַווײרים? — האָב איך זיי אַליין גענומען זוכן. אינעם אַרכיוו פונעם לאַנדשוץ-מיניסטעריום האָב איך געפונען אַ סאַך יעדיִעס וועגן די מענטשן, וואָס ס'האָט מיר אָנגערופן פּאַוולאָוו. אָבער צום באַדויערן, איז וועגן פיל פון זיי געזאָגט געוואָרן — אומגעקומען, ניט באַוווּסט דער וויײַטערדיקער גורל... די ענטפערס אויף פיל פון מײַנע בריוו האָבן מיינסטנס געשריבן די קרוווים פון די שלאַכטלײַט.

אָט שרײַבט ניקאָלײַ, ניקיטע טשערנאָגאָלאָווס זון: „מײַן פאָטער איז אומגעקומען..."

עס שרײַבט מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוו: „מײַן ברודער איוואַן איז אומגעקומען בייסן באַפרײַען קרים..."

עס ענטפערט די טאָכטער פונעם קוילנוואַרפלער איוואַן סווירין: „אונדזער טאַטעלע איז געשטאָרבן אין פעלד-שפּיטאָל פון אַ שווערער ווונד...".

נאָר אָט האָט זיך אָפּגערופן דער קוילנווארפלער איליא וואָראָנאָוו: „יאָ, איך בין געווען צוזאמען מיט פּאוולאָוון. איך בין געווען אַן עלטערער סערזשאַנט, א קאָמאַנדיר פון אן אָפּטיילונג קוילנווארפלער. מיר האָבן געהאַט א „מאַקסים“, איך געדענק מײַנע שלאַכט-כאַווײרים: דעם ראָטע-קאָמאַנדיר דאָראָכאָוו, דעם פּאָליטרוק אַוואַגימאָוו, דעם וווזוואָד-קאָמאַנדיר אפּאַנאַסיעוו, די סאָלדאַטן איוואַשטשענקאָ, סווירין, באָנדארענקאָ, דעם סערזשאַנט כאַיט, — אַלע האָבן מיר אין דעם הויז צוזאמען געקעמפט, אַלע דעם 25 נאָיאַבער 1942 יאָר אַוועק אין אָנגריף. איך בין דעמאָלט שווער פארוווּנדעט געוואָרן. ס'האָט מיר אָפּגעריסן א פוס...“

דערנאָך איז אָנגעקומען א בריוו פון הינטער אסטראַכאַן פונעם ראַטווירטישן סטעלמאַך פײַזראַכמאַן ראַמאַזאַנאָוו. שפּעטער האָבן זיך געפונען שפּורן אויך פון אנדערע. בלויז אַף טשערניגאָווסטשינע אליין, האָט זיך ארויסגעוויזן, לעבן פינף „פּאַוולאָווצעס“. די פּראָנטאָוויקעס האָבן דערמאָנט נאָך נעמען. און זומער 1957 יאָר האָב איך זיך געלאָזט אין א לאַנגער רײַזע.

דערפּער, דערפּער, שטעט... מיט וועמען דו רעדסט ניט — אַלע ווי איינער דערמאָנען דעם סאַניטאַר-אינסטרוקטאָר מאַרוסיע אוליאַנאָווא. מע האָט זי גערופן „טשיזשיק“. געפינט זי אומבאַדינגט. זי לעבט. פּרוווט זיך דערוויסן וועגן איר בא לאַדיטשענקאָווען. אויך מאַריע.

און אויך געווען א סאַניטאַרער אינסטרוקטאָר אין סטאַלינגראַד. עמעצער האָט געהאַט פון איר א בריוו... אין א הייסן זומערדיקן טאָג געפין איך, ענדלעך, לאַדיטשענקאָווען. זי איז א ווירטשאַפט-טוערין, סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע.

— יאָ, איך האָב געקעמפט אין סטאַלינגראַד, אין צוויי-און-פערציקסטן גוואַרדיע-פּאָלק. פּאַוולאָווס הויז? נו, ווי זשע! וויפל פארוווּנדעטע האָב איך דאָרט איבערגעבונדן, אליין געווען פארוווּנדעט...

— מאַרוסיע אוליאַנאָווא קענט איר?

דאָס קײַלעכדיקע פּאָנעם פון דער בלאָנדהאָריקער פרוי צעשמייכלט זיך:

— דאָס איז דאָך מײַן פאַמיליע, לאַדיטשענקאָווא בין איך לויטן מאַן...

אין 1960 איז דערשינען די סטאַלינגראַדער כראָניק: „דאָס הויז פונעם סערזשאַנט פּאַוולאָוו“ — דאָס איז געווען מײַן דריט ביכל וועגן פּאַוולאָוון און זײַנע כאַווײרים.

דאָ דאַרף מען צוליב קלאָרקייט דערמאָנען, וויאַזוי עס זײַנען געגאַנגען די שלאַכטן אין דעם דאָזיקן לעגענדאַרן הויז. צוהילף דעם העלדישן פּירלינג, וואָס האָט פאַרכאַפּט דאָס הויז — בעראָש פון דעם פּירלינג איז טאַקע געשטאַנען יאַקאָוו פּאַוולאָוו — האָט מען איניקן געשיקט צוויי וווזוואָדן אין שפּיץ מיט אָפיצערן. אָבער „וווזוואָד“ — דאָס איז בלויז נאָמינאַל. זיי זײַנען סאַכאַקל געווען אָנדערהאַלבן צענדליק מענטשן. פּאַוולאָוו איז געווען דער קאָמאַנדיר פון א שיסער-אָפּטיילונג, נאָר אַלע באַפעלן פונעם באַטאַליאָן האָט מען איבערגעגעבן אים — דעם ניט אָפיציעלן קאָמענדאַנט פון דער קליינער גרופּע שלאַכטלײַט.

און אָט אין צוועלף יאָר ארום האָט מען אין וואָלגאָגראַדער מוזיי זיך גענומען וווּנדערן: וואָס זשע אַזוינס באַקומט זיך? מע רעדט דעריקער וועגן א סערזשאַנט, בייס מיט אים איינעם זײַנען געווען אָפיצערן. ס'טויג ניט... די געגנטלעכע צײַטונג איז ארויס מיט א פאָרשלאַג, אַז מע זאָל דאָס לעגענדאַרע הויז אָנרופן אנדערש. אין די הויכע אינסטאַנצן איז אַוועק א בריוו מיט א פאָדערונג פון דעם זעלבן שניט. נאָר דאָס אַלץ האָט קיין דערפאָלג ניט געהאַט. ס'האָט זיך ארײַנגעמישט דער היסטאָרישער אָפּטייל פונעם גענעראַל-שטאַב און אַלץ איז געשטעלט געוואָרן אַף די געהעריקע ערטער.

ביז וואָס-ווען האָב איך זיך אָפּגעווענדט פון אָט דער טעמע און זיך פאַרינטערעסירט מיט דער העראָאישער געשיכטע פון די ברידער באַרדיבאַכין.

...די פילהאַרמאָניע איז געקומען צו פאָרן אַף לאַסטמאַשינעס. איבער די מירמלנע טרעפּ טראָגט מען דעם דיריזשאָר-פּולט, די צונויפגעלייגטע פּיופּיטרעס, די קאָנטראַבאַסן אין די טשעכאָלן און די האַרפּע. עטלעכע מענטשן טראָגן גלעקער — א גאַנצן קאָמפּלעקט פון אַזעלכע, וואָס וועגן א פּוד, ביז סאַמע קליינינקע. אין יענעם דעקאַבער-אָוונט קומט פאָר אין קולטור-פּאַלאַץ פונעם מאָסקווער אווטאָזאַוואָד אַף ליכאַטשאָווס נאָמען א פײַערונג, „געווידמעט אונדזערע מאַמעס“. אַזוי איז אָנגעשריבן אַף די אײַנלאַדונגס-בילעטן. דער סאַמע איקער פון דעם אָוונט איז די מישפּאָכע באַרדיבאַכינס. די סאַמע עלטסטע פון אָט דער אַרבעטער-דינאַסטיע זײַנען געקומען אַפן זאַוואָד אין יענע ווײַטע צײַטן, ווען ס'האָבן נאָך דאָ, ווו ס'איז איצט דער ריזיקער זאַוואָד, גערוישט די סאָסנעס פון טיופּעלעווער וואַלד. בײַס דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע זײַנען פינף ברידער באַרדיבאַכין אַוועק פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד. פונעם פראָנט זײַנען צוריקגעקומען פיר. זיי האָבן געבראַכט זעקס און צוואַנציק אָרדענס און מעדאַלן. די קוילנווארפלער-קאָמאַנדע פון די ברידער באַר-

דיבאכין איז בייס די שלאכטן הינטער מאָסקווע געווּסט געווען איבערן גאנצן פראָנט. איז ווער זשע, אויב ניט יעקאטערינע איוואנאָוונע, די אלטיטשקע מאמע זייערע, דארף זיַין די מאלקע פון היַינטיקן אָוונט! טאקע צוליב איר וועט מען אויספירן גלינקעס „זיַי גערימט" פון „איוואן סוסאנין". דערפאר טאקע האָט די פילהארמאָניע געבראכט בראָנזענע גלעקער.

אָט פון יענעם אָוונט, פון יענער טעלעוויזיע-פראָגראם, ווען איך האָב פאָרגעשטעלט די בארדיבאכינס פאר די טעלע-צושויער, בין איך צוגעזאָטן געוואָרן צו די דאָזיקע מענטשן.

איך בין דערנאָך זייער אָפט געקומען אפן זאוואָד. אומגעגאנגען איבער די צעכן און שאָענלאנג זיך צוגעהערט צו דער ארבעט-סימפאָניע. באזונדערס לאנג זיך פארהאלטן אין די צעכן, וווּ עס האָט געארבעט עמעצער פון די בארדיבאכינס. און זיי זיַינען, קיין איַינהאָרע, איצט ניט קיין צענדליק — זין, שניר, אייניקלעך... קימאט אלע זיַינען זיי אווטאָזאוואָדצעס.

דער עקספערימענטאלער צעך האָט מיר אויסגעזען צו זיַין איינער פון די סאמע אינטערעסאנטע. דאָרט איז דעמלט פאָרגעשטאנען ארויסצולאָזן אַן אווטאָמאָביל מיט א קינסטלעכן קלימאט אין דער קאבינע. בא אונדז זיַינען נאָך דאן ניט געווען אזעלכע מאשינעס, מע פלעגט זיי קויפן אין אויסלאנד.

ווען איך האָב זיך פארטיפט אין דער ארבעט פון דעם דאָזיקן צעך, איז שוין די מאשין געווען פארטיק און זי האָט געדארפט אוועק אין אַן אויספרווו-ריַיזע אף פינף טויזנט קילאָמעטער. מיך האָט צוגעצויגן דאָס, וואָס איינער פון די שאָפערן בייס דער דאָזיקער ריַיזע וועט זיַין פיאָטער בארדיבאכין, דער זעלבער בארדיבאכין, וואָס האָט מאָנטירט די ערשטע סאָוועטישע אווטאָמאשין און נאָכדעם זי ארויסגעפירט אפן אָקטיאבער-פאראד אין 1924. מיך נעמט מען גערן מיט. קיין קאָמאנדיראָוואָטשנע דארף מען דאָך ניט צאָלן, און ארבעט וועט זיך געפינען פאר אלעמען.

טאקע אין אָט דער אויספרווו-ריַיזע האָב איך אָנגעכאפט דעם פאָדעם, ווי צו צעוויקלען די דערציילונג וועגן אָט די מענטשן. אין פינף יאָר ארום איז ארויס דאָס בוך „די ברידער בארדיבאכינס". עס איז מיר ביז איצט טיַיער, ווי ס׳איז טיַיער די דערמאָנונג וועגן יענע יאָרן, ווען כ׳פלעג קומען אפן אווטאָזאוואָד.

...אפן פארלאג האָבן זיך אָנגעזעצט מיט זייערע טיַינעס די פארבינדלער: „וואָס פארשוויַגט איר אונדזערע העלדן?"

עס פאָדערט זיך אָנצושריַיבן א ביכל וועגן דער ראדיסטקע יעלענע סטעמפקאָווסקאיא. דעם טיטל „העלד פון סאָוועטנפארבאנד" האָט מען איר צוגעייגנט שוין נאָכן טויט. מע ווייסט וועגן איר זייער ווייניק. אפילע די גראמאָטע וועגן דער באלוינונג ליגט אין לאנדשוץ-מיניסטעריום, וויַיל קיין קרויווים האָבן זיך ניט געפונען.

א סטודענטקע פונעם טאשקענטער פעדאגאָגישן אינסטיטוט, איז יעלענע פריַיווילִיק אוועק אפן פראָנט. לויט דעם, ווי די ציַיטונגען האָבן געשריבן, איז זי אריַינגעפאלן אין געפאנגענשאפט. די פאשיסטן האָבן איר אָפגעהאקט די הענט און אזוי האָט מען זי געפירט איבערן דאָרף, ווּ מע האָט זי געכאפט... צי קאָן א מענטש אזויינס איבערטראָגן?!..

אומאָפהענגיק דערפון, צי וועל איך אָנשריַיבן א ביכל וועגן יעלענע סטעמפקאָווסקאיא, צי ניט, האָט זיך מיר פארוואָלט זיך דערוויסן וועגן איר וואָס מער: מיט וועמען האָט זי זיך געכאוועדט? ווי האָט זי אויסגעלעבט אירע קורצע יאָרן? וועמען האָט זי ליב געהאט, אויב נאָר זי האָט באוויזן ליב האָבן? און פאר וואָס פאר א פריַיז האָט זי מאקריוו געווען איר קורץ לעבן? און איך בין אוועקגעפאָרן אין „הונגעריקן סטעפ". דער ראַיאָן האָט שוין דעמלט געהייסן „גוליסטאנער", אף אוזבעקיש באטיַיט דאָס „בליענדיקער" און דאָס אנטשפרעכט דעם איצטיקן אָנבליק פונעם געוועזענעם „הונגעריקן סטעפ". אין דער איבערגעשטאלטונג פון דעם דאָזיקן קאנט האָט אויך אָנטיילגענומען יעלענעס טאטע, א וויַיסרוסישער ארבעטער, וועלכער איז אהער געקומען צו פאָרן מיט א גרויסער מישפאָכע נאָך אין די דריַיסיקער יאָרן.

דאָ איז פאראן א שול אף יעלענע סטעמפקאָווסקעס נאָמען. עס לעבט נאָך דער דירעקטאָר, וועלכער געדענקט אויסגעצייכנט דאָס ווידערשפעניקע מיידעלע לענע, געדענקט, ווי מע האָט גערופן אירע כאווערטעס, איצט זיַינען זיי שוין אלע אליין לערערקעס, זיַינען זיך פאנאנדערגעפאָרן, האָבן כאסענע געהאט, געביטן די פאמיליע-נעמען, גיי זוך זיי! דאָך אייניקע אירע כאווערטעס האָט זיך איַינגעגעבן צו געפינען. און דאן האָב איך זיך אָנגעהערט מיט דערמאָנונגען...

אין פעווראל 1942 יאָר איז לענע אוועק אפן וואָראָניעזשער פראָנט. באלד נאָך דעם, ווי זי האָט פארענדיקט ראדיאָ-קורסן. זי איז געוואָרן א ראדיסטקע פון א באטאליאָן. דאָ, אפן פראָנט, איז צו איר געקומען די ערשטע ערנסטע ליבע. זי האָט זיך אָנפארטרויט בלויז איין מענטשן — איר אלטן טאשקענטער פראָפעסאָר, דעם ליבלינג פון די סטודענטן, פראָפעסאָר

פיטוני. ער האָט באַקומען פון איר עטלעכע קורצע בריוולעך. „ווען איר זאָלט וויסן! — האָט זי געשריבן. — עס פײַפן קוילן, עס דונערן האַרמאַטן, און דאָ, אין דעם געקנאַל און פײַפערײַ, בין איך ניט איינזאַם. איך האָב דאָ באַגעגנט אַ מערקווירדיקן מענטשן, און מיר האָבן זיך ליב געקראָגן. איך גלייב אין ניצאָכן, מיר וועלן זיגן, און איך וועל צוריקקומען ניט אַליין...”. איר לעצט בריוול פון פראָנט איז באַשטאַנען פון צוויי שורעס: „און ס'ווילט זיך אַזוי לעבן, עס שטייט פאַר אַ שלאַכט. מײַן ליבער פּעטיאַ!...”.

די צײַטונגען האָבן געשריבן, אַז לענע איז אומגעקומען הינטער סטאַלינגראַד בײַ דער סטאַנציע זימאָווניקי. נאָר ס'איז באַוווּסט, אַז די שלאַכטן זײַנען דאָרט געגאַנגען ווינטער, און לענע איז אומגעקומען, דאָס ווייסט מען פּינקטלעך, דעם 28 יוני 1942 יאָר. עפּעס איז דאָ ניט אַזוי... די לאַנגע זוכענישן האָבן מיך געבראַכט צו אַן אַנטדעקונג, וועלכע האָט געוואָרט אויף מיר אין דער בײַבאַלטיק, ווו עס איז נאָך דער מילכאָמע געשטאַנען דער פּאָלק, אין וועלכן עס האָט געדינט לענע. עס איז קלאָר געוואָרן, אַז אין געפאַנגענשאַפט איז סטעמפּקאָווסקאַיאַ ניט ארײַנגעפאַלן. עמעצער האָט געלאָזט אַ קלאַנג, אין די אומשטענדן פון מילכאָמע-צײַט האָט מען אים ניט דורכגעקאָנטראָלירט, דערנאָך האָט דער קלאַנג זיך דורכגעשלאָגן אין די צײַטונגען.

פונוואַנען האָט זיך גענומען די לעגענדע, דאָס האָב איך זיך ניט געקאָנט דערוויסן. נאָר ווער אין דער וועלט קאָן זיך באַרימען דערמיט, אַז אים איז געלונגען זיך דערוויסן, ווי עס ווערט געבוירן אַ לעגענדע?

שוין נאָך דער מילכאָמע האָט איינער פון די פאַראַנטוואָרטלעכע קאָמאַנדירן פונעם דיוויזיע-שטאַב ארײַנגעטראָגן אַ געוויסע קלאָרקײַט. אָט דאָס געוואַגטע מיידל, — האָט ער מיר געשריבן, — האָט מען גוט געקענט אין פּאָלק און אַפילע אין דער גאַנצער דיוויזיע, מע האָט גוט געוווּסט, וואָס פאַר אַ העלדישן כאַראַקטער זי פאַרמאָגט, און אירע שלאַכטפרײַנט האָבן ניט געקאָנט דערלאָזן, זי זאָל פאַרגעסן ווערן. אָט אַזוי איז געבוירן געוואָרן אַ לעגענדע וועגן געפאַנגענשאַפט.

באַשטעטיקט איז פאָלגנדיקס: יעלענע סטעמפּקאָווסקאַיאַ האָט געפונען דעם טויט אין שלאַכט. און אָט וויאַזוי דאָס איז געשען. די שלאַכט איז געגאַנגען אויפן בעסוילעם פונעם דאָרף זימאָווענקאַ, בעלגאָראָדער געגנט. עטלעכע אונדזערע שלאַכטלײַט זײַנען געבליבן אין די טראַנשייען, קעדיי צו פאַרהאַלטן די אָנגרײַפנדיקע דײַטשן און געבן אַ מעגלעכקײַט אונדזערן אַ באַטאַליאָן אָפּצוטרעטן. אָרטיקע אײַנוווינער האָבן געהערט, ווי עס האָבן געשאָסן צוויי קוילנוואַרפער. דערנאָך איז איינער שטום געוואָרן. מע האָט געזען, ווי איבער דער לאַנגער טראַנשיי לויפט הין און צוריק אַ מיידל, באַגיסנדיק מיט פײַער די מענטשן-קייטן פונעם סוינע. דערנאָך איז אַלץ שטיל געוואָרן.

די יעדיע וועגן דעם העלדנטאַט פונעם מיידל איז באַלד באַוווּסט געוואָרן אין דעם גאַנצן דאָרף. אויפן אַנדערן טאָג אינדערפרי זײַנען געקומען די פויערים. זיי האָבן געבראַכט יעלענען צו קוורע לעבן דער טראַנשיי, פון וועלכער זי האָט געשאָסן און ווו זי האָט געפירט איר לעצטע שלאַכט.

דאָס „מיידל אין דעם גרויען שינעל” — אַזוי האָט געהייסן מײַן בוך וועגן יעלענע סטעמפּקאָווסקאַיאַ. אין אַכט יאָר אַרום האָב איך געקראָגן אַ בריוו פונעם פּאָליטרוק טראָפים טשאָרני און דערפילט, אַז מײַן כייוו איז אומצוקערן זיך צו דעם דאָזיקן ביכל. „איך בין ניט דערהאַרגעט געוואָרן, ווי ס'איז געזאָגט אינעם ביכל, — האָט געשריבן טשאָרני, — איך בין געווען שווער פאַרווונדעט, און ס'איז אַ נעס, וואָס איך בין לעבן געבליבן...” דער פּאָליטרוק האָט ביז דער לעצטער מינוט געקעמפט באַנאַנד מיט לענען. זי האָט געשאָסן פוןביידע קוילנוואַרפער און איז אומגעקומען פאַר זײַנע אויגן. אין דער זעלבער טראַנשיי איז אויך אומגעקומען איר געליבטער פּיאָטער קירייעוו...

אַזויאַרום, איז מיר געלונגען אויפשטעלן דעם עמעס וועגן יעלענע סטעמפּקאָווסקאַיאַ. איר נאָמען טראָגן איצט אַ סאַך פּיאָנער-אָטריאַדן. פאַרן רעכט אָנצורופן זייערע בריגאַדעס מיט איר נאָמען פאַרמעסטן זיך בויער און שאַכטיאָרן פון איר היימשטאָט סאָליגאָרסק אין ווײַסרוסלאַנד.

...נאָך דעם, ווי ס'איז אין 1960 יאָר צום דריטן מאָל דערשינען דאָס בוך וועגן „פּאַוולאָווס הויז” און אין איייניקע פעריאָדישע אויסגאַבן זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן מײַנע פּובליקאַציעס וועגן דער דאָזיקער העלדישער עפּאָפּיי, האָט צו מיר אַ פּלייץ געטאָן אַ נײַער שטראָם מאַטעריאַלן. אין די פאָרשונגען האָבן זיך אײַנגעשלאָסן די פּיאָנערן. זיי האָבן אויסגעזוכט די סאַפּיאָרן, וואָס האָבן צעשטעלט די מינעס אַרום הויז. אין סיביר האָט זיך געפונען פּאַוולאָווס מיטקעמפער מיכאַיל טשאַסאָווסקיך, אין קרים — לוקאַ וואָלאָסענקאָ.

פֿון אַסטראַכאַן האָט זיך אָפּגערופֿן יעווגעני מיאַסניקאָוו, דער אַרטילעריִשער באַאָבאַכטער אויפֿן בוידעם פֿון „פּאַוולאָווס הויז“. אין די קאָרעקטירער האָט געטראָפֿן אַ סנאַריאַד, און איך האָב געשריבן, אַז זיי זײַנען אַלע אומגעקומען. אָבער מיאַסניקאָוו שיקט אַ גוטע בשׂורה: ניט קיין גרויסער טאָעס, אַזוי צו זאָגן, האָט זיך באַקומען אין אײַער בוך — איך לעב!.. אָט אַזוי האָט זיך אויף אַ גליקלעכן אופֿן איבערגעכאַזערט די געשיכטע מיטן פּאָליט־רוק טראָפּים טשאָרני, וועלכער האָט געקעמפֿט אין איין טראַנשיי מיט יעלענע סטעמפּקאָוו־סקאַיאַ.

דער פֿאַרבינדלער סערגיי דומין פֿון דאָנעצק האָט אויפֿגעשיקט אַן אָנקלאָגע אויף מיר צום מאַרשאַל מאַלינאָווסקי: וועגן אַלעמען איז אין בוך אָנגעשריבן און וועגן די פֿאַרבינדלער קיין איין וואָרט. „און מיר האָבן דאָך געצויגן דעם טעלעפֿאָן אין „פּאַוולאָווס הויז“... ניט איינער פֿון אונדזערע כעווריע — פֿאַרבינדלער האָט דאָרטן אויפֿגעלייגט דעם קאָפּ...“

אין די טורגעניעוו־ערטער, אינעם דאָרף טשערן, איז אויפֿן מילך־זאַוואָד דירעקטאָר קאָנסטאַנטין גאַווריקאָוו, דער געוועזענער געהילף פֿונעם שעף פֿון שטאַב אין דעם 42־טן גוואַרדייִשן פּאָלק, וואָס אויף זײַן באַצירק האָט זיך געפֿונען דאָס „פּאַוולאָוו־הויז“. גאַווריקאָוו האָט אַן אויסגעצייכנטן זיכּרון.

און דאַן האָבן פֿיל געשעענישן באַקומען אַן אַנדער באַלויכטונג. ס'איז אויסגעקומען אַ ביסל אַרומפֿאָרן, זיך זען מיט נײַע מענטשן, און איך האָב זיך צום פֿערטן מאָל אויפֿגעזעצט שרײַבן און איבערשרײַבן דאָס ביכל וועגן „פּאַוולאָווס הויז“. ס'איז דערשינען אין 1970 יאָר. איצטער איז דאָס געווען אַ דערציילונג וועגן דעם לעבן און דעם גורל פֿון די פֿאַרטיידיקער פֿונעם הויז, וועגן די, וואָס האָבן אויף דער קלייניקער פּאָזיציע געהאַלטן אַן אײַזערנע שוץ־ליניע, פֿאַרשאָטן דעם סוינע מיט פֿײַער. איך האָב דערציילט וועגן די, וואָס האָבן געלאָקערט נאָך דעם סוינע אין זײַן הינטערלאַנד, האָבן קאָרעקטירט פֿונעם הויז דאָס אַרטילעריע־פֿײַער, האָבן געזיכערט די פֿאַרבינדונג, געשאָסן סנײַפּעריש; וועגן די, וועלכע האָבן אויף דער פֿאַרברענטער מיל אָפּגעשלאָגן אַלע אַטאַקעס פֿונעם סוינע און ניט געלאָזט אים דורכרײַסן זיך צום וואָלגע־ברעג, וועגן די, וואָס האָבן געקעמפֿט פֿאַרן סטאַלינגראַדער וואָקזאַל.

פֿאַר די טויטע רעדט דער זיכּרון פֿון די לעבעדיקע...

פֿון רוסיש — ש י ר ע ג אָ ר ש מ אַ ן

לעם היימישע האפנס

* * *

אַלע מײַנע יאָרן געענדערטע,
ווי אויך די יאָרן שוין פאַרגאַנגענע,
האָבן זיך פאַרזאַמלט אַף אַ קורצינקער באַגעגעניש.
ווי רײַכע געסט, געקומען זײַנען יאָרן מײַנע ליכטיקע,
אויסגעקליידט מיט שטראַלעכלעך, פינקלענדיקע, ציכטיקע,
די יאָרן די געענדערטע, אויסגעפּוצט מיט בלימעלעך,
ווי פײַערלעך צעהאַנגענע.
אויך געקומען זײַנען יאָרן מיט אומעטקײַט באַוואָפנטער,
וואָס האָבן זיך מיט פּלאָגעניש געראַנגלט ווי געפאַנגענע.
שטיי איך אַ דערשטוינטער, אַזאַ קאָווּד-גאַסט פאַרבעטענער,
און מיט בענקענדיקע אויגן באַטראַכט איך זיי דערנעבן.
דערזע איך גאָר אַזויפיל אומבאַקאַנטע פּנעמער,
נאָר אין יעדערן פון זיי געפין איך שטריכן פון מײַן לעבן.
שטילערהייט, בעשאַלעמדיק, מיט פרײַנטלעכקײַט, אָן אַמפּערניש
טײַנע איך זיך אויסעט מיט די יאָרן די פאַרזאַמלטע,
ס׳האָבן אייניקע פאַרזוכט דעם טאַם פון מאַטערניש,
ניט איין מאָל זיך געפונען אינעם שאָטן פון באַאוולטע.
ווינטש איך מײַנע קומענדיקע, די באַשערטע יאָרן
אַ ליכטיקע באַגעגעניש מיט פריידן און מיט זאָרגן.

* * *

זעלטן בין איך מיט זיך אַליין,
אָמערסטן כ׳בין מיט עמעצן,
ווי דער וועכטער, וואָס באַשיצט די היים,
און דערלאָזט ניט טאָפּטשען
רוסלאַנדס גרענעצן.

און בוראַנען שנייִקע,
אין מעטעליצעס,
איך שטעל אָפּ אַ פרעמדן
און לאָז ניט ווײַטער גיין,
ווײַל איך בין קיינמאָל ניט מיט זיך אַליין,
ווי דער טרײַער וועכטער באַ די גרענעצן.

* * *

איך וויל שוין ניט הערן איינס און דאָס זעלבע
און כאָזערן שטענדיק דאָס אַלץ שוין געזאָגטע,
כ׳וויל ניט נייגן מײַן קאָפּ
פאַר דיר, ווי אַ ווערבע,
וואָס כאַפּט קוים דעם אָטעם
פון ווינטן צעיאָגטע.

דו קוק ניט אַף מיר מיט פאַרכידעשטע אויגן
פאַרהיל ניט אין כשאַד מײַן שטילן באַגער,
אין רייפן פון צווייפלונג פאַרשמיד
ניט מײַן גלויבן,
ניט זונדער זיך אָפּ פון מיר אַף מײַן ערד.

די רעדאקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ באַגריסן האַרציק דעם דיכטער יאָסל בוכבינדער מיט זײַן 75־טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט, אריכאס־יאָמים און נײַע שעפֿערישע דערפֿאָלגן.

---

* * *

צי דען האָט דער יאם-פּליין
זײַן ברייטקײַט געענדערט?
צי דען איז זײַן טיפֿקײַט נאָך טיפֿער געוואָרן?
ווײַזט אויס, אַז די כוואַליעס פֿון בראַזנדע
לענדער —
זײַן אָפּגרונט צעשטורעמט,
זײַן טיפֿקײַט צעגראָבן.
ס'יאָגן האַסטיקע כוואַליעס דעם יאם-ברעג
אַריבער,
לעם היימישע האַפֿנס
מע גריסט זיך ווי ברידער.

* * *

הינטער מײַן פֿרילינגדיקן פֿענצטער,
דעם אָפֿענעם, צעפּראַלטן,
פֿאַר קיינעם קיינמאָל ניט פֿאַרמאַכטן,
הער איך, ווי עס רעדן אַף די בייטן
די צעגרינטע
מײַנע אויפֿגעוואַקסטע, לעבעדיקע פֿלאַנצן —
אַז קיינמאָל אײנעם לעבן
טאָר קיין מענטש זיך ניט פֿאַרטראַכטן
אַרויסצוזאָגן דעם עמעס פֿאַר יעדערן
אײַנגאַנצן,
ווײַל לײַכטער וועט דיר ווערן צו טראָגן
דײַנע ליידן,
אויך אויפֿנעמען גוטהאַרציק
דײַנע שפּרודלדיקע פֿריידן,
וואָס קומען אָן מיט צאַפּלעניש
צו דײַן האָפֿערדיקן האַרצן.
קיינמאָל אײנעם לעבן דאַרף אַ מענטש זיך
ניט פֿאַרטראַכטן
אַרויסזאָגן דעם עמעס פֿאַר יעדערן אײַנגאַנצן.

* * *

וואָס קומט עס פֿאַר מיטן וועטער?
ווער בויטעט עס דאָרט דעם עפּיר?
אָט יאָגן זיך האָגלען, באַפֿאַלן די בלעטער
מיט שנייִיקן קאַלטן געפֿריר.
איז זאָגט מיר, ווער דאַרף אַזא וועטער?
כ'האָב קיינמאָל אין לעבן
די הייך ניט פֿאַרגעטערט,
אין יעטווידן פֿרילינג האָט די בליִונג געהעלט,
איז געקומען דער זומער
און מיט וואַרעמען נאַכעס
דערמונטערט דאָס האַרץ פֿון דער וועלט.
און איצט, איך פֿאַרשטיי ניט,

וואָס קומט עס דאָרט פאַר מיטן וועטער,
ווי פּלוצעם אין יון פאַלט אויס גאָר א שניי,
ווען שוין וואַכנווײַז וואַרטן די צײַטיקע
פעלדער,
אַז דער שניטער זאָל קומען צו זיי?
איז וואָס קומט עס פאַר מיטן וועטער,
ווען ס'הערט ניט אויף מאַבלען די הייך
און ס'ליגן פאַרטרויערט די פּיטש-נאַסע
גערטנער,
אַן זוניקײַט צאַנקט זייער ערדישטער קויערך?

כ'האָב קיינמאָל פון קינדווײַז די הייך
ניט פאַרגעטערט.
די זעלביקע שטערן ביז אומזין כ'האָב ליב,
בעט איך אײַך, וואָלקנס, ניט פאַטערט דעם
ווערטער,
פאַרשטערט מיר ניט, שטערן,
מײַן העלן געמיט.
געבענטשט זאָל ער זײַן,
אָט דער לויטערער ווערטער,
וואָס קומט צו דער צײַט
מיט באַרויקטע טריט.

* * *

איך וועל ניט וואַרעמען די הענט מײַנע
בא א פרעמדן שײַטער,
וואָס אַף דעם פּאַשע-פעלד האָט עמעצער
פון דינע צווײַגעלעך צעלייגט,
נאָר אויב די פינקלענדיקע פײַערן
האָבן מיך פון פינצטערניש דערווײַטערט,
אין וועג צו מײַן באַשערטער

מיך מיט ליכטיקײַט באַגלייט,
איז וועל איך באַלד באַדאַנקען
אָט דעם לעבעדיקן שײַטער,
מיט שפּענדעלעך מיט פרישע,
וואָס איך מיט מײַן באַשערטער
געבראַכט האָבן צו טראָגן
זאַלבעצווייט.

* * *

דאָס קליינע שיפל שווימט אוועק
און ס'וואַרט אַף אַנדערע דער ברעג,
א ברעג, וואָס ווייסט ניט פון קיין אָנהייב
און ווייסט ניט פון קיין סאָף,
א ברעג, וואָס טראַכט ניט פון קיין אורלויב
און ווייסט ניט קיינמאָל פון קיין שלאָף.
עס קומען שיפלעך, נעמט ער אופּעט,
אָט דער ראַכוועסדיקער ברעג,
עס קומען פערד מיט פיס צעטופּעט,

נאַס-צעהיצטע פונעם וועג.
טרינקט מען אַלע בא דעם ברעג זיך אַן באַלד,
ביז דער דאָרשט פאַרשווינדט.
ס'טרעפט, אין אָוונט שוועבט אַן אומעט
פון אַן אָנגעיאָגטן ווינט,
נאָר דער ברעג לעבט שטענדיק אופּעט —
ווען ס'קומען שיפלעך, נעמט ער אופּעט,
און זײַן אומעטקײַט אנטרינט.

* * *

אַף א וועלכן פעלד זאָלסט ניט באַגעגענען
א בערגל ערד דאָרט א באַשיידנס,
וואָס איז פאַרבליבן אָפּגעזונדערט נאָכן קריג,
און ניט פאַראַנען איז אַף דעם קיין מינדסטער אויפשריפט,
ווײַל קיינער האָט די נעמען ניט פאַרהיט,
איז מעג אין דרויסן מאַבלעווען,
איז מעג דער הימל רעגענען,
דו שטעל אַליין אוועק זיך מיט דײַן האַרץ, וואָס רוט ניט,
און פּראַווע אָפּ א יאָרצײַט,
כאָטש דו ווייסט ניט פון קיין צײַט און פון קיין נעמען.
שטעל אײַן פאַר זיי א דאַטע, קום יעדן יאָר אַהערצו,
וועסטו הערן, ווי די פייגל זינגען אויס שאָפּענען,
וועסטו הערן בא דעם בערגל, ווי עס קלאַפּן טויטע הערצער
פון ברידער אומבאַוווּסטע און פון אומגעבראַכטע שוועסטער.

שוואַלבן, כ׳וועל אײַך צו מײַן פענצטער הײַנט פאַרזאַמלען,
זיך מוידע אָון מיסוואודע זײַן פאַר אײַך,
אַז פון אַפּטן אומרו איז מײַן האַרץ געוואָרן צופיל וואַכזאַם
און ס׳איז אַוועק דער שלאָף פון מײַנע אויגן.
איז עפשער וועט מיר גרינגער זײַן מיט אײַך צוזאַמען,
ווען איר וועט זיך אַוועקשטעלן אָט דאָ, לעם מײַן צוקאַפּנס,
און מיט אײַערע געזאַנגען וועט איר מיך דערוואַרעמען, —
וועט דאָס האַרץ מײַנס זיך באַרויִקן,
און ס׳וועט מײַן אומרו אופהערן צו ליאַרעמען.
שוואַלבן מײַנע, איך בין פול צו אײַך מיט גלויבן,
אײַער צאַרטקייט האָט פון קינדווײַז מיך געריִרט,
כאָטש כ׳האָב געהאַלטן אײַך פאַרשלאָסן אין א שטײַגל,
ווײַל כ׳האָב געוווּסט, איר וועט אַוועקפליִען פון מיר.
בעט איך אײַך, מײַן פענצטער איצטער ניט פאַרמײַדן,
ווײַל די בענקשאַפט אין מײַן האַרצן גייט אוף ווי א געפריר.
כ׳וועל דינען ווי א בוים אײַך, מיט בלעטערדיקע צווײַגן,
אַז רוען אין די נעסטן זאָלט איר קאָנען אויך בא מיר.
און יעדן אינדערפרי אָט דאָ, לעם מײַן צוקאָפּנס,
זאָלט איר איִסזינגען מיר שטענדיק
אײַער פריִלינגדיק געזאַנג.
פון די פעלדער זאָלט איר ברענגען פרישע טויען-טראָפּנס,
אַפּוואַשן די מידקייט פון מײַן שלאָפלאָזן געדאַנק.
קומט זשע אַפּטער צו מײַן פענצטער אין באַגינען,
עפשער וועט זי קומען איִכעט הערן דאָס געזאַנג.
כ׳וויל, איר זאָלט מיר, שוואַלבן, העלפן צו געפינען
יענע ליבע, וואָס פאַרלוירן האָב איך ערשט ניט לאַנג.
קומט א שוועלבעלע צום פענצטער אומגעריכט צו פליִען,
ברענגט עס מיר א בסורע, וואָס דערמונטערט מײַן פאַרלאַנג.

■ ■ ■

ארן ווערגעליס

דאָרט, ווו איך בין נאָך ניט געווען

11. לאָז מיך ארייַנקוקן אין דייַנע הייַנטיקע אויגן

אף דער שפאנישער ערד האָב איך אוועקגעשטעלט מייַן פוס קימאט מיט 500 יאָר נאָך דעם גיירעש שפאניע, ווען לויטן מעטורעפדיקן באפעל פון פערדינאנד דעם קאטוילישן און זייַן פלוינעסטע, דער קייסעריניע איזאבעלא, האָט פון דער דאָזיקער ערד זיך אוועקגע־טראָגן איבער דער וועלט דאָס אומבאהאָלפענע טופען פון אן ארויסגעטריבן פאָלק.

איך בין אָנגעקומען קיין שפאניע מיט 175 יאָר נאָך דעם, ווי דער קיניג יאָסיף באָ־נאפארטע האָט אָפגעשאפן די אינקוויזיציע, און האגאם א שפעטערדיקער מיילעך — פער־דינאנד דער זיבעטער האָט געפרווט זי ווידער אייַנפירן, האָט זי שוין ניט געהאט קיין אָנ־האלט, און מיט 150 יאָר פאר מייַן קומען קיין שפאניע זייַנען אינגאנצן פארשוווּנדן די הייליקע טריבונאלן — סאנקטום אָפיציום, ווי מע פלעגט זיי רופן.

דאָס ערשטע, וואָס איך האָב דערזען אפן טראפ פונעם לייַנער, ווארפנדיק א בליק צו דער אומגעגנט פון דעם מאדרידער ארעאָפּאָרט באראכאס, איז געווען א היפשער שייַטער, אף וועלכן די פויערים פון א נאָענט דערפל האָבן אָן אאוטאָדאפע-ריטאָריק פארברענט דאָס פאראיאָריקע גראָז. ס'האָט מיר אויסגעזען צווייענדיק סימבאָליש. שפאניעס פערציקיאָריקער פאשיסטישער נעכטן גייט אוועק מיטן רויך. איך בין געקומען אהער אין 7 יאָר מיט 4 כא־דאָשים און 2 טעג ארום נאָכן טויט פונעם קאודיליאָ פראנקאָ; מיט 4 כאדאָשים און 21 טעג נאָך דעם, ווי ס'איז פונדאנען איבערגעגעבן געוואָרן די יעדיע, אז אין רעזולטאט פון די וואלן אין פארלאמענט, ווערט אין דעם לאנד געשאפן א רעגירונג פון די סאָציאליסטן. דער שייַטערהויפן, וועלכן כ'האָב דערזען, איז פאר מיר אויך געווען א סימבאָל פון מייַן „אומ־קערן זיך" קיין שפאניע: איך האָב איצט ניט מוירע, מע זאָל מיך לעבעדיקערהייט פאר־ברענען אף אָט דעם שפאנישן שייַטער. קורץ פאר מיר איז אין אָט דעם לאנד געווען אליין דער פויפסט אויאַן-פאוועל דער צווייטער, און ער האָט בעפויעל מאמעש דערקלערט אין דער אָנוועזנהייַט פון דעם הייַנטיקן קיניג פון שפאניע כואן קארלאָס און פון זייַן פלוינעסטע, דער קייסעריניע סאָפיע, אז „די אינקוויזיציע איז געווען א היסטאָרישער פעלער".

דאנקען און לויבן יאָשקען דעם טויבן! — די נעשאָמעס פון טויזנטער און טויזנטער לעבעדיקערהייט פארברענטע מענטשן פון מייַן שטאם קאָנען זיך שוין איצט בארויקן, ס'איז געבליבן, אז די צוואנציק ווייַטערדיקע נאָכן גיירעש יידישע דוירעס, וועלכע האָבן אייַנגע־פירט דעם ניט געשריבענעם איסור (פארבאָט) צו שטעלן א פוס אף דער שפאנישער ערד, זאָלן איצט אָפטרעטן פון זייערס. איך בין טאקע איינער פון די, וואָס האָבן עס געטאָן, גע־דענקענדיק, אז אויך פריער, אין שווערערע צייַטן, זייַנען געווען אזעלכע, וואָס זייַנען זיך

אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 11, 1983.

אזוי באגאנגען, לעמאַשל, די קעמפער פון דער באַטווין-בריגאדע בייס די שלאכטן קעגן פראנקאָן...

האָקיצער, איך געפין זיך אין דער צוויבער-שטאָט מאדריד, וווּ אין האָטעל האַוואַנאַ, לעם דעם פלאַץ אַרגענטינאַ, פון איין זייַט, און דעם פלאַץ רעפּובליקאַ דעל עקוואַדאָר און דער גאַס רעפּובליקאַ דאָמיניקאַנאַ, פון דער צווייטער זייַט. דאָס בילד באַקימט נאָך מערער קאָלאָריט, ווען איך דערוויס זיך, אַז די קאַפע בישכיינעס מיטן האָטעל טראָגט דעם נאָמען בראַזיליאַ און זי שטייט אַנטקעגן דעם קינאָ-טעאַטער, וועלכער רופט זיך קאָסטאַ-ריקאַ. דאָס איבעריקע איז דאָ לאַכלוטן קאָלאָריטלאָז — הייַזער ווי הייַזער, און די מענטשן זעען אויס אַזוי, ווי אין אַנדערע לענדער און אויף אַנדערע קאָנטינענטן, מיטן אונטערשייד, וואָס זיי ריידן אויסשליסלעך אויף שפּאַניש און פאַרשטייען ניט קיין וואָרט ייִדיש.

מייַן האָטעל-נומער האָט אַריבערגעשטיגן אַלץ, וואָס כ'האָב געהאַט ביז איצט אין די לענדער פון מייַנע רייַזעס, ווו אַ בעט, אַ טיש, אַ פּאָר שטולן, אַ שאַפע און אַ קליין שאַפקעלע פאַרן נאַכט-לאָמפּ — אָט די אַלע זאַכן, אַרייַנגענומען אין פיר ווענט, דאָס איז דער האָטעל-צימער. דאָ אָבער, אינעם מאַדרידער „האַוואַנאַ"-מאָקעם גיט מען דיר פאַר דער זעלבער פּרייַז אַ גאַנץ דירעלע: אַ צימער „אויף צו לעבן" און אַ צימער אויף צו שלאָפן, צווישן זיי און דעם וואַנע-צימער — אַ שטוביק אַרומגעשטעלטער מיט געשניצטע און אינקרוסטירטע בופעטלעך האָל, און ווען דו עפנסט די טיר צום דרויסן, קומסטו אַרייַן אין אַ גאַנצער סיסטעם פון פאַרגלאָזטע איבערשטאָקיקע וועראַנדעס, מיט ווייך פאַרשפּרייטע דילן, מיט עלעקטרישע ברא און באַרעמלטע בילדער אויף די ווענט, מיט אַקוראַטע טירן פון מעטאַל און גלאָז — איינע עפנט זיך צו אַ באַלקאָן-קאָרידאָר, וואָס פירט צו אַ ברייט ווינקלדיק אָרט, אַ מין צימערל אין דער וועראַנדע, וואָס איז אויסגעשטאַט ווי אַ קיך מיט אַן עלעקטרישער פּליטע און מיט אַן אייַזקעלטער, און די צווייטע טיר פירט צו אַן אַנדער ווינקלדיק ברייט „צימערל", אין דער אַנטקעגנדיקער זייַט, אַן אויסגעשטאַטס מיט אַ דיוואַן מיט באַקוועמע קרעסלעס און מיט אַ טישעלע אויף געבויגענע פיסלעך — זעץ זיך צו מיט דייַנע געסט און כאַפּ אַרייַן אַ שמועסל בא אַ פלאַש געשמאַקן כערעס, עטעמענדיק מיט וואַרעמער באַלקאָן-לופט, וועלכע איז עטוואָס ווינטלדיק און איז פרישער, איידער אין די אינווייניקסטע צימערן.

די גאַס, ווו סע שטייט דער האָטעל, הייסט פּאַסעאָ דע לאַ האַוואַנאַ. מיט עטלעכע קוואַרטאַלן ווייַטער געפינט זיך דער גרויסער מאַדרידער סטאַדיאָן. דאָרט האָט זיך אָקאָרשט פאַרענדיקט דער וועלט-פאַרמעסט פון לייַכטער אַטלעטיק. ווען כ'בין אַרויס דאָס ערשטע מאָל באַקוקן די שטאָט, איז באַם סטאַדיאָן געשטאַנען אַ היפּשער אוילעם, און איך האָב געפרעגט מייַן באַגלייטער, צי עס הייבט זיך ניט ווידער אָן דער פאַרמעסט פון גראַציעס. „גראַציאָ"... — האָט אַרויסגעשטאַמלט מייַן באַגלייטער, וואָס עס האָט אין געגעבענעם קאָנטעקסט געדאַרפט באַטייַטן „ווייל, ווייל..." און ער האָט מיך צוגעפירט נעענטער צום רעדל. אַ מענטשן דרייַסיק-פערציק האָבן אַרומגערינגלט אַן אויטאָמאָביל, בא וועלכן דאָס טירל איז אָפן, דאָס פאָדערשטע גלאָז — דורכגעשאָסן אין עטלעכע ערטער, און דורכן אָפענעם טירל שלעפן צוויי פּאָליציאַנטן אַרויס פון דער מאַשין אַ פאַרבלוטיקטן קערפּער. מייַן באַגלייטער רעדט זיך דורך מיט איינעם אַ ציווילן מאַנצבל, אויף וועלכן אַלע קוקן מיט אַ געמיש פון אָפּשייַ און מוירע, און קלערט מיר אויף, אַז דאָס איז ניט קיין פּאָליטישער מאָרד, אין מאַדריד זעט מען אָפט אַזעלכע סצענעס. ס'קאָן זייַן, אַז געשאָסן האָט אַ גאַנגסטער אָדער אַן אייפערזיכטיקער מאַנצבל.

הער אויס, מאַדריד. לאָמיר ביידע אופהערן אַרויסצושטעלן אויפן פאָדערפלאַן דאָס סאַקראַמענטאַלע און לאָמיר בעסער צוטרעטן צום איניען. איך בין געקומען נאָך אַ גרויסן איבערייס צו זען זיך מיט דיר און מיט דייַן לאַנד, דערמאָנען די אָוועס, וועלכע האָבן געלעבט אויף דייַן האַלב-אינדזל העכער טויזנט יאָר, אפילע פריִער, איידער אַליין די שפּאַניער, נאָך פון די צייַטן, ווען די רוימער האָבן באַהערשט דאָס לאַנד, נאָך פון דעמלט, ווען די פיניקיִער האָבן געשיפלט זיך צו די שפּאַנישע ברעגן און אָנגעהויבן דאָרט די שטאָט קאַדיקס, נעמענדיק מיט זיך אויף די שיפלעך ייִדישע סאָכרים פון ערעץ-ייִסראָעל; דערמאָנען די גאָלדענע עפּאָכע בא די ייִדן אין שפּאַניע, בא די זעלבע, וועלכע מע האָט דערנאָך גערופן „שפּאַניער אָן אַ היימלאַנד", „נייַע קריסטן-מאַראַנען", דערמאָנען דעם בייַטראָג און דעם ייִכעס פון די ייִדישע פּאָעטן און פילאָסאָפן, דאָקטוירים און שטאַטסמענער, האַנטווערקער, אַסטראָנאָמען, צייכנער פון מאַפּעס.

לאָז מיך אַרייַנקוקן אין דייַנע הייַנטיקע אויגן.

12. צו גיך און צופיל

אין שפאַניע הערט מען איצט אָפטריידן, אז פאַר יענע, וואָס קוקן אף צוריק, איז דער צוג שוין אוועקגעגאנגען. אַליין שפאַניע איז אין די לעצטע יאָרן ענלעך אף א לויפנדיקן צוג, דערביי איז פון דער זייַט אַלעמען קלאָר, וווהין ער וועט סאָפקאַלסאָף קומען (סייַדן אין וועג וועט זיך אייַנגעבן אים אראָפוואַרפן פון די רעלסן), נאָר אינווייניק אינעם צוג האָט יעדערער אין זינען זייַן אייגענעם מאַרשרוט.

מייַן אריבערפאָרן פון דער שווייץ קיין שפאַניע רופט אַרויס בא מיר דעם זעלבן געפיל, ווי כ׳וואָלט אריבערגעפירט דעם בליק פון אן אספאַלטירטן שטעטך אף א פליסנדיק וואַסער. אין דער שווייץ זייַנען די געמיטער, אין גרונט גענומען, שטיל און באַשטענדיק. די לעצטע מילכאָמע מיט אן אויסלענדישן סוינע איז דאָ געווען אין 1798-טן יאָר, דער לעצטער רעגירונגס-קריזיס — אין 1848-טן יאָר, דער לעצטער גרויסער שטרייַק — אין 1918-טן יאָר. שפאַניע ברויזט אפילע, ווען זי רוט.

מע האָט געדאַרפט האָבן אן אומבאַגרענעצטע פאַנטאַזיע, קעדיי פאָרויסזען, אז נאָך פראַנקאָס טויט וועט לאַנג ניט געדויערן, און די סאָציאַליסטישע פאַרטיי, וועמענס איצטיקער גענעראַל-סעקרעטאַר פיליפע גאָנסאַלעס איז געבוירן געוואָרן אינעם יאָר פון איר מאַפּאַלע אין דעם בירגערקריג, וועט איבערנעמען די מאַכט אָן איין שאָס, און פרעמיער פונעם לאַנד וועט ווערן דער זעלבער „פיליפע", ווי עס רופט אים איצט גאַנץ שפאַניע. די פערציק יאָר האָבן זיך אָבער ניט געשפרייט ווי א ווייכער טעפיך. ס׳זייַנען געווען אופגעהויבענע פויסטן פונעם פאָלקס-פראָנט, פאַרפאָלגטע און געפאַרפולע יאַם-דאַמפערס מיט שפאַנישע קינדער, אינטערניר-לאַגערן, אכזאָריעסדיקע שטראָף-מיטלען, יאָרן פון פאַשיסטישער דיקטאַטור. עס איז געווען די „בלויע דיוויזיע" אפן סאָוועטיש-דייַטשישן פראָנט און די אַמעריקאַנער מיליטערישע באַזעס אף דער טעריטאָריע פון שפאַניע.

אין די סאַמע לעצטע פאָר יאָר האָבן זיך געביטן באם רודער צענטריסטישע רעגירונגען. ס׳זייַנען געווען פרווון צו פאַרהיטן די פראַנקיסטישע סטרוקטורן, וואָס איינער אזא פרווו איז אינסצעניִרט געוואָרן ווי א פּאָליטישע אָפערעטע אינעם זאַל פון דעם לאַנד-פאַרלאַמענט, א „שפיל" מיטן אָנטייל פון אן אָפטיילונג פון דער „גוואַרדיאַ סיוויל" — זשאַנדאַרמען אין גרינע אוניפאָרמען און אין שוואַרץ-לאַקירטע דרייַעקיקע לעדערנע קאַפעליושן; דער הויפט-העלד איז געווען א מעשונעדיקער פּאָלקאָווניק, אזא מין סטראַשידלע מיט לאַנגע וואָנצעס און מיט א שפּייַער אין האַנט; ס׳האָבן באַוויזן זייער קונסט צו ליגן מיטן פּאָנעם צום דיל די דרייַ הונדערט פופציק דעפוטאַטן, און איינע א זשאַנע ד׳אַרק, א יונגע שפאַנישע פאַרלאַמענטאַרקע — איר נאָמען איז אנאַ באַלטבעלאַ — האָט, אַרויסשטעלנדיק פאַר די זשאַנדאַרמען איר הויכן בויך, זיך אַרויסגעשמוגלט פונעם זאַל און אָנגעקלונגען וועגן דער פּאַסירונג דעם קייסער אַליין, און דער קייסער האָט באַפוילן די געפערלעכע אַרטיסטן, זיי זאָלן אראָפּלאָזן דעם פאָרהאַנג און אופהערן די „שפיל", אויב ניט... ווי דאָס זאָל ניט זייַן, נאָר א מיליטערישער פוטש איז א מיליטערישער פוטש, און וועגן דו און שאַלווע אין לאַנד רעדט עס ניט. ס׳קאָן זייַן, אז ווען ניט אָט די קומענדיקע מאַמע פון א שפאַניער אָדער שפאַניערן פונעם איין-און-צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וואָלט מייַן איצטיקער וויזיט אף די אַפּענינען ניט געקאָנט פאָרקומען, ווייַל ס׳וואָלט שוין דאָ געווילדעוועט א נייַער בירגערקריג, און בלוט וואָלט זיך געגאָסן אין די גאַסן...

מייַן באַקאַנטשאַפט מיט מאַדריד האָב איך אָנגעהויבן גאַנצפרי, אייַלנדיק צו דעם פּלאַץ פון קאָלומבן, ווי אַלע אינדערפרי הייבט מען אוף צוויי פענער: דעם מעלוכישן און — פון באַרדאָ-פאַרב — דעם פלאַג פון מאַדריד. אַרום האַלב-טאָג, ווען אין דער שטאָט שליסט מען אייַן די פאָנטאַנען, בין איך געשטאַנען אפן פּלאַץ לעם דעם פאָנטאַן „נעפטון", וועלכער גוידערט זיך אַנטקעגן דעם רייַכסטן מאַדרידער האָטעל „ריץ". איינער פון די מעמואַריסטן פונעם שפאַנישן בירגערקריג, אָווידי סאַוויטש, האָט איבערגעלאָזט א באַשרייַבונג פון „ריץ" אין יענער צייַט: „א האָטעל אין צענטער. מע פירט אונדז איבער די אויסגעפוצטע טרעפּ און קאָרידאָרן. א פרעכטיקער נומער, דאָס בעט אין קרוזשעוועס. איך הייב אוף דאָס פאָרהענגל. אפן פּלאַץ שטייט עפּעס פאַרמלאָזעס: דער באַרימטער פאָנטאַן, א פאַרמאַסקירטער פון די באָמבעס מיט זאַמד-זעק..." איך ווייס, אז אין האָטעל „ריץ" איז דאַן געזעסן ערנעסט העמינגוויי, און מיטאַמאָל דוכט זיך מיר אויס, אז אף יענער זייַט פונעם פינפשטאָקיקן, געקרוינטן מיט א קופּאָל, העל-ציגלנעם געבייַ, וועלכער קומט אַרויס אַנטקעגן דעם מוזיי

על-פּראַדאָ, טוט זיך אַ נייג אַף אַ פּאַרהענגל אָפן דריטן שטאָק, און דאָס כאַראַקטעריסטישע פּאָנעם פון מײַן באַליבטן שרײַבער קוקט אַרויס פון דאָרט... אין זײַן ראָמאַן „נאָך וועמען קלינגט דער גלאָק", דעם רעקוויִעם נאָך דער רעפּובליקאַנישער שפּאַניע, ווערט באַשריבן אָן אַנדער האָטעל — „העילאָרד" (דער פריילעכער לאָרד), אַ באָרדינגהאַוז, אַף פּראָסט לאָשן—אַ פּאַנסיאָנאַט פאַר רײַכע ענגלענדער, ווו ס'האָבן אונטערן פײַער פון די פראַנקיסטן געלעבט און געאַרבעט ביזן סאָף פון דער שפּאַנישער מילכאָמע מיכאַיל קאָלצאָוו, איליאַ ערענבורג, ראָמאַן קאַרמען.

אַף דער גאַס קלאָודיאָ מאָאַיאָנאָ, בישכיינעס מיטן שטאָט-פּאַרק רעטיראָ, וועלכן מע רופט אָן „די לונגען פון מאַדריד", האַנדלט מען מיט ביכער — צענדליקער ליִכטע ביידלעך, ווי אַף דער פּאַריזשער ברעג-אַלייע זײַנען באַלאַגערט פון סטודענטן און קאָלערליי לאָמעד-וואָווניקעס, און איך האָב דעם גרעסטן פאַרגעניגן, ווען כ'פּאַרליר זיך צווישן זיי.

באַ איינעם פון די ביידלעך קומט פאָר אַ סטיכיישער מיטינג. אַ מיידל מיט פּעך-שוואַרצע לאַנגע האָר און מיט אַ פּראָפיל פון דאָלאָרעס איבאַרורי האַלט אופגעהויבן הויך איבערן קאָפּ אַ פּלאַקאַט מיט דער עמבלעם פון די סאָציאַליסטן — אַ רויז, פאַרקוועטשט אין אַ פויסט, און, ווענדנדיק זיך צו אַ פופצן-צוואַנציק יונגעלײַט, שרייט זי אויס:

— די פאַשיסטן האָבן אין זייער הימן געזונגען וועגן דער צײַט, ווען ס'וועט בליִען מינדאַל. קאָמפּאַני'עראָס! עס בליט אָבער די רויז!

אַ באַכער וויל וויסן:

— דײַן פּאַרטיי וועט נאַציאָנאַליזירן די זאַוואָדן?

דאָס מיידל ענטפערט מיט אַ פּאָפּולערן אַפאָריזם:

— אונדזער פּראָגראַם איז — נאַציאָנאַליזירן די מעלוכע...

זי נעמט אַראָפּ פונעם שטעלעכל אַן ערשט דערשינענעם בוך, וועלכער הייסט „100 טעג פון דער רעגירונג". דאָס איז פיליפּע גאָנסאַלעסעס אַ מין באַריכט פאַר די ווײלער. פאַכענדיק מיטן בוך, מעלדעט זי מיט שטאָלץ:

— ענדלעך פאַרמאָגט שפּאַניע אַ רעגירונג, וואָס פאַרוואַלטעט אָפּנעמעסן מיטן לאַנד!

פונעם בוך לייענט זי אַרויס אַ ציטאַטע: „אויב מיר האָבן ביז איצט עפּעס-וואָס געטאָן ניט אַזוי, ווי מע באַדאַרף, איז עס בלויז איבער דעם ווילן זיך נעמען צו גיך פאַר צופיל..."

מײַן באַגלייטער צערעדט זיך מיטן באַכער, וועלכער האָט פאַרגעבן די פראַגע וועגן נאַציאָנאַליזאַציע, און איך דערפיל, אַז ער האָט אָנגעטראָפן, קאָן זײַן, אַף אַ גרויסער מעציע, ווײַל זײַנע אויגן צעגלאַנצן זיך מיט אַ באַזונדער גלאַנץ. ער כאַפּט אַרום דעם באַכער באַ די אַקסלען מיט איין האַנט און מיך מיט דער צווייטער און נעמט אונדז איינער דעם אַנדערן שיר ניט צונויפשטויסן מיט די נעזער. אין אַ מינוט אַרום, ווען ער הייבט שוין אָן מיר דערציילן, ווער דער באַכער איז, שטעלט אים יענער אָפּ און זאָגט אַף אַ שפּאַניש-אַקצענטירטן רוסיש, אַז ער וועט אַליין עס טאָן, ווײַל נאָך פינף יאָר לערנען אין „לומומבאַ" האָט ער שוין, גאָט צו דאַנקען, די נייטיקע ווערטער.

ער שטאַמט פון אַ מאַראַנישער מישפּאָכע. זײַן נאָמען איז לויִס גאַמוס. ניין, ער איז ניט קיין מאַדרידער — אַ טאָלעדער. ניין, זײַנע אָוועס זײַנען ניט אַרויסגעפּאָרן פון שפּאַניע. ניין, ניין, ניין — ער סימפּאַטיזירט בישט ניט די סאָציאַליסטן, ניט די פאַלאַנגיסטן, ניט די קאָמוניסטן. ער סימפּאַטיזירט אָט די פיר רעדער, דעם אויטאָ-וואָגן, וועלכער פירט אים אַרום איבער די וועגן פון דער באַליבטער איבעריע. הײַנט איז ער דאָ, מאָרגן דאָרטן. אַזוי דעם גאַנצן אורלויב. דערנאָך וועט ער גיין אַלע טאָג אַף דער אַרבעט. אויב איך וויל, קאָן ער מיך מיטנעמען מיט זיך. ניין, ניט אַף דער אַרבעט — אין דער רײַזע איבערן לאַנד. ניין, עס אַרט אים ניט, וואָס איך בין פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. ניין, ניין, ניין — ער גלייבט ניט, אַז סערוואַנטעס האָט געהערט צו די יידן, אַז קאָלומבוס איז געווען אַ מאַראַן און אַז פראַנקאָ האָט אויך געשטאַמט פון מאַראַנען. ער גלייבט, אַז אַ באַליביקער מענטש קאָן ווערן אַ מאַראַן...

אויסגעהערט דאָס אַלץ, האָב איך מיט אים אָפּגעמאַכט, אַז מאָרגן וועלן מיר צופאָרן קיין טאָלעדאָ, און דערווײַל האָב איך אָוועקגעאײַלט מיט מײַן באַגלייטער צו די וועלט-באַרימטע שטאָט-ווינקלען פון מאַדריד: צו דער שטילער, סימעטרישער פּלאַסאַ-מאַיאָר, ווו מע קאָן אויסטרינקען אַ טעפּעלע קאַווע באַ אַ טישל אינמיטן דעם פּלאַץ און קויפן אין אַ קלייטל אַ שפּאַנישן בערעט, אָדער אַ ווייער, אָדער אַ הילצערנעם דאָן-קיכאָט, אַף גראַן-וויאַ, דער רוישיקער, בלישטשענדיקער גאַס מיט די גרעסטע קינאָטעאַטערן, רײַכסטע קלייטן, רעסטאָראַנען און קאַפעס.

מײַן באַגלייטער, וואָס איז ניט געווױנט צו אַזעלכע שנעלע מאַרשרוטן איבער פּלעצער און גאַסן, ווישט דעם שווייס פון פּנים און ווינצלט זיך:

— מיר נעמען זיך צו גיך פאַר צופיל...

13. געדאַנקען אַפן וועג קײן טאָלעדאָ

דער שפּאַנישער קייסער פונעם עלפטן יאָרהונדערט אַלפאָנסאָ דער קאַסטיליער האָט אַמאָל אַרויסגעפּאָדערט צו זיך אַ באַרימטן געלערנטן און אים געפרעגט, פונוואַנען עס שטאַמען די ייִדן פון שפּאַניע. יענער האָט אים דערציילט אָט וואָס.

ווען נאַווכאָדנעסער האָט אײַנגענומען ירושלים, איז צווישן זײַנע פאַרבינדעטע געווען היספּאַנוס, מיט וועמענס נאָמען ס׳איז אָנגערופן דאָס לאַנד אַפן פּירענייִשן האַלב-אינדזל. אַלס באַלוינונג האָט היספּאַנוס געגומען אין געפאַנגענשאַפט די אײַנוווינער פון יענעם ירושלימער שטאָט-קײַלעך, וווּ ס׳האָבן געלעבט די אָפּשטאַמיקע פון דאָוויד המלכן. אָט די דאָזיקע ייִדן זײַנען אַוועקגעזעצט געוואָרן אַף שיפן, וועלכע האָבן זיי געבראַכט קײן אַנדאַלוזיע, אין די שטעט מאַלאַגע, סעווילִיע און גראַנאַדע (די מורן האָבן אָנגערופן גראַנאַדע „די ייִדישע שטאָט", ווײַל זיי האָבן געגלייבט, אַז עס האָבן זי געגרינדעט די ייִדן, וועלכע באָוול האָט אַרויסגעפירט פון ירושלים; לויט דער איראָניע פונעם גורל, איז גראָד אין גראַנאַדע באַגראָבן די קיניגלעכע פּאָר פערדינאַנד און איזאַבעלא — די אוטאָרן פונעם גייִרעש. באַווײַזנדיק מיר דעם באַרימטן גראַנאַדער פּאַלאַץ-אַנסאַמבל אַלהאַמבראַ, האָט אַן אָרטיקער יוּוועליר, וועלכער האַנדלט מיט זײַן פּראָדוקציע באַם אַרײַנגאַנג אין אַלהאַמבראַ, צוגעפירט מיך צום גרויסן פאָנטאַן און אויסגערופן: „סיניאָר! די לייבן באַם פאָנטאַן האָט אַוועקגעשטעלט שמואל הנגיד!" — „וואָס זשע, — האָב איך זיך געמאַכט טאַמעוואַטע, — דער דאָזיקער כאָשעווער מענטש האָט געהאַלטן אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן?" — „אָ, מאַדאָנאַ! — האָט מיט אַן איטאַליענישן אַקצענט אויסגעשריגן דער יוּוועליר. — אַ גאַסט פון רוסלאַנד ווייסט ניט, אַז דער פּאָעט און אָרעמער בסאָמים-קרעמער שמואל הנגיד איז געוואָרן דער וויזיר און אויך אַ גענעראַל באַ די בערבערישע קיניגן האַבוס און באַריש!...").

שמואל הנגיד איז געווען, ווי מע זאָגט הײַנט, אַן אויסגעשפּראָכענער אינטעלעקטועלער פּאָעט. ביז הײַנט זײַנען אַקטועל די דיראַקטיש-מאָראַלישע שפּרוכן און פילאָסאָפישע לעבנס-באַטראַכטונגען, וועלכע ער האָט געשריבן אין גײַסט פון משלי און קוהלת. זײַנע געדאַנקלעכע דיכטערישע מיניאַטיורן זײַנען בעעמעס פּרעכטיק: „דער, וואָס האָט זיך אָנגעקויפט ספרים און האָט זיי ניט געלערנט, איז געגליכן צו אַ הינקענדיקן, וועלכער האָט אויסגעמאָלט אַף דער וואַנט אַ פוס און וויל דערמיט גיין"...

בכלל דאַרף געזאָגט ווערן, און זאָלן דאָס הערן די הײַנטיקע עסטעטן, וואָס האַלטן ניט פון געזעלשאַפטלעך-אָנגעזעטיקטער פּאָעזיע, אַז די דיכטער-מײַסטערס פון יענער לעגענדאַרער עפּאָכע האָבן אין זייערע דידאַקטישע סטראָפעס און עפּיגראַמען אַרײַנגעלייגט די גאַנצע נשמה. זיי האָבן געוווּסט די קונסט פון פּאָליטישער עסטראַדע. אָפט פלעגן אין זייערע לידער אַרײַנגעשריבן ווערן רעפרענען, כדי באַם אַרויסברענגען דעם פּיזמון זאָל דער עולם מיטזינגען. אַ פּאָעט פלעגט שרײַבן קלאָג-לידער, דאָס הייסט פאַקטיש פּראָטעסט-מאָטיוון, און זיי אָנרופן — קינות; געבעט- און פאַרצײַונגס-לידער, וועלכע זײַנען געווײנלעך עמאָציאָנעל-דורכדרינגלעך און אַדרעסירט קאָנקרעטע פאָלקס-אינטערעסן, און זיי אָנרופן — תּפילות און סליחות. אין די דיכטערישע זשאַנרען, וועלכע מע האָט גערופן אהבה (ליבשאַפט) און יאָצער (ליב-געזאַנג, פונדאַנגען — „מע האָט איבערגעפּלאָנטערט די יאָצרעס"), האָט פײַערלעך געלויכטן די שײַן פון דעם קומענדיקן מענטשלעכן רענעסאַנס. אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר דער סאָציאַלער מאָטיוו איז געווען באַ אָט די פּאָעטן איבער אַלעס:

> ניטאָ דאָ אַף דער וועלט קײן צופיל רײַכע,
> און צופיל קלוגע זײַנען ניט פאַראַנען,
> און ווינציקער פון אַלץ נאָך די, באַ וועמען
> עס זאָלן ביידע זאַכן זײַן צוזאַמען.

(שמואל הנגידס „ווייניקער און ווינציקער")

א ייִדישער פּאָעט פֿון אונדזער צײַט האָט, אין פּראָפֿעסיאָנעלן זין, וועגן וואָס צו געדענקען, אַף וואָס אײנעם אָוואַר זיך אָנשפּאַרן, וואָס פֿאַרזעצן. לאָמיר זאָגן, אַז שרײַבן וועגן ליבע בעסער פֿון שלוימע האַמעלעכן, אָדער וועגן מענטש־און־נאַטור בעסער פֿון יעהודע האַלייווין איז ניט מעגלעך, פּונקט ווי ס'איז אומעגלעך צו מאַכן בעסער וואַסער, איידער פֿונעם קוואַל. אָבער אויב די ליבע אין דײַן ליד איז דײַנע, דער מענטש — דאָס ביסטו און די נאַטור איז יענע, וואָס רינגלט אַרום דיך, דאַן קאָנסטו, פּאָעט פֿונעם סאָף צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, זיך טרייסטן מיט דעם, וואָס גופֿע דײַן אופֿטו צו פֿאַרזעצן די אַוועס אין א ווײַטערדיקער עפּאָכע באַטײַט, אַז דו האָסט, לעכאָלהאַפּאָכעס, דערגרייכט די קוואַליטעט פֿון זאָגן א נײַ וואָרט.

דער פּענאָמען פֿון דער „גאָלדענער טקופֿע" אין דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער קולטור קאָן דערקלערט ווערן מיט דעם, וואָס א גרויסער פּלאַסט קאָמפּאַקטע ייִדישע מאַסן האָט אין זײַן אָנדערהאַלבנטויזנטיאָריקער בירגערשאַפֿט אין אָט דעם לאַנד זיך טיף דאָרט אײַנגעוואָרצלט, געשאַפֿן אַן עקאָנאָמיק, באַאַרבעט ווײַנגערטנער און פֿעלדער, אַנטוויקלט האַנטווערקערײַ און מיסכער, זיך פֿאַרנומען מיט וויסנשאַפֿטן און מעלוכע־פּאָליטיק, זיך אויסגעטיילט ווי יאַמלײַט, פֿינאַנסיסטן, אַסטראָנאָמען, געדינט אין דער אַרמיי (אין די צײַטן פֿון אַלפֿאָנס דעם זעקסטן, לעמאָשל, זײַנען אונטער דער ביקס געשטאַנען 40.000 ייִדן: זיי פֿלעגן זיך אונטערשיידן פֿון די איבעריקע מיט זייערע שוואַרץ־געלע טיורבאַנען). בא דעם אַלעם האָבן די שפּאַנישע ייִדן פֿאַרהיט זייער נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקײַט. באַזונדערס שטאַרק האָט זיך צעבליט די ייִדישע פּאָעזיע און פֿילאָסאָפֿיע. עס קאָן גיין א רייד וועגן א שפּאַניש־ייִדישער ציוויליזאַציע — וועגן א ייִדישן נאַציאָנאַלן אופּבליִ אַפֿן באָדן פֿון דעם לאַנד, וואָס עס האָט שוין אַן אייגן־נאָמען אין דער ביבל („טאַרשיש"), און אין באַוולער און יערושאַלאַימער טאַלמודן רעדט זיך וועגן דעם ווי וועגן א ווויין־אָרט פֿון אַמאָראַים.

די געדאַנקען וועגן דער „גאָלדענער טקופֿע" בא די ייִדן האָבן זיך געשפּינט אין מײַן מויעך בייס איך בין געזעסן אין לויִס גאַמוסעס אַווטאָמאָביל, אַפֿן וועג קיין טאָלעדאָ. דער יונגער אַרכיטעקטאָר (אַזאַ איז דער פֿאַך פֿון מײַן נײַעם באַקאַנטן) האָט ווידער מיר געזאָגט עטלעכע מאָל „ניין", וואָס עס האָט קלאָר ניט באַטײַט, אַז ער איז מיט עפּעס ניט מאַסקים, — ניין, ניין, ניין! ער האָט וואָס צוצוגעבן צו מײַנע רייד, און זײַן קאָפּ איז פֿול מיט אידייען! פֿריִער, איידער פֿאָרן אַף דאָרעם קיין טאָלעדאָ, אַרום 50 מײַל פֿון מאַדריד, וועט ער א טרײַב טאָן די פֿיר רעדער אַף צאָפֿן, ווײַל דאָרט ווייסט ער וועגן א שטעטעלע מיט אַן אופּגעהיטער יודעריע, ווי מע רופֿט אין שפּאַניע א ייִדישן קוואַרטאַל.

מיר פֿאָרן איבער א באַרגיקער געגנט, אין אַן אָקעאַן פֿון גרינס. אַפֿן שמאָלן וועג טרעפֿט זיך ניט אָן קיין אַנטקעגנגייענדיקער טראַנספּאָרט. מע קאָן מיינען, אַז אין גאַנץ שפּאַניע איז פֿאַראַן איין אַווטאָמאָביל און אין אים זיצן לויִס גאַמוס און איך. די ייִשווים לענגויס דעם וועג זײַנען פּוסט און אָרעם, די שטיינערנע הײַזקעס אין זיי — ווי שוין אײַנגעוואָלגערטע. זעלטן, באַם אַרויספֿאָרן פֿון א ייִשעוו, זעט מען זיצן אַף א שטיין אַן אויסגעטריקנטע אַלטיטשקע אין שוואַרצן, און לעם איר — א ציג, וואָס פּאַשעט זיך. אין איין דערפֿל האָט זיך פֿון א שטוב דערטראָגן צו אונדז טיפּישע שפּאַניער מוזיק מיטן אײַנגעהאַלטענעם אונטערטראַסקען פֿון קאַסטאַניעטן, אָבער קיין מענטשן זײַנען אויך דאָרט ניט געווען.

מיר פֿאָרן און פֿאָרן. ס'דוכט זיך מיר אויס, אַז די מאַשין האָט פֿאַרקערעוועט אַף צוריק און גענומען זיך אַראָפּלאָזן פֿון די בערג. לויִס ווייסט גוט די געגנט. ס'מאַכט אַן אײַנדרוק, ווי ער וואָלט איבערגעקליבן די ייִשווים, זוכנדיק א פּאַסיקן פֿאַר מיר. דערווײַל דערציילט ער, אַרויסקוקנדיק פֿון דער מאַשין, אַז די לאַטיפֿונדיסטן באַאַרבעטן דאָ ניט די ערדן, האַלטנדיק זיי צוליב יאַגד־אָרגיעס. אין דער געגנט, ווו מיר פֿאָרן, געהערט די ערד דער הערצאָגיניע אַלבאַ, וועגן וועלכער מע זאָגט, אַז זי קאָן דורכרײַטן אַף א פֿערד גאַנץ שפּאַניע פֿון ראַנד ביז ראַנד און אין ערגעץ ניט אַרויסגיין פֿון די גרענעצן פֿון אירע גיטער.

פֿאָרנדיק אַזוי ווי „אַף צוריק", דערזעען מיר א היפּש שטעטל לעבן א טײַכל, וואָס לויִס גאַמוס רופֿט קאַסערעס. מיר שטעלן זיך אָפּ אין א קוואַרטאַל מיט צוויישטאָקיקע ציגלנע הײַזער, ניט ענלעכע אַף די אַנדערע אײנעם ייִשעוו. די רונדע באַלקאָנען און פּלאַכע דעכער זײַנען איידעס פֿון א ספּעציפֿישער אַרכיטעקטור. לויִס זאָגט, אַז די באַלקאָנס זײַנען דאָ אויסשליסלעך פֿון קאַשטאַן־בוים. „אָט די גאַס, — טוט ער א פֿיר מיט דער

האנט ארום זיך, — הייסט ראבילערא, ווײַל ס'האָט דאָ געלעבט דער ראַוו... און אַט זעט זיך פונדאַנען דאָס געסל פון דער סינאַגאָגע"...

וואָס מיר ראַוו, ווער מיר סינאַגאָגע, אַז פון זיי איז קיין סימען ניט פאַרבליבן. א דאנק דיר, טײַערער לויִס גאמוס, איך קאָן בעפייערעש זיך איצט ניט באפרײַען פון היסטאָרישע אסאָציאַציעס. מיסטאמע ווערט דער דאָזיקער געפיל זיך נאָך מער פארשטארקן, ווען מירן ארײַנפאָרן קיין טאָלעדאָ. איז לאָמיר טאָקע זיך מער ניט פארהאלטן. שנעלער, ברודערקע, שנעלער!

14. „די שטאָט פון ערד-און-הימל"

דערנעענטערנדיק זיך צו טאָלעדאָ, מאכן מיר א גרויסן קרײַז איבער די פאַרשטעט, ווי גלײַך מיר וואָלטן זיך געשטעלט א ציל ארומפאָרן די שטאָט און ניט ארײַנפאָרן אין איר. לויִס גאמוס נעמט בא מיר דאָס נאָטיץ-ביכל און שרײַבט אהין ארײַן די נעמען פון עטלעכע שטעטלעך, וואָס מיר טרעפן אין וועג.

— ניין, — זאָגט ער, — ס'איז ניט קיין קראָסוואָרד, נאָר אן איבונג אין פאַרצײַטיקער געשיכטע...

— וואָס מיינט איר דערמיט? — פרעג איך אים איבער.

— דאָס וועט איר זען, ווען כ'וועל לעבן יעדן נאָמען פון א שטעטל, וואָס געפינט זיך ניט ווײַט פון טאָלעדאָ, אָנשרײַבן דעם נאָמען פון א שטעטל אין דער אומגעגנט פונעם אמאָליקן ירושאָלאַים.

אין מײַן נאָטיץ-ביכל זעט עס אויס אזוי:

עסקאלונא — אסקאלאָן

מאקוועדא — מאקעדע

יאָפּעס — יאָפּפע

אצעקע — אזעקע

לויִס גאמוס קלערט מיר אוף:

— ניין, ס'איז ניט קיין נאָכמאכערײַ. גיכער פון אלץ האָבן די יידן פון פאלעסטינע געוואָלט באווײַזן, אז טאָלעדאָ איז, ניט אנדערש — א נײַער ירושאָלאַים. צוליב דעם האָבן זיי די שטעטלעך-„ספּוטניקעס" אָנגערופן מיט די זעלבע נעמען, ווי די ארום-ירושאָלאַימער, און אוועקגעשטעלט זיי אפילע אף דעם זעלבן מעהאלעך פון דער שטאָט...

— דער נאָמען פון טאָלעדאָ גופע, — גיט צו מײַן טאָלעדער פרײַנט לויִס גאמוס, — שטאמט פונעם העברעיִשן „טאָלעדאָט", וואָס עס באטײַט א ריי דורעס, אין טיפערן מײַן — דער העמשעך פונעם פאָלק.

דער וועג קלעטערט אף הויכקײַטן, דער פײַזאזש, וואָס בלײַבט הינטער דער פּלייצע, זעט אויס פוסטלעך. האגאם ס'איז פרילינג, פילט מען ניט אין די בײַליגנדיקע טאָלן דעם גערודער אין דער אופגעוואכטער נאטור. דאָס, וואָס סײַ אין דער נידער, סײַ אף די בערגלעך, פונוואַנען עס צעגייען זיך די געסלעך פון דער שטאָט, זעט מען ניט קיין מענטשן, ווייעט אָן א שטימונג פון איינזאמקײַט. איידער מיר קומען ארײַן אין טאָלעדאָ, קערעווע איך זיך אויס מיטן פּאָנעם צו דער פעסטונג אלקאסאר, וואָס שטייט אנטקעגן דער שטאָט, און אף א מינוט דוכט זיך מיר, אז עס דויערט נאָך אלץ די באלאגערונג, און איך געפין זיך דאָ צווישן די קעמפער-אינטערנאציאָנאליסטן, וועלכע האָבן געגעבן א שווע אָפּצונעמען די ווענט און די קעלערס פון אלקאסאר בא דעם פאלאנגיסטישן פּאָלקאָווניק מאָסקארדאָ.

טאָלעדאָ איז אן אנטיקווארע מוזיי-שטאָט. עס שאפט זיך אן אײַנדרוק, אז דאָ שלאָפט מען ניט, מע עסט דאָ ניט, מע פאָרט ניט ארום אף טראמווײַען און אין אווטאָבוסן, ס'זײַנען ניטאָ קיין גאס-סווועטאָפאָרן, קיין בעדער און קליידער-געשעפטן — מענטשן קומען אהער א קוק טאָן אפן שפּאנישן מיטלאלטער, פונקט אזוי, ווי הינטער סאן-פראנציסקאָ, אין „דיסניי-לענד", קומט מען, קעדיי צו זײַן א ביסעלע אף דעם אמאָליקן ווילדן מײַרעוו פון אמעריקע. ווען א סקולפּטאָר וועט זיך נעמען צו שאפן א קאָפּירטע מאָדעל פון טאָלעדאָ, וועט ער דארפן די שטאָט-פּאנאָראמע „ארײַנשנײַדן" אין א שטיין-הליבע, ווײַל די אסקעטישע שמאָל-געשלענגלטע גאסן, די לאנגע, מעשופּעדיקע טרעפּ-וועגן, די שטיינער-

נע בריקלעך איבער טהאָם-אראָפּהאנגען, די ליקן און עקן, די געמויערטע ווענט ארום אָפּגעזונדערטע קווארטאלן, די טורעמס און שטאָקארטיק-ענגע, אָנגעהויפטע הײַזער מיט אײַזן-באשלאָגענע טויערן, — דאָס אלץ, וואָס רופט זיך „טאָלעדאָ", איז ווי אויסגעשניטן אין דעם לײַב פון א מויערדיק גרויסן פעלדז.

בא דער בארימטער טאָלעדער קאטעדראלע, וועלכע ס'האָבן אויסגעהאמערט פון שטיין און בראָנזע און אויסגעצירט מיט גאָלד, מעש און זילבער עטלעכע דורעס קאטוי-ליקער, שטייט א היפשער אוילעם און באהאנדלט די פראגע, דורך וועלכער טיר עס איז ארײַן אהער דער פויפּסט דזשאָן-פאָל בעשאס זײַן אַקאַרשטיקן באזוך אין שפאניע. די, וואָס זײַנען בײַגעווען אף דער מעסע, ניט ווײַט פון טאָלעדאָ, אף א גרויס פעלד, דערציילן, אז דער פויפּסט איז געווען באטריבט און אופגערעגט איבער דעם, וואָס גלײַך נאָך זײַן ארויס-פאָרן אהער פון מאדריד איז מען דאָרט אף דער גאס באגאנגען א טעראָריסטישן אקט, — ס'איז דערהארגעט געוואָרן א הויכער גענעראל. אין דער אָנוועזנהײַט פון צוויי הונדערט טויזנט געקניטע מענטשן און אונטער א גלאָקן-געקלאַנג פון אלע ארומיקע קלויסטערס האָט דער פויפּסט אויסגערופן: „איך וויל בעטן גאָט פאר די לעצטע פון די פּילצאָליקע קאָרבאָנעס פונעם טעראָר אין שפּאניע"...

מײַן כאווער לויס גאמוס רוימט מיר אײַן אין אויער:

— ניין, איך וויל ניט זאָגן, אז דאָס האָט עפּעס א שײַכעס צו דער מעסע פונעם הייליקן פאָטער, נאָר ס'איז מיר פונקט איצט געקומען אפן געדאנק, אז א ניט ווייניקער גײַסטרײַכער מענטש, איידער דער פויפּסט, דער פאָעט רילקע, האָט אָנגערופן איינע א שפּאנישע שטאָט — „די שטאָט פון ערד-און-הימל"...

— וועלכע שטאָט איז דאָס?

— טאָלעדאָ. ניין, דער פויפּסט איז ניט קיין מאטעריאליסט, ער האָט, ווילנדיק ניט ווילנדיק, באשטעטיקט רילקעס ווערטער. דזשאָן-פאָלס טאָלעדער דראָשע האָט זיך אָנגעהויבן פון הימל-זאכן, נאָר א געוויסע פּאסירונג האָט זי אראָפּגעשטויסן אף דער ערד...

און אָט איז די טאָלעדער יודעריע, דער יידישער קווארטאל — די „גרויסע יודעריע" און די קליינע („אלקאנא"). ניטאָ דאָ איצט אזוינס, וואָס איז אנדערש, איידער אין דער גאנצער שטאָט. נו, אוודע — אנדערש איז א סינאגאָגע. פון ליטעראריש-היסטאָרישע קוועלן ווייס איך וועגן צוויי טאָלעדער סינאגאָגעס. די עלטערע שטייט שוין זיבן הונדערט דרײַ און צוואנציק יאָר, און נאָך דעם, ווי די אינקוויזיטאָרן האָבן זי פארוואנדלט אין א קלויסטער, איז זי שוין פארבליבן אזא ביז איצט. דער קלויסטער טראָגט דעם נאָמען „סאנטא מאריא לא בלאנקא" און ווערט פאָרגעשטעלט אין די רעקלאמע-פּראָספּעקטן אלס דענקמאָל פון דער מאוריטאנישער ארכיטעקטור.

אויב אזוי, ליבער לויס, בלײַבט אונדז ארײַנצוגיין אין דער צווייטער היסטאָרישער סינאגאָגע, וועלכע איז אויך שוין געווען אָפּגענומען בא די יידן (מע האָט זי פארוואנדלט אין א בענעדיקטישן מאָנאסטיר, שפּעטער זי אָפּגעגעבן דעם אָרדען „ריטערס פון קאלאטרא-ווא"), אָבער איצט געהער זי ווידער דער קעהילע און איז אָפן אלס ספּארדישער מוזיי.

באם ארײַנגאנג אין „על טראנזיטאָ" זיצט אן אופזעער. מע דארף קויפן א בילעט. די שול איז ליידיק. מע הערט ניט קיין אָטעם פון א מענטשן. עס עטעמט שווער די גע-שיכטע.

ס'דערמאָנט זיך א זײַטל אין ליאָן פויכטוואנגערס ראָמאן „שפּאנישע באלאדע" („די יידישע טאָכטער פון טאָלעדאָ"): „דער מײַסטער מייער אבדעלי, א טאלמיד פון די גרעסטע מוסולמענער און גריכישע ארכיטעקטאָרן, האָט די סינאגאָגע געבויט מיט איידעלן געשמאק. ארקאדעס און באלקאָנען זײַנען מיט דינער מײַסטערשאפט ארײַנגעפירט געוואָרן אין דעם אינווייניקסטן רוים, אזוי אז די קונסט פון ביזאנטישע און מאוריטאנישע מײַסטערס האָבן זיך אָרגאניש צונויפגעגאָסן"... פארגלײַכנדיק די באשרײַבונג מיטן אָריגי-נאל, קום איך צום אויספיר, אז בא פויכטוואנגערן רעדט זיך וועגן יענער סינאגאָגע, „סאנטא מאריא". אָט די דאָזיקע — „על טראנזיטאָ" (איבערגאנג)-סינאגאָגע איז אופגע-שטעלט געוואָרן מיט העכער הונדערט יאָר שפּעטער אדאנק די באמיִונגען פון שמועל האלייווי אבולאפיא, דעם הויפּט-ראטגעבער און קאזנאטשיי פונעם קייסער פּעדראָ דעם גרויזאמען.

איך האָב דעם געפיל, אז כ'שטיי אין אן אָפּגעגראָבענער כורווע, אז די סינאגאָגע האָט בלויז ווענט. ארום און ארום איז ליידיק. קוקנדיק אף די אָרנאמענטירטע ווענט מיט גאָלד- און זילבער-צירונגען, מיט פּסוקים פון דער טוירע און העברעיִשע שפּרוכן, אריבער-געצויגענע איבער די פּרעסקן, ווי ווײַסער האפּט אף א פילפארביקן טיפן פאָן, ווילט זיך

אויסשטרעקן די הענט און אָנטאַפּן עפּעס רעאַלס, קעדיי זיך איבערצײַגן, אַז דאָס אַלץ כּאַלעמט זיך ניט.

ווען מיר זײַנען שוין ארויס אין דרויסן, דערמאָן איך זיך אין א קוריאָז, געלייענט אין דער פּרעסע. דאכט זיך, אין 1976 יאָר האָט דער יידישער וועלט-קאָנגרעס דורכגעפירט זײַנע א סעסיע אין שפּאניע. ס'איז געווען א גוואלדאָוונע האמצאָע: דער „פּארלאמענט פונעם יידישן פאָלק", ווי עס רופט זיך אָן מיט אן אײַנגעבוירענעם כּוש צו דאָן-קיכאָטיזם דער וועלט-קאָנגרעס, וועט עפנטלעך זיך איבערבעטן מיט שפּאניע. אין מאדריד וועט דער קייסער באגריסן דעם קאָנגרעס, מ'וועט מאכן א קויסע, און פארטיק. דאָס לעבן איז אָבער געווען גלײַכגילטיק צו די אמביציעס. דער קיניג פון שפּאניע האָט ניט באמערקט דאָס פּילבארע קלײַזל פונעם „וועלט-יידנטום". די פּרעסע, די געזעלשאפטלעכקײַט — אויכעט. עטלעכע מאנהיגים פונעם קאָנגרעס זײַנען צוגעפאָרן קיין טאָלעדאָ, און דער דעמלטיקער ראָש פון דער ענגלישער קעהילע לאָרד דזשאנער האָט נאָכן אומקערן זיך פון דאָרט דערציילט אין אן אינטערוויו פאר דער פּרעסע, אַז אין טאָלעדאָ האָט ער געזען א ייד. יאָ, יאָ, א לעבעדיקן, נאטורעלן ייד, און שטעלט אײַך פאָר — זײַן פאמיליע איז צוקערמאן! דער ייד האָט, עמעס, גאָרנישט ניט גערעדט מיט דזשאנערן, נאָר יענער האָט באמערקט אין זײַנע אויגן דעם יידישן טרויער. איצט איז שוין ניט שײַעך צו אנאליזירן די באגעגעניש קאָנקרעט פון אָט די צוויי פּערזענלעכקײַטן. דער פּרעזידענט פונעם לאָנדאָנער „באָארד אָף דעפּיוטיס" איז שוין ניטאָ צווישן די לעבעדיקע, אָבער ווען עס טרעפט אזוי, אַז דער ייד פון טאָלעדאָ (מיט א צוקער-זיסער אשקענאזישער פאמיליע) זאָל אָנטרעפן דאָ אף מיר, וואָלט איך דאפקע אים יאָ עפּעס געזאָגט.

— וואָס שווײַגסטו, צוקערמאן? — וואָלט איך אים געזאָגט. — כאַפּ זיך אוף פון שלאָף און רעד. שרײַ אויס צום יידישן לאָרד דײַן ווייטעק. אויב דו האָסט ניט קיין סאך ווערטער און קיין איבעריקן קויעך זיי ארויסריידן, איז הייב כאָטש אוף די הענט צום הימל און ווענד די טרויעריקע אויגן צום לאָרד און פּליסטער אויס: „וואָס האָט מען דאָ געמאכט פון אונדז"... און אויב דער לאָרד וועט דיר געבן אן אייצע, דו זאָלסט פארגיסן א טרער אפן גורל פון די יידן אין רוסלאנד, זאָלסטו צונויפבײַלן א פויסט און ארויסשפּארן פון זיך די ביטערע ווערטער, אַז אין גאנץ אייראָפּע, אײַנגעשלאָסן דעם לאָרדס ענגלאנד, איז דער יידישער מאצעוו ניט אף א סאך אנדערש — אין טאָך גענומען, — ווי אין שפּאניע. עמעס, יעהודים פארברענט מען הײַנט ניט אין ווין, אין לאָנדאָן, אין ליסאבאָן, אין קאָפּענהאגען, אין אמסטערדאם, אין ציריך אף שײַטערס, נאָר אין מאדריד און אין טאָלעדאָ טוט מען עס דאָך איצט אויך ניט...

אין טאָלעדאָ איז געשטאנען א וואונדערלעכער פּרילינג-וועטער. איבער דער יידישער „טראנזיטאָ"-סינאגאָגע האָט זיך געהויכט א קלויסטער-גלאָק, און אין די שטראַלן פון דער צערטלעכער זון האָט געפינקלט א ציילעם.

די גאס, וואָס הייבט זיך אָן בא דער סינאגאָגע, טראָגט דעם נאָמען פון איר בויער — „גאס פון סאמועל האלעווי". שמועל האלייווי אבולאפיא איז טאקע געווען דער ראטגעבער בא פּעדראָ דעם גרויזאמען, נאָר געענדיקט האָט ער שלעכט, זייער שלעכט — אין דעם הויף-קאזעמאט, וווּ ער איז אפן צעמענטענעם דיל געשטאָרבן.

בישכיינעס מיט „על טראנזיטאָ" האָט געלעבט און געשאפן על גרעקאָ — דאָמעניקאָ טעאָטאָקאָפּולי, ווי ער האָט געהייסן אין זײַן געבורט-לאנד, אין דער ווענעציאנער פּראָווינץ, אפן אינדזל קריט. איך האָב באקוקט אויך זײַן בארימטן טאָלעדער מוזיי. גרעקאָ איז גרעקאָ, ניטאָ וואָס צו ברײַען. אָבער איך, פון מײַן זײַט, האָב אין דער קאָנקרעטער אומגעבונג געטראכט וועגן אים אָט וואָס.

ער איז געווען א גריך, ניט קיין שפּאניער. זײַן וויגל איז געשטאנען אין גריכנלאנד. די בילדער ביזן 1577 יאָר, ווען ער איז אריבערגעפאָרן קיין טאָלעדאָ, האָט ער געמאָלט אין א צושטאנד פון אינטימער באהארצטקײַט, ווי מע עפנט אוף א טיר צו דער אייגענער אָרעמער היים. בא דער „אויסהיילונג פון א בלינדן" און באם „ייִנגל, וואָס צעבלאָזט אן אָנגעצונדן שפּענדל" וואָלט איך געשטאנען א שאָ און צוויי און דרײַ און פיר, און אויב ס'וואָלט מיר א שטשעמע געטאָן באם הארצן, וואָלט די סיבע דערפון געווען — מיטפילונג. אינדערפרעמד איז על גרעקאָ פארכאפּט געוואָרן פון א מיסטישן עקסטאז. קוקנדיק אף זײַנע שפּאניער בילדער, ווו די מענטשישע פיגור איז אויסגעצויגן און אײַנצײַטיק אָנגעצויגן, ווי א לעבעדיקע סטרונע, וועלכע פיבערט, און די אויגן זײַנען ווי בא גײַסטיק צערודערטע, ווײַל דער מענטש לײַדט ביז וואנזיניקײַט, — ארײַנקוקנדיק אין די טיפקײַטן פון די בילדער, פיל איך, ווי דאָס הארץ נעמט ווײ טאָן פון פארצווייפלונג.

ווען מיר לאָזן זיך אַראָפּ פֿון די בערגלעך צום טײַך טאַכאָ און פֿאָרן אַרויס פֿון דער שטאָט, זאַמלען זיך צונויף וואָלקנס און עס נעמט גיסן אַ רעגן. פֿאַר די אויגן שטייט מיר ווידער אויף על גרעקאָס בילד „טאָלעדאָ אין אַ געוויטער", דעם אָריגינאַל פֿון וועלכן כ'האָב געזען ניט דאָ, אין זײַן שטוב, נאָר אין ניו־יאָרק, מיט עטלעכע יאָר צוריק.

מײַן פֿרײַנט לויס גאַמוס באַמערקט מײַן צעכושטקייט, און ער נעמט מיך באַרויִקן אויף אַן אייגנאַרטיקן אופֿן:

— ניין, גרעקאָ איז פֿונדעסטוועגן אַ באַווײַז פֿון קולטור־שוטפֿעס. אָט וועלן מיר באַלד אַרײַנקוקן אין דעם דערפֿעלע באָרגאַס, ווו ס'האָט געלעבט דער דראַמאַטורג טירסאָ דע מאָלינאַ, און דאַן וועט איר קאָנען זאָגן, אַז איר זײַט געווען אין קאַסטיליע...

15. פּאָליטיק. זשורנאַליסטיק. ביזנעס

אַבי איך האָב געמיינט, אַז אין שפּאַניע וועל איך אַ ביסל אָפּטעמען פֿון דעם „יידישן קאַלטן קריג". טאַקע אַן עמעס: אויב אין אָט דעם לאַנד האָט זיך צו דער איצטי־קער צײַט צונויפֿגעזאַמלט קוים אַנדערהאַלבן צענדליק טויזנט ייִדן און יורידיש עקזיסטירט דאָ די קהילה ערשט פֿון 1965־טן יאָר, דערבײַ גאַנץ פֿאַרנעפּלט, אַלס אַ „פּריוואַטע געזעלשאַפֿט" (אונטער דעם נאָמען „קאָמונידאַד היספּאַנאַ העברעאַ"), און ס'זײַנען אַרורכ־געגאַן בלויז וואָסערע פֿופֿצן יאָר, זינט עס איז אָפּגעשאַפֿן געוואָרן דער היסטאָרישער עדיקט וועגן פֿאַרטרײַבן די ייִדן, — איז ווי קומט דאָ דער קאַלטער קריג אויף דער ייִדישער גאַס?

פֿיל פֿאַקטן ריידן וועגן דעם, אַז די לאַגע פֿון די „שפּאַניער אָן אַ היימלאַנד" איז אויך איצט אַן אומזיכערע, ניט קיין שטאַנדהאַפֿטיקע. פֿון איין זײַט — אַ פּרוּוו אונטער־צינדן די סינאַגאָגע אין באַרסעלאָנע, אַ דערשינענער קאַלענדאַר מיטן דעוויז „אַ טויט די ייִדן!", אַ ברייטע רעקלאַמע פֿאַר אַזעלכע ביכער, ווי „דער אינטערנאַציאָנאַלער ייִד", „פּראָטאָקאָלן פֿון די זקני ציון", און, פֿון דער צווייטער זײַט...

ווען איינער אַ פּראָווינציעלער בירגערמייסטער האָט ניט לאַנג צוריק אַרײַנגעשיקט אין אַ מאַדרידער צײַטונג אַ בריוו, אין וועלכן ער לויבט דעם גײַרעש און לייגט פֿאָר צו פֿאַרהייליקן די קייסערינע איזאַבעלע פֿאַר דעם, וואָס זי האָט געכאַסמעט דעם עדיקט, האָט דער באַוווּסטער געלערנטער כאָסע מאַריאַ כאַוויערא אָנגעדרוקט אַן ענטפֿער, אין וועלכן ער האָט דערמאָנט דעם הײַנטיקן גײַרעש־אָנהענגער, אַז ער לעבט ניט אין פֿופֿצנטן יאָרהונדערט. באַהאַנדלענדיק דעם מיטלאַלטערלעכן בלוט־בילבול וועגן דעם קריסטלעכן ייִנגל דאָמינגיטאָ דע וואַל, וועלכן די ייִדן האָבן קלומערשט געקרייציקט אין 1250־טן יאָר אין סאַראַגאָסאַ, שרײַבט כאַוויערא: „פֿון די פֿיל אַלילאָס דאָס זינט דעם מיטלאַלטער און ביז אונדזער צײַט האָט זיך נאָך קיין איינער ניט באַשטעטיקט מיט דאָקומענטן. פֿון רוים אַליין האָט מען צו וויסן געגעבן, אַז אָט די מוירעדיקע בילבולים וועגן רעליגיעזע מערדערײַען זײַנען איינע פֿון די גרעסטע כאַטאָים, וואָס מיר, קריסטן, זײַנען באַגאַנגען קעגן דער ייִדישער געמיינדע".

יאָ, פֿאַראַן געוויסע אייגנע פּראָבלעמען בײַ די שפּאַנישע ייִדן. אויך אין דער ניט ווײַטער פֿאַרגאַנגענהייט, אין דער עפּאָכע פֿון פֿראַנקאָן, האָבן אָט די פּראָבלעמען געהאַט אַ ספּעציפֿישן אויסזען. דער קאַודיליאָ האָט נאָך זײַן זיג אין בירגערקריג דערקלערט אין אַ רעדע, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין בורגאָס: „קיין איין לאַנד וויל בײַ זיך ניט האָבן די ייִדן, ווײַל זיי זײַנען אַ קאָמוניסטישע האַרדע". און — „די ייִדן דאַרפֿן פֿאַר־טריבן ווערן פֿון אומעטום". דאָס שליסט ניט אויס די פֿאַקטן, ווען אייניקע שפּאַנישע דיפּלאָמאַטן האָבן אין די יאָרן פֿונעם צווייטן וועלט־קריג געגומען ספּאַרדישע ייִדן אונטער אַ ניט אָפֿיציעלער שוץ (אַדאַנק אָט די באַמיִונגען זײַנען, לעמאָשל, באַפֿרײַט געוואָרן פֿון בעלזן־בערגען 365 ספּאַרדישע ייִדן, טוישוויים פֿון סאַלאָניקי. ווען היטלערס אַרמייען זײַנען אַרײַנגעטראָטן אין האָלאַנד, בעלגיע און אין אַנדערע לענדער פֿון מיִרעוו־אייראָפּע, האָט אַ פֿאַרצווייפֿלטע מאַסע ייִדן־פּליטים דערגרייכט פֿראַנקרײַך און דערנאָך — שפּאַניע און פּאָרטוגאַליע. אין שפּאַניע זײַנען די אומלעגאַלע עמיגראַנטן אינטערנירט געוואָרן אין לאַגערן און טפֿיסעס. אַ טייל פֿון זיי האָט מען דעפּאָרטירט, אָדער אומגעקערט צוריק אַהין, פֿונוואַנען זיי זײַנען געקומען).

אין אונדזערע טעג דאַרפן שוין די שפּאַנישע ייִדן זיך ניט שרעקן פאַר רעפּרעסיעס אפן נאַציאָנאַלן באָדן. אין מאַדריד, אין דעם אינגלעסיאַס-קוואַרטאַל, ווו עס לעבן ייִדן, געקומענע פון טוניס און מאַראָקאָ, שטייט צווישן פיל קירכעס זייער סינאַגאָגע. אויך דער עקאָנאָמישער מאַצעוו פון די ייִדן איז דאָ ניט קיין באַזונדערס שלעכטער, זיי פאַרנעמען זיך מיט האַנטווערקערײַ און מיסכער, פאַראַן אין זייער סוויווע בוי-אַרבעטער, רעמאָנטניקעס, מיסט-רייניקער, קליינע אָנגעשטעלטע. אָף אַ שילד אין אַ געשעפט פון לעדער-סכוירעס האָב איך געזען אָנגעצייכנט, אַלס באַגריסונג — „מזל-טוב”, אָף אַ צווייטער שילד — „סעפאַראַד”. בעקיצער, ס'איז, דאַכט זיך, גינסטיק די צײַט — אויב טאָן עפּעס פאַרן קלאַל, איז פאַרן אייגענעם.

און דאָ מיטאמאָל דערוויס איך זיך, אַז מיט עטלעכע טעג פאַר מײַן קומען קיין מאַדריד, האָט זיך אַהער אַרײַנגעיאָוועט אַ גאַנצע בריגאַדע הויכגעשטעלטע ייִדישע מאַנהיגים: דער פּרעזידענט פונעם צענטראַל-ראַט פון די דײַטשישע ייִדן, די הויפּט-ראַבאָנים פון פראַנקרײַך, איטאַליע, ענגלאַנד, האָלאַנד. אַלס בריגאַדיר האָט זיך צווישן זיי אויפגעהאַלטן ייִסראָעל זינגער, דער עקזעקוטיוו-דירעקטאָר פונעם ייִדישן וועלט-קאָנגרעס, פון דעם זעלבן, וואָס האַלט אין איין שווערן זיך, אַז ער איז ניט אַנטיסאָוועטיש. איצט, זעט איר, האָבן די צונויפגערופענע פון אים הויפּט-ראַבאָנים אַרײַנגעגעבן אין דער שפּאַנישער פּרעסע אַ „מעסאַזש” וועגן דעם, אַז גראָד אין שפּאַניע דאַרף מען זיך אַ נעם טאָן פאַר די איניאָנים, וואָס האָבן אַ שײַכעס צו די סאָוועטישע ייִדן, וועלכע ווערן געיאָגט און געטריבן און מע קאָן זיי פאַרגלײַכן צום „אייביקן זשיד”.

ווײַזט אויס, די ראַבאָנים האָבן געמיינט, אַז זיי מעגן דאָ אַלץ טאָן און דאָס, וואָס עס ווילט זיך זיי, שרײַבן — קיינער וועט ניט זען דעם שעקער. אין מאַדריד געפינט זיך אַ פאָרשטייער פון דער סאָוועטישער נײַס-אַגענטור „נאָוואָסטי”, און לויט זײַן באַקאָשע האָב איך זיך געווענדט אין די צײַטונגען מיט אַ באַקאָשע, זיי זאָלן פאַרעפנטלעכן מײַנע אַן אויפקלערונג. די רעדאַקציעס האָבן אַרויסגעשטעלט אַ באַדינג, אַז מײַן ענטפער זאָל אַנטהאַלטן פונקט אַזויפיל ווערטער, ווי די באַשולדיקונג, און איך האָב עס אויסגעפילט. 18 צײַטונגען פון מאַדריד און פון דער פּראָווינץ האָבן פאַרעפנטלעכט מײַנעם אַ בריוו, וועלכער הייבט זיך אָן אַזוי:

„כאָשעווער הער רעדאַקטאָר! געפינענדיק זיך אין שפּאַניע, האָב איך מיט גרויס שטוינונג דורכגעלייענט אין אײַער געשעצטער צײַטונג אַ נאָטיץ, אין וועלכער די הויפּט-ראַבאָנים פון פיר אייראָפּעיִשע לענדער נעמען אָף זיך די טירכע צו דערציילן דער וועלט וועגן דער לאַגע פון די ייִדן אין פּססר. באַ אונדז, ייִדן, איז אָנגענומען, אַז צו אַ ראָוו ווענדט מען זיך נאָך אַ גוטהאַרציקער אייצע, נאָר אַז ראַבאָנים זאָלן לאָזן, מע זאָל זיי אויסנוצן אָף צו צערייצן די געמיטער מיט דער הילף פון פעלשונגען, — אַזוינס טרעפט זיך זעלטן. פּאָלעמיזירן מיט דער נאָטיץ איז שווער, ווײַל אירע אַוטאָרן ברענגען ניט קיין שום פאַקטן, און אין דער זעלבער צײַט באַהויפּטן זיי ווילקירלעך, אַז די ייִדן אין פּססר לעבן אַזוי, ווי די אייביקע זשידן”...

צו מיר אין האָטעל איז געקומען אַ פאָרשטייער פונעם שפּאַנישן אָפּיציאָז, אָרגאַן פון דער רעגירונגס-פּאַרטיי — „על פּאַיִס”. דער עלעגאַנטער, זייער באַדאַכטער זשורנאַליסט ראַפאַעל פּראַגואַס איז ניט קיין באַריידעוודיקער, נאָר אַזוי ניט געײַלט און גלײַך ווי ניט ווילנדיק דערציילט ער מיר עטלעכע פּיקאַנטע נײַס. אין אַ מאַדרידער זשורנאַל איז פאַרעפנטלעכט די ליבע-געשיכטע צווישן דעם עקסצענטרישן שפּאַנישן קינסטלער, איינעם פון די גרונטלייגער פון דעם סיור-רעאַליזם סאַלוואַדאָר דאַלי און דער „געטלעכער גאַליע”, וועלכע ער האָט אַזוי אָנגערופן און געמאָלט זי דאָס גאַנצע לעבן. זי איז געבוירן געוואָרן אין קאַזאַן און איר עמעסער נאָמען איז יעלענאַ דיאַקאָנאָווע. אין די צוואַנציקער יאָרן איז זי געווען פאַרהייראַט מיטן גרויסן פראַנצויזישן דיכטער פּאָל עליואַר. סאַלוואַדאָר דאַליס פרוי איז זי געוואָרן אין 1929, זײַענדיק עלטער פון אים אָף 11 יאָר. דער קינסטלער איז דעמלט מיטאמאָל רײַך געוואָרן, און ער האָט איר געקויפט אַן אַלטן שלאָס אין קאַטאַלאָניע. די רעסטאַווריר-אַרבעטן האָט ער דאָרט אויסגעפילט מיט די אייגענע הענט. אַזוי האָבן זיי אָפּגעלעבט צוזאַמען עטלעכע און פופציק יאָר. איצט איז יעלענאַ — „גאַליע” געשטאָרבן אין עלטער פון 89 יאָר. סאַלוואַדאָר דאַלי האָט אָפּגעדרוקט אַ נעקראָלאָג, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט, אַז ס'איז פאַרגאַנגען דער שטערן פון דער שענסטער פרוי אין דער וועלט...

איך דערוויס זיך אויך, אַז דער מוניציפּאַלער ראַט פונעם קליינעם שטעטעלע ליכאַר, אין דער פּראָווינץ אַלמעריִע, האָט סאָפקאָלסאָף אָנגענומען אַ באַשלוס צו אונטערשרײַבן

א שאָלעם-אָפּמאַך מיט פראנקרײַך. צוריק מיט 100 יאָר (עס פעלן צו דער קײַלעכדיקער דאטע 7 כאדאָשים), ווען אין פאריזש האָט מען אנומלטן פארוואָרפן מיט שטיינער דעם שפּאנישן קייסער אלפאָנס דעם צוועלפטן, האָט דאָס שטעטעלע ליכאר, אַלס אויסדרוק פון פּראָטעסט, דערקלערט אָט די דאָזיקע מילכאָמע. איצט איז מען גרייט צו פארגעסן די באַליידיקונג „מיטן באדינג, אז פראנקרײַך וועט אַף ווײַטער זיך אָפּהאלטן פון אזעלכע אקציעס, אין וועלכע מע קאָן אײַנזען די אָפּוועזנהײַט פון אָפּשײַ צו שפּאניע"...

האקלאל, וואָס פארלאנגט פון מיר דער סימפּאטישער פאָרשטייער פון דער מאדרידער טאָג-צײַטונג „על פּאיִס"? קוידעמקאָל פארלאנגט ער פאָרצושטעלן פאר מיר זײַן צײַטונג. זי גייט ארויס פון מײַ 1976. צוויי הונדערט טויזנט עקזעמפּליארן. א קאָלירטע זונטיק-בײַלאגע אין דרײַ הונדערט טויזנט עקזעמפּליארן. דער ארויסגעבער — די אקציאָנערע געזעלשאפט „פּראָמאָטאָרא דע אינפאָרמאסיאָנס". אויסלענדישע אינפאָרמאציע באקומט „על פּאיִס" לויט די קאנאלן פון די נײַעס-אגענטורן פראנס פּרעס, יופּי, רייטער, ווי אויך פון די צײַטונגען „ניו-יאָרק טײַמס" און „מאָנד", מיט וועלכע זי האָט געשלאָסן ספּעציעלע אָפּמאכן...

ער וויל מיך פרעגן איין-איינציקע פראגע, צי כ'קאָן אָנרופן די סיבע, פארוואָס דעם סאָוועטישן יידנטום ווערן צוגעשריבן די פּראָבלעמען, וועגן וועלכע מע טומלט אזוי שטארק.

אַף מאָרגן האָט זיך באוויזן אין „על פּאיִס" אן ארטיקל וועגן אונדזער שמועס, און דאָרט איז פאראן דער ענטפער אַף אָט דער פראגע. ראפאעל פּראגואס שרײַבט אזוי:

„ווערגעליס האָט מיר געזאָגט, אז די סיבע פון די אזויגערופענע פּראָבלעמען פאר די יידן אין סאָוועטנפארבאנד איז דאָס, וואָס פּראָפּאגאנדיסטן פון דער פארגאנגענהײַט מעסטן אָן מיטלאלטערלעכע קריטעריען פאר דער הײַנטיקער צײַט. פּאָשעט גערעדט — זיי ווילן, אז דאָס לעבן פון די סאָוועטישע יידן זאָל זיך אונטערוואַרפן דער מאכט פון דער רעליגיעזער קעהילע, וועלכע זאָל זײַן אָנגעשלאָסן אין דער יידישער וועלט-נאציע. זיי זײַנען קעגן דעם, אז יידן זאָלן ארויסגיין פון זייערע אלטע אנקלאוון (געמיינט — פון די שטעטלעך). דאָס אלץ, האָט געזאָגט ווערגעליס, האָט איצט ניט קיין שום זינען"...

בייס איך האָב נאָך געשמועסט מיט פּראגואסן, האָט מיר אָנגעקלונגען דער מאדרידער קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „יעדיאָט אכראָנאָט" יאָסי אזיעל. א זשורנאליסטישער אינסטינקט האָט אונטערגעזאָגט, כ'זאָל זיך טרעפן מיט אים ניט אין האָטעל-נומער, נאָר אין דער געבײַדע פונעם יסראָעלדיקן קאָרפּונקט, און איך האָב שפּעטער ניט געהאט אַף דעם כאראָטע. וועגן דער באגעגעניש גופע איז ניטאָ וואָס צו שרײַבן, ווײַל די פראגן, וואָס זײַנען געווען צוגעגרייט, כ'זאָל אַף זיי ענטפערן, און די אויפירונג פון דעם „פען-קאָלעגע" זײַנען געווען א מוסטער פון באנאליטעט, אומוויסן און קולטורלאָזיקײַט. דאָס איינציקע, וואָס איך וויל דאָ שילדערן פאר די לייענער, איז — דאָס געשטאלט פונעם קאָרעספּאָנדענט און פון זײַן אָפיס.

שטעלט אײַך פאָר א גרויסן צימער אין וועלכן ס'זײַנען אויסגעשטעלט אַף צו דעמאָנסטרירן פאר פּאָטענציעלע קוינים פארשיידענע ווידעאָ- און פאָנאָ-אפּאראטן, פּראָדוצירטע מערסטנטייל אין יאפּאָניע. דאָס מיידל, וואָס זיצט באם טעלעפאָן, זאָגט, אז דער הער קאָרעספּאָנדענט פון „יעדיאָט אכראָנאָט" האלט אין פארענדיקן דעם געשפּרעך מיט א נײַ-זעלאנדער פירמע, וועלכע איז פאראינטערעסירט עפּעס צו קויפן. אין עטלעכע מינוט ארום קומט ארײַן א באיאָרטער מאנצבל אין אָפּגעריבענע דזשינסן און אין א צעשפּיליעט און צעריסן טריקאָטאזש-העמדל, וואָס איז אונטערגעהויבן אַף דער פּלייצע אזוי, אז עס זעט זיך ארויס דאָס אונטערוועש.

— מע רופט מיך יאָסי, — זאָגט ער עטוואָס א פארשעמטער, — די שפּאניער אנערקענען ניט יסראָעל, מוז איך זיך פירן ווי א סויכער, קעדיי דאָ בלײַבן ווי א זשורנאליסט. מײַן ציל איז איבערגעבן די לייענער פון מײַן צײַטונג אײַער טשוווע אַף דער שײַלע וועגן דעם, צי איז עמעס, אז די סאָוועטן קלײַבן זיך אין דער נאָענטסטער צײַט ארײַנפירן זייערע טאנקען קיין פּערסיע. אָבער אויב איר ווילט ניט ענטפערן אַף אָט דער פראגע, איז, ביטע, קלײַבט זיך אויס אן אנדערע, אַף אײַער געשמאק, און דיקטירט מיר אָפּ דעם טעקסט, וועל איך נאָך הײַנט, ביז זעקס אינאָוונט, אים איבערגעבן מיטן טעלעטײַפּ קיין טעל-אוויוו...

איך האָב אָנגעוויזן מיטן פינגער אַף עפּעס א שטארק טשיקאוון אפּאראט, וואָס איז געשטאנען בא דער וואנט, און געפרעגט יאָסין, וואָס דאָס איז. דער פאָרשטייער פון „יעדיאָט אכראָנאָט" האָט אויסגעשריגן מיט אויסערגעוויינלעכער פרייד:

— הא! איר קלײַבט זיך קויפן! וואָלט איר עס גלײַך מיר געזאָגט...

אין א מינוט צען ארום בין איך ארויסגעגאנגען פונעם קאָרעספּאָנדענטן־פּונקט. עס האָט מיך זייער פרייַנטלעך באַגלייט ביז דער מאַשין דער „פען־קאָלעגע", יאָסי אזיעל, וועמען כ'האָב צוגעזאָגט, אז וועגן ביזנעס וועלן מיר נאָך באַווייַזן זיך דורכשמועסן.

16. ווער איז מיסטער קאַמפּעלמאַן?

אין די טעג פון מייַן רייַזע איבער שפּאַניע זייַנען פאָרגעקומען די לעצטע זיצונגען פון א צווישנפעלקערלעכער קאָנפערענץ, וועגן וועלכער פּאָליטישע באַאָבאַכטער האָבן שאַרפזיניק געשריבן, אז זי איז ענלעך אף א פאַרצויגענעם שידעך: די צדדים האַלטן אין איין ארומשמועסן די תּנאָים, נאָר צו קיין כופּע קומט עס ניט. איך האָב דאָ אין זינען די אַזויגערופענע מאַדרידער באַגעגעניש — א פאָרזעצונג פון דער היסטאָרישער העלסינקי־קאָנפערענץ פאַר זיכערהייַט און קאָאָפּעראַציע אין אייראָפּע, אף וועלכער ס'איז אָנגענומען געוואָרן דער „ענדע־אַקט", א דאָקומענט אין נוסעך פון דעטאַנט. אין מאַדריד האָט די דעלעגאַציע פון פּשא אייַנגעאָרדנט אָבסטרוקציעס יעדעס מאָל, ווען ס'איז שוין געווען נאָענט צו א העסקעם אינעם באַהאַנדלען דעם געמיינזאַמען סאַכאַקל־קאָמיוניקע. אזוי האָט זיך געצויגן קימאַט דרייַ יאָר צייַט. ס'זייַנען שוין דערעסן געוואָרן דער וועלט־עפנטלעכקייַט די אָבסטרוקציעס, דאָס פּרוּוון פאַרוואַנדלען די באַראַטונג אין א מין „טריבונאַל" פון רעכילעסטרייַבער קעגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, אָנשטאָט פאָרזעצן דעם וועג, אף וועלכן אייראָפּע איז ארופגעטראָטן אין העלסינקי. „מיר האָבן זיך אויסגעלערנט שווימען אין וואַסער, ווי פיש, פליִען אינדערלופטן, ווי פייגל, און העכער פון זיי, איז לאָמיר זיך אויסלערנען לעבן אף דער ערד ווי מענטשן", — האָב איך אין אָט די טעג געלייענט אין א מאַדרידער צייַטונג.

דער פּאַלאַץ פון די קאָנגרעסן אפן בולוואַר קאַסטעליאַנאַ — א מאָדערנער געבייַ פון העלן בעטאָן און פון גלאָז, מיט א בונטער פרעסקע אפן פראָנטאָן לויטן געמעל פון דזשאָאַן מיראָ (א שילער פון דעם באַרימטן פראַנצויזישן קינסטלער־קאָמוניסט פערנאַן לעזשע) איז איצט די „פּאָליטישע עסטראַדע" פון מאַדריד. דאָס וואָרט עסטראַדע איז מיר געקומען אפן זינען, ווען א מיטגליד פון דער סאָוועטישער דעלעגאַציע אף דער באַגעגעניש האָט מיר דערציילט, אז פאַרן אָנהייב פון יעדער פּלענאַרער זיצונג ווערט אין די האָלן און קאָרידאָרן פונעם פּאַלאַץ אויסגעפּילט די פּאָפּולערע שפּאַנישע פּאָלקס־מעלאָדיע „אַן אייַנלאַדונג צום טאַנץ". ליידער, פאַרשווינדט אָבער דער אייַנדרוק פון גראַציעזער לייַכטקייַט נאָך איידער מע גייט אַרייַן אינעם פּאַלאַץ, וועלכער ווערט אין דרויסן באַוואַכט מיט דער גרעסטער שטרענגקייַט מיצאַד אן אָפּטיילונג פון אויטאָמאַטשיקעס אין שוואַרצע בערעטן.

איידער מייַן קומען קיין מאַדריד האָט דער אָנפירער פון דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע מאַקס קאַמפּעלמאַן — ער טראָגט דעם טיטל אַמבאַסאַדאָר פאַר אויסעראָרדנטלעכע איניאָנים — אָפּגעטאָן אן אָרדנטלעך שפּיצל: אין „על פּאיס" האָט זיך באַוויזן זייַנס אן אַרטיקל מיט אַזעלכע ניט דיפּלאָמאַטישע אָנפאַלן אפן סאָוועטנפאַרבאַנד, אז, נאָכפאָלגנדיק אייַנגעשטעלטע קלאָלים, האָט דער אָנגעגריפענער צאַד ניט געקאָנט זיצן בא איין טיש מיטן אָנגרייַפער, און אַלס אויסדרוק פון אומצופרידנקייַט מיט אַזאַ אויפפירונג איז געקומען א בריוו פון אונדזער דעלעגאַציע וועגן דעם, אז די זיצונגען ווערן צייַטווייַליק אָפּגעשטעלט. איצט האָט מען ווידער זיך פאַרשטענדיקט דורכצופירן א פּלענאַרע זיצונג און בייס אן איבערייַס אין די פאָרלויפיקע אונטערהאַנדלונגען האָט איינער פון אונדזערע דעלעגאַטן געזאָגט קאַמפּעלמאַנען, אז קיין מאַדריד איז געקומען צו פאָרן דער סאָוועטישער יידישער פּאָעט ווערגעליס.

— הא, „סאָוועטיש היימלאַנד"! — האָט זיך אָנגערופן דער אָנפירער פון דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע. — מייַן מאַמע, וועלכע לעבט אין וואַשינגטאָן, לייענט דעם דאָזיקן זשורנאַל.

ס'איז אָפּגערעדט געוואָרן, אז קאַמפּעלמאַן פאַרבעט מיך צו טרעפן זיך מיט אים. דאָ דאַרף איך באַוווּסטיק מאַכן דעם לייענער וועגן אָט וואָס.

מיסטער קאַמפּעלמאַן האָט זיך זייַן „פערדל" אף דער מאַדרידער קאָנפערענץ. ווי נאָר די פאָרשטייער פון אַלע לענדער פון אייראָפּע זעצן זיך אַוועק באַהאַנדלען די

אוועקגעשטעלטע אין טאָג-סיידער פּראגן וועגן דערגרייכן אַפן קאָנטינענט א מאצעוו פון זיכערהייט און קאָאָפּעראַציע, הייבט זיך אויף דער אמעריקאנער פאָרשטייער און פירט אַרויס זײַן „פערדל": די „יידישע פראגע". ער וויל, אז דער סאָוועטנפארבאַנד זאָל „ארויס-לאָזן די יידן". מע ענטפערט אים, אז די גרעסטע מערהייט סאָוועטישע יידן ווילן ניט „ארויסגעלאָזט ווערן" און אז די פראגע שטייט ניט אין טאָג-אָרדענונג פון דער באראטונג. אזא ענטפער מאכט ניט אַף קאמפּעלמאנען קיין אײַנדרוק. ער דערשלאָגט זיך זײַנע אַבסטרוקציע-צילן, און אַף דער קומענדיקער זיצונג טוט ער דאָס זעלבע. אזוי — יאָר נאָך יאָר.

ווער זשע איז קאמפּעלמאן?

אין די אָפיציעלע דאָקומענטן רעדט זיך וועגן אים ווי וועגן דעם שעף פון א גרויסער יורידישער פירמע אין וואשינגטאָן. אַף דער מאדרידער באראטונג האָט ער פאָרגעשטעלט דעם פּרעזידענט קארטער, און ווען אין ווײַסן הויז איז געקומען רייגאן, איז קאמפּעלמאן פארבליבן אין מאדריד. פארלויפנדיק פאָרויס, וועל איך איבערגעבן א קורצן פראגמענט פון מײַן שמועס מיטן רײַכן וואשינגטאָנער אדוואָקאט. איך האָב אים געפרעגט, צי אַף די ווײַטערדיקע, נאָך דער מאדרידער, באראטונגען פון אָט דעם מין וועט ער בלײַבן דער אמעריקאנער פאָרשטייער אויך אין דעם פאל, אויב רייגאן וועט אוועקגיין און ס'וועט אין ווײַסן הויז זיך ארײַנקלײַבן אן אנדער פּרעזידענט פונעם לאנד. קאמפּעלמאן האָט א שמייכל געטאָן און געענטפערט: „פּרעזידענטן קומען און גייען אוועק, און מיר פארבלײַבן". וועמען מיינט ער מיטן „מיר"? דאָס איז געבליבן ניט דערזאָגט.

ווער זשע איז ער, קאמפּעלמאן?

אין פעוורואַל 1981 האָט ער אַף עטלעכע טעג פארלאָזט מאדריד, און קיינער האָט זיך ניט געכידעשט, ווען ער האָט זיך באוויזן אין ירושלאַים אַף א זיצונג פון דעם יידישן וועלט-קאָנגרעס. די צײַטונגען האָבן דאן געשריבן, אז דער אמעריקאנער פאָרשטייער אַף דער מאדרידער קאָנפערענץ וועגן זיכערהייט און קאָאָפּעראַציע אין אייראָפּע איז ספּעציעל געקומען צו דער זיצונג אין ירושלאַים. נאָך מער, ער איז ארויסגעטראָטן פאר די מאנהיגים פונעם יידישן וועלט-קאָנגרעס מיט א באריכט וועגן דעם, וויאזוי ער אָפּערירט מיט די יידישע פּראָבלעמען אין זײַנע באמיונגען צו טאָרפּעדירן די דעטאַנט-אידייען אַף דער מאדרידער קאָנפערענץ. אין א צײַטונגס-באריכט פון יענע טעג (פון א. אלפערן, אין טעל-אוויווער „לעצטע נײַעס") ווערט געזאָגט: „נאָך זײַן באריכט, וועלכער האָט געמאכט א שטארקן אײַנדרוק, איז קאמפּעלמאן געבעטן געוואָרן מיצאד דעם פּאָרזיצער פון דער זיצונג האַראָוו שנייער, אז ער זאָל זיך באטראכטן אויך פאר דעם פאָרשטייער פון די יידישע אָרגאניזאציעס, וועלכע זײַנען אָנגעשלאָסן אין יידישן וועלט-קאָנגרעס"...

ווער זשע איז דער אמבאסאדאָר פאר אויסעראָרדנטלעכע איניאָנים באם אמעריקאנער פּרעזידענט רייגאן, דער פאָרשטייער פון פּשא אַף דער מאדרידער באגעגעניש מיסטער מאקס קאמפּעלמאן? ער איז, צווישן אנדערן, וויצע-פּאָרזיצער פון דער אמעריקאנער ציוניסטישער „אנטידעפאַמיישן ליג" און פּאָרזיצער פונעם קאָמיטעט, וועלכער „האלט שעפּטום" איבערן ירושלאַימער אוניווערסיטעט, קאָנטראָלירנדיק, אזויארום, זײַנע לערן-פּראָגראמען און די געזעלשאפטלעך-פּאָליטישע טעטיקײַט צווישן די סטודענטן.

אונדזער באגעגעניש איז געווען אן עמאָציאָנעלע און א שמייכלענדיקע. זי איז פאָרגעקומען אין דער אמעריקאנער אמבאסאדע, אין קאמפּעלמאנס קאבינעט, צוערשט מיטן אָנטייל פון אן איבערזעצערן און דערנאָך ווי א באפרײַטער פון פּראָטאָקאָל-ראמען שמועס אַף מאמע-לאָשן — יידיש. קאמפּעלמאן האָט מיר דערציילט, אז ער שטאמט פון טשערנאָוויץ און אז צווישן אים און זײַן מאמען, דער לייענערן פון „סאָוועטיש היימלאנד", מאכן זיך „קליינטשינקע היימישע מיינונגס-פארשיידנהײַטן". איך האָב אים געזאָגט, אז ווען עס זאָל לעבן זײַן טאטע, וואָלטן די היימישע מיינונגס-פארשיידנהײַטן זיך געענדיקט מיט דעם, אז דער טאטע וואָלט אים, מאקסן, אויסגעשמיסן פאר דעם, וואָס ער שלעפּט ארײַן די יידישע פּראָבלעמען אין א סיכסעך צווישן די גרויסע מעלוכעס. דאָ, און אויך אין אנדערע ערטער פון אונדזער שמועס, האָט קאמפּעלמאן באוויזן, אז ער פארשטייט הומאָר.

מיר האָבן זיך דורכגעשמועסט וועגן דעם יידישן וועלט-קאָנגרעס. לעצטנס האָט ער זיך אָרגאניזאציאָנעל אמעריקאניזירט, — זאָגט וועגן אים קאמפּעלמאן, — נאָך נאָכעם גאָלדמאנס טויט פארנעמען די וויכטיקסטע אמטן אינעם קאָנגרעס אמעריקאנער יידן. אין אייראָפּע זײַנען פארבליבן עטלעכע אלטע פּראָווינציאַלן...

אַף מײַן פראגע, צי בלויז אָרגאניזאציאָנעל האָט זיך אמעריקאניזירט דער יידישער וועלט-קאָנגרעס, ענטפערט קאמפּעלמאן, אז אין אן אָרגאניזאציע איז די אָרגאניזאציאָנעלע

זײַט דאָס זעלבע, וואָס אין א דעמאָנסטראַציע — די דעמאָנסטראַטיווע זײַט. דער קאַלאַמבור ווערט קלאָרער, ווען ער שטרײַכט אונטער, אַז דער אמעריקאַנער פּרעזידענט האָט גלײַך געמאַכט זײַן אויספיר פון דער אמעריקאַניזירונג פונעם ייִדישן וועלט-קאָנגרעס. דאָס זעט מען פון דעם, וואָס ער פירט דורך רעגולער באַראַטונגען מיט די אָנפירער פון דער דאָזיקער פּאַרצווייַגטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

עס פילט זיך, אַז מיסטער קאַמפּעלמאַן זוכט א קאַלאַמבור אין יעדן צופאַל, וועגן וועלכן ער רעדט. ניט לאַנג צוריק, — דערציילט ער, — האָט דער מעלוכע-סעקרעטאַר פון די פאַראייניקטע שטאַטן שולץ אים געזאָגט אין א שפּאַס, האָבנדיק אין זינען אַזעלכע טוער, ווי קיסינדזשער און ער, קאַמפּעלמאַן, אַז די אמעריקאַנער פּרעזידענטן האָבן לעצטנס באַקומען א מעגלעכקייט אויסצונוצן אָנגעזעענע ציוניסטן (אָדער אַזעלכע, וואָס פילן מיט דעם ציוניזם) אַלס פאַרוואַלטערס דאָרט, ווו עס איז נייטיק. קאַמפּעלמאַן האָט געענטפערט שולצן, — אויך אין א שפּאַס, — אַז דאָס האָבן די ציוניסטן, דאָרט, ווו זיי איז נייטיק, באַקומען א מעגלעכקייט צו פאַרוואַלטן מיט די אמעריקאַנער פּרעזידענטן...

אין גאַנג פון אונדזער שמועס דערוויס איך זיך, אַז די פיר הויפּט-ראַבאָנים, מיט וועלכע איך האָב זיך איבערגעשריבן אויף די זײַטן פון די שפּאַנישע צײַטונגען, זײַנען געקומען פאַקטיש צו אים, צו קאַמפּעלמאַנען. זייער ציל איז געווען — זיך דערשלאָגן, אַז די ייִדישע טעמע זאָל ניט פאַרשווינדן פון די אונטערהאַנדלונגען אויף דער מאַדרידער קאָנפערענץ.

קאַמפּעלמאַן האָט עס קאָמענטירט מיט א זיפץ:

— די ראַבאָנים מיינען, אַז עס איז גרינג צו זיצן אויף אָט דעם שטול... עכע-כע! גאָט האָט באַשאַפן א סימעטרישע וועלט. אַז עס זײַנען דאָ ראַבאָנים, זײַט איר דאָ. אַז איר זײַט דאָ, זײַנען דאָ ראַבאָנים...

ס'האָט זיך דערנענטערט די שעה, ווען עס האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן די פּלענאַרע זיצונג פון דער מאַדרידער קאָנפערענץ. איך האָב גענומען זיך אָפּגעזעגענען. קאַמפּעלמאַן האָט מיך אײַנגעלאַדן קיין ירושלאַיִם אַלס גאַסט פון דעם דאָרטיקן אוניווערסיטעט, איך אים — קיין ביראָבידזשאַן, אויף דער פּײַערונג פונעם 50-יאָריקן יובילײ פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. ביידע האָבן מיר צוגעזאָגט, „אויב ס'וועט זײַן מעגלעך"... איך האָב אים געשענקט אַן עקזעמפּליאַר פון מײַן בוך „רײַזעס" מיט אַן אויפשריפט: „כּאָשעווער מיסטער קאַמפּעלמאַן! איך בעט אײַך זייער: מאַכט ניט די ייִדישע פראַגע אַזוי קאָמפּליצירט. זי איז פּאָשעטער, איידער איר מיינט, מע דאַרף נאָר צוגיין צו איר מיט שׂכל".

באַם געזעגענען זיך, בײַס עס זײַנען זיך צונויפגעקומען נײַגעריקע א קוק טאָן אויף די צוויי ייִדן פון צוויי פאַרשיידענע וועלטן, איז פאָרגעקומען צווישן אונדז אַזאַ דיאַלאָג:

קאַמפּעלמאַן: איך וויל אײַך פרעגן צוויי פראַגן. ענטפערט, אויב איר קאָנט עס טאָן, דאָ גלײַך אויפן אָרט, אָן צוגרייטונגען.

איך: לאָמיר פּרוּוון...

קאַמפּעלמאַן: די ערשטע פראַגע: הײַנט איז דער ערשטער טאָג פּייסעך. ווו וועט איר פּראַווען דעם ערשטן סײדער? די צווייטע פראַגע: וואָס וועט איר זאָגן אײַערע כאַווייִרים אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי וועגן אונדזער באַגעגעניש?

איך: די פראַגן זײַנען זייער פּאָשעטע, און איך נייטיק זיך ניט אין צוגרייטונגען. ס'האָט זיך אַזוי באַקומען, אַז צום ערשטן סײדער געפין איך זיך אין שפּאַניע, און דערייבער האָף איך צו פּראַווען אים באַם אָרטיקן באַלעבאָס, דעם שפּאַנישן קיניג. עמעס, קיין אײַנלאַדונג האָב איך נאָך ניט באַקומען, נאָר עס זײַנען פאַראַן אין רעזערוו עטלעכע שעה. וואָס איז שײַך דער צווייטער פראַגע, דאַרפט איר זיך ניט באַאומרויִקן, כ'וועל, אומקערנדיק זיך קיין מאָסקווע, איבערגעבן מײַנע כאַווייִרים אין דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַז איך האָב גענוי אַרומגעשמועסט אַלע זאַכן מיט מאַקס קאַמפּעלמאַנען, וועלכער האָט מיר צוגעזאָגט אויף ווײַטער האַנדלען אַזוי, ווי איך האָב אים געייצעט.

אין צימער האָט אויסגעבראָכן א געלעכטער. מיסטער קאַמפּעלמאַן האָט מיר מיט קויעך געקלאַפּט איבערן רעכטן אַקסל אַזוי, אַז דער לינקער אַקסל איז אויף לאַנג, אַזש ביזן ערשטן סײדער פאַרבליבן בא מיר העכער פון דעם רעכטן.

אויפן אַנדערן טאָג, גאַנצפרי, בין איך אַרויסגעפלויגן אַהיים, קיין מאָסקווע.

■ ■ ■

גריגאָרי רעזניטשענקאָ

בוימוואָל

מיר פאַרמאָגן גרויסע רעזערוון אין דער פאָלקסווירטשאַפט. די דאָזיקע רעזערוון דאַרף מען זוכן און פאַרגיכערן דעם וויסנשאַפטלעך־טעכנישן פּראָגרעס, ברייט און שנעל צוּוייגענען דער פּראָדוקציע די דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפט, טעכניק און פאָרגעשריטענער דערפאַרונג. די דאָזיקע פראַגע איז, פאַרשטייט זיך, ניט קיין נײַע. זי איז ניט איין מאָל געשטעלט געוואָרן אויף די צוזאַמענפאָרן פון דער פּאַרטיי און אויף פּלענומען פונעם צק און דאָך רוקט זיך די זאַך לאַנגזאַם.

(פון דער רעדע פונעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון צק קפּסס יו. וו. אַנדראָפּאָוו אויפן פּלע־נום פון צק קפּסס דעם 22 נאָיאַבער 1982)

אין אוזבעקיסטאַן האָב איך אָפּגעלעבט קימאַט צען יאָר און בין אוועקגעפאָרן פון דאָרט שוין פונלאַנג. אָבער נאָכן אַריבערפאָרן קיין מאָסקווע באַמי איך זיך צו וויסן, וואָס עס קומט פאָר אין אָט דעם זוניקן קאַנט. און ווי מיר געדענקט זיך, איז ניט געווען קיין איין יאָר, עס זאָל פאַר דער רעפּובליק ניט שטיין די אויפגאַבע אַנטשיידן צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע פון בוימוואָל. די מערהײַט באַשטימונגען פון די פּאַרטיייִשע און סאָוועטישע אָרגאַנען פון אוזבעקיסטאַן האָבן אַ דירעקטע צי אַן אומדירעקטע שײַכות צו די פּראָבלעמען פון בוימוואָל. אַ סאַך מי ווערט פון יאָר צו יאָר אַרײַנגעלייגט אין דעם, אַז דאָס בוימוואָל־פּעקעלע זאָל זײַן וואָגיקער, די פעדעמער זאָלן זײַן דינע, לאַנגע און שטאַרקע, די הויצאָעס זאָלן קלענער ווערן און די גערעטענישן און די האָכנאָסע — גרעסער, עס זאָל דרייסטער אַרײַנדרינגען די מעכאַניזאַציע, און דער שוין צונויפגעקליבענער בוימוואָל זאָל ניט פאַרנעצט ווערן, ניט אָנ־ווערן זײַן קוואַליטעט. דאָס אַלץ פאָדערט זייער פיל: גוטע זריִע, באַמיסטיקטע פעלדער, אַ ליִיטערן הימל און וואַסער, וואַסער, וואַסער...

אין 1981 האָט דאָס לאַנד באַקומען צען מיליאָן טאָן בוימוואָל, פון זיי 63 פּראָצענט אוזבעקישן. לויטן יערלעכן צוּוווּקס קאָן מען אויסרעכענען, אַז ביזן סאָף פון דעם איצטיקן פינפיאָר וועט אויף די פעלדער פון די בוימוואָל־רעפּובליקן אַראָפּגענומען ווערן בײַ 42 מיליאָן בוימוואָל. איך האָב אָפט געהערט וועגן דעם און געפרעגט בײַ זיך: דאָס איז אַ סאַך צי ווייניק פאַרן לאַנד, פאַר יעדערן פון אונדז?

די אויסרעכענונגען פונעם וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישן אינסטיטוט פון בוימוואָל באַ־ווײַזן: קעדיי באַפרידיקן דעם נאָכפרעג אויף בוימוואָל פון דער אינדוסטריע און די באַדער־פעניש̄ן פונעם עקספּאָרט, דאַרף מען אויסאַרבעטן צו 45 — 50 קילאָגראַם אויף אַ נעפעש, און אין 1982, לעמאָשל, איז אויסגעאַרבעט געוואָרן צו 38,6 קילאָגראַם. אויף צו דעקן דעם דעפיציט, דאַרף בלויז אוזבעקיסטאַן פּראָדוצירן יערלעך ניט ווייניקער פון 8,5 מיליאָן טאָן.

מיט צוואַנציק־דרײַסיק יאָר צוריק האָט די „שער" צווישן דעם פּראָדוצירן און די באַ־דערפענישן אין בוימוואָל קימאַט זיך ניט געפילט. דער נאָכפרעג אויף בוימוואָל איז געווען

און אנדערער, דערצו האָט די סינטעטיק ארויסגעהאָלפֿן. פֿון יאָר צו יאָר האָט זי פֿארנומען שטארקערע פּאָזיציעס, און דער בוימוואָל האָט טיילווײַז אָפּגעטראָטן. סיבעס זײַנען געווען א סאך. דאָס אָנטאָן פֿון קינסטלעכע פֿעדעמער קנייטשט זיך ניט, וואשט זיך פּאָשעט און גרינג, איז עלעגאנט און טראָגט זיך לאנג. אזוי האָט די סינטעטיק דעראָבערט דעם אינטערעס פֿונעם געברויכער.

איך וועל ניט זאָגן, אז אין די יאָרן, ווען די סינטעטיק האָט זיך צעבליט, איז די פּראָדוקציע פֿון בוימוואָל פֿארקלענערט געוואָרן. נאָר מערער בוימוואָל איז אוועק אף טעכנישע נויטן אין פֿארשיידענע אָפּצווײַגן פֿון דער אינדוסטריע. און אויך הײַנט פֿארנוצט מען אים אף אויסארבעטן קאָרד פֿאר די אווטאָמאָביל-שינעס, קאָנגסרייפֿע-ארבלען, קינסטלעכן לעדער, פֿישכאפֿער-נעצן. ניט ווייניק בוימוואָל ווערט ארויסגענוצט צוליב די צוועקן פֿון לאנדשוץ. עס איז פֿארגרעסערט געוואָרן דער עקספּאָרט פֿון בוימוואָל, און דער רעוועך איז אויך ניט קיין קלענער, נאָר, אפֿאָנעם, ניט אין אזא מאָס, ווי ער האָט געקאָנט זײַן.

מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק האָט צווישן אלע מינים נאטורעלע פֿעדעם, וועלכע ס'האָט אויסגענוצט די מאנופֿאקטור-אינדוסטריע, בוימוואָל פֿארנומען דאָס לעצטע אָרט. און ס'איז אנטשטאנען די פֿראגע: צי האָט ער א צוקונפֿט? מער פֿון דרײַ פֿערטל פֿונעם געברויך האָבן באטראָפֿן וואָל-פֿעדעם, קימאט 19 פּראָצענט — לײַן, ווײַטער זײַנען געגאנגען זײַד און בוימוואָל — 4,5 פּראָצענט. אין הונדערט יאָר ארום האָט בוימוואָל זיך ארויסגערוקט אפֿן ערשטן אָרט. אין דער מיט פֿון אונדזער יאָרהונדערט, ערעוו דעם, ווי אין שטייגער האָט זיך ארײַנגעריסן די כימיע, האָט מען 84 פּראָצענט שטאָפֿן און קליידער אין דער וועלט אויסגעארבעט פֿון בוימוואָל. און דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דער שטורמישער אָנגריף פֿון דער סינטעטיק. מענטשן האָבן אָבער ניט אלץ וועגן איר געוווּסט.

אך, ווי מיר האָבן זיך געמוטשעט אין טאשקענט אין יענע יאָרן! די היץ איז גרויס, און מיר זײַנען אָנגעטאָן אין ניילאָן און אין קאפּראָן. אָבער וואָס האָט מען געקאָנט טאָן — א מאָדע!

די ערשטע האָבן וועגן דער שעדלעכקײַט פֿון דער סינטעטיק אָנגעהויבן ריידן די יאפּאָנער. נאָך פֿיליאָריקע וויסנשאפֿטלעכע אויספֿאָרשונגען האָבן זיי דערוויזן, אז א מענטש, וועלכער איז אָנגעטאָן אף דער ארבעט אין גאָלע סינטעטיק, פֿארלירט די ארבעטס-פֿעיִקײַט שוין אין פֿיר — זעקס שאָ ארום. עטוואָס ווייניקער ווירקט די סינטעטיק אף קאָנטאָר-טוער. אין די לענדער מיט א הייסן קלימאט פֿילן זיך מענטשן אין קליידער פֿון סינטעטיק א סאך ערגער, איידער אין די מעסיקע, צאָפּנדיקע לענדער. אין יאפּאָניע זײַנען אצט זייער פּאָפּולער רעקאָמענדאציעס, וועלכע גאראנטירן א פּראקטיקע שטימונג יעדן איינעם, ווער עס טראָגט סינטעטישע קליידער ניט מער ווי ס'איז דערלויבט, ווי אויך יענע, וועלכע האלטן זיך בא א געוויסער רעקאָמענדירטער פּראָפּאָרץ.

דער אימפּאָרט פֿון בוימוואָל האָט אין די קאפּיטאליסטישע לענדער אין 1980 זיך פֿארגרעסערט אף 9 פּראָצענט לעגאבע דעם פֿריִערדיקן סעזאָן. באזונדערס איז אויסגעוואקסן דער ארײַנפֿיר פֿון בוימוואָל אין פּאָרטוגאליע, פֿראנקרײַך, מײַרעוו-דײַטשלאנד, שוועדן. אין יאפּאָניע האָט די איבערארבעטונג פֿון די בוימוואָל-רעזערוון זיך געהעכערט אף דרײַ פּראָצענט. די גאנצע קאפּיטאליסטישע וועלט האָט מיט צוויי יאָר צוריק געהעכערט דעם געברויך פֿון בוימוואָל אף פֿיר פּראָצענט. אין ענגלאנד איז געשען פֿארקערט. דער געברויך פֿון בוימוואָל האָט זיך פֿארקירצט.

אין דער נאָכמילכאָמעדיקער געשיכטע פֿון אוזבעקיסטאן איז די בוימוואָל-פּראָדוקציע ניט געפֿאלן, פֿארקערט, זי איז די גאנצע צײַט געוואקסן. אין 1930 האָט די רעפּובליק באקומען 2 מיליאָן טאָן, אין 1966 — אריבער 6 מיליאָן טאָן.

בייס דער מילכאָמע האָט דאָס בוימוואָלצוכט שטארק געליטן. עס זײַנען אוועק אפֿן פֿראָנט קימאט אלע מענער. קיין נײַע טעכניק איז ניט צוגעקומען און אף דער אלטער איז אויך ניט געווען, ווער עס זאָל ארבעטן. די פֿעלדער, וועלכע מע האָט פֿריִער באגאָסן, זײַנען פֿארוויסטעט געוואָרן. די גערעטעניש פֿון בוימוואָל איז געפֿאלן קימאט אף האלב. די יערלעכע פּראָדוקציע איז באשטאנען בלויז פֿון 500 טויזנט טאָן.

דער פֿארזיי-שעטעך פֿון בוימוואָל איז פֿארקירצט געוואָרן אין צוזאמענהאנג מיט דעם, וואָס די פֿאשיסטן האָבן פֿארכאפּט אסאך ראיאָנען, ווו מע האָט געזייט צוקער-בורעקעס. אוזבעקיסטאן האָט געמוזט זייען אָט די קולטור בא זיך. פֿאר די בורעקעס און קערנער-קולטורן זײַנען אָפּגעגעבן געוואָרן צענדליקער טויזנטער העקטארן.

און וואָס איז פֿאָרגעקומען אין דער בוימוואָלצוכט נאָך פֿריִער? אין איינעם א בוך האָב איך אָנגעטראָפֿן אַף א פֿאַרנאָטירונג, וועלכע האָט כאַראַקטעריזירט די בוימוואָל-צוכט אין פֿריִערדיקן טורקעסטאַן: „מע זייט איבערהויפּט אין א ריי צו פֿינף—צען זריִעלעך אין א גריבל... דער אָרטיקער בוימוואָל עפֿנט זיך ניט, דערפֿאַר קלײַבט מען צונויף דעם בוימוואָל איינעם מיט די פּעקעלעך, פֿונוואַנען דער בוימוואָל נעמט זיך ארויס מיט די הענט". פֿיל שפּעטער, אין 1922, האָט די צײַטונג „טורקעסטאַנסקאַיאַ פּראַוודאַ" מיט פֿרייד געשריבן: „מיר וועלן באַקומען 50 טויזנט טאָן און וועלן דערגיין צו 500 טויזנט טאָן. מיר טרוימען ערנסט וועגן מיליאָנען". איצט האָט אוזבעקיסטאַן זעקס מיליאָן און פּלאַנירט אין מעשעך פֿונעם פֿינפֿיאָר אײַנהיטן דעם דאָזיקן ניוואָ. אין אוזבעקיסטאַן ווערט די ערד אומעטום באַגאָסן. מעליִאָראַציע, האַלט די וויסנשאַפֿט, פֿירט צו אינטענסיווער לאַנדווירטשאַפֿט, וואָס זיכערט הויכע גערעטענישן.

די טעכנישע איבערבאַוואָפֿענונג פֿונעם בוימוואָלצוכט האָט זיך פֿאַנאַנדערגעוויקלט אין דער צווייטער העלפֿט פֿון די פֿופֿציקער יאָרן. אָנגעהויבן האָט זי זיך פֿונעם איבערגעקרייצטן פֿאַרזיי פֿון בוימוואָל. מיר אַליין איז אויסגעקומען אָנטיילנעמען אין אײַנפֿירן אָט דעם מעטאָד. פֿריִער אַלס א ספּעציִאַליסט מיט ספּעציִעלער טעכנישער בילדונג און דערנאָך אַלס קאָמיוגישער טוער.

אין אוזבעקיסטאַן זײַנען די פּאַרטייִשע, סאָוועטישע און קאָמיוגישע אַקטיוויסטן געווען איינצײַטיק אויך אַגראָנאָמען. טייל־וויַז, פֿאַרשטייט זיך. מיר האָבן זיך געלערנט אַף אַגראָטעכנישע קורסן און אונדזער פּראַקטיק באַרײַכערט אַף די בוימוואָל־פּלאַנטאַציעס. מיר איז אָפּט אויסגעקומען זײַן באַפֿולמעכטיקטער פֿון די פּאַרטיי־אָרגאַנען אין די סאַמע פֿאַראַנטוואָרטלעכע פּעריִאָדן פֿון דער בוימוואָלצוכט.

נאָכן ענדיקן דעם אינסטיטוט אין זאַפּאָראָזשיע בין איך אין סאָף פֿון די פֿופֿציקער יאָרן אָנגעקומען קיין טאַשקענט. ביט באַוויזן ארומקוקן זיך, איז שוין אין מײַן קעשענע געלעגן א קאָמאַנדירונג פֿונעם רעפּובליקאַנישן מיניסטעריִום פֿון לאַנדווירטשאַפֿט. פֿאַר דעם האָט מען מיך אײַנגעלאַדן אין צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי. ארײַנגעקומען אין זיצונגזאַל, האָב איך דערזען א היפּשע צאָל מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע נאַציִאָנאַליטעטן. מיט אונדז האָט געשמועסט דער סעקרעטאַר פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט לויט דער לאַנדווירטשאַפֿט אַריף אַלימאָוו. ער האָט דערציילט וועגן דער סיטואַציע, וועלכע האָט זיך געשאַפֿן אין געביט פֿון בוימוואָלצוכט און געבעטן ארויסווײַזן הילף די פּויערים.

און די סיטואַציע איז דאַן געווען אַזאַ. פֿון דרײַ מיליאָן טאָן בוימוואָל האָט מען בלויז הונדערט פֿערציק טויזנט טאָן אראָפּגענומען מיט מאַשינעס, עטוואָס מערער פֿון פֿיר פּראָצענט. א זעקסטל פֿון די פּלאַנטאַציעס האָט מען נאָך אַלץ באַאַרבעט מיט קעטמענעס. די גאַנצע גערעטעניש האָט מען געפּאַקעוועט אין גרויסע זעק, צו 70 — 80 קילאָגראַם, און מיט וועגענער און טראַקטאָר־צוטשעפּער אָפּגעפֿירט אַף די פֿאַרגרייט־פּונקטן. קיין גערבעצידן זײַנען ניט געווען, און די פֿעלדער האָט מאַמעש פֿאַרפֿלייצט דאָס מיסטגראָז. די פּויערים פֿלעגן מיד ווערן צו רייניקן די פֿעלדער מיט קעטמענעס אין די הענט.

אין א וואָך ארום נאָך דער באַראַטונג אין צק בין איך אָפּגעפֿאָרן מיט דער באַן קיין סאַמאַרקאַנד. דער צוג, וועלכער איז באַשטאַנען פֿון צוועלף גרינע וואַגאָנען, האָט לאַנגזאַם זיך באַוועגט, קימאַט ווי געקראָכן איבער דעם אומענדלעכן קאַנט. אָט פֿאָרן מיר פֿאַרבײַ באַגאָסענע און אויפֿגעלעבטע פֿעלדער, און אָט זעען מיר פֿאַר זיך דורכויסיקע לעבנסלאָזע זאַמדן. אין יענעם יאָר האָבן די שטאַרקע פֿרעסט אומגעבראַכט צענדליקער טויזנטער ביימער פֿון עפּל, פֿלוימען, באַרן, פֿיל ווײַנגערטנער. ארויסגעריסענע פֿון דער ערד, זײַנען די ביימער געלעגן לענגאויס דער אײַזנבאַן־ליניע מיט די וואָרצלען ארויף.

באַנאַנד מיט דער אײַזנבאַן־ליניע, אָט נעענטער, אָט ווײַטער, האָט זיך געצויגן א ברייטער טראַקט, וועלכער איז אויפֿגעקומען אַפֿן אָרט פֿונעם אוראַלטן וועג פֿון די קאַראַוואַנען מיט זײַנע טיפֿע דורכזיכטיקע קרענעצעס. דער טראַקט ציט זיך און ציט זיך דורך די טאַמערלאַן־טויערן, טרעפֿט קיין סאַמאַרקאַנד, און דערנאָך, שלענגלענדיק זיך צווישן די באַרגשפּאַלטן, הייבט ער זיך אויף צום קוראַמינער באַרג־רוקן, שנײַדט דורך די אוראַלטע שטעט קיטאַב און שאַכריסאַבאַז, דעם אַלטן און נײַעם דערקאַנאַבאַד, פֿליט ארויס, ווי א פֿײַל, אַף די ראַכוועסן פֿון טורכאַן־שאַראַבאַדער סטעפּ — א גרויסן רויערד־מאַסיוו, וואָס ציט זיך פֿון הינטער די בערג ביז טערמעז, ביז די ברעגן פֿון אַמודאַריאַ און די גרענעצן פֿון אַפֿגאַניסטאַן. דער גרויסער אוזבעקישער טראַקט פֿאַרייניקט זיבן געגנטן, זיבעציק ראַיאָנען, העכער דרײַסיק שטעט, הונדערטער קישלאַקן, יִישוּווים, קאָלווירטישע און סאָווירטישע הויפֿן.

דעם טראַקט האָט מען אויסגעבויט פאַר פינף כאַדאָשים. יעדער קאָלווירט, יעדע בריגאַדע האָט געהאַט אויף דער בויונג זייַן באַצירק. דעם טראַקט פון אַריבער זיבן הונדערט קילאָמעטער האָט מען געשאַפן אין אַ זעלטן קורצן טערמין. דעם בריק איבערן טייַך סירדאַריאַ האָט מען געעפנט אין ערשטן כוידעש פון דער פּאָטערלענדישער מילכאָמע אָן איבעריקע פייַערונגען. מע האָט דורכגעלאָזט דורך אים עטלעכע מאַשינעס און וואַגאָנער, און שווייַגנדיק איז מען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

בייַס מייַן איצטיקער רייַזע האָב איך ניט איין מאָל געהערט: ווען עס וואָלט ניט געווען דער טראַקט, וואָלט אַלצייַנס אויסגעקומען שפּעטער אָנהייבן דאָס באַהערשן נייַע ערדן פאַר זייַן בויונג.

אויף דער סטאַנציע „גאָלאָדנאַיאַ סטעפּ“ האָט דאַן דער צוג זיך פאַרהאַלטן אויף אַ האַלבער שאָ. ס'איז געווען פעוראַל, נאָר די ערד האָט זיך שוין היפּש אָנגעוואַרעמט. צום ערשטן מאָל האָב איך געזען אַ פלאַכלאַנד, וואָס האָט זיך געצויגן פון דער אייַזנבאַן-ליניע ביזן האָריזאָנט. און קיין איין ביימעלע, קיין איין שטוב. אַן עמעסדיקער „הונגעריקער סטעפּ“, וואָס האָט אָנגעווייעט אַ טיפן און שטאַרקן אומעט.

אין איינעם אַ גרויען אינדערפרי בין איך אָנגעקומען קיין סאַמאַרקאַנד. אין שטאָט איז אויסגעפאַלן אַ געדיכטער שניי, וועלכער איז גיך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן עקלדיקער שיטעריצע. אַ גאַנצן טאָג בין איך אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט פון איין דענקמאָל צום צווייטן. דאָס ערשטע מאָל האָב איך געזען אַ פרוי אין אַ פאַראַנדזשאַ, ניט אויפן עקראַן, נאָר אין לעבן, און מיך איז באַפאַלן אַ ביטערער געדאַנק: ווי זשע לעבט זי, נעבעך, אין אַזאַ פינצטערניש?

איך האָב געוואָלט וואָס גיכער צוטרעטן צו דער אַרבעט, נאָר אין דער געגנטלעכער פאַרוואַלטונג פון דער לאַנדווירטשאַפט האָט מען מיך פאַרהאַלטן, כאָטש ס'איז שוין געווען פרילינג. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיין מאַשין, וואָס פאָרט אין דער צווייטער ראַטירטשינסקער מאַשין-טראַקטאָר-סטאַנציע איז ניטאָ, וועט אַזוי גיך ניט זייַן, מע דאַרף אַהין פאָרן מיטן באַן. ערשט נאָך צוויי טעג זייַן אונטערוועגנס האָב איך געטראָפן צום דירעקטאָר פון דער מ.ט.ס. דאַמינאָוו. און דעמלט האָט זיך אָנגעהויבן מייַן אַרבעט.

וואָס מע דאַרף טאָן, קעדיי צופּאַסן די געוויינלעכע זייעלקעס אויף אויסזייען בוימוואָל, האָט מען אונדז געניי דערציילט אויפן סעמינאַר אין טאַשקענט. איצט האָב איך געדאַרפט די באַקומענע קענטענישן אָנווענדן אין דער פּראַקטיק.

אין ראַטירטשי האָב איך געפירט אַ טאָגבוך. אָט זייַנען אַ פּאָר פאַרנאָטירונגען.

„28 פעוראַל. דעם גאַנצן טאָג אויף דער אַרבעט. צו אונדז זייַנען אָנגעקומען צוויי כעוורע — וואָלאָדיע און טאַראַס. בייַדע האָבן געענדיקט דעם כאַרקאָווער אינסטיטוט פון דער מעכאַניזאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט. טאַראַס — אויף דער שטעלע פונעם הויפּט-אינזשעניער, און וואָלאָדיע — אַלס נאַטשאַלניק פון די וואַרשטאַטן. וואָלאָדיען און טאַראַסן האָט מען אייַנגעאָרדנט בישכיינעס מיט מיר אין אַ קליינער, קאַלטער צוזאַמענוווינונג. מע האָט אונדז אַרויסגעגעבן צו דרייַ אוזבעקישע וואַטאָווע קאָלדרעס. אין אָוונט האָב איך געשפּילט אין שאָך מיט וואָלאָדיען. ראַכלין איז זייַן פאַמיליע. איך האָב פאַרשפּילט“.

„2 מאַרט. דרייַ בריגאַדעס אַרבעטן אויף איבערמאַכן די זייעלקעס. איך ווייַז אָלעמען, וואָס צו טאָן, וויאַזוי איבערשטעלן די דעטאַלן, וואָס איבערוקן און וואָס איבערדרייען. דערנאָך קאָנטראָליר איך, וויאַזוי די זייעלקעס אַרבעטן. אָפּט טו איך אַליין אַלץ, וואָס מע דאַרף. אין אָוונט געשפּילט אין שאָך מיט כאַדזשאַבאָוון. דאָס מאָל האָב איך געוווּנען“.

מיט כאַדזשאַבאָוון האָב איך זיך באַפרייַנדעט נאָך איידער די כאַרקאָווער כעוורע זייַנען געקומען. זייַן נאָמען איז באַבאָמוראַד. ער האָט מיך עטלעכע מאָל אייַנגעלאַדן צו זיך אַהיים.

אין די זעקס מיליאָן טאָן אוזבעקישן בוימוואָל איז מאַטעריאַליזירט געוואָרן די אַרבעט פון קימאַט צוויי מיליאָן מענטשן. די אויסרעכענונגען באַווייַזן: ווען פאַר די לעצטע דרייַסיק יאָר זאָלן ניט געווען באַהערשט וואָרן קיין נייַע ערדן, וואָלט אוזבעקיסטאַן צונויפגעקליבן אין 1982 בלויז דרייַ מיליאָן מיט 600 טויזנט טאָן בוימוואָל. הייסט עס, אַז די איבעריקע דריטהאַלבן מיליאָן טאָן האָבן געגעבן די נייַע ערדן. באַזונדערס איז דאָ גרויס די ראָל פון דער אוזבעקישער צעלינאַ. בלויז דער געוועזענער „הונגעריקער סטעפּ“ האָט אין 1981 געגעבן 720 טויזנט טאָן בוימוואָל.

ווען איך בין איצט נאָכאַמאָל געקומען קיין אוזבעקיסטאַן, האָב איך דאָרט באַגעגנט פיל אַלטע פרייַנט. איינער פון זיי איז קאָנסטאַנטין טרעטיאַקאָוו. איך האָב אים געקענט אַלס ערשטן אַגראָנאָם אין טאַשקענטער שטאָטקאָם פון קאָמיוג (געווען דאַן אויך אַזאַ שטעלע).

דערנאָך איז ער אוועקגעפאָרן אין כאָרעזם, ווו ער האָט געאַרבעט טאַקע אַלס אַגראָנאָם, פאַרטיידיקט אַ קאַנדידאַטן-דיסערטאַציע און זיך אומגעקערט צוריק קיין טאַשקענט. איצט פירט ער אָן מיטן בוימוואָל-סעקטאָר אין צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פאַרטיי פון דער רעפּובליק.

מיט אים זײַנען מיר עס אוועקגעפאָרן אויף דער צעלינאַ.

ווען מיר זײַנען אָפּגעפאָרן פון טאַשקענט, האָט טרעטיאַקאָוו באַקוקט די אַרומיקע ראַוועסן און אַ צופרידענער אויסגעשריגן:

— טו אַ קוק! אָט דאָס איז עכטע קולטור פון לאַנדווירטשאַפט!

הארט נעבן אַספאַלט האָט געגלאַנצט מיט איר טונקעלער גרויקײַט די אויפגעאַקערטע ערד. אָפט האָט זיך געדוכט, אַז דער טראַקטאָריסט איז אַרויפגעפאָרן מיטן אַקער אויפן אַס-פאַלט, קעדיי ניט איבערלאָזן קיין אייַן פאַסיקל ניט אויפגעאַקערטע ערד.

די איבערגעאַקערטע פעלדער האָט אונדז באַוויזן די באַרימטע טורסונוי אַכונאָוואַ, די ערשטע פרוי, וואָס אַרבעט אויף אַ בוימוואָל-קאָמבײַן. בריגאַדיר פון אַ מעכאַניזירטער בוימ-וואָלצוכט-בריגאַדע, צוויי מאָל העלד פון ראַטנפאַרבאַנד, אַ מוטער פון פינף קינדער, אַ באָבע פון עטלעכע אייניקלעך, איז זי אַליין נאָך ניט אַלט קיין פופציק. און זי איז דער סאַמע באַ-וווּסטער בריגאַדיר אין דער רעפּובליק. אין 1982 האָט זי באַקומען צו 62,5 צענטנער בוימ-וואָל אויף אַ שעטעך פון 84 העקטאַר. פון די מערער פון פינף טויזנט טאָן בוימוואָל האָט איר בריגאַדע צונויפגעקליבן מיט די הענט בלויז 150 טאָן, אָדער דרײַ פּראָצענט. דעם פּלאַן האָט די בריגאַדע אויסגעפילט פאַר אכט אַרבעטס-טעג. די סאָציאַליסטישע פאַרפליכטונגען — פאַר פערצן טעג.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט נעבן דעם פעלד-טאַבאַר. אַרום דעם צווייגאָרנדיקן מויער, צווישן די ניט געדיכטע ביימער האָבן אַרומגעשפּאַצירט אינדיקעס, אין שטאַל האָט געמרוקעט אַ קו. דער אַריק, אין וועלכן זומער האָט געמורמלט דאָס וואַסער, איז געווען אויסגערייניקט, דער גאָרטן — איבערגעגראָבן, די וואָרצלען פון די פּיליאַריקע רויזן — צוגעדעקט מיט מיסט, דער ווײַנגאָרטן איז אויך שוין באַצײַטנס באַשיצט. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אַרויס-געקומען דער וועכטער, זיך געגריסט, צולייגנדיק די האַנט צום האַרצן.

— זומער און האַרבסט וווינען דאָ פיל מיטגלידער פון דער בריגאַדע, — האָט ער דערציילט. — אָט דאָרטן איז בײַ אונדז די קיך. און דאָרט — דער עסצימער, לינקס — אַן אָרט פאַר די קינדער, וועלכע זײַנען באַזאָרגט מיט אַ גוטן אָפּזיכט.

פונעם טאַבאָר ציט זיך אַוועק אַ גרויס פעלד, וואָס ווערט פאַרשווונדן העט ווײַט אין אַ גרוי רויכעלע. אויף רעכטס זעט זיך אָן דער טײַך טשירטשיק. אויף מײַרעוו — די אײַזנבאַן-ליניע, וועלכע פירט קיין סאַמאַרקאַנד. דער ייִשעוו פאַכטאַ, ווו עס וווינען די קאַלווירטניקעס און ווו עס איז ניט לאַנג צוריק אוועקגעשטעלט אַ ביוסט פונעם צוויי מאָל העלד פון ראַטנ-פאַרבאַנד אַכונאָוואַ, געפינט זיך אַ קילאָמעטער פונעם פעלד.

— די גערטנער זײַנען בײַ אונדזערע קאָלווירטניקעס געזעלשאַפטלעכע, — דערציילט דער פּאַרזיצער פונעם קאָלווירט. — זיי ווערן באַאַרבעט און אַראָפּגענומען מיט דער קאָ-לעקטיווער טעכניק. גאָרטנוואַרג באַקומען די קאָלווירטניקעס לויט זייערע באַדערפענישן. נאָך אין פרילינג גיט יעדערער אָן אַ מעלדונג, וויפל און וואָס ער דאַרף, און אַזויפל באַ-קומט ער.

— מיסטאַמע איז אַזוי גוט, — בין איך מאַסקים. — נאָר פונדעסטוועגן איז בעסער, אַז יעדערער זאָל האָבן זײַן שטיקל ערד.

— ווי וועמען עס געפעלט. אונדזערע קאָלווירטניקעס זײַנען צופרידן.

— דאָס האָט אײַך די „טאַשקענטער טעכנאָלאָגיע" געצווּנגען שאַפן געזעלשאַפטלעכע גערטנער? — פרעג איך.

דער פּאַרזיצער, זײַן פאַמיליע איז שאַכמאַטאָוו, שמייכלט:

— גראָד ניט זי. פאַרקערט. זי גיט מערער צײַט פאַר אָפּרו און קעדיי אַרבעטן אין אייגענעם סאַד. נאָך וואָס, אָבער, דראַפּען די ערד מיט אַ לאָפּעטע, צי מיט אַ קעטמען? מיר באַווײַזן באַאַרבעטן מיט דער קאָלווירטישער טעכניק אויך די גערטנער פון די קאָלווירט-ניקעס. און עס קאָסט זיי ניט טײַער. אין אַקטיאַבער האָבן מיר פאַרענדיקט צוקלײַבן דעם בוימוואָל און אין נאָיאַבער דאָס אַקערן...

דער טאָך פון דער „טאַשקענטער טעכנאָלאָגיע", אַרום וועלכער עס זײַנען געגאַנגען אין יענער צײַט הייסע דיסקוסיעס, באַשטייט אין פאַרגיכערן די טעמפּן פון אַקערן, און אָנשטאָט פאַרציִען דעם פּאַרזיי אויף דרײַ-פיר וואָכן דורכפירן אים פאַר זיבן טעג. פאַרשטייט זיך, דערצו האָט מען געדאַרפט האָבן די געהעריקע טעכניק, הויך-קוואַליפיצירטע ספּע-

ציאַליסטן, אַ דורכגעטראַכטן קאָמפּלעקס פֿון אַגראָטעכנישע מאָסמיטלען און נאָך פֿיל זאַכן, וועלכע ווערן אָפּגעטאָן און דערגרייכט ניט פֿאַר איין טאָג און ניט פֿאַר איין כוידעש. עס פֿאָדערט זיך צײַט, פֿיל מי און אָנשטרענגונג. אייגנטלעך, איז די „טאַשקענטער טעכנאָלאָגיע" דאָס זעלבע, וואָס די קאָמפּלעקסנע מעכאַניזאַציע. נאָר אויב די קאָמפּלעקסנע מעכאַניזאַציע פֿאָדערט אַ באַשטימטע צאָל טעכניק אין דער גאַנצער קייט פֿון בוימוואָלצוכט, האָבן די טאַשקענטצעס, ווען טעכניק איז נאָך געווען ווייניק, דערגרייכט די אַלע צילן, מאַנעוורירנדיק מיט דער טעכניק און פֿאַרבעסערנדיק די אַרבעט-אָרגאַניזאַציע. דאָס זיכערט אַ פֿיל העכערע גערעטעניש.

אין 1982 האָבן מערער פֿון אַ האַלב קאָלווירטן און ראַטווירטן פֿון דער רעפּובליק באַקומען צו 35 — 45 צענטנער בוימוואָל פֿון אַ העקטאַר. ווען אַלע ווירטשאַפֿטן וועלן דערגרייכן אַ גערעטעניש פֿון 40 צענטנער, און די „טאַשקענטער טעכנאָלאָגיע" שאַפֿט אַזאַ מעגלעכקייט, וועט אוזבעקיסטאַן קאָנען באַקומען יערלעך 7,5 מיליאָן בוימוואָל. פֿאַרשטייט זיך, אײַנײַנעם מיט אַ הויכער אַרבעט-אָרגאַניזאַציע וועלן זיך פֿאָדערן נײַע טויזנטער טאָן באַמיסטיקונגען, מערער טעכניק.

דאָס העכערן די גערעטעניש לייזט אָבער ניט אין דער פֿולער מאָס די הויפּט-פּראָגע — פֿאַרגרעסערן די פּראָדוקציע פֿון בוימוואָל; דערצו דאַרף מען נאָך ווײַטער באַהערשן נײַע ערדן, צעאַקערן טויזנטער העקטאַרן צעלינאַ.

די אוזבעקישע צעלינאַ הייבט זיך אָן פֿונעם „הונגעריקן סטעפּ", פֿון דעם זעלבן, וועלכער האָט אין זעקס-און-פֿופֿציקסטן יאָר אָנגעוואָרפֿן אויף מיר אַזאַ פּאַכעד. אין קאָפּ פֿונעם וואַגאָן, געדענקט זיך, בין איך געווען ניט איינער. ווען דער צוג האָט זיך גערירט פֿון אָרט און פֿון יענער זײַט פֿענצטער האָט זיך אַ צי געטאָן אַן עמעסדיקער מידבער, האָבן אַלע, כוץ מיר, אָנגעהויבן רעדן וועגן „הונגעריקן סטעפּ". איינע אַ פֿרוי האָט אונדז געשראָקן מיט סקאָרפּיאָנען, שלענג און אַנדערע שלעק. אַ מאַנצבל האָט געפּרוווט אָנמאָלן נאָך מערער שרעקלעכס. באַנאַנד מיט מיר איז געזעסן אַ גראָוולעכער, ברייטפּלייציקער מאַן, אַ ביסל עלטער פֿון דרײַסיק יאָר און ייִנגער פֿון פֿערציק. איך האָב פֿאַרגעדענקט זײַן נאָמען — ראַכמאַט, ווײַל אויף רוסיש הייסט „ראַכמאַט" — אַ דאַנק. געווען איז ער אַ געאָלאָג, צי עפּשער אַ הידראָגעאָלאָג, אַ גאַנץ באַריידעוודיקער, און ער האָט אויך זייער פֿיל דערציילט וועגן דעם „הונגעריקן סטעפּ". ער האָט דערוויזן אײַנעם אַן אוזבעק, אַ כמורנעם און ניט געגאָלטן, אַז אָט דער סטעפּ איז אַמאָל געווען אַ בליענדיקער, דאָרט האָט מען געפֿונען שפּורן פֿון אַן אוראַלטער ציוויליזאַציע, עס זײַנען אַפֿילע אַנטדעקט געוואָרן רעשטן פֿון אַמאָליקע קאַנאַלן. נעמענדיק זיך פֿאַר אָט דער פֿאַרצייכענונג, האָב איך אָפּגעזוכט די נעמען פֿון די צעשטערטע אַריקן — טויאַטאַרטאַר, אַרומבײַ, אַגוז, מורזאַ-ראַבאַט.

לאָזט זיך אויס, אַז דעם „הונגעריקן סטעפּ" האָט מען שוין געפּרוווט באַהערשן, און ניט איין מאָל. אין 1872 האָט מען אָנגעהויבן גראָבן דעם קאַופֿמאַנער קאַנאַל, אַזוי האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן לעקאָוועד דעם גענעראַל קאַופֿמאַן. אויף דער בויונג האָבן געאַרבעט זיבעציק טויזנט מענטשן. פֿאַר זעקס יאָר האָט מען דורכגעגראָבן בלויז דרײַצן קילאָמעטער, דערנאָך האָט מען די אַרבעט פֿאַרוואָרפֿן. אין די ווײַטערדיקע יאָרן האָט די אידיי פֿון באַוואַסערן די „גאָלאָדנאַיאַ סטעפּ" פֿאַרכאַפּט זייער אַ הויכע פּערזאָן. דאָס איז געווען דעם קייסערס אַ קאָרעוו, וועלכער האָט געוווינט אין טאַשקענט, דער גרויסער פֿירשט ניקאָלײַ קאָנסטאַנטינאָוויטש. לויט זײַן איניציאַטיוו האָט מען דעם קאַנאַל „בוכאַר-אַריק" געבויט פֿונעם 1885 ביז 1890 יאָר. נאָר עפֿענען דעם קאַנאַל איז ניט אויסגעקומען. איבער אַ ריי פֿעלערן אין דער פּראָיעקטירונג און אין דער בויונג איז דאָס וואַסער איבערן קאַנאַל ניט אוועק. דערנאָך האָט מען געעפֿנט אַ נײַע ליניע פֿונעם „בוכאַר-אַריק" און זי אָנגערופֿן מיטן נאָמען פֿונעם אימפּעראַטאָר ניקאָלײַ דער ערשטער. בײַס דער עקספּלואַטאַציע האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿיל דעפֿעקטן, סאָפּקאָלסאָף זײַנען די אַרבעטן אָפּגעשטעלט געוואָרן.

ווען מע האָט אין 1898 געעפֿנט די מיטלאַזיאַטישע אײַזנבאַן-ליניע, וועלכע האָט זיך געצויגן איבערן מידבער, איז ווידער אויפֿגעקומען די פּראַגע וועגן באַוואַסערן די ערדן. זיי האָבן באַקומען אַ פֿיל גרעסערע עקאָנאָמישע באַדײַטונג, ווי אין די פֿאָריקע יאָרן. דאַן איז אויפֿגעקומען דער פּראָיעקט פֿונעם אינזשעניער פּעטראָוו, וועלכער האָט צוגעזאָגט באַוואַסערן 45 טויזנט דעסיאַטין. דעם נײַעם קאַנאַל האָט מען געעפֿנט אין 1913 יאָר. מע האָט אים אַ נאָמען געגעבן ראָמאַנאָווסקער; ער האָט געקאָנט באַוואַסערן ניט 45 טויזנט דעסיאַטין, נאָר אין פֿינף מאָל ווייניקער. אינגיכן נאָכן פֿאַרטיק מאַכן אָט דעם קאַנאַל האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿיל בלויזן אין דער סיסטעם, און די ערדן האָבן אָנגעהויבן פֿאַרלאָזט ווערן.

פאַרנעמענדיק זיך מיט איריגאַציע, האָבן די ספּעציאַליסטן קימאַט ניט געלייגט קיין אכט אַף דער מעליאָראַציע. אַ גרויסער טייל פון די 30 טויזנט העקטאַר צעלינאַ, וועלכע מע האָט דאַן געהאַט באַהערשט, איז אינגיכן צוריק פאַרווילדעוועט געוואָרן. נאָכן אָנעמען דעם לעניניש דעקרעט וועגן אַסיגנירן 50 מיליאָן רובל אַף די באַוואַסערונג-אַרבעטן אין טורקעסטאַן און וועגן אָרגאַניזירן די דאָזיקע אַרבעטן, איז אַלץ פּראַקטיש אויסגעקומען אָנהייבן פונעם אָנהייב.

— „גאָלאָדנאַיאַ סטעפּ“ איז אַ סאַקאָנעסדיק אָרט, — האָט מיר דערציילט ראַכמאַט. — פּראָבלעמען — אָן אַ שיר. די ערד ליידט סיי פון וואַסערלאָזיקייט, סיי פון איבעריקער וואַסער. אין סטעפּ איז ניטאָ קיין טייך-וואַסער, אָן וועלכער ס׳וועט גאָרנישט ניט אויפגיין, גאָרנישט ניט וואַקסן. קיין איין גרעזעלע, קיין איין ביימעלע וועט ניט אָנהייבן גרינען. דערפאַר איז אָבער דאָ פיל אומנוצלעכע, ביטערלעך-געזאַלצענע וואַסער אין די ערד-טיפענישן, זי שפּאַרט אַרויס אַפן אויבערפלאַך באַ אַ מינדסטן פעלער און ברענגט אום אַלץ דאָס לעבעדיקע. פאַראַן נאָך איין קאָמפּליצירטקייט, וואָס שטערט ערנסט נעמען זיך פאַר באַהערשן די דאָזיקע ערדן. דער „הונגעריקער סטעפּ“ שטעלט פאָר מיט זיך אַ גראַנדיעזע און, דעריקער, פאַרשלאָסענע טיפקייט, פון וועלכער דאָס וואַסער קאָן ניט אַרויספליסן. די וואַסערן, וועלכע קלייבן זיך אָן אין דער טיפעניש, רייסן זיך אַרויף אַפן אויבערפלאַך באַזונדערס דאַן, ווען מע פירט דורך אין סטעפּ קאַנאַלן. אין דער זעלבער צייט איז דער „הונגעריקער סטעפּ“ — איינער פון די טרוקנסטע ראַיאָנען. און אויב געבן אַהין וואַסער, וועלן די ערדן זיין די סאַמע גינסטיקסטע אַף אויסכאָוועון בוימוואָל. דער הויפּט-ווידערשפּרוך בלייבט אָבער: מע דאַרף פאַרזיכערן דעם סטעפּ מיט גוטער וואַסער און איינצייטיק ניט דערלאָזן, עס זאָלן זיך אויפהייבן די געזאַלצענע וואַסערן פון דער טיפעניש. אויב אונדז וועט זיך ניט איינגעבן ספּראַווען זיך מיט דער דאָזיקער אויפגאַבע, איז ניטאָ וואָס צו האָפן אַף באַהערשן אָט די ערדן. ס׳איז אַ סאַקאָנעסדיק אָרט.

די ערד, אַף וועלכער איך בין געקומען איצט, אין יאָרן אַרום, הייסט, ווי פריער, „הונגעריקער סטעפּ“. אַרום-און-אַרום... עס וויל זיך אַפילע ניט גלייבן — אַף צענדליקער קילאָמעטער ציען זיך פּרוכטבאַרע ערדן. וויַיסע בוימוואָל-פעלדער, סעדער און וויַינגערטנער. געווים האָט מען פאַרהיט דעם דאָזיקן נאָמען פאַר דער געשיכטע. דער געוועזענער ראַיאָנער צענטער מירזאַטשול איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער שטאָט. איצט איז עס די הויפּט-שטאָט פון סירדאַריאַנסקער געגנט, און זי הייסט גוליסטאַן (בליענדיקער קאַנט). דער פריערדיקער נאָמען איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם נייַעם ראַיאָנעם צענטער אַף דער צעלינאַ, וווּ ס׳איז אויפגעקומען אויך די שטאָט גאַגאַרין. אין „הונגעריקן סטעפּ“ איז גאַגאַרין ניט געוועזן, נאָר ער גייט סימבאָליש אַרייַן אין באַשטאַנד פון אַ בריגאַדע און ער האָט דאָרט זיַין באַצירק אַף דער בוימוואָל-פּלאַנטאַציע. אין פיר-און-זעכציקסטן יאָר איז גאַגאַרין געוועזן אין טאַשקענט, אָנטיילגענומען אינעם אַלפאַרבאַנדישן צונויפפלי פון די יונגע מעכאַניזאַטאָרס. „יעדער אָנהייב איז שטענדיק שווער, — האָט ער דאַן געזאָגט, — צי עס גייט אַ רייד וועגן באַהערשן דעם קאָסמאָס, צי וועגן מעכאַניזירן דעם אַראָפּנעם פון בוימוואָל. נאָר דערפאַר לעבן מיר דאָך אַף דער וועלט, מיר זאָלן אויפטאָן עכטע און שווערע איניאָנים!“

ברייט באַהערשן די גאָלאָדנאָסטעפּישע ערדן האָט אוזבעקיסטאַן אָנגעהויבן אין 1956. וואָס איז אַזוינס צעלינאַ, ווייסט באַ אונדז יעדערער. מע האָט געדאַרפט באַזאָרגן דאָס לאַנד מיט ברויט, צוליב דעם האָבן מיליאָנען מענטשן פאַרלאָזט זייערע געמיטלעכע וווינונגען, די אייגענע און נאָענטע, און אַוועק קיין קאַזאַכסטאַן, אין סיביר, אַף אַלטייַ. די שטורעם-ווינטן און געוויטערס, די שווערע אַרבעט און אומהיימלעכע פּאַלאַטקעס — אַלץ האָט אַרייַנגענומען אין זיך די העלדישע געשיכטע פון באַהערשן די צעלינאַ.

אוזבעקיסטאַן, האָט זיך געדוכט, איז געגאַנגען מיט אַן אויסגעטראָטענעם וועג, באַנוצט זיך מיט דער דערפאַרונג פון די ברידער-קאַזאַכן אינעם איבערוואַנדערן און אין באַהערשן נייַע שטעטאָכים. נאָר זיי האָבן איבערגעלעבט די זעלבע שוועריקייטן, וואָס די קאַזאַכסטאַנצעס. מע האָט געדאַרפט וואַרטן, ביז עס וועלן אויפקומען נייַע וווינונגען און מע וועט קאָנען אַריבערפירן די פאַמיליעס; דערנאָך — ביז עס וועלן זיך באַוויַיזן יאַסליעס, קינדער-גערטנער, קלובן, קינאָטעאַטערן... באַ די צעליניקעס פונעם „הונגעריקן סטעפּ“ זייַנען געווען ניט ווייניק דייַגעס און שוועריקייַטן. כאָטש די בוימוואָל-צעלינאַ האָט זיך באַהערשט און איז פאַרבויט געוואָרן אין איין קאָמפּלעקס, נאָר פיל פּראָבלעמען זייַנען פאַרבונדן געווען מיט וואַסער — דער ברייטער פאַרנעם פון איריגאַציע- און מעליאָראַציע-אַרבעטן האָט געפאָדערט אומופהערלעכע אויפמערקזאַמקייַט. אָן דער באַוואַסערונג וואָלט ניט געווען די איצטיקע בליענדיקע ערד אַף דעם ווירקלעך פריער הונגעריקן סטעפּ, אין מידבער. און דער קלימאַט!

די שיַין אין סטעפּ איז קימאַט אַ בלענדנדיקע, די היץ — אַ גענעמדיקע, און די שטורעם-ווינטן שטויביקע און דויערנדיקע...

איך האָב גוט געקענט דעם ערשטן נאַטשאַלניק פון „גלאַוגאָלאָדנאָסטעפּסטרוי" אַקאָפּ אַבראַמאָוויטש סאַרקיסן, געשמועסט מיט אים אין 1962 יאָר. דאַן זיַינען פיל טוער, און אויך איך, פאַרכאַפּט געוואָרן מיט די נייַע פּראָבלעמען פונעם „הונגעריקן סטעפּ".

אַקאָפּ אַבראַמאָוויטש האָט גערעדט הייס און איבערציַיגעוודיק:

— מיר זיַינען זיכער אינעם דערפאָלג פון דער באַהערשונג פון די ערדן באַם באַדינג, אויב עס וועלן דיסקאָנטירט ווערן אַלע אָן אויסנאַם אויספירן פון דער וויסנשאַפט און פון דער פּראַקטיק, וועלכע האָבן אַ שייַכעס צום קאַמף מיט דער פאַרזאַלצונג און פאַרבלאָטיקונג פון די ערדן.

ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט:

— אַלע אָן אויסנאַם. וויַיל יעדער מינדסטער בלויז, יעדע מינדסטע ניט-פּינקטלעכקיַיט קאָן קאָסטן זייער טיַיער!

— און וואָס איז דאָ די הויפּט-זאַך?

— דאָס וואַסער אין „הונגעריקן סטעפּ" דאַרף געגעבן ווערן נאָר דאַן, ווען עס איז נייטיק — אין די טעג פון באַגיסונגען, און אַזויפיל, וויפל ס'פּאָדערט זיך. צוויי-דריַי איבעריקע קובאָמעטער קאָנען ברענגען פיל שאָדן. קורץ גערעדט: אַ שטרענגע רעגולירונג פונעם וואַסער-רעזשים...

פאַר באַהערשן די ערדן פונעם „הונגעריקן סטעפּ" איז אַקאָפּ אַבראַמאָוויטש סאַרקיסן, צווישן זעקס אַנדערע געלערנטע און ספּעציאַליסטן, צוגעייגנט געוואָרן דער טיטל לאַורעאַט פון דער לענין-פּרעמיע. ער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן. נאָר דאָרט, וווּ ער האָט געלעבט און געאַרבעט, זיַינען געבליבן ווערטפולע שפּורן פון זיַין העלדישער מי. אַ ראַטעווירט, אַ שול און אַ באַוואַסערונג-קאַנאַל זיַינען אָנגערופן מיט זיַין נאָמען.

אַקאָפּ אַבראַמאָוויטש האָט אוועקגעגעבן זיַין לעבן דער באַהערשונג פון די סטעפּישע ערדן, און מענטשן געדענקען אים. אין ראַטעווירט אַף גאַגאַרינס נאָמען האָט מען מיר דערציילט פיל עפּיזאָדן וועגן זיַין טעטיקייַט. איך האָב אַלץ באַ זיך פאַרשריבן. ער איז געבוירן געוואָרן אין אַן אָרעמער פאַמיליע. זיַין טאַטע האָט ניט געקאָנט אים אויסהאַלטן און ווען ער איז אַלט געוואָרן צען יאָר, אָפּגעשיקט אים צום עלטערן זון אין טשאַרדזשאָו. יענער האָט געאַרבעט אַף אַ שניַידער-פאַבריק און דאָרט איַינגעאָרדנט אַקאָפּן. פאַרלאָזט נאָך קינדווייַז קאַווקאַז, האָט אַקאָפּ שפּעטער פאַרבונדן זיַין לעבן מיט מיטל-אַזיע, מיט בוימוואָל, מיט איריגאַציע.

אַן איריגאַטאָר איז ער געוואָרן אין ניַין-און-דריַיסיקסטן יאָר. ער האָט געאַרבעט און זיך געלערנט. געענדיקט דעם אינסטיטוט פון רויטער פּראָפעסור און דורכגעמאַכט דעם וועג פון אַ פאַרטרעטער פונעם שעף פון פּאָליט-אָפּטייל אין אַ מאַשין-טראַקטאָר-סטאַנציע ביזן ערשטן סעקרעטאַר פון אַ ראַיקאָם פון דער פּאַרטיי. ער האָט גוט געקענט רוסיש, גלענצנדיק גערעדט אַף אוזבעקיש. אַ שטיק ציַיט געאַרבעט אין צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי פון אוזבעקיסטאַן.

אַף דער בויונג פונעם קאַנאַל אין פערגאַנאַ איז ער געקומען שוין אַ דערפאַרענער טוער. דער קאַנאַל איז געווען אַ פאָלקס-בויונג, און אַקאָפּ אַבראַמאָוויטשעס דערפאַרונג איז צוניץ געקומען. אַף שאַפן דעם קאַנאַל, וועלכער האָט געהאַט אין דער לענג 280 קילאָמעטער, זיַינען אוועק צוויי און פערציק טעג. עס האָבן געאַרבעט דריַי הונדערט טויזנט מענטשן. אָנגעפירט מיט די אַרבעטן האָט דער ערשטער סעקרעטאַר פונעם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי פון אוזבעקיסטאַן אוסמאַן יוסופּאָוו.

אַ גוטע שול איז עס געווען פאַר אַקאָפּ אַבראַמאָוויטשן. צו צוויי און דריַיסיק יאָר איז ער פאַרטרעטער פונעם נאַטשאַלניק אַף דער בויונג פון דער טשירטשיקער הידראָעלעקטראָסטאַנציע, אין צוויי יאָר אַרום פירט ער אָן מיט דער בויונג פון דער פאַרכאַדער געס. דאַן איז זי געווען די דריטע לויט איר מעכטיקייַט צווישן די הידראָסטאַנציעס פונעם לאַנד. פאַר די דערפאָלגן אין דער בויונג איז אַקאָפּ אַבראַמאָוויטש באַלוינט געוואָרן מיט אַ לענין-אָרדען.

אין מיַי 1957 איז ער באַשטעטיקט געוואָרן אַלס אָנפירער פון איינעם פון די גרעסטע איריגאַציע-טרעסטן אין אוזבעקיסטאַן — „גלאַוגאָלאָדנאָסטעפּסטרוי". עס זיַינען געווען ניט ווייניק קעגנער פון פירן די וויַיטערדיקע אַרבעטן אַף צו באַהערשן דעם „הונגעריקן סטעפּ". ס'איז אויסגעקומען צו קעמפן מיט די פּרווון צו פאַרקאָנסערווירן די בויונג.

אַקאָפּ אַבראַמאָוויטש איז געווען זייער פּאָפּולער צווישן די איריגאַטאָרן און בויער — אוזבעקן און רוסן, אוקראַינער און קאַזאַכן, וויַיסרוסן און יידן, טאַדזשיקן און אַרמענער,

מיט וועמעס הענט ס'איז איבערגעאַנדערשט און אופגעלעבט געוואָרן די צעלינא פון דעם „הונגעריקן סטעפּ". צווישן די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן אין יענע יאָרן געאַרבעט אַף אָט דעם באַצירק, זײַנען געווען פאָרשטייער פון זיבן און פופציק נאַציאָנאַליטעטן.

דער ערשטער סעקרעטאַר פון סירדאַריאַנסקער געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי וויקטאָר אַלעקסאַנדראָוויטש כאַידוראָוו אַרבעט דאָ פונעם פינף-און-פופציקסטן יאָר. געווען אַ באַצירק-אַגראָנאָם, הויפּט-אינזשעניער פון אַ ראַטווירט, דירעקטאָר. ער האָט דורכגעשפּאַנט צופוס איבער דער צעלינא ניט איין טויזנט קילאָמעטער און ווייסט גוט אירע דערגרייכונגען און אירע נויטן: עקאָנאָמישע, אַגראָטעכנישע און סאָציאַל-שטייגערישע. בײַ אים טאַקע האָב איך זיך דערוווּסט פיל פון דעם, וואָס האָט מיך אינטערעסירט.

בוימוואָל אַף דער צעלינא קאָסט דערווײַל פיל טײַערער, ווי מע האָט פּלאַנירט, כאָטש וועלוועלער, איידער אַף די אַלטע ערדן.

די ערדן פונעם „הונגעריקן סטעפּ" זײַנען פּראַקטיש פולקאָם באַהערשט, גיגאַנטישע איריגאַציע-סיסטעמען האָבן איבערגעאַנדערשט דעם קאַנט. ס'זײַנען אופגעקומען נײַע שטעט, וויל-אײַנגעאָרדנטע הויפן אין די סאָווירטן, אַרבעטער-יישובֿים. אין די זעכציקער יאָרן האָבן אַהער אַריבערגעוואַנדערט העכער הונדערט טויזנט מענטשן.

די עפּאָפּיי פון באַהערשן נײַע ערדן איז איצט אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין דעם שכייניסדיקן ראַיאָן, אַף די דזשיזאַקסקער ראַכוועסן. דער דאָרטיקער באָדן און דער קלימאַט רעכענען זיך פאַר די בעסטע אין דער וועלט אַף אויסכאָווען וואָרטפולסטע סאָרטן בוימוואָל. אַהער איז אויך געקומען דאָס וואַסער פון אַמודאַריאַ. זעקס מעכטיקע סטאַנציעס הייבן עס אוף אַף אַ הייך פון 130 מעטער, פונוואַנען ס'ווערט אָפּגעשיקט אין די אַריקן און אַף די פעלדער.

די אוזבעקישע צעלינא נעמט אָן נײַע טעמפּן. די דזשיזאַקסקער און קאַרשינסקער סטעפּעס און אויך די נײַע מאַסיוון אורטאַטשול און מאַסליקטשול אין נאַוואָיער געגנט קאָנען צו די נײַנציקער יאָרן געבן ביז אַ מיליאָן טאָן בוימוואָל.

אין אוזבעקיסטאַן איז שטאַרק אַנטוויקלט די בוימוואָל-אינדוסטריע. עס געדענקט זיך, אין סאָף פון די פופציקער יאָרן זײַנען דאָ געווען עטלעכע געצײלטע בוי-קאָמבינאַטן. איצט זײַנען זיי דאָ אָן אַ שיר. און דעריקער — מע בויט איצט פיל בעסער און שענער. עס פרייען מאַמעש דאָס אויג די פּרעכטיקע מויערן מיט זייער פאַרשיידנקײַט, מיט דעם נאַציאָנאַלן מיזרעכדיקן אָרנאַמענט.

עס ווערט פיל אָפּגעטאָן, כּדי דאָס לעבן אַף דער צעלינא זאָל ווערן נאָרמאַל, באַקוועם. די מעלוכע זשאַלעוועט ניט דערויף קיין מיטלען. בלויז אין סירדאַריאַנסקער געגנט זײַנען פאַר די לעצטע צוויי יאָר אויסגעבויט 320 טויזנט קוואַדראַטע מעטער וווינונגען. נאָר דאָס איז נאָך אַלץ ווייניק.

איבער דעם, וואָס אַף דער צעלינא פעלן אויס וווינונגען, איז גרויס די נויט אין אַרבעטס-הענט. דערצו איז ניט אַלץ דורכגעטראַכט געוואָרן ביזן סאָף. אַזוי, לעמאָשל, האָט מען צוערשט געבויט צווייִשטאָקיקע הײַזער, גוטע, שיינע, וויל-אײַנגעאָרדנטע דירעס מיט אַלע באַקוועמלעכקײַטן. פונקט ווי אין שטאָט. עס זײַנען אָבער ניט געווען פאָרויסגעזען די באַדערפענישן פון אַ דאָרפסמענטש. ער דאַרף דאָך האָבן, וווּ האַלטן אַ קו, אויפעס, וווּ פאַרזעצן גרינוואַרג. דאָס האָט מען געדאַרפט וואָס גיכער פאַריכטן. אין עטלעכע יאָר אַרום, ווען אין די סאָווירטישע יישובֿים האָבן זיך באַוויזן איינשטאָקיקע הײַזער, זײַנען פיל מישפּאָנעס אַריבער אַהין פון די צווייִשטאָקיקע מויערן.

כּוץ וווינונגען, זײַנען אַף דער צעלינא אויסגעבויט געוואָרן שולן, קינדער-גערטנער, אַמבולאַטאָריעס, אַפּטייקן, ביבליאָטעקן, פאַראַן גוט אויסגעשטאַטע קינאָ-טעאַטערן, טעכנישע לערן-אַנשטאַלטן. אַלעמאָל קומען אָבער אוף אַלץ נײַע און נײַע פּראָבלעמען. איינע פון זיי איז דער דויכעק אין טראַנספּאָרט.

וויקטאָר אַלעקסאַנדראָוויטש כאַידוראָוו, דער ערשטער סעקרעטאַר פונעם סירדאַריאַנסקער געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי, סטאַרעט זיך מיט אַלע קויכעס, אַז די צעליניקעס זאָלן לעבן ניט ערגער ווי די, וואָס וווינען אַף די אַלטע אָאַזיסן. ער האָט ניט איין מאָל געשטעלט אין פאַרשיידענע אינסטאַנציעס די פראַגע וועגן אײַנשאַפן אַוטאָבוסן אַף אַריבערפירן די אַרבעטער פון זייערע וווינונגען אַף די בוימוואָל-באַצירקן, וועגן „גאַזיקעס" פאַר די ספּעציאַליסטן פון דער לאַנדווירטשאַפט. דער טראַנספּאָרט איז דאָך זייער אַ וויכטיקער אָפּצווײַג, פון וועלכן עס הענגט אָפּ דער פאַרזיי, דאָס באַצײַטנדיקע באַגיסן, דאָס באַאַרבעטן, דער אַראָפּנעם, דער נאָרמאַלער לעבנס-ריטם פון די מענטשן. מיט די זעלבע טראַנספּאָרט-פּראָב-

לעמען האָב איך זיך באַגעגנט ניט נאָר אין סירדאַריאַ, נאָר אויך אויף אַנדערע מאַסיוון פֿון דער צעלינאַ, און אומעטום האָט מען מיר דערציילט, וויאַזוי די פּראָבלעמען ווערן געלייזט.

באַלומין סאַפּאַראָוו איז באַוווּסט ניט נאָר אין דער רעפּובליק. ער איז אַ דעפּוטאַט פֿון אויבער-ראַט פֿון ס״ס״ר, לאַורעאַט פֿון דער מעלוכע-פּרעמיע. ער פֿירט אָן מיט אַ מעכאַניזירטער בריגאַדע אינעם ראַטעווירט אויף בודיאָניס נאָמען, וועלכע באַאַרבעט 350 העקטאַר, אויף 250 העקטאַר כוואַן זיי אויס בוימוואָל, אויף די איבעריקע הונדערט — קוקורוזע און ליוצערנע.

געקומען איז ער אויף דער צעלינאַ מיט זיבן יאָר צוריק, ווען די גערעטעניש פֿון בוימוואָל האָט באַטראָפֿן 14 צענטנער פֿון אַ העקטאַר. ער האָט גלייך איבערפּלאַנירט די פֿעלדער, געקראָגן די נייטיקע צאָל מינעראַלע באַמיסטיקונגען. אין קומענדיקן יאָר האָט זיין בריגאַדע געגעבן צו צוואַנציק צענטנער בוימוואָל פֿון אַ העקטאַר. ס׳איז אַריבער נאָך אַ יאָר, און די גערעטעניש איז אויסגעוואַקסן ביז 50 צענטנער. סאַפּאַראָוו אַליין נעמט אַראָפּ מיט דער מאַשין 600 טאָן בוימוואָל פֿאַר אַ יאָר. 80 פּראָצענט פֿון דער גערעטעניש נעמט די בריגאַדע אַראָפּ מיט מאַשינעס. און דער בוימוואָל איז דאָ דער סאַמע ווערטפֿולסטער, אַ דין-פֿעדעמדיקער, און באַאַרבעטן אים איז פֿיל שווערער.

איז אָט, דערציילנדיק, וויאַזוי די בריגאַדע האָט זיך דערשלאָגן אַזעלכע רעזולטאַטן פֿאַר אַ קורצן טערמין, האָט סאַפּאַראָוו אין דער ערשטער ריי אָנגעמאָלט דעם זייער שטרענגן ריטם פֿון דער אַרבעט פֿונעם טראַנספּאָרט, ווייל די פֿעלדער פֿון דער בריגאַדע געפֿינען זיך ווייט פֿונעם צענטראַלן ייִשעוו פֿון דעם ראַטעווירט. מיר האָט זיך זייער געוואָלט וויסן, וואָס פֿאַר אַן אָרט פֿאַרנעמען די טראַנספּאָרט-הויצאָעס אויף איבערפֿירן די מענטשן אויף דער אַרבעט צווישן אַלע אַנדערע הויצאָעס אויף באַאַרבעטן דעם בוימוואָל.

— אַ האַלבן פּראָצענט, — האָט ער געענטפֿערט. — אָפּן צענטראַלן ייִשעוו קומען מיר אַמאָל איין מאָל, אַמאָל צוויי מאָל אין כוידעש.

— און די איבעריקע צייט?

— די איבעריקע צייט זיינען מיר אין פֿעלד. דאָס באַנאַכטיקע באַגיסן איז דאָך פֿיל פּראָדוקטיווער...

די לעבנס-באַדינגונגען אָפּן צענטראַלן ייִשעוו פֿונעם ראַטעווירט זיינען קימאַט אַזעלכע, ווי אין דער שטאָט. פֿאַראַן ראַדיאָ, טעלעוויזאָרס, קינאָ, הייסע וואַסער, גאַז און אַלע איבעריקע זאַכן. נאָר וואָס קומט דערפֿון אַרויס, אַז קימאַט דעם גאַנצן זומער וווינען די צעליניקעס אין פֿעלד? עמעס, פֿאַראַן דאָרט בא יעדערן אַ גרינג שטיבעלע, אַ שטאַלעכל, גערטנער און אויפֿעס. און ווידער דאָס זעלבע — דער טראַנספּאָרט. פֿון דאָרטן פֿירט מען די קינדער אין שול אַריין. אַזוי באַקומט זיך, אַז די צעליניקעס וווינען פּאַקטיש אין צוויי ערטער. דאָס צווייטע הויז זיינס איז דער פֿעלד-טאַבאָר. און די פּראָבלעם פֿונעם צווייטן הויז ווערט איצט אויך ברייט באַהאַנדלט: וויאַזוי בעסער דאָס איינאָרדענען, וויאַזוי ענגער פֿאַרבינדן עס מיטן צענטראַלן ייִשעוו, מיט די שכיינעסדיקע פֿעלד-טאַבאָרס. דאָ טרעפֿן מיר זיך ווידער אָן מיט דער פּראָבלעם פֿון טראַנספּאָרט און פֿון שאַפֿן גוטע וועגן.

מע דאַרף טראַכטן אויך וועגן די נייטן פֿונעם פּערזענלעכן טראַנספּאָרט. אינעם ראַטעווירט „אוזבעקיסטאַן" פֿאַרמאָגט יעדע זעקסטע מישפּאָכע איר אייגענעם אויטאָמאָביל. אינעם קאָלווירט „מאָסקווע" זיינען דאָ 1200 הויפֿן, אַרום 240 פֿאַמיליעס נוצן זיך מיט אייגענע אויטאָמאָבילן. אינעם ראַטעווירט „גיגאַנט" זיינען אויף 2300 אַרבעטער פֿאַראַן 520 פּערסאָנעלע מאַשינעס. אינעם קאָלווירט „מאַדאַניאַט", וואָס אונטער בוכאַראַ, זיינען פֿאַראַן פֿיל וויניקער קאָלווירטניקעס, נאָר מאַשינעס האָבן זיי אויך 520.

פֿאַראַן אַ טראַדיציע בא די, וואָס קומען אויף אַ קורצער צייט קיין מיטל-אַזיע: זיי מוזן פֿאַרן אָפּפֿאָרן באַזוכן דעם מאַרק. מיר אַליין איז אויך ניט איין מאָל אויסגעקומען צו זיין אויף די מערק אין סאַמאַרקאַנד, קאָקאַנד, פֿערגאַנאַ און אָפּן אַלטן מאַרק אין בוכאַראַ. איצט איז אין בוכאַראַ פֿאַראַן אויך אַ נייער מאַרק. ווי זשע האָט מען געקאָנט ניט באַזוכן אים?

מיך האָט דאָס מאָל פֿאַרכאַפּט ניט אַזוי די מיזרעכדיקע עקזאָטיק, ווי די הונדערטער אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט פֿון אַלע זייטן דעם מאַרק, וועלכער פֿאַרנעמט אַ שטעך פֿון דרייסיק העקטאַר. איך האָב דאָרט געזען פֿילצאָליקע געביידעס: כאָלאָדילניקעס און מאַגאַזינען, קיאָסקן און שטעלעכלעך, אַ פּרעכטיקער האָטעל. און די מאַשינעס אַרום מאַרק זיינען ניט נאָר פֿון בוכאַראַ און פֿון די אַרומיקע ראַיאָנען, נאָר אויך פֿון סאַמאַרקאַנד, קאַרשי, שאַכריסאַבאַז און טשאַרדזשאָו.

אַמאָל איז בוכאַראַ געווען באַרימט ווי אַ האַנדלס-צענטער, וווהין עס האָבן געפֿירט צענדליקער וועגן. נאָכן אויפֿשטעלן דעם נייעם מאַרק באַקומט בוכאַראַ ווידער אַ באַדייטונג

אלס גרויסער האנדלס-צענטער. נאָר די וועגן זײַנען שוין ניט יענע, ניט די קאַראוואַנען מיט פלעגמאַטישע קעמלען, ניט די פעלד-וועגן און די אייזלען, נאָר אַספּאַלטירטע מאַגיסטראַלן, אויף וועלכע עס יאָגן מאַשינעס פון פאַרשיידענע מאַרקעס. דער מאַרק שפּיגלט אָפּ אין אַ געוויסער מאָס אונדזער לעבן, אונדזערע דערגרייכונגען, ווי אויך אונדזערע מאַנגלען. דער האַנדלס-פאַרקער אויפן בוכאַרער מאַרק אין אַ זונטיקדיקן טאָג דערגרייכט אַ מיליאָן רובל. און עס קומען אַהער ביז הונדערט טויזנט מענטשן. און ווידער אַ דעטאַל פון דער טראַנס-פּאָרט-פּראָבלעם: עס איז שוין באַלד ניטאָ ווּ אויסשטעלן אַזויפיל מאַשינעס...

דעם מעכאַניזאַטאָר דזשאַוואַד קוטשיעוו האָב איך געקענט פון לאַנג, נאָר איך האָב אים שוין לאַנג ניט געזען. און איך בין געווען איבעראַשט, ווען כ'האָב זיך דערוווּסט, אַז ער איז פאַרזיצער פון אַ קאָלווירט. דער קאָלווירט „קאָמוניזם", מיט וועלכן ער פירט אָן, ליגט האַרט לעבן דער אײַזנבאַן-סטאַנציע, וואָס הייסט ביז הײַנט „גאַלאַדנאַיאַ סטעפּ".

פיל יאָרן האָט קוטשיעוו געאַרבעט אויפן אויספּרווו-ראַטווירט „מאַליק", אין וועלכן ער האָט אויסגעפּרוווט די נײַסטע טעכניק. ער איז געווען איינער פון די דערפאַרנסטע מעכאַניזאַטאָרס, אַ גרויסער שווײַגער. איינמאָל האָט ער מיר זיך מודה געווען, אַז אים איז גרינגער אַראָפּנעמען פינף טאָן בוימוואָל, איידער רעדן פינף מינוט. „פיל ווערטער זײַנען גוט בלויז אין קאַראָן", — האָט ער דערבײַ אַ שפּאַס געטאָן. און טאַקע, בלויז איין מאָל האָב איך אים געהערט אַרויסטרעטן פאַר אַן אוילעם. אין זעקס-און-זעכציקסטן יאָר איז אין טאַשקענט פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער מעלוכישער ספּעציעלער קאָנסטרוקטאָרן-ביוראָ. עס איז באַטראַכט געוואָרן די לעצטע מאָדעל פון דער אַראָפּנעם-מאַשין פון בוימוואָל. אַלע האָבן געהאַלטן לאַנגע רעדעס. דזשאַוואַד קוטשיעווס אַרויסטרעטונג האָט געדויערט איין סעקונדע.

— קעדיי די מאַשין זאָל אַרבעטן, דאַרף מען זי איבערפירן אויף סעזאָנע שמירעכץ...

אַ זאָג געטאָן, און זיך אַוועקגעזעצט.

ניט אַלע האָבן גלײַך פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט, דערפאַר האָט דער פאַרשטייער פון מיניסטעריום פון דער לאַנדווירטשאַפט אים געבעטן:

— ביטע, דזשאַוואַד קוטשיעוויטש, כאָטש איבער דאָס, וואָס דו האָסט געזאָגט. וואָס מיינסטו דערמיט?

קוטשיעוו האָט זיך אויפגעהויבן, געשוויגן אַ ביסל, און דערנאָך שוין דערקלערט עט-וואָס ברייטער:

— איך האָב געזאָגט, אַז די מאַשין איז אַ גוטע, נאָר זי וועט ניט אַרבעטן. עס קומט לאַנג אויס אָנשמירן די אַגרעגאַטן. צוויי שאָ גייט אַוועק אויפן שמירן. מע דאַרף יעדן טאָג אָפּשפּריצעווען אַכט הונדערט פּופּציק פּונקטן. מע דאַרף זיכערן אַ סעזאָנע באַשמירונג. איין מאָל גוט אָנשמירן פאַרן אַראָפּנעמען, און שוין.

— זי וועט ניט אַרבעטן! — האָבן זיך געהיצט די קאָנסטרוקטאָרס.

— זי וועט יאָ אַרבעטן, אויב איר וועט זיכערן דאָס, וואָס איך בעט, — האָט קוטשיעוו געענטפערט, שוין זיצנדיק אויף זײַן אָרט.

ס'האָט זיך זייער געוואָלט וויסן, ווער ער איז, אָט דער דזשאַוואַד, וועמען עס האָט אים אויסגעלערנט זײַן אַזאַ, ווי ער איז. זײַן דערציילונג וועגן דעם איז אויך געווען אַ קורצע:

— איך האָב געענדיקט דרײַכאַדאָשימדיקע קורסן פון טראַקטאָריסטן אין טבילִיסי. דערנאָך, אַ פּופּצניאָריקער, געאַרבעט אין עמ-טע-עס. אויף דער מילכאָמע האָט מען מיך ניט געלאָזט, פאַרבראַקירט, און געגעבן אַן אופגאַבע אופּאַקערן יעדן טאָג ניט ווייניקער פון צען העקטאַר. און איך האָב געאַקערט. באַטאָג און באַנאַכט...

געלערנט האָט קוטשיעוו דאָס לעבן אַליין. געלערנט שטרענג און שווער. און עס האָט געמאַכט אים פאַר אַן עכטן מײַסטער פון זײַן פאַך.

ביז אים האָבן אין קאָלווירט „קאָמוניזם" זיך געביטן זעקס פאַרזיצערס, און מיט יעדן יאָר איז געוואָרן אַלץ ערגער. אין ראַיאָן האָט מען זיך שוין געקליבן ליקווידירן דעם קאָל-ווירט. ביז אין ראַטווירט „מאַליק", ווּ דזשאַוואַד האָט געאַרבעט, איז איינמאָל געקומען דער סעקרעטאַר פונעם צענטראַל-קאָמיטעט וולאַדימיר גריגאָריעוויטש לאָמאָנאָסאָוו און זיך דורכגעשמועסט מיט אים:

— טו אַ פּרוּוו, דזשאַוואַד קוטשיעוויטש, — האָט ער אים געזאָגט, — דו ביסט אַ מענטש אַ פּעיִקער. נו, און אויב בײַ דיר וועט זיך אויך ניט באַקומען, וועלן מיר שוין מוזן אַ טראַכט טאָן...

אויף מאָרגן איז קוטשיעוו שוין געווען אין קאָלווירט.

בייס מײַן אייצטיקער באַגעגעניש האָב איך געפרעגט בײַ אים:

— ווי־אַזוי האָט זיך אײַך אײַנגעגעבן אופהייבן די ווירטשאַפט?

— גאַנץ פּאַשעט. כ'האָב געלערנט יעדערן, ווי־אַזוי מע דאַרף אַרבעטן...

נאָר וויפֿל אָנגעשטרענגטע מי, וויפֿל אומרויִקע טעג און שלאָפֿלאָזע נעכט דריקן אויס אָט די געציילטע ווערטער! איצט איז דאָס אַ רײַכע ווירטשאַפֿט. פֿריִער איז די גערעטעניש פֿון בוימוואָל געווען צען צענטנער פֿון אַ העקטאַר. הײַנט — פֿינף און דרײַסיק. צו די 1200 באַגיס־העקטאַרן זײַנען פֿאַר די לעצטע יאָרן צוגעקומען אַכט הונדערט נײַ־באַהערשטע. אין פֿאַריקן יאָר האָט דער קאָלווירט באַקומען אַ מיליאָן מיט 300 טויזנט רובל ריינעם רעווער.

די קאָלווירטניקעס אַרבעטן פֿלײַסיק און לעבן פֿאַרמעגלעך.

איך האָב נאָכאַמאָל געפֿרעגט קוטשיִעוון:

— ווי האָט איר דאָס אַלץ דערגרייכט?

און ער — ווידער דאָס זעלבע:

— איך בין נאָכגעגאַנגען נאָך די אַקערער אין דער באַראָזדע, געזעסן באַנאַנד מיטן טראַקטאָריסט, נאָכגעגאַנגען נאָך די זייעלקעס, און אויב ס'איז געווען עפּעס ניט אַזוי, האָב איך פֿאַריכט, געלערנט, געוויזן, ווי מע דאַרף טאָן. איך בין אַרומגעפֿאָרן פֿון בריגאַדע צו בריגאַדע און אומעטום צוגעלייגט אַ האַנט.

אָט דאָס הייסט בײַ אים: געלערנט אַרבעטן. און פֿיל קאָלווירטניקעס האָט די פֿאַרוואַלטונג געשיקט זיך לערנען — ווע מען אויף קורסן, ווע מען אין טעכניקום. איצט האָט דאָ יעדער קאָלווירטניק צוויי — דרײַ ספּעציאַליטעטן. יעדער דריטער קאָלווירטניק איז אַ טראַקטאָריסט אָדער אַ שאָפֿער.

אַגעוו, און דאָס דאַרף מען עפּשער באַזונדערס אונטערשטרײַכן, אַלע זעקס זין פֿון דזשאַוואַד קוטשיִעוון זײַנען מעכאַניזאַטאָרס.

וועגן דעם ראַטשירטשער ראַיאָן האָב איך אַ סך געטראַכט, זײַענדיק נאָך אין מאָסקווע, און אַוואַדע האָב איך ניט געקאָנט ניט פֿאַרפֿאָרן אַהין, דאָרט האָב איך אַמאָל געאַרבעט. עפּשער וועל איך טרעפֿן מײַנע יוגנט־פֿרײַנט כאַדזשאַבאַוון, טאַראַסן און וואַלאַדיען...

דעם ראַיאָן האָב איך ניט דערקענט. עס זײַנען אופֿגעקומען הײַנטצײַטיקע קאָלווירטישע צענטערן מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. אין קאָלווירט „קאָמוניזם", לעמאָשל, האָט מען אויסגעבויט אַ קולטור־פּאַלאַץ, אַ סטאַדיאָן אויף פֿינף טויזנט ערטער, אַ פּראָפֿילאַקטאָרי און אַ פּרעכטיקע טשײַכאַנאַ. פֿיל פֿרויען האָבן צו צוויי וואַש־מאַשינעס.

באַבאַמוראַד כאַדזשאַבאַוו און וואַלאַדיע ראַכלינען האָב איך אָפּגעזוכט גאַנץ גיך. אין די ערעוו־פֿרילינגדיקע אָוונטן פֿון זעקס־און־פֿופֿציקסטן האָבן מיר געשפּילט אין שאָך און ווייניק גערעדט. איצט האָבן מיר מערער גערעדט. ס'איז געווען וואָס צו דערמאָנען.

מיט וואַלאַדיען האָבן מיר אָפּגערעדט אַ גאַנצן אָוונט. זיבעצן יאָר האָט ער אָנגעפֿירט מיט די וואַרשטאַטן פֿון דער ראַיאָנישער אָפּטיילונג פֿון „סעלכאָזטעכניקאַ". איצט איז ער דער שעף פֿון דער ראַיאָנישער אָפּטיילונג פֿון „סעלכאָזכימיע". ער איז פֿול מיט טרוימען און פּלענער, ווי־אַזוי העכערן די גערעטעניש פֿון בוימוואָל און באַשיצן אים פֿון די שעדיקער.

און כאַדזשאַבאַוו איז פֿאַר דער צײַט אויך געוואָרן גאָר אַן אַנדערער. געענדיקט אין טאַשקענט אַ טעכניקום און געוואָרן אַ ספּעציאַליסט פֿון הויכער קוואַליפֿיקאַציע, געווען הויפּט־אינזשעניער פֿונעם קאָלווירט. שוין ניט קיין יונגערמאַן, איז ער אַוועק אויף פּענסיע און טייקעף אָנגעהויבן קרענקען. און, הערט אַ מעשה, זיך אומגעקערט אויף דער אַרבעט, און גלײַך געזונט געוואָרן.

אין קאַרשינסקער סטעפּ און אין זעראַוושאַנער טאָל איז אינמיטן דעקאַבער געווען פּונקט ווי זומער. בײַטאָג — 20—22 גראַדוס וואַרעמקייט. אויף די בייטן האָבן זיך צעבליט די רויזן.

אין ראַיאָן פֿון דעם הויפּט־טייל פֿונעם קאַרשינסקער קאַנאַל זײַנען מיר געפֿאָרן אינדרײַען. איך, דער סעקרעטאַר פֿון קאַשקאַדאַרינסקער געגנטקאָם פֿון דער פּאַרטיי כורסאַנד טאַשעוו און קאָנסטאַנטין טרעטיאַקאָוו. ס'האָט זיך זייער געוואָלט פֿאַרגלײַכן דעם סטעפּ פֿון מיט צוואַנציק יאָר צוריק מיטן איצטיקן.

פֿאַרגלײַכן איז פּאַשעט אוממעגלעך. דעמלט איז דאָ פּראַקטיש ניט געווען גאָרנישט, כוץ זאַמד. און איצט — צענדליקער טויזנטער העקטאַר בוימוואָל, סעדער און ווײַנגערטנער, פּלאַנטאַציעס מיט גאָרטנוואַרג, פּיצוכט־פֿערמעס און רויזן. רויזן אָן אַ שיר.

ס'האָט זיך צונויפֿגעקליבן אַ גרויסער עולם אין רויטן ווינקל. מע האָט געטרונקען טיי און געפֿירט אַ געמיטלעכן שמועס. פֿריִער פֿאַר אַלץ האָט זיך געוואָלט וויסן, ווער פֿונ-

וואַנען עס איז, פֿונוואַנען מע איז געקומען. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער דירעקטאָר פֿונעם קאַנאַל איוואַן דודענקאָ, דער דיספּעטשער זינאַידע דערוך און אַנדערע ספּעציאַליסטן זייַנען אַנגעפֿאָרענע. אַ געקומענער איז אויך דער טעכניק-מעכאַניקער פֿון דער מאַשין-אָפּטײלונג מיכאַיל גרינבערג. דער סעקרעטאַר פֿונעם געגנטקאָם איז אַ היגער.

די באַרשינסקער צעלינאַ גיט איצט אַ מיליאָן מיט 300 טויזנט טאָן בוימוואָל. פֿון זיי 400 טויזנט טאָן — דעם סאַמע דינסטן. אינגיכן וועט מען קאָנען באַקומען אַ מיליאָן ווערט-פֿולסטן בוימוואָל. און פֿון אים אַרבעט מען דאָך אויס וועש, שקאַרפּעקעס און פֿיל אַנדערע נייטיקע זאַכן.

דאָ האָב איך אומגעריכט באַגעגנט ליאָניע דינערן, מיט וועמען מיר האָבן אײנעם זיך געלערנט אין זאַפּאָראָזשיע. איצט רופֿן אים אַלע לעאָניד מאָיסײעוויטש. ער פֿאַרנעמט זיך מיט דער אינדוסטריעלער בויונג. זייַן זון וואָלאָדיע וועט אויך זייַן אַ בויער. איין טאָכטער לערנט זיך אין סאַמאַרקאַנד אפֿן מעדיצינישן פֿאַקולטעט און די צווייטע ענדיקט אַ מיטלשול. ליאָניע דינער האָט זיך בײַ אונדז געלערנט אויף אויסגעצייכנט. בײַ זייַן מאַמען איז ער געווען איינער. זייַן טאַטע, מוישע, איז אומגעקומען אפֿן פֿראָנט. און די מאַמע האָט שטאַרק געציטערט איבער אים. ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז מע שיקט אונדז קיין טאַשקענט, האָט זי זיך צעוויינט.

— שוין, איך וועל שוין מערער ניט זען מייַן ליאָניעטשקען, — האָט זי געזאָגט. — ער וועט דאָרט אומקומען...

און אָט, ער לעבט, ער לעבט, ליאָניע!

— און וואָס מאַכט די מאַמע, אידע לוואָוונאַ? — פֿרעג איך בײַ אים.

— ניטאָ שוין די מאַמע. די לעצטע פֿינף יאָר האָט זי געלעבט דאָ מיט אונדז, נאָר אַלץ זיך געקליבן אַוועקפֿאָרן.

גערעדט האָבן מיר וועגן זייער פֿיל זאַכן, און אַלעמאָל זיך אומגעקערט צו דער פּראָבלעם פֿון וואַסער. וועגן דעם הערט לעאָניד מויסײעוויטש ניט אויף צו טראַכטן. דאָס איז זייַן הויפּט-זאָרג: וואַסער, וואַסער...

וואַסער, וואַסער... ס'איז שלעכט, ווען וואַסער איז ווייניק, און ס'איז שלעכט, ווען וואַסער איז צופֿיל.

אָט, לעמאָשל, אַזאַ געשיכטע. דיוסטלינקסטער ראַיאָן פֿאַרזייט 27 טויזנט העקטאַר בוימוואָל. אינמיטן מײַ איז דער פֿאַרזײ שוין געווען פֿאַרענדיקט. ס'האָבן זיך באַוויזן גוטע שפּראָצונגען. דעם 16 מײַ איז אַוועק אַ גוסרעגן און אין איין מעשעך פֿון איין מעסלעס איז אויסגעפֿאַלן אַ האַלביאָריקע נאָרמע פֿון רעגנס. דער גוסרעגן האָט געבראַכט אַ מוירעדיקן שאָדן. ס'האָט פֿאַרגאָסן אַלע בוימוואָל-פּלאַנטאַציעס, עס איז צעשטערט געוואָרן די עלעקטראָ-נעץ, די טעלעפֿאָן-פֿאַרבינדונג. דער ערשטער סעקרעטאַר פֿון ראַיקאָם כודזשאַם איסראַילאָוו האָט אַפֿילע ניט געקאָנט פֿאַרבינדן זיך מיט טאַשקענט. דער ראַיאָן איז געווען אַ נייַער, ניט לאַנג אויפֿגעקומען אויף דער צעלינאַ, און פֿיל מענטשן האָבן שוין געמיינט, אַז אויס, ניטאָ מער דער ראַיאָן. געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן גלייַך פֿאַרפּאַקעוועט די בעבעכעס און זייַנען אַוועק, צווישן זיי אויך אייניקע בריגאַדירן.

אויף מאָרגן, שוין באַנאַכט, ווען די פֿאַרבינדונג איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן, האָט איסראַילאָוון אָנגעקלונגען דער ערשטער סעקרעטאַר פֿונעם צענטראַל-קאָמיטעט פֿון דער קאָמפּאַרטיי פֿון אוזבעקיסטאַן שאַריף ראַשידאָוויטש ראַשידאָוו:

— פֿאַל בײַ זיך ניט אַראָפּ, כודזשאַם איסראַילאָוויטש. דער צעקאַ וועט אײַך העלפֿן.

אינגיכן האָט מען אָנגעהויבן איבערזייען די בוימוואָל-פּלאַנטאַציעס. דעם ראַיאָן האָט מען אויסגעטיילט די נייטיקע צאָל זריע, באַגיטיקונגען, גערביצידן. צוהילף איז געקומען אויך די אַוויאַציע. ס'איז געטאָן געוואָרן אַלץ אויף ליקווידירן די פֿאָלגן פֿונעם געוויטער. אין אָט דעם יאָר האָט דער ראַיאָן פֿאַרגרייט 72 טויזנט טאָן בוימוואָל. עמעס, דאָס איז אָנגעקומען ניט גרינג.

ווען מע האָט אַנאַליזירט די געשעענישן אין אָט די טראַגישע טעג פֿון יענעם יאָר, האָט כודזשאַם איסראַילאָוו גערעדט מיט פֿאַרביטערטקייַט:

— פֿאַרוואָס דאַרפֿן מענטשן שטענדיק לייַדן אָט פֿון די גוסרעגנס, אָט פֿון דער טריקעניש? פֿאַרוואָס האָט מען זיך ניט אויסגעלערנט צונויפֿזאַמלען די איבעריקע רעגן-וואַסער און דערנאָך אויסנוצן זי? דאָס איז דאָך הונדערטער טויזנטער קובאָמעטער וואַסער, וואָס וואָלטן געקאָנט ברענגען גרויסע נוץ?

פארשטייט זיך, אז די זאך איז ניט בלויז אין אויסנוצן די רעגן-וואסער. פאראן ניט ווייניק ערנסטע און מערער דרינגענדיקע פראבלעמען, וואס זיינען פארבונדן מיט דער וואסער, פראבלעמען, איבער וועלכע עס ארבעטן פיל געלערנטע, גאנצע וויסנשאפטלעך-פארשערישע אינסטיטוטן און מיט וועלכע עס פארנעמט זיך דאס מיניסטעריום פון לאנדווירטשאפט פון דער רעפובליק. דער מיניסטער פון לאנדווירטשאפט איסמאיל דזשוראבעקאוו, מיט וועמען איך האב לאנג געשמועסט וועגן אט די פראגן, האט מיר אנגעמאלט די הויפט-פראבלעמען, וועלכע שטייט פאר דער רעפובליק.

לאזט זיך אויס, אז די וואסער-רעסורסן וועלן געבן א מעגלעכקייט האלטן די גערעטעניש פון בוימוואל און פון אנדערע קולטורן אף דעם געהעריקן ניוואָ בלויז אין די נאענטסטע פינף-זיבן יאר. דערנאך וועט דער וואסער-דעפיציט אנהייבן וואקסן און די גערעטענישן — פאלן. קעדיי עס אויסמיידן, דארף מען באצייטנס אנהייבן זוכן נייע וואסער-רעזערוון. טאקע אף דעם ארבעטן איצט די וויסנשאפטלעך-פארשערישע אינסטיטוטן. עס גייט א רייד וועגן איבערווארפן די וואסערן פון די סיבירער טייכן קיין מיטל-אזיע. פראיעקטן זיינען פאראן פארשיידענע, מיינונגען אויך ניט ווייניק. עס גייט דאך א רייד וועגן אריינטראגן באשטימטע ענדערונגען אין דעם עקאלאגישן סטאנדארט פון אזא גרויסן רעגיאן, און דאס פאדערט ערנסטע און טיפע וויסנשאפטלעכע פארשונגען. אבער די פראגע איז געשטעלט געווארן אפן טאג-סיידער, ווי איינע פון די אקטועלסטע, און זי איז שוין פארפיקסירט אין א ריי פארטייישע און מעלוכישע דאקומענטן. אין די „גרונט-ריכטונגען פונעם עלפטן פינפיאר" איז פארשריבן: „פארזעצן די וויסנשאפטלעכע און פראיעקט-פאנאנדערארבעטונגען אף איבערווארפן א טייל וואסער פון די סיבירער טייכן אין מיטל-אזיע און קאזאכסטאן". מיט דער פראבלעם פארנעמען זיך איצט צענדליקער וויסנשאפטלעכע און פראיעקט-ארגאניזאציעס פונעם לאנד. צווישן זיי דריי און צוואנציק וויסנשאפטלעך-פארשערישע אינסטיטוטן פון דער וויסנשאפט-אקאדעמיע פון פססר.

דער קאנאל סיביר—מיטל-אזיע וועט האבן א לענג פון 2270 קילאמעטער. עס וועט זיך פאדערן איין און פערציק טעג, אז די וואסערן פונעם סיבירער טייך אב זאלן דערגרייכן דעם פלאכלאנד פון אמודאריא.

מע מעג זיין זיכער, אז די אלע פראבלעמען וועלן געלייזט ווערן צו דער צייט.

פאראן אויך אנדערע פראיעקטן. אייניקע קאנען אויסזען ווי פאנטאסטישע, אבער אויך זיי וועלן מיט דער צייט באקומען א פראקטישע לייזונג.

א גענויעם שמועס וועגן די אלע פראבלעמען האב איך געהאט מיטן שעף פון דער הויפט-פארוואלטונג פון דעם מעליאראציע-מיניסטעריום פון פססר לעוו סעמיאנאוויטש ליטוואק. אגעוו, ער איז א טאשקענטער. ער האט דארט אפגעלעבט און אפגעארבעט אריבער צוואנציק יאר. געקומען איז ער אהין, ווי פיל אנדערע, ווען די רעפובליק האט זיך שטארק גענייטיקט אין ספעציאליסטן, נאך דעם, ווי ער האט געענדיקט דעם אדעסער הידראטעכנישן אינסטיטוט.

לעוו סעמיאנאוויטש האט פראיעקטירט דעם אנדיזשאנער וואסער-באסיין, אנטיילגענומען אין פראיעקטירן די איריגאציע-סיסטעם אין „הונגעריקן סטעפ" און אין אנדערע ערטער, און ער איז, פארשטייט זיך, טיף באהאוונט אין אלע פראבלעמען, ווי אויך אין אלע פראיעקטן און וואריאנטן פון באוואסערן די ערדן פון מיטל-אזיע. דאס האט ער מיר דערציילט וועגן די העכסט-נייע אידייען. עס גייט א רייד וועגן אויסנוצן די טעכניק פון לאזערן. די לאזער-שטראלן וועלן שאפן אן אידעאלע פלאנירונג פון די פעלדער, אויסגלייכן זיי אזוי, ווי מע גלייכט אויס די רייז-פלאנטאציעס, און באגיסן זיי מיט א דינעם שיכט וואסער. דאס וועט שאפן א מעגלעכקייט פיל שפארעוודיקער אויסנוצן די וואסער-רעסורסן און זיי וועלן קאנען לענגער דינען. דערווייל איז דאס ניט מערער, ווי אן אידיי. עס האבן נאך ניט געזאגט זייער ווארט וועגן דעם די עקאנאמיסטן. נאר אנגעשטרענגטע זוכונגען אין דעם געביט פירן זיך. און אז מע זוכט, געפינט מען.

פון בוכארא בין איך אוועקגעפלויגן באנאכט.

דער עראפלאן האט אנגענומען די נייטיקע הייך און איז געפלויגן אף צאפן. אונטער אונדז אין דער ווייט זיינען געבליבן אלט- און ניי-בוכארא, די ראכוועסדיקע בוימוואל-פעלדער, הונדערטער טויזנטער מענטשן מיט זייערע טאגטעגלעכע זארגן און ניט פאשעטן לעבן. מיט אלטע און נייע פראבלעמען, קאנאלן, וואס ציען זיך אף הונדערטער קילאמעטער, וואסער-באסיינען, וועלכע דארפן טאגטעגלעך געבן וואסער פאר אט די קאנאלן. עס איז געבליבן הינטער אונדז דער הייַנטצייטיקסטער דארפישער יישעוו אפשאן, דאס געבורט-ארט פון אוויצענען, און דער יישעוו גאזלי, וועלכער האט אין זיין צייט אפגעראשט, ווען מע האט

אנטדעקט גרויסע רעזערוון נאטירלעכן גאז, — א ייִשעוו, וואָס איז צעשטערט געוואָרן ביים דער ערדציטערניש און איז ווידער אופגעבויט געוואָרן. דער עראָפּלאַן איז געפלויגן איבערן מידבער קיזילקום אין דער ריכטונג פונעם אראַלסקער יאם. בא מיר אין קאָפּ האָבן אלץ געבאַמבלט זיך, אָט אופגעקומען און אָט פארשוווּנדן, פארשיידענע ציפערן, אויסרעכענונגען, פאקטן און אײַנדרוקן, געשעעענישן גאנץ פרישע און געשעעענישן ביז גאָר לאַנגאָניקע. מיר האָט זיך געדוכט, אז אין אָט דעם כאַאָס פון געשעעענישן און ציפערן וועל איך זיך קיינמאָל ניט פאנאנדערקלײַבן, עס האָט אזש אָנגעהויבן שווינדלען אין די אויגן. פריִער וואסער, דערנאָך ערד. א מיליאָנהעקטארישער מידבער, וועלכער קאָן ווערן א פרוכטבארער אָאזיס, אויב... אויב באוואסערן אים! איך האָב געזען פאר זיך נײַע בוימוואָל-פעלדער, וויַסע אין הארבסט, ווי דער שניי אין סיביר. און ווידער בוימוואָל. גרייטע אויסארבעטונגען, פילקאָלירקע אָנצוגן מיט קאָלערליי געמעלן און אָפּשײַנען פונעם רעגנבויגן. און אויס... ניטאָ שוין קיין שום פּראָבלעם פון בוימוואָל.

דער באנאכטיקער זילבערדיקער בוכארער טעפּיך איז שוין פון לאַנג פארשוווּנדן געוואָרן, דער עראָפּלאַן איז געפלויגן ווײַט פון אים. נאָך מער, אין דער טיף פון פינף און צוואנציק יאָר איז אוועק די צײַט, ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געווען אין טאשקענט, אין סאמארקאנד און דערנאָך אויך אין בוכארא. דאַן וואָלט בא מיר, דעם צוויי-און-צוואנציקיאָריקן, ניט געסטײַעט קיין פאנטאזיע, עס וואָלט זיך ניט געגלייבט, אז בוכארא וועט אויסכאָוועט 600 טויזנט טאָן בוימוואָל, אין דרײַ מאָל מער, ווי פריִער, און וועט דאָביוועט מיליארדן קובאָמעטער גאז, מיליאָנען קילאָוואט-שאָ עלעקטרישע ענערגיע, גאָלד, צעמענט, באגיטיקונגען, אז דאָרט וועלן אויסוואקסן אזעלכע פּרעכטיקע שטעט, ווי נאוואָי, זעראפשאַן, גאזלי, אז די געגנט וועט באדעקט ווערן מיט א געדיכטער נעץ אווטאָמאָביל-וועגן, אז קיין בוכארא וועלן פליִען אזעלכע עראָפּלאנען, ווי „איל-18” און „טו-134”, און אז יעדן יאָר וועלן די רעפּובליק באזוכן 150 טויזנט טוריסטן. עס וואָלט זיך ניט געגלייבט, ווײַל דאַן האָט מען אין בוכארא זיך געסטארעט בויען הײַזער, ניט העכער פון דרײַ שטאָקן. ס'האָט ניט געסטײַעט קיין וואסער. זומער האָט דאָס וואסער זעלטן דערגרייכט ביזן צווייטן שטאָק. איצט בויט מען דאָ, ווי אין אלע שטעט, „הימלקראצערס”. די אוראלטע בוכארא מיט אלע אירע נײַ-געפונענע אוצרעס שפּאנט פעסט אין דער נײַער וועלט.

ייִדיש — כ. מעלאמוד

■ ■ ■

מיט ליכטיקן פאַרשטאַנד

סימכעס ניט ווייניק בא אונדז וועלן זײַן

גרויער ציגײַנער, לאָז לאַנג זיך ניט בעטן,
קאַלזמאַן אין דרויסן בוראַנעוועט,
כאַפּ צוגאַסט זיך ארײַן,
דו ווייסט דאָך געוויס: אין אַזאַ ביטערן וועטער
איז די בעסטע רעפּוע — אַ קאַפּעלע ווײַן.

מיר וועלן שמועסן האַרציק אַ גאַנצן אָוונט,
און אייבער דעם צווייטן פאַרשטיין זייער גוט,
דו האָסט קיין באַגריף ניט, ווי דו ביסט מיר נאָענט,
גרויער ציגײַנער אין אַלטמאָדישן הוט.

אין יאָרן פון בירגערקריג, סמוטעס און פלאַמען,
ווען ס'האָבן ווײַסרוסישע סאָסנעס מיט קופּערנע שטאַמען
אָן אופהער, ווי מעכטיקע גלעקער, געקלונגען,
האָבן אונדז וויגלידער שטילע אין בוידן די מאַמעס
אַף איין און דעם זעלבן ניגן געזונגען...

אונדזערע זיידעס אַף לאָנקעס פּאָלעסיער
האָבן צוזאַמען געפּאַשעט די פערד,
בא איין שײַטער געבאַקטע קאַרטאָפל געגעסן
און פון האַנאָע געקראַצט די פאַרסמאַליעטע בערד.

די בראָווע טאַטעס אַף דעם פערד-מאַרק אין קאַפּוליע
פלעגן זיך גערן טרעפן יעדן זונטיק,
פונקט ווי זאַפּאַראָזשצעס דאָרט געהוליעט,
פון איין גרויס קענדל מאַהאָריטש געטרונקען.

מע האָט אונדזערע ברידער און די שוואַרץ-אויגיקע שוועסטער
צו די קאַלך-אויוונס געטריבן איבער איין און דער זעלבער גאַס,
און מיט לאָפּעטעס שווערע די בלוטדאָרשטיקע בעסטיעס
האָבן אין איין קופּע געשאַרט זייער הייליק אַש.
— — — — — — — — — — — — — —
אַף קאַרדיאָגראַמעס באביידן די זעלבע זיגזאַגן.
איין און דער זעלבער שטערן שענקט אונדז זײַן שײַן,
אויך סימכעס ניט ווייניק בא אונדז וועלן נאָך זײַן.
איז טרייסל זשע אָפּ דעם שניי פון דײַן קראַגן
און צוגאַסט כאַפּ זיך, גרויער ציגײַנער, צו מיר ארײַן.

אין שפּיטאָל

א נעפּעשל א זשוואווינקער,
ניט גרעסער פון א קאָמעלע,
א דאַרינקער, א קוואַרינקער,
קוים ס׳זשיפּעט דאָס נעשאָמעלע.
נאָר זע: אַף קרומע פיסעלעך
איבערן שויב עס גליטשט זיך שנעל,
פונקט ווי א לײַכטינק גליסערל
אַף א בלויער וועל.
אָט הייבט עס אויף די פלאַטערלעך,
און דרייט זיך אַף איין אָרט,
ווי ס׳וואָלט א ווענטיליאַטאָרל
זײַן אײַנמאָנטירט אָט דאָרט.
א זשומערײַ א פרישינקע
זיך אין פאַלאַטע הערט,
און פריילעכער א ביסעלע
יעדערן עס ווערט.
און ס׳ווייסן ענטאָמאָלאָגן:
לויט דער פראָגראַם גענעטישער,
איין סעזאָן בלויז טעטיק איז
ס׳באַשעפעניש דאָס שמאָלינקע.
און אוודאי מעגלעך ס׳איז,
אַז אינסטינקטיוו עס פילט:
די לעצטע, גילד׳נע טעגעלעך
אונטער דער זון עס שפּילט.
און ס׳פרייט זיך יעדעס רעגעלע,
מיט גרויס אזארט עס לעבט
און שלענגלענדיקע שטעגעלעך
מיט די פיסלעך שטעפט.

און דו, דער אָדאָם-סאַפּיִענס
מיט ליכטיקן פאַרשטאַנד —
אָן אַן אויפהער דראַפּעסטו
די אָפּגעקאַלכטע וואַנט,
און פון דײַן מויל עס טראָגט זיך נאָר
א יאָמער מיט א קלאָג,
און דעם שטאַרב מאַכסטו גאָר
הונדערט מאָל אין טאָג,
כאָטש ס׳איז באַוווּסט באַשײַמפּערלעך:
דײַן קריזיס — דורך פונלאַנג,
דו ביסט באַם טאָג באַם הײַנטיקן
ניט געפערלעך קראַנק.

איך וויל דיר ראַטן, כאַווערל:
דײַן מאַרקע ניט פאַרשעם,
פון אָט דעם נעפּעש זשוואווינקן
א בײַשפּיל פאַר זיך נעם...

אין עווענקיִע

אין עווענקיִע,
אין עווענקיִע,
ווו עס לעבן
די עווענקן,
טרעפן פרעסט,
ווי אַף דער קריִע,
פונוואַנען
מוטיקע יעדיִעס
האָט אַמאָל
ראַדירט אונדז
קרענקעל[1].

אין עווענקיִע,
אין עווענקיִע,
ווו זייער פרי
זיך שפּרייטן אויס
שנייען אָט אַזוינע
ווײַסע,
ווי טײַבעלעך,
וועלכן קיִאָ[2]
פונעם אַרבל
לאָזט ארויס.
אין עווענקיִע,
אין עווענקיִע,
ווו צום יעניסיי
דעם ברייטן
אימפּעטדיק
טונגוסקעס
פליסן,
וואַקסן ניט
קיין צאַרטע
קווייטן,
וואַקסן ניט
קיין קיפּאַריסן.
אָבער ס׳איז
פאַר די עווענקן
ליב דער קאַנט
אין אַלע צײַטן.
אַף קוראָרטן
סאַמע שענסטע
וועלן זיי אים
ניט פאַרבײַטן.

---

[1] קרענקעל — דער ראַדיסט פון פּאַפּאַנינס קריִע אַפן צאָפן-פּאָליוס.
[2] קיִאָ — באַוווּסטער צירק-אילוזיִאָניסט.

אין די פוטערס,
אין די אונטעס,
שטענדיק פריש
און שטענדיק
מונטער,
טרײַבן זיי
די סטאדעס הירשן,
טאקע ווי
די עכטע
פירשטן.

אויך די יונגינקע
עווענקלעך
פילן דאָרטן זיך
גרויסארטיק.
הירשן,
אײַנגעשפאנט
אין נארטעס,
פּליִען זיי
מיט אן
אזארטקײַט,
אז פון פרייד
און פון האנאָע
קנאקן זייערע
געלענקלעך.

וואָס בא מיר
עס איז א וווּנדער,
איז בא זיי
א פּראָסטע זאך.
דער עווענק קאָן
אין דער טונדרע
אויסשנײַדן
א נײַעם שליאך;
מיט די נארטעס
ביזקל הימל
אזש דערלאנגען, —
אף דער זון

ראפּטום א לאסאָ
פארווארפן,
ווי א הירשעלע
זי פאנגען...

כ'שפיר מיט אייפער
נאָך די קונדייסים,
ווען דאָס בלוט זייערס
ניט רוט.
אין די גלידער מײַנע
הייסע
שפּילט דאָס
באלעגאַליש
בלוט...

געקענט כ'האָב,
שטייענדיק
אין וואָגן,
דאָס זשוואווע
מוילעדל דעריאַגן,
און אופהענגען עס
בא דער דוהע,
ווי א גלעקל,
מיט א
צוּיבער-קלינגערײַ —
פונעם שלאָף
די האלבנאכט וועקן.

אך, ווי גיך
זײַט איר
פארלאָפן,
נעכט אומזיניקע,
פארשײַטע.
כ'זיץ א גרײַזער,
ווי דער צאָפּן,
מיט עווענקן
בא א שײַטער...

■ ■ ■

אין הארצן נויט געדולד...

* * *

ווער איז ער, אָט דער שמיד,
וואָס האָט אזוי געניט
פון שטאָף פון אונדזער וועלט
מיר אויסגעשמידט
אן אויגנבליק
פון גליק?

און ווען דער אויגנבליק
מיר העלט,
און ווען דער אויגנבליק
מיר קוועלט
מיט אויגן,
ווי דער קלאָרער הימל-צעלט —
בין איך דאָך רײַכער
פון דער גאנצער וועלט!

און ס'כידעשט זיך מײַן ליד:
ווער איז ער, אָט דער שמיד?

מיידלעך זינגען

הינטער מײַנע פענצטער
מיט געשווינדע טריט
גייען פון דער ארבעט
מיידלעך מיט א ליד.

זינגט די גאס מיט צויבער
אין דער גאנצער לענג.
מײַן גראַמער צימער
איז געוואָרן ענג.

כיינעוודיקע מיידלעך
וועקן היינט מײַן טרוים.
כ'קום אין ענגן רעדל,
ווערט אזוי גערוים...

* * *

ווי אין אומענדלעכקייט פון אָקעאַן
מע דורשט א קאפּעלע וואסער,
זוך איך אין מענטשן-פארפלייצונג
אף פּלעצער און גאסן —
א בליק...
ס'איז עפשער צו אים
נאָר איין שפּאַן,
איין קליינינקער שפּאַן?
און עפשער דער בליק איז
פארשטעלט פון מיר
מיט א פּאָר טויזנט יאָר,
מיט א פּאָר טויזנט מײַל?
עס קלאַפּט אינעם מויער
אקשאָנערדיק שטארק
א וועל:
פאראן דאָך א בריק
צום טײַערן בליק!

דער צוג

דער צוג איז ברייטהארציק. באזאָרגט
ער האָט מיט גענעם מיך און מיט גאניידן.
איך האָב געהאט צעשיידונג-זאָרג,
און היינט האָב איך באגעגעניש-פריידן!
פאר דעם איך בין אים מוחל באלד,
וואָס ער מיט שטאָלענער נעקאָמע
פלעגט צונעמען בא מיר מיט גוואלד
די בעסטע העלפט פון מײַן נעשאָמע...

* * *

עמעץ דארף זײַן איבער מיר א האר.
עמעץ דארף מיך האלטן פאר א נאר.

עמעץ דארף מיר פירן פאר דער נאָז.
עמעץ דארף מיר שעלטן מיט פארדראָס.

עמעץ טראָגט אין הארצן מיט געדולד
יעדע מײַן אווירע, יעדע שולד.

עמעץ דארף מיך גלעטן צארט און מילד,
עמעץ דארף מיך קושן העפקער-ווילד.

עמעץ דארף מיך טאקע האָבן ליב —
די, וואָס איז באשאפן פון מײַן ריפּ...

עפּענען א סאָד איך וועל אײַך באלד:
אלע „עמעץ" זײַנען איין געשטאלט.

מיידלעך, מיידלעך

מיידלעך ליבע מיט בוקעטן
טראָגן פרילינג שײַן אהיים.
— מיידלעך, מיידלעך, כ׳וויל אײַך בעטן:
מיר דערלויבט מיט אײַך צו גיין...

האָבן זיך צעלאַכט די מיידלעך,
אָפּגעשניטן גלײַך און גיך:
— אויף דער ערד אזויפיל וועגן!
זוך אן אנדער וועג פאר זיך.

— מיידלעך, מיידלעך, — נעם איך
בעטן, —
איך האָב ליב דעם פרילינג-צוויט.
פון די דופטיקע בוקעטן
כאָטש איין בלימעלע מיר גיט...

האָבן זיך צעלאַכט די מיידלעך,
אויף דער ערד געטאָן א ווײַז:
— זעסטו, וויפל בלומען וואקסן?
בייג זיך אָן צו זיי — און רײַס!

און אוועק זײַנען די מיידלעך...
נאָר ס׳האָט איינע, שטיל און שטום,
זיך א ביסעלע פארהאלטן
און געוואָרפן מיר א בלום...

קאַיאָר

די פרישקײַט פונעם טוי,
דער ציטער פון דער בלאט,
די סוידעס פון דעם בלוי,
וואָס נערט דעם הימל זאט,

די ערשטע צווישערײַ
פון שפּערלעך אפן בוים,
דער ערשטער שטראל-געשריי
אין אופגעלעבטן רוים, —

אלץ, אלץ עס גייט אין קאָן:
באלד יאוועט זיך די זון!
דײַן בריוו זאָגט אויך מיר אָן:
איך קום! איך קום! איך קום!

זיכרוינעס

ריווקע שילער־בוזגאן

מײַן לעבן אין טעאטער

איך הייב אָן צו שרײַבן זיכרוינעס וועגן אונדזער וואנדער־לעבן און שוישפּילער־וועג מיט א טײַנע צו זיך אליין, אלעמײַ איך נעם זיך צו אן ארבעט, וואָס איז ניט מײַן בארוף. איך בין ניט קיין שרײַבערן, נאָר א ייִדישע שוישפּילערן. פֿארנעמענדיק אָבער אן ערשט אָרט אין מעשעך פֿון פֿופֿציק יאָר אין א פּראָפֿעסיאָנעלן טעאטער, מיין איך, אז מע קאָן און מע מוז זיך נעמען צו דער פֿען אויך. מײַן הייליקער כויוו איז צו שרײַבן די זיכרוינעס, ווײַל איך האָב דורכגעמאכט א שווער, אָבער אינטערעסאנט לעבן צוזאמען מיט מײַן מאן כעוול בוזגאן — דעם גרויסן מײַסטער פֿון דער בינע. מײַן מאן האָט געהאט א זיכערע פֿען אין האנט, א שיינעם סטיל צו שרײַבן, אָבער שרײַבן זיכרוינעס האָט ער ניט געוואָלט. מע האָט אים א סאך מאָל פֿאָרגעלייגט: „בוזגאן, שרײַבט וועגן אײַער דורכגעמאכטן שוישפּילער־וועג, וועגן אײַער געזעלשאפֿטלעכער טעטיקײַט", אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט: „שרײַבן זיכרוינעס דארף מען אויף דער עלטער, און איך בין נאָך יונג". כעוול האָט זיך ניט גערעכט, אז ער וועט אזוי גיך שטארבן. דער אומבעראכמאָנעסדיקער טויט האָט אים אוועקגעריסן פֿאר דער צײַט, דעריבער איז דער גוירל אויסגעפֿאלן אויף מיר.

איך בין שוין אלט אריבער 75 יאָר,[1] און עס ווילט זיך באשרײַבן אלץ, פֿון אלעף ביז טאָף. אָנהייבן וועל איך פֿון מיר, ס'איז עפּשער ניט באשיידן, אָבער ווער ווייסט מער וועגן אונדזער לעבן, ווי איך, וואָס איז געגאנגען האנט בא האנט מיט מײַן מאן איבער 50 יאָר.

געבוירן בין איך אין א קליין שטעטל אויף אוקראַינע, אין ליובאר, אין 1903. ליובאר איז ניט געווען גרויס אין שטעטך, אָבער גרויס אין גײַסט. זייער פֿיל גײַסטרײַכע מענטשן זײַנען געבוירן געוואָרן אין ליובאר. שטאמען שטאם איך פֿון א ראבאָנישער מישפּאָכע. מײַן עלטערזיידע איז געווען א ראָוו אין שטעטל פּאָלאָנע, ניט ווײַט פֿון ליובאר. די קינדער זײַנע זײַנען שוין אָבער געגאנגען אין אנדערע דראָכים. דער זיידע, זײַן זון, איז געווען א האלב־סויכער און א האלב־לערנער. דעם זיידנס קינדער, די ברידער פֿון מײַן מוטער, זײַנען געווען לערער אין טאלמעטוירעס, און מײַן פֿעטער, א סטודענט אין אָדעסער אוניווערסיטעט, האָט שטודירט פּעדאגאָגיק. מײַן פֿאָטער איז געווען א סויכער, געהאט אן אייגענע מיל. ער איז אויך געווען א גרויסער מענאגן, האָט ליב געהאט כאזאָנעס, פֿלעג יעדן שאבעס דאוונען פֿארן אָמעד, פֿארשטייט זיך, אלס ליבהאָבער, ניט פֿאר געלט.

מײַן מוטער איז געווען א שיינע פֿרוי, א גרויסע שטוב־באלעבאָסטע. אָבער מיט דער דערציִונג פֿון די קינדער האָט זיך פֿארנומען דער פֿאָטער, ער האָט אונדז געוואָלט געבן וועלטלעכע בילדונג. זײַן דעוויז איז געווען:

---

[1] ריווקע שילער־בוזגאן איז געשטאָרבן אין מאָסקווע אין עלטער פֿון 79 יאָר (רעד.).

לערנען, לערנען און לערנען די קינדער. איך האָב געלערנט אין א רוסישער פאָלקסשול. אינדערפרי אין שול, און אין אָוונט אין כיידער, געלערנט ייִדיש און העברעיִש, אָבער די העברעיִשע שפראך איז מיר אָנגעקומען שווער. ייִדיש איז מיר געווען לײַכטער, עפשער דערפאר, וואָס אינדערהיים האָט מען גערעדט ייִדיש. אין ליובאר זײַנען געווען צוויי גימנאזיעס — איינע א רוסישע, א קאזיאָנע, און די צווייטע א העברעיִשע.

איך האָב געענדיקט די פאָלקסשול און אָנגענומען געוואָרן אָן עקזאמענעס אין דריטן קלאס פון דער רוסישער גימנאזיע. לערנען איז מיר ניט געווען שווער. אין גימנאזיע איז געווען א גרויסער כאָר, און עס פלעגן פאָרקומען יערלעכע בעלער מיט פאָרשטעלונגען. די שילער פון די עלטערע קלאסן האָבן אָנטיילגענומען אין די פאָרשטעלונגען, און איך מיט זיי צוזאמען. מיר פלעגן שפילן טשעכאָוון, גאָגאָלן, דעקלאמירן פושקינען, לערמאָנטאָוון, קרילאָווס מעשאָלים, אויך אָף אוקראַיִניש האָבן מיר געשפילט „נאטאלקא-פאָלטאווקא", „נאזאר סטאָדאָליא". דער לערער פון געשיכטע איז געווען אונדזער רעזשיסער, פיאָדאָר מיטראָפאניטש האָט מען אים גערופן, זייער א ליבער און הארציקער מענטש. ער איז געווען אנציקט פון מײַן שוישפילערישן טאלאנט און מיר געזאָגט: „ריווקא, טיעבע טאָלקאָ נא סצענו פאָיטי, האָסט אלע מײַלעס: ביסט שלאנק, האָסט א גוטע דיקציע, אן אויסדריקלעכע שטים".

מײַנע צוויי עלטערע ברידער האָבן ניט געוואָלט דינען אין דער צארישער ארמיי און זײַנען אוועקגעפאָרן קיין אמעריקע, אָבער דאָרט זײַנען זיי ארײַנגעפאלן אין דער אמעריקאנער ארמיי. עס האָט אופגעפלאקערט די ערשטע וועלט-מילכאָמע, און די עלטערן זײַנען געווען זייער אומרויִק, אָבער דאָס לערנען אין גימנאזיע איז געווען נאָרמאל. איך פלעג אריבערגיין פון קלאס צו קלאס, געלערנט פלײַסיק. אזוי זײַנען געגאנגען שוין די יוגנט-יאָרן, עס האָט זיך אָנגעהויבן דער בירגערקריג. די צײַט איז געווען אן אומרויִקע, עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאָגראָמען, יעדן טאָג אן אָנפאל פון אן אנדער באנדע. ווען פעטליורע איז געקומען צו דער מאכט, זײַנען געווען שרעקלעכע פאָגראָמען. איין פאָגראָם האָט געדויערט דרײַ וואָכן צײַט. איך און מײַן עלטערע שוועסטער האָבן זיך אויסבאהאלטן אין קעלער פון גימנאזיע. אויך נאָך עטלעכע ייִדישע שילערנס זײַנען געווען צוזאמען מיט אונדז. דער לערער פיאָדאָר מיטראָפאניטש פלעג אונדז ברענגען עפעס צו עסן, דאָס איז געווען אן עמעסע גוטע רוסישע נעשאָמע.

ווען דער פאָגראָם האָט זיך געענדיקט און איך און מײַן שוועסטער האָבן זיך אומגעקערט אהיים, האָבן מיר שוין קיין היים ניט געהאט — איין גרויסע כורווע איז געווען די שטוב. בײַ דער טיפוס-עפידעמיע, וועלכע האָט אונדזער שטוב ניט אויסגעמיטן, האָב איך פארלוירן מײַן מוטער. עס איז געווען זייער שווער צו לעבן. הונגער, נויט, פארשיידענע קראנקײַטן. האָבן מיר באשלאָסן, איך און נאָך עטלעכע כאווערטעס, אוועקפאָרן אין דער וועלט ארײַן, עפשער וועט ערגעץ-ווו זײַן בעסער. ווו האָבן מיר גענומען קויכעס דאָס אלץ אריבערצוטראָגן? מיר זײַנען נאָך געווען זייער יונג, און אין די יונגע יאָרן קאָן מען, ווײַזט אויס, א סאך אריבערטראָגן. מיר זײַנען אוועקגעפאָרן קיין פוילן, עטלעכע אנדערע כאווערטעס — קיין אמעריקע צו זייערע קרויווים.

אין יענער צײַט האָט אין לעמבערג גאסטראָלירט די בארימטע ווילנער טרופע, און אזוי ווי מיר האָט שוין געצויגן צו טעאטער, פלעג איך זוכן א געלעגנהײַט אים צו באזוכן. די פאָרשטעלונגען פון די ווילנער זײַנען מיר זייער געווען געפעלן, און איך האָב געזוכט א וועג, וויאזוי זיך אײַנאָרדענען אין טעאטער אָף ארבעט. אָבער אָנקומען אין דער ווילנער טרופע איז געווען זייער שווער.

איך האָב דורכן „האיאס" אויסגעפונען די אדרעסן פון מײַנע ברידער אין אמעריקע, זיי האָבן מיר געשיקט געלט און אן ארויספאָדערונג, איך זאָל קומען צו זיי. פאָרן האָט באדארפט דויערן א יאָר צײַט, און זיי האָבן מיר געשריבן, איך זאָל דערווײַל ערגעץ-ווו אָפרוען. איך האָב זיי געפאָלגט און מיט עטלעכע כאווערטעס ארויסגעפאָרן אין א דאָרף הינטער לעמבערג. בזשוכאָוויצע האָט געהייסן דאָס דאָרף. אין דער זעלבער צײַט איז קיין בזשוכאָוויצע געקומען אָף אָפרו דער יונגער ארטיסט פון דער ווילנער טרופע כעוול בוזגאן. איך בין געווען גליקלעך, וואָס מיר איז געלונגען זיך באקאנען מיט א שוישפילער פון דער בארימטער ווילנער טרופע. מיר זײַנען זיך ביידע געפעלן געוואָרן און זיך פארליבט איינער אין אנדערן ניט אָף קאטאָוועס. דער וועג צום טעאטער איז שוין געווען דערגרייכבאר. אין 1922 זײַנען מיר געוואָרן מאן און ווײַב.

כעוול בוזגאן איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע אין 1897 בא עלטערן האָרעפאשניקעס. דער פאָטער האָט געפירט א קליינעם הענטשקע-ווארשטאט. ער איז געווען זייער א קראנקער מענטש. דערפאר איז אָבער די מאמע געווען אן עמעסע איישעס-כאיִל, געהאָרעוועט פון פרי ביז שפעט אין דער נאכט. אין שטוב

זײַנען געווען פיר קינדער — דרײַ זין און איין טאָכטער. דער גאַנצער אָל איז געלעגן אַף די פלייצעס פון דער מאַמען, און דאָך האָט זיך איר אײַנגעגעבן אַלע קינדער ברענגען אַף גוטע וועגן.

כעוול האָט געענדיקט צוערשט א פאָלקסשול, דערנאָך געלערנט אין לערער-סעמינאַר. אָבער ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער בירגערקריג, האָט ער געמוזט איבעררײַסן דאָס לערנען און אַלס עלטסטער אין דער מישפּאָכע העלפן דער מאַמען אין דער פאַרנאָסע — ער פלעג געבן לעקציעס אָפגעשטאַנענע שילער. אין די אָוונטן האָט ער באַזוכט די דראַמאַטישע סטודיע, מיט וועלכער ס'האָט אָנגעפירט מאָלסקי. פון באַרוף איז מאָלסקי געווען א פאַרמאַצעווט, אָבער א ליבהאָבער פון קונסט, און זייער א סאַך אַקטיאָרן זײַנען אַרויס פון זײַן שול. כעוול האָט געכאָלעמט צו ווערן אַן אַקטיאָר. ער איז אָנגענומען געוואָרן אין דער ווילנער טרופּע צוערשט אַלס סופליאָר, אָבער ניט לאַנג געזעסן אין דער בודקע, מע האָט אים באַלד אַרופגענומען אַף דער בינע. אין דער באַרימטער ווילנער טרופּע זײַנען געווען אַזעלכע מײַסטערס, ווי אַווראָם מאָרעווסקי, מאַטעטיאַהו קאָוואַלסקי, נויעך נאַכבוש, אַלעקס שטיין, יאַנקעוו ווייסליץ, נאָך זייער יונגע — יויסעף בולאָוו, אָסיא קאַמיען, כעוול בוזגאַן. פרויען זײַנען געווען: יעהודיס לאַרעס, נאָעמי, מיריאַם אַרלעסקאָ, פאָליע וואַלטער, ליובע קאַדיסאָן.

די ווילנער האָבן זייער זיך-אָרט ניט געהאַט, געשפּילט אין ווילנע, לאָדזש, וואַרשע, לעמבערג, קראַקאָוו, ביאַליסטאָק, גראָדנע און אין גאַליציע — אין אַלע שטעט און שטעטלעך. זיי האָבן געשפּילט „די טעג פון אונדזער לעבן”, „גרינע פעלדער”, „די פוסטע קרעטשמע”, דעם „דאָרפס-יונג”, דעם „געדאַנק”, „דער, וואָס קריגט די פעטש” פון אַנדרייעוו.

די רעזשיסערן זײַנען געווען — לייב קאַדיסאָן, קאָוואַלסקי, דאָוויד הערמאַן, שפּעטער יאַנקעוו ראָטבאַום. יויסעף בולאָוו האָט שוין אַרויסגעוויזן פעיִקייטן צו רעזשי, ווי אויך אַלעקס שטיין. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אומגעהייערער דערפאָלג פון אַן-סקיס „דיבוק”. די ווילנער האָבן געשטעלט די פרעמיערע אין וואַרשע אַף קאַראָווע-גאַס. א גרויסער אוילעם האָט געשטראָמט אין טעאַטער דורך טיר און טויערן. אינטערעסאַנט איז צו באַמערקן אַז די קאָנדוקטאָרן פון די טראַמוויַען פלעגן בא קאַראָווע-גאַס אָפשטעלן די טראַמוויַען און מעלדן די פאַסאַזשירן: «Wysiadac na Dybuka!».

אָט אין יענער צײַט האָב איך געוואָלט אַרבעטן אין דעם טעאַטער, פאַרשטייט זיך, מיט בוזגאַנס הילף. אָבער דער דירעקטאָר מאַזאָ איז געווען זייער א האַרבער מענטש. ס'הייסט, אַלס דירעקטאָר איז ער געווען אַפן אָרט, נאָר מיך האָט ער ניט גענומען.

כעוול איז נאָך אַלץ אַליין ניט געשטאַנען אַף זײַנע פיס. אין 1929 איז בא אונדז געבוירן געוואָרן אונדזער טעכטערל מיריאַם, דאַן זײַנען שוין בא מיר די הענט געפּענטעט געוואָרן. מע האָט באַדאַרפט אויסהאָדעווען דאָס קינד. מיר האָבן באַשלאָסן אַוועקצופאָרן צו בוזגאַנס עלטערן קיין ווילנע. די פאַרנאָסע אונדזערע איז געווען א קליינע, און אָן זייער הילף וואָלטן מיר ניט געקאָנט עקזיסטירן. אין זעלבן יאָר האָב איך געהאַט גרוסן פון מײַן פאָטער און פון מײַן שוועסטער, אַז זיי וווינען אין ליובאַר, דער פאָטער האָט צום צווייטן מאָל כאַסענע געהאַט, די שוועסטער איז געוואָרן א לערערן אין א פאָלקסשול און האָט אויך כאַסענע געהאַט. מער קיין יעדיִעס האָב איך פון זיי ניט געהאַט. איך האָב צו זיי געשריבן פון פוילן פיל מאָל, אָבער קיין ענטפער ניט באַקומען, זיי געשיקט מײַן אַדרעס פון ווילנע, נאָר די בריוו זײַנען, ווײַזט אויס, ניט דערגאַנגען, און ווו זיי זײַנען אַהינגעקומען, ווייס איך ניט. עס איז נאָך געווען אַן אומרויִקע צײַט, סײַ אין פוילן, סײַ אין ראַטנפאַרבאַנד, און די קאָנטאַקטן מיט די אייגענע איז שווער געווען אָנהאַלטן.

אין 1924 איז די ווילנער טרופּע צעשפּאָלטן געוואָרן אַף צווייען — א טייל, אונטער מאַזאָס דירעקציע, האָט גאַסטראָלירט אין רומעניע, די צווייטע איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, ווו זיי האָבן לאַנג ניט אָנגעהאַלטן.

אין 1926 האָט זיך אין ריגע געעפנט א מינדערהײַט-טעאַטער מיט אַן אונטערשטיצונג פון דער מעלוכע און פון דער קעהילע. אָנפירער איז געווען אַווראָם מאָרעווסקי. ער האָט אונדז אַנגאַזשירט אין דעם טעאַטער. אין כעוולען האָט ער געזען א צוקינפטיקן שטערן. אויך מיך האָט ער געהאַלטן פאַר א טאַלאַנט. די ערשטע פיעסע, וואָס ער האָט אויפגעפירט, איז געווען אַלטער קאַציזנעס „דוכוס”. ער אַליין האָט געשפּילט דעם אַלטן דוכוס, און בוזגאַנען האָט ער אָנפאַרטרויט די פאַראַנטוואָרטלעכע ראָל פונעם יונגן דוכוס. איך האָב געשפּילט די שענקערקע, אויך א פאַראַנטוואָרטלעכע ראָל. דערנאָך האָט מאָרעווסקי אויפגעפירט דעם „דיבוק”, ווו ער האָט געשפּילט דעם מיראָפּאָליער צאַדיק און בוזגאַן — כאָנען. אינעם ספּעקטאַקל „דער, וואָס קריגט די פעטש” האָט בוזגאַן געשפּילט בעזאַנאָ, אָבער זיצן אַף איין אָרט האָט מאָרעווסקי ניט

געקאַנט. אים זײַנען פאַרגעשטאַנען גאסטשפילן אין אמעריקע און ארגענטינע, און ער איז אוועקגעפאָרן. די דירעקציע האָט איבערגענומען דער באַרימטער אַקטיאָר יוליוס אדלער. ער איז געווען זייער מוזיקאַליש, געשפּילט אויף עטלעכע אינסטרומענטן. דער רעפּערטואַר אין דעם טעאַטער איז באַשטאַנען מערסטנטייל פון יאַנקעוו גאָרדינס פּיעסן: „סאַפאָ“, „קרייצער־סאָנאַטע“, „דער פרעמדער“, ווי אויך אַ סאָוועטישע פּיעסע „דער כאַוער“ (דעם מעכאַבער געדענק איך ניט) און אָסיפ דימאָווס „זײַן לעצטע געליבטע“.

אדלער האָט אַנגאַזשירט זייער אַ טאַלאַנטירטע שוישפּילערן געניאַ שליט. זי האָט געשפּילט מירעלע עפראָס, און מיר האָט ער געגעבן די ראָל פון דער שנור שיינדעלע.

אין 1928 איז אונדזער טעכטערל שוין אַלט געוואָרן פינף יאָר. גערעדט האָט זי אויף דרײַ שפּראַכן: ייִדיש, רוסיש און פויליש. זייער אַ פעיִק קינד געווען. מיר פלעגן זי רופן „נאַכט־מענטשעלע“, אַ גאַנצן טאָג איז זי געווען, ווי אַלע קינדער, און אין אָוונט פלעגט זי אויפלעבן, אַן עמעסע אַקטריסע.

יוליוס אדלער האָט אויפגעפירט די פּיעסע „סאַפאָ“, וווּ עס איז דאָ אַ ראָל פון אַ קליין מיידעלע. ער איז צוגעשטאַנען צו אונדז, מיר זאָלן דערלויבן דעם קינד שפּילן, האָבן מיר דאָס דערלויבט. אָבער אָט איז די קליינע אַקטריסע קראַנק געוואָרן אויף מאָזלען, און אָן איר האָט מען די פאָרשטעלונג ניט געקאָנט שפּילן. דער דירעקטאָר האָט געמוזט אַרויסגיין פאַרן פאָרהאַנג און מעלדן דעם פאַרזאַמלטן עולם אין טעאַטער, אַז מיר מוזן, ליידער, די פאָרשטעלונג אָפּרופן, ווײַל די שוישפּילערן מיריאַמל בוזגאַן איז קראַנק געוואָרן אויף מאָזלען. עס איז געווען אי טראַגיש, אי קאָמיש. און מיט מיר איז אין יענער צײַט אין ריגע אויך געווען אַ מערקווירדיקער עפּיזאָד. יוליוס אדלער האָט מיך באַזעצט אין דער פּיעסע „דער כאַוער“ אין דער הויפּט־פרויען־ראָל, דער עולם אַקטיאָרן איז ניט געווען צופרידן, וואָס מיך, קימאַט אַן אָנפאַנגערן, פאַרטרויט ער אַ הויפּט־ראָל. האָט ער געענטפערט, אַז די פרוי דאַרף זײַן אַ שיינע. ווען ער האָט מיר געגעבן אין יאַנקעוו גאָרדינס „קרייצער־סאָנאַטע“ די ראָל פון דער עלטער ניאַניע, נאַטאַשע, האָט מען אים געפרעגט: „נאַטאַשע דאַרף אויך זײַן אַ שיינע?“, איז דער ענטפער געווען: „נאַטאַשע דאַרף זײַן אַ גוטע אַקטריסע“. ער איז געווען פאַרליבט אין מײַן וואָלינער דיאַלעקט.

אַרבעטן אין ריגע איז געווען זייער אָנגענעם. כעוולס דערפאָלג איז געוואַקסן. מע האָט אים גערופן אין ריגע „דער ייִדישער טיעטיערעוו“ (טיעטיערעוו איז געווען אַ באַליבטער אַקטיאָר אין ריגער רוסישן דראַמאַטישן טעאַטער).

צו דער טרופּע זײַנען צוגעקומען פיל באַגאַבטע אַקטיאָרן: מענאַכעם רובין, שפּעטער שלוימע קוטנער, אַלעקס שטיין, אַסיע קאַמיען, דינע קעניג, פראַניע ווינטער. דער טעאַטער האָט געשטעלט אי ערנסטע דראַמעס, אי אָפּערעטן. מענאַכעם רובין האָט אויפגעפירט שאָלעם־אַלייכעמס „סטעמפּעניו“, אַ סאָוועטישע פּיעסע „דער אורטייל“. שלוימע קוטנער האָט געשטעלט אָפּערעטן, אַלעקס שטיין — פיל פּיעסן פון דער ווילנער טרופּע. מיר האָבן זיך באַטייליקט קימאַט אין אַלע ערנסטע פאָרשטעלונגען, געפאָרן אויף גאַסטראָלן אין רעוועל, מיטאַווע, ליבאַווע, דווינסק, רעזשיצע און ליוצין. אָבער אין 1930 איז דער טעאַטער זיך צעפאַלן (די סיבע איז מיר ניט באַקאַנט), און מיר האָבן זיך אומגעקערט צוריק קיין פוילן. אונדזער טעכטערל האָט שוין באַדאַרפט אָנהייבן לערנען, זי איז געבליבן בײַ די עלטערן אין ווילנע, אָנגעקומען אין דעם צוגרייטונגס־קלאַס פון דער ווילנער רעאַל־גימנאַזיע און געלערנט זייער פלײַסיק ביז דעם יאָר 1937.

די ווילנער טרופּע איז געקומען צוריק פון רומעניע און אָנגעהויבן שפּילן אין וואַרשע, מע האָט אַרײַנגענומען נײַע קויכעס און מיר זײַנען אַנגאַזשירט געוואָרן צו די ווילנער. אין 1931 האָט יאַנקעוו ראָטבאַום רעזשיסירט אין דער ווילנער טרופּע צוויי פאָרשטעלונגען, וועלכע האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג: „דער בונט אין אויסבעסערונגס־הויז“ און „שרײַ, כינע“. בוזגאַן האָט געשפּילט דעם יונגן פריץ אין „בונט“ און דעם ערשטן כינעזער אין „שרײַ, כינע“, איך האָב אויסגעפּילט אין „בונט“ די ראָל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטקע און אין „שרײַ, כינע“ — די מאַדאַם כרישעל, אַ נעגאַטיווע ראָל. דער טעאַטער איז געגאַנגען אין איין פוס מיט דער צײַט. אין פוילן פלעגן זיך שוין אָפּט באַווײַזן רויטע פאָנען. דעם „בונט“, ווי געזאָגט, האָט רעזשיסירט יאַנקעוו ראָטבאַום, די דעקאָראַציע האָט געמאַכט אַ באַווּסטער קינסטלער אין פוילן, סירקוס, עס איז אויסגעבויט געווען אויף דער בינע אַ שיף, אַ בריק, און אין טעאַטער־זאַל — אַ ראַדיאָסטאַנציע, וווּהין די פראַנצויזישע בורזשואַזיע אַנטלויפט זיך באַהאַלטן פון די רעוואָלוציאָנערן. בײַסן לויפן דורך דעם טעאַטער־זאַל פלעג איך הערן, ווי די צושויער שיפּען אויף מיר: „אויסברעכן זאָל זי הענט און פיס, אָט די בורזשויקע!“ די פאָרשטעלונג האָט מען געשפּילט אין טעאַטער „סקאַלאַ“ אויף דזיעלנע 1, אין סאַמע מיטן

פון דער ייִדישער וואַרשע. דער אוילעם האָט געשטראָמט אין טעאַטער. מע פלעגט ארויספירן פונעם זאַל יענע צושויער, וועלכע האָבן געוויסע סצענעס אופגענומען צו ענטוזיאַסטיש, מיט הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן. דאָס איז געווען מאַמעש א סאַקאָנע, ווײַל פונדאַנען האָט דער וועג געפירט גלײַך אין „פּאַוויאַק". אָבער דעם אוילעם האָט עס ניט אָפּגעשראָקן. מיר פלעגן שפּילן „שרײַ, כינע" דרײַ מאָל א טאָג אין מעשעך פון דרײַ כאַדאָשים צײַט אָן אָפּרו. ס'איז דערגאַנגען דערצו, אז דער וואַרשעווער שטאָט-סטאַראָסטע האָט ארויסגערופן צו זיך דעם דירעקטאָר מאַזאָ און פאָרגעלייגט שפּילן אַן אַנדער רעפּערטואַר, וואָס זאָל ניט ארויסרופן קיין אומרוען.

מאַזאָ האָט פונדעסטוועגן זיך ניט צוגעהערט צו די דראָונגען און אונטערגענומען א טורנע איבער פוילן מיט „שרײַ, כינע". קיין גוטס איז דערפון ניט געווען. וווּהין מיר זײַנען ניט געקומען, פלעגן מיר מוזן עפּענען אונדזערע טשעמאָדאַנעס, מע זאָל דורכקאָנטראָלירן, צי מיר פירן ניט מיט זיך אומלעגאַלע ליטעראַטור.

ווען מיר האָבן באַדאַרפט שפּילן די פּיעסע „סאַווינקאָוו", האָט דער דירעקטאָר זי געבראַכט צום צענזירן. איבערגעלייענט די פּיעסע, האָט דער צענזאָר געפרעגט באַם דירעקטאָר: „ווער שפּילט דעם מאַטראָס דיבענקאָ?", ענטפערט ער: „בוזגאַן". „אויסמעקן די ראָל דיבענקאָ, — האָט דער צענזאָר א זאָג געטאָן, — בוזגאַן פאַרכאַפּט דעם אוילעם, און דאָס קאָן ברענגען צו אומאָרדענונגען". אויסמעקן די ראָל וואָלט געהייסן ארויסוואַרפן די פּיעסע אין מיסט. מיר האָבן דעריבער די פּיעסע ניט געשפּילט.

אין גאַליציע איז ביכלאַל געווען פאַרבאָטן צו באַווײַזן די פּיעסע „שרײַ, כינע". אין סטאַניסלאַוו, צום בײַשפּיל, האָט דער סטאַראָסטע געפאָדערט, מיר זאָלן שפּילן די פאָרשטעלונג פאַר אים אַליין, פאַר איין מענטש אין זאַל. ער האָט געוואָלט זײַן זיכער, אז ער איז גערעכט, וואָס ער דערלויבט ניט צו שפּילן אַזאַ טרייפע שטיק. דער טורנע איבער פוילן האָט געבראַכט דעם טעאַטער צו א קראַך. מיר האָבן זיך אומגעקערט צוריק קיין וואַרשע, געפּרוּווט באַנײַען אַלטע פּיעסן — „באַנאַכט אַפן אַלטן מאַרק", „קידעש-האַשעם", „דער דיבוק", „טאָג און נאַכט", אָבער דער טעאַטער אַף אַבאַזשנע-גאַס איז געווען פּוסט, קיין אוילעם איז ניט געקומען.

אַזוי האָט געדויערט, ביז מיר האָבן געקראָגן אַן אײַנלאַדונג אַף גאַסטראָלן קיין ענגלאַנד, פראַנקרײַך און בעלגיע. אין פּאַריזש האָבן מיר געשפּילט אינעם זאַל מוטואַליטע, אין לאָנדאָן — אין פּאַרשטין-טעאַטער, אין בריסעל — אין טעאַטער פּאַליע די באַזאַר. דאָרט איז אַף דער פאָרשטעלונג „קידעש-האַשעם" געקומען די אַלטע קיניגן.

מאַזאָ האָט געהאַט אין זיך א קויעך, ער איז געווען א גרויסע פּערזענלעכקײַט, אַן ערשטקלאַסישער אָרגאַניזאַטאָר. אָבער מיר האָבן באַדאַרפט האָבן א מעלוכע-אונטערשטיצונג. דאָס האָבן מיר ערשט דערפילט, ווען מיר האָבן אין 1949 פון דאָרעם-אַמעריקע זיך אומגעקערט צוריק קיין פוילן און זײַנען אַנגאַזשירט געוואָרן אין ייִדישן מעלוכע-טעאַטער אַפן נאָמען פון עסטער-ראָכל קאַמינסקע. אָבער ביזן 1949 איז נאָך זייער ווײַט. איך האָב זייער פיל צו דערציילן, וואָס עס איז מיט אונדז געווען, ווען די ווילנער טרופּע איז געקומען פון אויסלאַנד קיין פוילן.

מיר האָבן ווידער געשפּילט אין קאַמינסקעס טעאַטער אַף אַבאַזשנע-גאַס, געוואַנדערט איבער שטעט און שטעטלעך פון פוילן און ניט אויסגעהאַלטן די שווערע לאַסט, וואָס עס האָט געטראָגן אַף זיך א קינסטלערישער טעאַטער.

אין יאָר 1935 איז בוזגאַנס פאָטער געשטאָרבן. מיר זײַנען געקומען קיין ווילנע, געטרייסט די מאַמע און זיך. די מוטער האָט זיך געפילט זייער עלנט, אונדזער טאָכטער איז געווען בא דער באָבען, געלערנט אין רעאַל-גימנאַזיע, און מיר האָבן געזוכט ערגעץ-ווּ אַן אָנשפּאַר אין א גוטן טעאַטער. אין 1936 האָט אווראָם מאָרעווסקי צונויפגענומען אַן ערשטקלאַסישע טרופּע, און מיר זײַנען אויך אײַנגעלאַדן געוואָרן צו אים. דער רעפּערטואַר האָט אײַנגעשלאָסן בלויז פּערל פון דער ייִדישער און וועלט-דראַמאַטורגיע. פאַרשטייט זיך, צום אַלעם ערשטן איז געשטעלט געוואָרן „דער דיבוק", אין וועלכן מאָרעווסקי האָט געשפּילט דעם צאַדיק, בוזגאַן — דעם מעשולעך און איך — לייען. אינעם ספּעקטאַקל „דאָס לעבן רופט" פון ביל-בעלאָצערקאָווסקי האָט מאָרעווסקי געשפּילט דעם פּראָפעסאָר טשאַדאָוו, בוזגאַן — קאַשירין און איך — גאַלינע אַלעקסייעוונאַ. אין דער פאָרשטעלונג „די פאַרקויפטע נעשאָמעס" האָט בוזגאַן מאַמעש באַצויבערט דעם אוילעם, שפּילנדיק די ראָל פונעם מילכאָמע-ספּעקוליאַנט. אין דער פּיעסע „דער סיורפּריז" פונעם פּוילישן דראַמאַטורג כאַסטוואַראָווסקי האָט מאָרעווסקי געשפּילט דעם פּויער שוואַלאַ, איך — די פּויערטע שוואַלאַ און בוזגאַן — דעם זון דעם סטודענט, וואָס וויל שטודירן און האָט ניט קיין מאַטעריעלע מעגלעכקײַטן. דער פּויער און די פּויערטע זײַנען צוויי טראַגישע געשטאַלטן. מיר האָבן גע-

שפּילט אין ווילנע, ביאַליסטאָק, גראָדנע, זיך פיל אָנגעשטרענגט און ווי אַ קינסטלערישער טעאַטער אויך ניט אויסגעהאַלטן. מע האָט געדאַרפט האָבן דעקאָראַציעס, קאָסטיומען, און אַלץ — אויף די אייגענע פּלייצעס, אָן קיין שום אונטערשטיצונג.

אין 1937 האָבן כעוול בוזגאַן און סימכע נאַטאַן אָרגאַניזירט אַן אַנסאַמבל פון גוטע שוישפּילער, און זיי האָבן אים געבראַכט אויף גאַסטראָלן קיין גאַליציע. אין לעמבערג איז די טרופּע געשטאַנען אַכט כאַדאָשים. געשפּילט האָבן מיר אויף סלאָנעטשנע-גאַס, אין טעאַטער „קאָלאָסעום". אָבער מיר האָבן געמוזט איבעררײַסן די גאַסטראָלן און פאָרן קיין ווילנע: בוזגאַנס מוטער האָט זיך צוזאַמען מיט אונדזער טאָכטער געקליבן קיין ראַטנפאַרבאַנד. אין מאָסקווע האָבן געלעבט און שטודירט אירע צוויי קינדער, די איינציקע טאָכטער און דער יינגסטער זון. די טאָכטער אונדזערע האָט זי ניט געוואָלט איבערלאָזן מיט אונדז — אין ראַטנפאַרבאַנד וועט זי ווערן אַ מענטש און וועט ניט זײַן קיין ציגײַנערטע, אַזוי ווי מיר. זי האָט געהאַלטן, אַז אַקטיאָרן זײַנען בכלל ניט קיין מענטשן. אונדזער טאָכטער איז אין ראַטנפאַרבאַנד טאַקע געוואָרן אַ מענטש, געלערנט צוערשט אין אַ מיטלשול, דערנאָך אָנגעהויבן שטודירן פילאָלאָגיע — ענגליש, דײַטש און פּויליש. מיר האָבן זייער פיל איבערגעלעבט, וואָס מיר האָבן געדאַרפט זיך צעשיידן מיט אונדזער איינציק קינד, אָבער פאַרפאַלן, אַזוי האָט געוואָלט דער גורל.

אין 1939 האָבן מיר, אַ גרופּע שוישפּילער פונעם אַקטיאָרן-פאַריין, באַקומען אַן אַנגאַזשמענט אויף גאַסטראָלן קיין אַרגענטינע. דאָס איז געווען צוויי כאַדאָשים פאַר היטלערס אָנפאַלן אויף פּוילן. מיר האָבן זיך אוועקגעלאָזט אין ווײַטן וועג, ס'האָט שוין געשמעקט מיט פּולווער. די רײַזע האָט געדויערט דרײַ וואָכן מיט דער שיף. מיר זײַנען געקומען קיין בוענאָס-אײַרעס, וואָס באַטײַט אויף שפּאַניש „גוטע לופט", אָבער קיין גוטע לופט איז ניט געווען. אַרײַנגעפאַלן זײַנען מיר אין אַ טעאַטער, וווּ דער דירעקטאָר האָט געפּאָדערט פון אונדז בלויז בילִיקע מעלאָדראַמעס.

דאָך האָט די רײַזע קיין אַרגענטינע אונדז געראַטעוועט דאָס לעבן. מיר האָבן אויסגעמיטן די אָשוויענטשימס און טרעבלינקעס, כאָטש קיין האָניק האָבן מיר אין בוענאָס-אײַרעס ניט געלעקט.

ווען היטלער איז באַפאַלן דעם ראַטנפאַרבאַנד האָבן מיר פון אונדזער טאָכטער באַקומען אַ טעלעגראַמע: „זײַט רויִק אַזוי, ווי מיר זײַנען". אַזוי איז זי געווען זיכער אין דעם זיג פון דער רויטער אַרמיי איבערן פאַשיזם.

זײַענדיק אין אַרגענטינע בײַ דער פאַשיסטישער אָרדענונג, האָבן מיר זיך ניט געקאָנט פרײַ באַוועגן. דערפאַר האָבן מיר ווייניק געזען און ווייניק געוווּסט די געשיכטע פון אָט דעם לאַנד. מיר פלעגן באַזוכן דעם אַרגענטינער טעאַטער, וועלכער האָט זיך באַזירט בלויז אויף גאַסטשפּילער. איך בין ניט קיין אָנהענגער פון גאַסטשפּילער, נאָר פון גוטער קאָלעקטיווער שפּיל. וואָס שײַך די טעאַטער-געבײַדעס, זײַנען זיי אויסערלעך געווען זייער שיין, אָבער די באַלײַכטונג אויף דער בינע, די באַקוועמלעכקײַטן פאַרן שוישפּילער זײַנען ווי אין מיטלאַלטער. אונדז איז אויסגעקומען צו שפּילן אין אַ טעאַטער, וואָס געפינט זיך אין צענטער פון בוענאָס-אײַרעס, נאָר הינטער די קוליסן איז אַפילו ניט געווען קיין טואַלעט.

אונדזער איינציקער אָנשפּאַר זײַנען געווען די ייִדישע פּראָגרעסיווע אינסטיטוציעס. אונדז האָבן זיי געהאָלפן זיך שפּעריש אויסלעבן. אויך מיר האָבן זיי געהאָלפן צו קעמפן מיט אונדזער קינסטלערישן וואָרט פאַר אַ בעסערן מאָרגן. מע טאָר ניט פאַרגעסן, אַז דאָס זײַנען געווען מילכאָמע-יאָרן, און וואָס מיר האָבן געקאָנט, האָבן מיר געטאָן.

בוזגאַן איז געווען אַ גרויסער אַקטיאָר, אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, אַן איבערזעצער פון פּיעסן און ראָמאַנען, ער האָט מיטגעאַרבעט אין דער פּראָגרעסיווער ייִדישער צײַטונג „דאָס נײַע לעבן" — געדרוקט אַרטיקלען וועגן טעאַטער. אין זײַן איבערזעצונג האָבן זיך אין דער צײַטונג געדרוקט איליאַ ערענבורגס „דער שטורעם" און אַלעקסאַנדער פאַדייעווס „יונגע גוואַרדיע".

אין איינעם אַ פרימאָרגן זײַנען צו אונדז אין פּאַנסיאָנאַט, וווּ מיר האָבן געוווינט, געקומען צוויי מענטשן און זיך אָנגעפרעגט אויף בעוול בוזגאַן. די באַלעבאָסטע פונעם פּאַנסיאָנאַט האָט אָנגעוויזן די טיר פון אונדזער צימער. זיי האָבן געזאָגט צו מײַן מאַן, אַז זיי דאַרפן זיך מיט אים דורכשמועסן און אים אײַנגעלאַדן אין קאַפע. ער איז מיט זיי אוועק, און איך בין געבליבן אין צימער, ניט וואַרטנדיק אויף קיין שום שלעכטס. אָבער ווען זיי זײַנען שוין אַרויס פון שטוב, איז צו מיר אַרײַנגעקומען די באַלעבאָסטע פונעם פּאַנסיאָנאַט און מיר געזאָגט: „איר ווייסט, ווער די צוויי מענטשן זײַנען? דאָס זײַנען אַגענטן פון דער אויספיר-דינסט, זיי קאָנען אַרעסטירן אײַער מאַן..." איך האָב גלײַך אָנגעקלונגען

אין דער רעדאַקציע פון דער צײַטונג „דאָס נײַע לעבן" און דערציילט אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען. מע האָט מיר געזאָגט, אַז מע וועט אָנעמען אַלע מיטלען, קעדיי אים ארויס-רײַסן פון די נעגל פון דער געהיים-פּאָליציי. ערשט פיר אזייגער באַטאָג איז בוזגאַן גע-קומען אהיים. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז געווען אין אויספיר-אמט, מע האָט אים גענומען אַף א פאַרהער און געפרעגט, צי ער האָט די איבערזעצונגען פון „שטורעם" און „יונגע גוואַרדיע" געמאַכט אויס ליבע, צי פאַר געלט, און ווען ער האָט געענטפערט, אַז ער האָט געמאַכט די איבערזעצונגען פאַר געלט, האָט דאָס די פאַשיסטן באַרויִקט. אנדערש וואָלט מען אים געוויס פאַרשפאַרט אין טפיסע אָדער, אין בעסטן פאַל, אונדז ארויסגעשיקט פונעם לאַנד.

בוזגאַן האָט אופגעפירט אין יידישן טעאַ-טער „מיטרע" מיט א דאָרטיקן אנסאַמבל ה. לייוויקס „אופשטאַנד אין וואַרשעווער גע-טאָ". מיר האָבן געשפּילט די פּיעסע אין בוענאָס-אײַרעס דרײַ וואָכן און נאָכדעם ארויסגעפאָרן מיט איר איבער דער פּראָווינץ. פאָרן אין דער פּראָווינץ האָט געהייסן דורכ-מאַכן א וועג מיטן באַן איבער די ארגענטי-נער סטעפּעס, וועלכע רופן זיך אַף שפּאַניש „פּאַמפּאַ". די פענצטער פונעם צוג זײַנען פאַרהאַקט, עס זאָל ניט ארײַן קיין זאַמד. מיט וואָס צו עטעמען איז ניט געווען. די שוישפּילער, וועלכע זײַנען מיטגעפאָרן מיט אונדז, זײַנען ניט געזעסן אַף די בענק, נאָר געלעגן אַפן דיל מיט נאַסע האַנטעכער אַפן פּאָנעם. מיר האָבן באַזוכט די שטעט ראָזאַ-ריאָ — די צווייטע גרויסע שטאָט אין ארגענ-טינע נאָך בוענאָס-אײַרעס, קאָרדאָבאַ, וואָס געפינט זיך אין א באַרגיקער געגנט פאַר לונגען-קראַנקע, סאַנטאַרע, און אויך די צוויי יידישע קאָלאָניעס: מאָזעסוויל און מאָנטע-פיאָרע, ווו די מעלוכע-אָנגעשטעלטע זײַנען יידן. אפילע די אינדיאַנער זינגען דאָרט פאַר יידישע קינדערלעך וויגללידער אַף יידיש. דאָס-ראָוו יידן אין די קאָלאָניעס זײַנען באַשעפטיקט בא ערדאַרבעט און פיצוכט. מע רופט זיי אַף שפּאַניש גאַוטשעס. ווען מיר זײַנען שוין גע-ווען אין פּוילן, האָבן מיר געלייענט אין דער פּרעסע, אַז די עלטערע יידן אין די קאָלאָ-ניעס זײַנען קימאַט ניטאָ — אויסגעשטאָרבן (דאָרט שטאַרבט מען זייער יונג איבער די קלי-מאַטישע באַדינגונגען), און די יונגע גאַוטשעס האָבן פאַרלאָזט די קאָלאָניעס און זײַנען אוועק אין די שטעט שטודירן. די געוועזענע יידישע קאָלאָניעס זײַנען שוין אַלע קימאַט איבערגע-גאַנגען אין די הענט פון די ארגענטינער שפּאַניער.

מיר האָבן געשאַפן א „טעאַטער פון צוויי אַקטיאָרן". דער ערשטער קאָנצערט, איבער וועלכן מיר האָבן געאַרבעט דרײַ כאָדאָשים צײַט, איז געווען זייער א פאַרשיידנאַרטיקער: שאָלעם-אַלייכעמס „דאָס גרויסע געווינס", י.-ל. פּערעצעס „אויב ניט נאָך העכער" און „א קאָס פון א יידענע", א פראַגמענט פון מ. גאָרקיס „מוטער", אילף און פּעטראָווס „נערוועזע מענטשן", מוישע שימעלט „די פליי-טים-שיף", מאָטל טאַלאַלאַיעווסקיס „דאָס גע-זאַנג", מיכאַיל זאָשטשענקאָס „דער פאָטער". די רוסישע דיכטונג האָט איבערגעזעצט אַף יידיש כעוול בוזגאַן. נאָך האָבן מיר צוגעגרייט שאָלעם אשס „דער געט" — האַקלאַל, בלויז פּעריל. דער קאָנצערט האָט געהאַט א גרויסן דערפאָלג. מיר האָבן צוגעגרייט, פאַרשטייט זיך, קאָסטיומען און גרים, די מוזיק האָט אָנ-געשריבן דער יונגער קאָמפּאָזיטאָר י. שקליאַר.

נאָכן ערשטן קאָנצערט האָבן אָנגעהויבן זיך ווענדן צו אונדז געזעלשאַפטלעכע פּראָ-גרעסיווע אינסטיטוציעס מיט פאַרשלאָגן אופ-צוטרעטן בא זיי. און בוענאָס-אײַרעס איז דאָך א גרויסע שטאָט, מיט א באַפעלקערונג פון דרײַ הונדערט טויזנט יידן, א שלאַל פּראָגרע-סיווע אָרגאַניזאַציעס, יידישע שולן, קאָלערליי לאַנדסמאַנשאַפטן, צווישן זיי די וואַרשעווער און די לאָדזשער, דאָס מענדעלע-קולטור-הויז, בערגעלסאָן-קולטור-הויז, די פּערעץ-שול. אַלע זונטיק און שאַבעס זײַנען בא אונדז גע-ווען פאַרנומען מיט אופטריטן.

עס זײַנען שוין צו אונדז דערגאַנגען די שרעקלעכע יעדיעס וועגן די שכיטעס פון דער ברוינער פּעסט אין אייראָפּע. ס'האָבן זיך אָנ-געהויבן שאַפן קאָמיטעטן צוהילף פּוילן. מיר האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אָט דער הילפס-אַרבעט. פאַרשטייט זיך, אַז אונדזערע וואָרט-קאָנצערטן האָבן גערופן צום קאַמף קעגן פאַ-שיזם. מיר האָבן אָנגעהויבן אויסברייטערן די פּראָגראַמען, ארײַנגענומען י.-ל. פּערעצעס „שאָלעם-באַיִס", „דרײַ נייטערנס", שאָלעם-אַלייכעמס „די נעגידישע פּרעזשעניצע", „גיטל פּורישקעוויטש", „דער יאָמטעוודיקער צימעס", מוישע שולשטיינס געטאָ-לידער. אַזוי האָבן מיר געאַרבעט ביזן 1941, ווען היטלער האָט באַפאַלן דעם ראַטנפאַרבאַנד. די הילפס-אַרבעט איז געוואָרן נאָך ברייטער. אין דער פּראָגראַם האָבן מיר אײַנגעשלאָסן איציק פע-פערס „באַם ברודערס קייווער", „באַלשעמס קלאָלע", א פראַגמענט פון וואַנדע וואַסיליעווס-קעס „רעגנבויגן". א שטאַרקן רוישעם האָט געמאַכט כעוול בוזגאַנס „געטאָ-טרובאַדור". בוזגאַן האָט געשפּילט א האַלב-מעשוגענעם, וואָס בלאָנקעט ארום איבער די גאַסן פון דער געטאָ אין א צעפליקטן קאָסטיום מיט לאַטעס,

און אונטער איין לאטע, וואָס איז געווען אפן אונטערשטן טייל פונעם קערפּער, האָט ער אויסגעמאָלט א האקנקרייץ, וועלכן ער פלעגט אין א געוויסן מאָמענט אופהייבן.

אין יענער צײַט איז קיין ארגענטינע געקומען אף גאסטראָלן דער בארימטער אקטיאָר, דירעקטאָר פונעם ניו-יאָרקער קונסט-טעאטער מאָריס שווארץ. ער האָט אונדז אײַנגעלאדן צו שפּילן מיט אים צוזאמען. מיר האָבן געקענט גוט מאָריס שווארצן, פיל געלייענט וועגן זײַנע קונסט-פאָרשטעלונגען, און מיר האָבן זיך פון אזא פארגעניגן ניט געקאָנט אָפּזאָגן. שפּילן מיט אזא אקטיאָר איז געווען א גרויסער קאָוועד.

זעקס כאדאָשים האָט געדויערט אונדזער שעפערישע צוזאמענארבעט. עס זײַנען געשטעלט געוואָרן פאָלגנדיקע פּיעסן: „די ברידער אשקענאזי" פון י. זינגער, ווו שווארץ האָט געשפּילט דעם צוואַק, דעם גרויסן פאבריקאנט סימכע מייערן, בוזגאַן — זײַן צווילינג-ברודער, דעם אינטעליגענט, דעם לעבּיונג יאנקעוו בינעם, און איך — זייער מוטער. אין שאָלעם אשס „דער טילים-ייִד" האָט מאָריס שווארץ געשפּילט דעם צאדיק, בוזגאַן — דעם נאָווי, און איך — די פרוי פון א שטאָטבאלעבאָס. בוזגאַן האָט אזוי טרעפלעך געשאַפן זײַן געשטאלט, אז גאַנץ בוענאָס-אײַרעס איז געווען זיכער, אז ער איז טאקע אינדערעמעסן א פערדן-שפּילער, און ווער האָט דען געקאָנט גלייבן, אז בוזגאַן האָט אין זײַן לעבן קיין פערד-געציג ניט געזען! איך האָב אין דעם ספּעקטאַקל געהאט די ראָל פון א יונגער אמעריקאנער אָלרײַטניצע.

אינעם ספּעקטאַקל „דער וואסערטרעגער (סימכע לאכטע)", א גרויסער פאָרשטעלונג מיט א סאך טענץ, האָט שווארץ געשאַפן די הויפּט-ראָל, בוזגאַן איז ווידער געווען א נאָווי, איך — די שטאָט-גאבעטע. איך בין דאן נאָך יונג געווען און שלאנק, און באדארפט האָב איך שפּילן א דיקע ייִדענע, האָב איך זיך אויסגעבעט פון פאָרנט און פון הינטן מיט א ספּעציעלן קאָסטיום, אָנגעקלעפּט אפן פּאָנעם א גוידער, געמאכט די געהעריקע מאסקע. אלעמאָל האָט די צוגרייטונג צום ספּעקטאַקל פארנומען בא מיר ניט ווייניקער פון צוויי שאָ צײַט. מיר האָבן שווער געארבעט בא מאָריס שווארצן, אָבער ניט געפילט קיין מידקײַט.

ווען שווארץ האָט פארענדיקט זײַנע זעקס-כאדאָשימדיקע גאסטשפּילן אין בוענאָס-אײַרעס און מיר האָבן אים באגלייט צום פליפלאץ, האָט מיר איינע פון די שוישפּילערנס, א טאלאנטירטע אקטריסע, קלארע שטראמער, געזאָגט: „ריווקע, עס האָבן זיך פארענדיקט אונדזערע זיבן גוטע יאָר".

אין 1943 איז מאָריס שווארץ געקומען קיין מאָנטעווידעאָ אף גאסטראָלן, און מיר האָבן ווידער מיט אים מיטגעארבעט. עס איז אונדז געבליבן דער טאם און דער געשמאק פון זײַנע וואָגיקע ספּעקטאַקלען, וועלכע ער האָט געגעבן אין בוענאָס-אײַרעס, און מיר האָבן גערן אָנגענומען דעם פאָרשלאָג צו שפּילן מיט אים. ער האָט ווידער געשטעלט „די ברידער אשקענאזי" און דאָס מאָל האָב איך שוין אויסגעפּילט די ראָל פון א צארטער באשעפעניש — סימכע מייערס ווײַב דינעלע. די סצענעס פון דינעלעס געבורטסטאָג, איר כאסענע מיט סימכע מייערן, די טענץ, וועלכע עס האָט געשטעלט מאָריס שווארץ, זײַנען געווען הויך אָפּגעשאצט פון דער ייִדישער און אורוגווײַער פּרעסע.

מאָריס שווארץ איז געווען שעפעריש אייפערזיכטיק צו בוזגאנען, אָבער ער האָט אונדז זייער ליב געהאט, אפילע אונדז פאָרגעלייגט פאָרן מיט אים קיין ניו-יאָרק און שפּילן אין זײַן קונסט-טעאטער, מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט, מוירע געהאט פאר דער אמעריקע. איבעריקנס, מיר זײַנען געווען פארבונדן מיט דער מאָנטעווידעער ייִדישער געזעלשאפטלעכקײַט, געארבעט זייער פיל לעטוווס דעם ראטנפארבאנד. שווארצן האָבן מיר זייער באדאנקט און זיך מיט אים געזעגנט.

אונטער פּעראָנס פאשיסטישער דיקטאטור איז שווער געוואָרן צו ארבעטן מיט די פּראָגרעסיווע אָרגאניזאציעס און מע האָט אונדז געראטן אריבערפאָרן קיין מאָנטעווידעאָ. אין בוענאָס-אײַרעס האָט בוזגאנען געדראָעט אן ארעסט. מיר זײַנען אוועקגעפאָרן קיין מאָנטעווידעאָ. דאָרט האָבן געלעבט די דיכטער זשאָרזשי אמאדו און פּאבלאָ נערודא, וועלכע זײַנען אויך אנטלאָפן פון די פארפאָלגונגען מיצאד די פאשיסטישע רעגירונגען פון בראזיליע און טשילי.

אין דער הויפּטשטאָט פון אורוגווײַ זײַנען מיר אָפּגעווען דרײַ יאָר. געגעבן וואָרט-קאָנצערטן, ארויסגעטראָטן דורך ראדיאָ אין דער פּוילישער ראדיאָ-שאָ. אופגעטראָטן זײַנען מיר מיט ייִדישע און רוסישע לידער, דאָס הייסט — מיט סאָוועטישע. מיר האָבן מיטגעארבעט מיט די קאָמיטעטן, וועלכע האָבן געגעבן הילף דעם ראטנפארבאנד און פּוילן. עס זײַנען אָרגאנירט געוואָרן אזעלכע „טאזשערן", דאָס הייסט, ווארשטאטן, ווו מע האָט גענייט וואָלענע שטיוול, אזויגערופענע „קאמפּעראס" און אויך באנדאזשן פארן פראָנט. ווען מיר, די מיטגלידער פון די הילפס-קאָמיטעטן, פלעגן זיך אוועקלאָזן אין דער שטאָט צו זאמלען געלט אף אײַנקויפן פּעניצילין פאר די סאָוועטישע פראָנט-שפּיטאָלן, ווי אויך וואַרעמע קליידער,

קעדיי איבערשיקן קיין פוילן, פלעגן פאָרקומען רירנדיקע סצענעס. די אורוגווייַער שפּאַניער פלעגן עפענען ברייט די טירן פון זייערע געשעפטן און זאָגן אונדז: „נעמט אייַך אַלץ, וואָס עס איז נייטיק, קעדיי די וועלט זאָל גיכער פּאָטער ווערן פונעם היטלעריזם!" זיי האָבן געוווּסט און געפילט, אַז די העלדישע רויטע אַרמיי איז די רעטערן, און בלויז אַדאַנק דער רויטער אַרמיי וועלן מיר בלייַבן לעבן.

מיר האָבן אויך אָנגעפירט מיט דער דראַמאַטישער סטודיע אָפן נאָמען פון אווראָם מאָרעווסקי. ס'איז געווען זייער א פעיִקער אַנסאַמבל. בוזגאַן האָט געשטעלט ק. סימאָנאָווס „וואַרט אף מיר". אינעם ספּעקטאַקל האָבן מיר אייך געשפּילט: בוזגאַן — דעם רויטאַרמייער ניקאָלייַ, און איך — זייַן ווייַב ליזע. אין דער פאַרשטעלונג „די פּאַרטיזאַנער אף די סטעפּעס פון אוקראַיִנע" פון א. קאָרנייטשוק האָט בוזגאַן געשאַפן דאָס געשטאַלט פונעם פּאַרטיזאַן טשעסנאָק, און איך — פון דער פּאַרטיזאַנקע קאַטערינע.

בוזגאַן האָט אויך מיטגעאַרבעט מיט דער פּראָגרעסיווער יידישער צייַטונג „אונדזער פרייַנט".

אין איינעם א טאָג האָט זיך צו אונדז געווענדט א טעאַטער-דירעקטאָר פון בראַזיליע, ליובעלטשיק, א געוועזענער פּוילישער ייד. ער פלעגט אַראָפּברענגען קיין בראַזיליע אַנטראַקציאָנעלע שוישפּילער. מיט אים האָט מיטגעאַרבעט מאָריס שוואַרץ, אַרויסטרעטנדיק אין בראַזיליע מיט וואָרט-קאָנצערטן.

מיר זייַנען אַוועקגעפאָרן קיין ריאָ-דע-זשאַניירָאַ. דאָרטן איז דער קלימאַט נאָך שווערער, איידער אין אַרגענטינע, אַן עכטער טראָפּישער קלימאַט, אָבער פאַרפאַלן, מע דאַרף אַרבעטן. צוערשט זייַנען מיר אַרויסגעטראָטן מיט א קאָנצערט אין ריאָ-דע-זשאַניירָאַ, אין שטאָט-טעאַטער, דערנאָך האָבן מיר אייַנצווייען מיט בוזגאַנען געשפּילט די פּיעסע „קייטן פון לעבן" פון א יוגאָסלאַווישן דראַמאַטורג. ס'איז געווען אַן אינטערעסאַנטע פּיעסע, נאָר זייער א שווערע. א ספּעקטאַקל פאַר צוויי אַקטיאָרן: א מאַן, וואָס קערט זיך אום פון קאָנצלאַגער און איבערט די פרוי צו אַלץ און צו אַלעמען.

דערנאָך האָט אונדז דער דירעקטאָר געפירט קיין סאַן-פּאַולאָ, פּאָרטאָ אַליעגרע און צוריק קיין ריאָ, וווּ מיר האָבן געגעבן נאָך קאָנצערטן, ביז דער קאָנטראַקט האָט זיך געענדיקט. מיר זייַנען אייַנגעלאַדן געוואָרן דורך געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אויפטרעטן מיט וואָרט-קאָנצערטן. אין סאַן-פּאַולאָ האָבן מיר דערוואָרבן פיל פרייַנט, ליבהאָבער פון עכטער קונסט. אַרויסגעטראָטן זייַנען מיר אויך אין דער שטאָט בעל-האָריזאָנטע, אַרום וועלבער עס געפינען זיך די גרעסטע קאַווע-פּלאַנטאַציעס. עס איז וווּנדערבאַר צו זען, ווי מע פּרעגלט די קאַווע אין גרויסע פייַערן. מיר זייַנען אויך געווען איידעס, ווי מע וואַרפט א סאַך רויע קאַווע אין יאַם צוליב אייַנהאַלטן די פרייַז אָפן מאַרק. אין בעל-האָריזאָנטע האָבן מיר געוווינט בא זייער א רייַכן ייִדן — גויפמאַן, לויט פּראָפעסיע נאָענטער פרייַנט, ער האָט אויסגעהאַלטן די קאָמוניסטישע צייַטונג „טריבונאַ פּאָפּוליאַר". גויפמאַן האָט אונדז בעשום-אויפן ניט געלאָזט וווינען אין האָטעל, אייַנגעלאַדן צו זיך אין שטוב און געהאַלטן אונדז ווי אייגענע. ער פלעגט זייער ליב האָבן שמועסן מיט כוואַליען וועגן פּאָליטיק. די שמועסן פלעגן דויערן ביז 4—5 אַזייגער פאַרטאָג. איך האָב אין זיי ניט גענומען קיין אָנטייל. כ'האָב געהאַלטן בעסער פון טאָן, איידער פון ריידן.

אין א כוידעש אַרום זייַנען מיר אַוועקגעפלויגן אַזש קיין כעסיפע — א שטאָט, וואָס ליגט באַם עקוואַטאָר. מיר האָבן דאָרט געגעבן זעקס קאָנצערטן, יעדע וואָך א קאָנצערט אין שטאָטישן טעאַטער. אף א באַנקעט, וועלכער איז געווען אייַנגעאָרדנט צוליב אונדז, האָט מען געבראַכט א בריוו פון אונדזער טאָכטער, וועלכע האָט געוווינט אין מאָסקווע און איז ביז דעמלט געווען א יאָר אין עוואַקואַציע. זי האָט מיטגעטיילט, אַז זי האָט כאַסענע געהאַט מיט א כאַווער, מיט וועמען זי האָט צוזאַמען געלערנט. ער האָט אָנטיילגענומען אין דער מילכאָמע. דאָס איז געווען שוין אין 1946, נאָכן זיג איבערן פאַשיזם. געשריבן האָט זי אף אינדזער אַדרעס אין סאַן-פּאַולאָ, און די סאַן-פּאַולער פרייַנט האָבן איבערגעשיקט דעם בריוו קיין כעסיפע. מיריאַם האָט שטודירט אין לאָמאָנאָסאָוו-אוניווערסיטעט פילאָלאָגיע, און איר מאַן — אין א טעכנישן אינסטיטוט.

מיר האָבן פאַרענדיקט אונדזערע גאַסטשפּילן אין כעסיפע און אַוועקגעפלויגן צוריק קיין אַרגענטינע. פעראָן האָט שוין צו יענער צייַט אייַנגענומען א שטומעניש. ס'איז געוואָרן לייַכטער צו עטעמען. מיר זייַנען געפלויגן איבער די בראַזילייער דזשונגלעס צען שאָ צייַט און געקומען קיין בוענאָס-אייַרעס.

כעוול האָט רעזשיסירט אינעם פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער „סאַליע" קאָנסטאַנטין סימאָנאָווס „וואַרט אף מיר" און די פּיעסע „נעגערבלוט" (דעם אווטאָר געדענק איך ניט). בוזגאַן האָט געשפּילט דעם נעגער, און איך — זייַן מוטער, אויך א שוואַרצע. די פּיעסן זייַנען געגאַנגען מיט דערפאָלג, אָבער מיר האָבן אָנגעהויבן כאָלעמען וועגן אומקערן זיך אַהיים, קיין פוילן.

פוילן איז דעמלט נאָך געלעגן אין כורוועס. די זעקס מיליאָן ייִדן, וואָס זײַנען אומגעבראכט געוואָרן, פון זיי דרײַ מיליאָן פוילישע בירגער, די 20 מיליאָן קאָרבאָנעס, וואָס דער ראטנפארבאנד האָט געהאט אין דער מילכאָמע — דאָס אלץ האָט שווער געווירקט אף אונדזער געמיט, מיר האָבן אָבער געארבעט. מיר זײַנען אײַנגעלאדן געוואָרן מיט אונדזערע קאָנצערטן קיין טשילי מיצאד „סירקוליא איזראעליטא" (א ייִדישע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציע). אין טשילי זײַנען מיר אופגעטראָטן אין סאנטיאגאָ און אין וואלפאראיסאָ. דאָרט האָבן מיר איבערגעלעבט אן ערדציטערניש. פון טשילי זײַנען מיר געפלויגן איבער די אנדן-בערג קיין לא-פאס, אין דער הויפטשטאָט פון באָליוויע, וואָס ליגט 4000 קילאָמעטער איבערן יאם-פלאך. ס'איז שווער געווען צו עטעמען, אָבער מיר האָבן געשפילט. מיר זײַנען געווען אין נאָך צוויי שטעט פון באָליוויע — קאטשאבאמבא, וועלכע איז שוין נידעריקער, און ארורא, וואָס עס באטײַט אף שפאניש, „די פארשאָלטענע". אויך דאָרט וווינען ייִדן... מיר האָבן אָבער לאנג ניט אויסגעהאלטן. א קאָנטראקט האָבן מיר געהאט אף דרײַ כאדאָשים און געווען זײַנען מיר אין אָט די שווער צוגענגלעכע קאנטן זעקס וואָכן, דערנאָך נאָכאמאָל געפלויגן איבער די אנדן-בערג, קיין פערו, געגעבן קאָנצערטן אין לימא. אגעוו, איז אין לימא פאראן א גאס, וואָס רופט זיך „מאטא כודיאס", דאָס הייסט אף ייִדיש „הארגע ייִדן". אָט דער נאָמען איז נאָך געבליבן פון די אינקוויזיטאָרישע צײַטן.

פון באָליוויע האָבן מיר זיך אומגעקערט קיין ארגענטינע.

עס איז שוין אוועק צוויי יאָר, און מיר האָבן ערנסט אָנגעהויבן צו טראכטן וועגן פאָרן צוריק קיין פוילן. די פאָלקס-מעלוכע האָט שנעל אָנגעהויבן אופשטיין פון די כורוועס. די ייִדן, וועלכע זײַנען געבליבן לעבן, ווי אויך די רעפאטריִירטע פונעם ראטנפארבאנד, האָבן ניט ווייניק געטאָן, קעדיי אופשטעלן דאָס ייִדישע קולטור-לעבן. עס איז אָרגאניזירט געוואָרן דער קולטור-געזעלשאפטלעכער פארבאנד, ס'האָט אָנגעהויבן דערשײַנען א ייִדישע צײַטונג, מע האָט געשפילט ייִדיש טעאטער.

די פאָלקס-מעלוכע האָט געגעבן גרויסע אונטערשטיצונג, און אין יאָר 1949 זײַנען מיר, לויט דער אײַנלאדונג פונעם קולטור-געזעלשאפטלעכן פארבאנד, געקומען קיין ווארשע. מענטשן אין ארגענטינע האָבן באוווּנדערט דאָס, וואָס מיר פארלאָזן די זאטע ארגענטינע און פאָרן אין כאָרעוון פוילן.

ווען מיר האָבן מיט די אייגענע אויגן דערזען דעם גאנצן גרויל פון דער מילכאָמע, דעם שוידערלעכן כורבן, די צעשמעטערטע ווארשע, דעם אף קויל פארברענטן ווראָצלאוו, די רויִנען אין אנדערע שטעט, זײַנען מיר אופגעטרייסלט געוואָרן ביז כאלאָשעס. איך קאָן נאָך ביז הײַנטיקן טאָג ניט קומען צו-זיך. פאר מײַנע אויגן שטייט די צעהארגעטע געטאָ, האגאם די כאָרעווע שטעט זײַנען שוין אופגעשטעלט געוואָרן, מאמעש ניט צו דערקענען. ווארשע איז א פרעכטיקע שטאָט, אויך ווראָצלאוו, שטעטין, דאנציק, קאטאָוויצע און אנדערע שטעט אין אויבערשלעזיע און אין נידערשלעזיע זײַנען שיין.

אין ווארשע זײַנען מיר צום אלעם ערשטן אוועק צום דענקמאָל לעקאָוועד אונדזערע קדושים, די איפשטענדלער פון דער געטאָ. מיר האָבן מיט שווערער מי זיך דערשלעפט צום דענקמאָל. עס זײַנען שוין אפילע געווען אָנגעוויזן די נעמען פון די גאסן: אניליעוויטשא, זאמענהאָפא, נאליעווקעס, קארמעליצקא, — קעדיי די מאסן-באזוכער, וועלכע האָבן געשטראָמט צום דענקמאָל, זאָלן זיך אָריענטירן, ווו זיי געפינען זיך. באם דענקמאָל זײַנען מיר געבליבן שטיין, געוויינט מיט בלוטיקע טרערן. לאנג זײַנען מיר געשטאנען. איך האָב מוירע געהאט, עס זאָל מיט אונדז עפעס ניט געשען. דערנאָך האָבן מיר ווידער געלאָזט זיך גיין דורך די כורוועס אין האָטעל „פאָלאָניא", וועלכער איז אלפי-נעס געבליבן גאנץ. אין דרײַ טעג ארום זײַנען צו אונדז געקומען באוויירים, מיט וועלכע מיר זײַנען אָפגעפאָרן קיין לאָדזש, ווו מיר זײַנען אנגאזשירט געוואָרן אין טעאטער. לאָדזש איז פארהעלטניסמעסיק ניט געווען רויִנירט, אויסער דעם ייִדישן טייל.

די פוילישע פאָלקס-מעלוכע האָט געעפנט א ייִדישן מעלוכע-טעאטער אפן נאָמען פון עסטער-ראָכל קאמינסקע, אויסגעבויט א טעאטער אין לאָדזש. דירעקטאָר און קינסטלערישער לייטער פונעם טעאטער איז געוואָרן אידע קאמינסקע, עסטער-ראָכלס טאָכטער. עס זײַנען אײַנגעלאדן געוואָרן די לעבנגעבליבענע אקטיאָרן, און ס'איז פארווירקלעכט געוואָרן אונדזער כאָלעם. א ייִדישער מעלוכע-טעאטער! דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אונדזער עמעסע שעפערישע ארבעט.

די רעזשיסערן פונעם טעאטער זײַנען געווען אידע קאמינסקע, כעוול בוזגאן, יאנקעוו ראָטבאום, מייער מעלמאן, און די שפעטערדיקע יאָרן — דער פוילישער רעזשיסער קאָנראד סווינארסקי, נאטאן מײַזלער און איצט שימען שורמיין.

איך דארף דערמאָנען די קינסטלער-סצע-

נאָגראַפן, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן צו שאַפן
דעם ווונדערלעכן טעאַטער. אין מײַנע אויגן
איז דאָס געווען דאָס בעסטע און דאָס שענ-
סטע, וואָס איך האָב ווען-עס-איז געזען און ווו
איך האָב מיטגעאַרבעט. עדוואַרד גראָיעווסקי,
איוואַ גאַל, מאַריאַן סטאַנטשאַק, יאַדוויגאַ פּשע-
ראַצקאַ, אַלעקסאַנדער יענדזשעיעווסקי — אָט
די קינסטלער-סצענאָגראַפן האָבן מאַמעש באַ-
וויזן ווונדער. אונטער זייער צויבער-שטעקעלע
האָבן די טאַלאַנטירטע אַקטיאָרן געשאַפן גרוי-
סע מײַסטער-ווערק.

די ערשטע פאָרשטעלונג, וועלכע בוזגאַן
האָט רעזשיסירט, איז געווען לויט דער סאָווע-
טישער פּיעסע פון די ברידער פּיריעוו „די
מישפּאָכע לוטאָנין", דערנאָך — גוצקאָווס
„אוריִעל אַקאָסטאַ". דער טעאַטער איז אַריבער-
געפירט געוואָרן קיין ווראָצלאַוו, ווו עס זײַנען
געווען מער ייִדן, אויך אין אַן אייגענער גע-
בײַדע.

וואַרשע איז פּאַמעלעך אופגעשטאַנען פון
די כורוועס, און דער טעאַטער איז סאָפקאָל-
סאָף אַריבער אַהין, אַף קראָליעווסקע-גאַס, נומ.
13. דאָ האָט בוזגאַן רעזשיסירט שאָלעם-אַלײ-
כעמס „שווער צו זײַן אַ ייִד", מענדעלע מוי-
כער-ספאָרימס „די טרוימער פון קאַפּצאַנסק",
שאָלעם-אַלייכעמס „די גאָלדגרעבער", ה. לײ-
וויקס „דער גוילעם", אַרטור מילערס „אַלע
מײַנע זין", גראַנעמאַנס „יאַנקעוו און אייסעוו",
אַ רעוויו „צו זינגען און צו זאָגן", אָסיפּ די-
מאָווס „דער זינגער פון זײַן טרויער", ש.
אַנסקיס „טאָג און נאַכט", באַאַרבעט דורך
אַלטער קאַציזנע, און, פאַרשטייט זיך, דעם
„דיבוק", דאָס איז מאַמעש געווען אַ שעדעוור.
די פּרעסע, סײַ די פּוילישע, סײַ די ייִדישע,
האָט געשריבן, אַז דער „דיבוק" האָט איבערגע-
שטיגן אַלע דערפאָלגרײַכע פּיעסן.

איך וויל דאָ איבערעכענען די געשטאַלטן,
וואָס בוזגאַן האָט געשאַפן אינעם טעאַטער:
אוריִעל אַקאָסטאַ, בינימין אין די „טרוימער
פון קאַפּצאַנסק", דער מעשוגענער באַטלען אין
פּערעצעס „אַמאָל איז געווען" (רעזשי מייער
מעלמאַן), דער שיקערער דאָקטער אין „יאַנ-
קעוו און אייסעוו", אַלעקסיי אין דער „אָפּטי-
מיסטישער טראַגעדיע" (רעזשי אידע קאַמינ-
סקע), דער אַקטיאָר אין דער פּיעסע „מאָנסע-
ראַ" (רעזשי יאַנקעוו ראָטבאַום), טיעטיערעוו
אין מ. גאָרקיס „די קליינבירגער" (רעזשי מיי-
ער מעלמאַן), יוליִוס אין „יוליִוס און עטל"
פונעם פּוילישן דראַמאַטורג קרוטשקאָווסקי,
דער מאַהאַראַל אין „גוילעם", דעם צאַדיק אין
„טאָג און נאַכט", דעם מעלאַמעד אין „מייער
יוזעפּאָוויטש" פון עליזאַ אָזשעשקאָוואַ און דער
מעשולעך אין „דיבוק". דאָס זײַנען געווען גרוי-
סע געשטאַלטן און זיי האָבן זיך טייקעף אײַנ-
געקריצט אין זיקאָרן. יאָ, איך האָב נאָך פאַר-
געסן: כעוול האָט געשפּילט אויך דעם איי-
דעם — דעם אויסוווּרף אין קאָרטנשפּילער אין
שאָלעם-אַלייכעמס „סענדער בלאַנק" (אינסצע-
נירט און רעזשיסירט דורך יאַנקעוו ראָטבאַום),
פּראָפעסאָר מאַמלאָק אין פרידריך וואָלפס
פּיעסע.

די ייִדישע און פּוילישע פּרעסע האָט אויך
מײַן שפּיל געלויבט. און ראָלן האָב איך גע-
שאַפן ניט ווייניק: דעם קאָמיסאַר אין דער
„אָפּטימיסטישער טראַגעדיע", עטל אין דער
פּיעסע „יוליִוס און עטל", די באָבע-יאַכנע אין
„גאָלדפאַדן-כאָלעם" (רעזשי יאַנקעוו ראָטבאַום),
עליזאַ אָזשעשקאָוואַ אין דער פּיעסע „מיי-
ער יוזעפּאָוויטש", די מוטער אין „אוריִעל אַקאָ-
סטאַ", די מוטער אין „פּראָפעסאָר מאַמלאָק",
די מוטער קעיט אין „אַלע מײַנע זין", אַקולינאַ
בעסעמענאָוואַ אין מ. גאָרקיס „קליינבירגער",
די רעבעצן אין „טאָג און נאַכט", ווי אויך
עטלעכע עפּיזאָדן אין ברעכטס „שרעק און
נויט" (רעזשי קאָנראַד סווינאַרסקי), סאָרע שאַ-
פּיראָ אין „שווער צו זײַן אַ ייִד" (רעזשי כעוול
בוזגאַן). איך דאַרף אויך דערמאָנען גאָלדען
אין „טעוויע דער מילכיקער", עטי-מעני אין
„גרויסן געווינס", דאָס פּאָעטישע געשטאַלט
אין „דיבוק".

עס קומט אַ גרויסן דאַנק דער פאָלקס-
מעלוכע אין פּוילן, וועלכע האָט געשאַפן אַ
ווונדערלעכן טעאַטער און געגעבן די אַקטיאָרן
זיך שעפעריש אויסלעבן.

אונדזער טעאַטער האָט פיל מאָל באַזוכט
אויסלאַנד: די דײַטשישע דעמאָקראַטישע רע-
פּובליק, פראַנקרײַך, ענגלאַנד, בעלגיע, האָ-
לאַנד, ווו דער טעאַטער איז געווען צו עטלע-
כע מאָל. דעם גרעסטן דערפאָלג האָט געהאַט
„טעוויע דער מילכיקער" מיט בוזגאַנען אין
דער הויפּט-ראָל. דער דירעקטאָר פונעם טעאַ-
טער אין לאָנדאָן, וועלכער האָט אונדז אַראָפּ-
געבראַכט אַהין דרײַ מאָל, האָט דורכויס גע-
פּאָדערט, מיר זאָלן שפּילן „טעוויען", ווײַל די
פאָרשטעלונג האָט געבראַכט גרויסע קאַסעס.
ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ בילדערישע רעקלאַ-
מע: „די גרעסטע טעוויעס אַף דער ייִדישער
בינע: שלוימע מיכאָעלס, מאָריס שוואַרץ און
כעוול בוזגאַן". אין פּאַריזש האָט דער אוילעם
געשטורעמט די קאַסע, ווען מע האָט געשפּילט
„טעוויען".

די פאָלקס-מעלוכע האָט אויסגעבויט פאַר
אונדז אַ ווונדערלעכע געבײַדע אַפן פּלאַץ
גזשיכאָווסקי אין וואַרשע. דער זאַל איז ניט
קיין גרויסער, דערפאַר פאַרמאָגן גרויסע באַק-
וועמלעכקײַטן די בינע, די גאַרדעראָבן פאַר
די שוישפּילער, די וואַרשטאַטן אַף צו בויען
די דעקאָראַציעס און נייען קאָסטיומען פאַר די

שוישפּילער. אויך די עלעקטרישע באַלויכטונג איז א גרויסאַרטיקע. די פּוילישע מעלוכע שטיצט דעם טעאַטער מיט דער פולער האַנט — זי טיילט אויס 7 מיליאָן זלאָטעס א יאָר.

כעוול בוזגאַן איז פיל מאָל באַלוינט געוואָרן מיט מעלוכישע אויסצייכענונגען: א מעדאַל „10 יאָר פאָלקס-פּוילן", א „קאַוואַלערן-קרייץ", אן אָפיצערן-קרייץ פון ווידערגעבורט פון פּוילן, אן ארבעטס-פאָן פון ערשטער קאַטעגאָריע, א גאָלדענע מעדאַל פאַר סאָוועטיש-פּוילישער פריינטשאַפט. ער איז אויך געווען דריי יאָר קינסטלערישער לייטער פונעם טעאַטער. איך בין באַלוינט געוואָרן מיט דער מעדאַל „10 יאָר פאָלקס-פּוילן" און מיט א גאָלדענעם פאַרדינסטן-קרייץ.

אין יאָר 1967, ווען דער טעאַטער איז געפאָרן אַף גאַסטשפּילן קיין צאָפן-אַמעריקע, זיינען מיר, איך און כעוול, ניט מיטגעפאָרן. מיר זיינען געווען איינגעלאַדן אַף צוויי כאַדאָשים קיין פּאַריזש אופצופירן מיטן דאָרטיקן ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל שאָלעם-אַלייכעמס „די גאָלדגרעבער" („דרייצן פּעסלעך דוקאַטן"). כעוול האָט רעזשיסירט, און איך בין געווען זיין אַסיסטענט. מיר האָבן דערזען פאַר זיך א פעיִקן דראַמאַטישן אַנסאַמבל, א סאַך פון די אַרטיסטן וואָלטן געקאָנט פאַרנעמען אן ערשט אָרט אין א פראָפעסיאָנעלן טעאַטער.

גרויסע ענטוזיאַסטן און ארבעטס-מענטשן זיינען זיי — באַטאָג אַף דער ארבעט לויטן פאַך, אינאָוונט — אַף די רעפּעטיציעס. זיי אַליין שאַפן די דעקאָראַציעס, נייען די קאָסטיומען. פון פּאַריזש איז בוזגאַן אַוועקגעפאָרן אין דער דייטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק — ער האָט געשפּילט אין דער קינאָ-אַטעליע „דעפא" טעוויע דעם סטאָליער אינעם פילם „סערזשאַנט גרישע", לויט א ווערק פון ארנאָלד צווייג. אין צוויי וואָכן ארום האָט בוזגאַן זיך אומגעקערט קיין פּאַריזש און דערפירט די פאָרשטעלונג ביזן סאָף. ער האָט אויך אינעם דייטשישן פילם „דאָקטאָר שליטער פינדעט דויטשלאַנד" געשפּילט דעם פראָפעסאָר — א ראָל אן עפּיזאָדישע, אָבער א פאַראַנטוואָרטלעכע.

דער טעאַטער האָט זיך אומגעקערט צוריק קיין פּוילן. ווען א ריי שוישפּילער האָבן עמיגרירט, זיינען מיר אָן שום וואַקלונגען פאַרבליבן אין לאַנד, און בוזגאַן איז געווען דער קינסטלערישער לייטער פונעם טעאַטער. כעוול האָט אַוועקגעשטעלט ה. לייוויקס „דער גוילעם", ש. אַנסקיס „טאָג און נאַכט" און דעם „דיבוק".

דאָס איז נאָך אַלץ געווען אינעם טעאַטער אַף קראָליעווסקע, 13. ווען עס איז פאַרטיק געוואָרן די געביידע אַף דעם פּלאַץ גזשיכאָווסקי, האָט מען זי דערעפנט מיט א באַנייטן „טעוויע דער מילכיקער" (דעקאָראַציעס פון דעם טאַלאַנטפולן סצענאָגראַף מאַריאַן סטאַנטשאַק). אין קאָלעקטיוו זיינען געקומען שוישפּילער, וועלכע האָבן געענדיקט די דראַמאַטישע שול באַם טעאַטער. ייִדישע און פּוילישע יונגעלייט האָבן באַזוכט די דראַמסטודיע, געלערנט די ייִדישע שפּראַך, ליטעראַטור און טעאַטראַלע קונסט. די יונגע, וועלכע האָבן געשפּילט צייטלען, האָדלען, כאַוועען, ביילקען, פּעפּערל, פלעגן קומען צו מיר אַהיים אין די נאָכמיטיק-שאָען, איך זאָל מיט זיי איינשטודירן די ראָלן. איך האָב זיי געלערנט, באַקאַנט געמאַכט מיט שאָלעם-אַלייכעמס וווּנדערלעכע ווערק.

ביים דער דערעפענונג פונעם טעאַטער האָט כעוול בוזגאַן געפייערט זיין פּופּציקיאָריקע סצענישע טעטיקייט. פון אויסלאַנד זיינען אָנגעקומען פיל דעלעגאַציעס, וועלכע האָבן אים באַגריסט.

איך האָב אינעם ספּעקטאַקל „טעוויע דער מילכיקער" געשפּילט גאָלדען. כ'האָב זיך באַמיט, אַז מיין געשטאַלט זאָל זיין פאָלקסטימלעך, די טראַגישע סצענעס זאָלן אויסזען רעאַליסטיש, אַזוי ווי עס קומט פאָר אין לעבן.

כעוול בוזגאַן איז געשטאָרבן אין עלטער פון 73 יאָר. די וואַנדערונגען איבער דער וועלט, די צעשיידונג מיט דער טאָכטער, וועלכע מיר האָבן 17 יאָר ניט געזען, די מילכאָמע, די געטאָס האָבן זייער שטאַרק געווירקט אַף אים. איך בין געבליבן איינזאַם, ניטאָ מער מיין מאַן — דער גרויסער שוישפּילער כעוול בוזגאַן. ער איז מעקאַבער געוואָרן אין דער הויפּט-אַלייע פונעם גענשער בעסוילעם, לעבן דעם קייווער פון דער מאַמען פון ייִדישן טעאַטער עסטער-ראָכל קאַמינסקע. איך האָב אים געשטעלט א מאַציייווע מיט דער מאַסקע פון אוריִעל אַקאָסטאַ. אין דער אַלייע געפינען זיך די קוואָרים פון י.-ל. פּערעץ, אַווראָם מאָרעוווסקי, ש. אַנסקי, בערל מאַרק.

איך האָב געפּרוווט נאָך ארבעטן. יאַנקעוו ראָטבאַום האָט באַנייט שאָלעם-אַלייכעמס „דאָס גרויסע געווינס", וווּ איך האָב געשפּילט עטימעניו. אינעם „גאָלדפאַדן-כאָלעם" האָב איך אויסגעפּילט די ראָל פון דער באָבע-יאַכנע. מיין טאָכטער האָט פון מיר פאַרלאַנגט, איך זאָל קומען צו איר קיין מאָסקווע. כ'האָב איינגעפּאַקעוועט די זאַכן, זיך געזעגנט מיט די כאַווייִרים, מיט וועלכע איך האָב געשפּילט יאָרנלאַנג, און אַוועקגעפאָרן.

איצט געפין איך זיך בא מיינע קינדער אין מאָסקווע. דער איידעם איז אן אינזשעניער-קאָנסטרוקטאָר, קאַנדידאַט פון טעכנישע וויסנשאַפטן, זייער א ווילער מענטש. מיין

אייניקל האָט געענדיקט דעם פילאָלאָגישן פאַקולטעט, ווו זי האָט דערלערנט טשעכיש און פויליש. ניט לאַנג צוריק האָט זי כאַסענע געהאַט. איך בין שוין אַן עלטערבאָבע.

איצט בין איך אויף פּענסיע. די פּוילישע פאָלקס־מעלוכע שיקט איבער מײַן פּענסיע קיין מאָסקווע. איך פּיל זיך בײַ די קינדער ניט שלעכט, דאָס געזונט איז — ווי אַ מאָל: עס טרעפט, אַז כ׳פּיל זיך בעסער, אַן אַנדערס מאָל — ערגער. איך לייען אַ סאַך, עס איז דאָ וואָס צו לייענען: די רוסישע קלאַסיק, די סאָוועטישע דראַמאַטורגיע, די ווערק פון די מאָסקווער ייִדישע שרײַבער, דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

אין 1978 בין איך אַלט געוואָרן 75 יאָר. מײַנע קינדער האָבן מיר אײַנגעאָרדנט אַ גרויסאַרטיקן יאָמטעוו. עס זײַנען געווען אַלע קרוֹיווים, וועלכע וווינען אין מאָסקווע, איך האָב באַקומען באַגריסונגען פון פרײַנט אין פּוילן, ענגלאַנד, בעלגיע.

אָט האָב איך פאַרענדיקט מײַנע זיכרוינעס. געשריבן האָב איך זיי מיט פּיל האַרץ, מיט גרויסער ליבע פאַר אַלע פרײַנט, וועלכע מיר האָבן דעראָבערט אין אונדזערע וואַנדערונגען, פאַר אַלע שוישפּילער — כאַווײרים, מיט וועמען מיר האָבן צוזאַמען געאַרבעט לאַנגע יאָרן, פאַר אַלעמען, ווער עס האָט אונדז געגעבן די מעגלעכקייט צו לעבן, שאַפן און טראָגן דעם שווערן יאָך. אין ליידן און אין פריידן האָבן מיר געלעבט און געפירט אַ קאַמף פאַר אַ בעסער ייִדיש טעאַטער.

איך האָב געשריבן די זיכרוינעס, כּדי אונדזערע אָנצאָליקע פאַרערער זאָלן לייענען און וויסן, וויאַזוי עס האָבן געלעבט די צוויי קינסטלער — כעוול בוזגאַן און ריווקע שילער־בוזגאַן.

מײַן הייסער ווונטש איז איצטער, עס זאָל זײַן שאָלעם אויף דער וועלט, אַז די וויַיטערדיקע דוירעס זאָלן ניט דורכמאַכן אַזעלכע טראַגישע צײַטן, וועלכע זײַנען אויסגעפאַלן אויף אונדזער גוירל.

כראָניק

דער בירָאָבידזשאַנער שאָו־אַנסאַמבל „פריילעכס" אין מאָסקווע

האַיאָר איז אין מאָסקווע געשטאַנען אַ זעלטענער גאָלדענער האַרבסט, וואָס האָט זיך לענגער ווי געוויינלעך ניט געקאָנט צעשיידן מיטן זומער. באַזונדערס שעפעדיק איז ער געווען פאַר די ייִדישע עסטראַדע־אַנסאַמבלען, וועלכע האָבן אין אָט דער צײַט גאַסטראָלירט אין די שענסטע זאַלן פון דער סאָוועטישער הויפּטשטאָט. אָנגעהויבן האָבן אָט די גאַסטראָלן די געסט פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט — דער בירָאָבידזשאַנער שאָו־אַנסאַמבל „פריילעכס" אונטער דער אָנפירונג פון איליאַ לערנער.

דער יונגער עסטראַדע־קאָלעקטיוו האָט מיט דערפאָלג דורכגעמאַכט צענדליקער גאַסטראָל־רײַזעס אין די שטעט און ייִשוּווים פון אונדזער לאַנד. די איצטיקע גאַסטראָלן זײַנען צום ערשטן מאָל פאָרגעקומען אין מאָסקווע. אין מעשעך פון צוויי וואָכן איז דער אַנסאַמבל מיט דערפאָלג אַרויסגעטראָטן אין זאַל קאָנצערט־זאַל „וואַרשאַווע" און אין קולטור־פּאַלאַץ באַם אינסטיטוט פון די אינזשעניערן־אײַזנבאַנער.

די פאַרשיידנאַרטיקע קאָנצערט־פּראָגראַם, וואָס באַשטייט פון ייִדישע פאָלקסלידער, טאַנץ־סויִטעס און סקעטשן, רופט אַרויס אַפּלאָדיסמענטן, כאָטש ניט אַלץ, וואָס דער יוגנטלעכער קאָלעקטיוו האָט באַוויזן, קאָן באַפרידיקן די שטרענגע פאָדערונגען פונעם הײַנטצײַטיקן צושויער.

אין די סאָלאָ־נומערן טיילן זיך באַזונדערס אויס די אויספילערנס פון ייִדישע פאָלקסלידער ריטע פּראַדקינע און אינע סלאַווסקאַיאַ און די אינטערמעדיעס פון איליאַ לערנער.

דער אַנסאַמבל גרייט אַ נײַע קאָנצערט־פּראָגראַם צום פאָרשטייענדיקן 50־טן יובילײ פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

אלעקסאנדער בעלאָוסאָוו

גאָר פּלוצעם, אומגעריכט...

און עפשער היינט צום ערשטן מאָל
האָב איך דערפילט דאָס האַרטע שטאָל
פון וואָרט...

כאַיִםביידער

צום ערשטן מאָל האָב איך געלייענט כאַיִם ביידערס לידער אין 1965, אין דער אַנטאָלאָגיע „האָריזאָנטן". איך האָב דעמלט ערשט אָנגעהויבן לערנען זיך ייִדיש און נאָך ניט גענוג געקענט די שפּראַך. ביידערס לידער, צוליב זייער פּראָסטקייט, ניט־געקינצלטקייט, זייַנען פאַר מיר געווען מער צוגענגלעך ווי דאָס שאַפן פון אַנדערע פּאָעטן, מער קאָמפּליצירטע אין שפּראַך און אין פאָרם.

שפּעטער, ווען כ'האָב אָנגעהויבן שרייַבן אַליין, באַזונדערס ווען איך האָב שוין געדרוקט מייַנע ערשטע לידער און פאַר מיר איז געשטאַנען אַ פּראָבלעם פון „זעלבסטבאַשטימונג" — געפינען און פאַרנעמען אַ געוויסע ליטעראַרישע פּאָזיציע — האָב איך אויך ניט אַרויסגעלאָזט פון אויג ביידערס שאַפן. איך מוז אָבער אָפנהאַרציק מודה זייַן, אַז כ'האָב זיך צו אָט דעם פּאָעט באַצויגן צוריקגעהאַלטן. ער איז דאַן געווען פאַר מיר קוידעםקאָל אַ מעכאַבער פון פּאָליטיש אַקטועלע לידער, און דאָס האָט פאַר מיר באַטייַט — אין אַ גרויסער מאָס האַלט איך זיך בא אַזאַ שטעלונג אויך איצט — „איינטאָגיקייַט".

פאַרשטייט זיך, אַז אונדזערע אידעאַלן, וועלכע ער האָט דעקלאַרירט אין זייַנע לידער, זייַנען מיר, ווי יעדן סאָוועטישן מענטשן, געווען נאָענט און טייַער. דער פּאַטאָס פון דער סאָציאַליסטישער בויונג, וואָס איז אַזוי בולט אויסגעדריקט אין זייַנע סיבירער מאָטיוון, איז מיר אויך געווען פאַרשטענדלעך, אָבער איך האָב דאָס אויפגענומען מער מיטן קאָפּ ווי מיטן האַרצן. טענדענץ און טענדענציעזקייַט זייַנען צוויי פאַרשיידענע זאַכן. שרייַבן אינגאַנצן אָן אַ טענדענץ איז פאַר אַן עמעסן דיכטער ניט מעגלעך, ווען ער וואָלט דאָס אַפילע זייער וועלן. אָבער ווען די טענדענץ איז אַן אונטערגעשטראָכענע, אַ געבראַכטע פון אויסן, ווען זי קוועלט ניט אָרגאַניש פון דעם דיכטערס האַרץ — דאָס איז שוין עפּעס אַנדערס, און די שאַפונג ווערט אָן די נאַטירלעכקייַט.

אַזעלכע ביידערס לידער זייַנע, צום בייַשפּיל, „דער שלאָס" אָדער „די באַלאַדע וועגן עלנטן הונט" —

...עפשער מ'וועט ביכלאל דיך מער ניט העצן,
ווייַל וויפל מענטשן קומען דאָ צו גיין,
בלויז פרייַנטשאפט, וואָס מיט זיי וועט זיך באַזעצן,
אין הויז וועט באלעבאטעווען אליין, —

אַזעלכע לידער, באַרופענע צו וועקן אין מענטשן גוטע געפילן פון קעגנזייַטיקער פרייַנטשאַפט, צוגעלאָזטקייַט — האַקלאַל, לידער, וואָס זאָגן, אַז אַ מענטש דאַרף זייַן אַ מענטש, — זייַנען מיר, פאַרשטייט זיך, געווען צום האַרצן צוליב זייער גוטסקייַט און מענטשלעכקייַט, האָגאָם אין זיי פלעגט מיך צומאָל פאַרדריסן די דידאַקטישקייַט, די אָפענע מוסערהאַסקלדיקייַט.

און אויך ווען כאַיִם ביידער איז אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, ווען מיר האָבן סאָף 70־ער יאָרן זיך באַקאַנט פערזענלעך און ניט איין שאָ פאַרבראַכט אין לאַנגע, אויספירלעכע שמועסן, האָט זיך מייַן שטעלונג לעגאַבע אים, דעם דיכטער, ווייניק געענדערט. איך

פלעג אים גערן פאַרלייענען מײַנע לידער, ווײַל זײַנע באַמערקונגען זײַנען טאָמיד צו דער זאַך און באַגרינדעט. כ'בין אים אָבער קיין איין מאָל ניט מעקאַנע געווען אַף א ליד, ווי כ'פלעג זײַן מעקאַנע גרוביאַנען אָדער ווערגעליסן. ביז איינמאָל...

סאָף זומער 1979 בין איך געקומען צו פאָרן קיין מאָסקווע און געבראַכט אין דער רעדאַקציע נײַע לידער. מיר זײַנען געזעסן מיט כאַים ביידערן אין זײַן ארבעט-צימער און געשמועסט. עס איז אַרײַן צוליב עפּעס א מיט-ארבעטער פון רעדאַקציע און צווישן אַנדערן געבעטן ביידערן, ער זאָל דורכלייענען די ליד וועגן דעם מענטשלעכן זיקאָרן.

א מאָדנע זיקאָרן די מענטשהײַט פאַרמאָגט,
א מאָדנע זיקאָרן:
אַזויפיל זי האָט אין געהיימניס פאַרמאָגט,
אַזויפיל פאַרלאָרן!

דאָס שלעכטע געדענקט זי, דאָס גוטע — פאַרגעסט
מיט הארבער אַקשאָנעס.
מיט מאָסן מיט וועלכע זי וועגט און זי מעסט —
באַגרײַפן ווער קאָן עס?

ווי האָט ער געהייסן, דער גאָען, וואָס האָט
אין אוראַלט פון יאָרן
דער ערשטער פאַרבויגן א צווײַג פאַר א ראָד,
ס'זאָל גרינג זײַן צו פאָרן?

מע ווייסט,
ווער דער ערשטער א ביקס האָט געמאַכט —
אַז בלוט זאָל זיך גיסן,
נאָר ווער צו א גראָבײַזן האָט זיך דערטראַכט —
מע קאָן שוין ניט וויסן.

די צײַט איז אַוועק, און ס'איז ניט אַזוי פּראָסט
דעם שוירעש געפינען —
ניט איבערגעבליבן, ניט איבערגעלאָזט
קיין שפּור און קיין סימען.

מע ווייסט,
ווער דער ערשטער געמאַכט האָט א טאַנק —
פאַרייביקט מע האָט עס,
נאָר ווער האָט דערטראַכט זיך
צו דרעשן, דעם זאַנג —
פאַרבליבן א סאָד איז.

מע ווייסט,
ווער באַגליקט האָט דער ערשטער די וועלט —
א באָמבע געגעבן,
נאָר ווער ס'האָט אַן אַקער געמאַכט פאַרן פעלד —
פאַרמעקט איז אין לעבן.

פאַרגעסן... פאַרמעקט... אין געהיימניס פאַריאָגט,
אַף אייביק פאַרלאָרן.
א מאָדנע זיקאָרן די מענטשהײַט פאַרמאָגט,
א מאָדנע זיקאָרן!

די דאָזיקע פּרעכטיקע ליד באַשטעטיקט נאָכאַמאָל דעם אַלטן עמעס, וואָס ווערט, ליי-דער, פון אייניקע אָפּט פאַרגעסן, און דעריבער דאַרף מען אים פון צײַט צו צײַט דערמאָנען: אַף א לאַנג לעבן קאָנען אויסרעכענען בלויז אַזעלכע ווערק, וואָס האָבן אַן אַלמענטשלעכע באַדײַטונג, און דאָס הייסט — א הומאַניסטישן אינהאַלט. איך ווײַל, אַז מע זאָל מיך פאַר-שטיין ריכטיק: איך בין דערמיט גאָרניט אויסן קעגנצושטעלן דאָס הומאַניסטישע דעם פּוב-ליציסטישן, ווײַל אַזא קעגנשטעלונג איז אין בעסטן פאַל א מיספאַרשטייעניש, ווי ס'איז אויך א מיספאַרשטייעניש צוצוגעבן צום הו-מאַניזם דעם עפּיטעט „אַבסטראַקטער".

דער דיכטער-קאָמוניסט כאַים ביידער באַטראַכט די מענטשלעכע געשיכטע, אין וועלכער מע קאָן קוים אָנציילן בא דרײַ הונדערט איינגאַנצן פרידלעכע יאָר — און זײַן האַרץ ווערט באַגאָסן מיט בלוט. די מענטש-הײַט פאַרמאָגט אַזא מאָדנעם זיקאָרן ניט דער-פאַר, ווײַל דער מענטש איז בעטעווע שלעכט, נאָר ווײַל זײַן געשיכטע איז טאַקע די גע-שיכטע פון ליידן. דער דאָזיקער אײַנפאַל מיטן מענטשלעכן זיקאָרן איז טיף פילאָסאָפיש און געפילרײַך אײַנצײַטיק, ס'איז א מוסטער פון דיאַלעקטישער פאַרבינדונג צווישן געדאַנק און געפיל. די עמאָציעס ווערן ניט אויסגע-דריקט מיט אָפענע רייד, זיי באַהאַלטן זיך אין דעם אונטערטעקסט, „צווישן די שורעס", און ווירקן דעריבער אַפן לייענער מיט געקייפלטער קראַפט. און אַזא רײַכער אינהאַלט ווערט אײַנ-געהילט אין אַזא שטרענגער, פעסט געבויטער און איידל געטאָקטער פאָרם! דער אָפּקלײַב פון פּאָעטישע און שפּראַכלעכע מיטלען איז א זאָרגפעליקער און א העכסט שפּאָרעוודיקער. די גראַמען זײַנען פאַרשיידנאַרטיקע — פון פּראָסטע און געוויינלעכע („יאָרן — פאָרן", „געמאַכט — דערטראַכט") ביז קאָמפּליצירטע („אַקשאָנעס — ווער קאָן עס", „מע האָט עס — א סאָד איז"), אָבער ס'איז דערין ניטאָ קיין שום שפּילערײַ מיטן וואָרט — אַלע גראַמען אַן אויסנאַם זײַנען אינהאַלטלעך אָנגעלאָדן. בא אַזא קאָמפּליצירטער קאָנסטרוקציע פון דער סטראָפע קלינגט די דיכטערישע פּראָזע פרײַ און אומגעצוווּנגען. בלויז אין דרײַ ער-טער איז קוים-קוים צו באַמערקן אַן אָפּוויי-כונג פונעם נאַטירלעכן וואָרט-סיידער. דאָס שטרײַכט אָבער בלויז אונטער די פּערפעקט-קײַט פון דעם דיכטערס באַהערשן די שפּראַך. די בעסטע אייגנשאַפטן פון יידיש-לאַשן, זײַנע מעגלעכקײַטן צו איבערגעבן די קאָמפּליצירט-סטע און אינהאַלטרײַכסטע געדאַנקען און גע-פילן זײַנען דאָ געקומען צום אויסדרוק.

איך פאַרגעס ניט, אַז אַזוינס געלינגט דעם דיכטער ווײַט ניט יעדן טאָג, אָבער איך רייד דאָ ניט וועגן דעם גאַנצן שאַפן זײַנעם, נאָר וועגן איין ליד, וואָס איז דערווײַל, לויט מײַן מיינונג, זײַן בעסט ווערק.

קעדיי עס זאָל זיך ניט שאַפן אַן אײַנדרוק, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַן אַזויגערופענעם „דיכטער פון איין ליד", וועל איך מאַכן נאָך אַ פּאָר שלוס-באַמערקונגען.

איך וואָלט געקאָנט אַנאַליזירן אויך פיל אַנדערע לידער ביידערס — כאָטשבי יענע, פון וועלכער כ'האָב גענומען אַן עפּיגראַף צו מײַנע נאָטיצן, אָדער „באַם דענקמאָל אין באַבי יאַר", אָדער „אַ לויב דיר, האַרץ!" און אַנדערע לידער פונעם ציקל „גלויבן" אין זײַן ביכעלע „כאַנוקאַס-האַבאַיס", ווי אויך די שפּעטערדיקע געדרוקטע אין זשורנאַל לידער, וועלכע אייגענען זיך טעמאַטיש און אינטאָנאַציאָנעל מיט דעם דאָזיקן ציקל, — און כ'וואָלט געקומען צו ניט ווייניקער פריידיקע אויספירן.

דער דיכטער אַרבעט פיל איבער זיך. זײַן פּאָעטישער בליק ווערט וואָס אַ מאָל טיפער, זײַן וואָרט-מײַסטערשאַפט — שאַרפער און געטאָקטער, זײַן געוויסע גראָדליניקייט און דידאַקטישקייט ווערט אַלץ אָפטער פאַרוואַנדלט אין אַ זיכערער און רויִקער איבערצײַגעוודיקייט. זײַן ערנסטע באַציִונג צו זיך איז צו זען פון דעם, ווי שטרענג ער האָט אָפּגעקליבן מאַטעריאַל פאַר זײַן ביכעלע, וואָס שליסט אין זיך אײַן לידער פון 1948 און ביז 1979.

כוץ דעם אָריגינעלן דיכטערישן שאַפן איז כאַיִם ביידער אויך טעטיק אין די געביטן פון פּאָעטישער איבערזעצונג, פאַרצייכענונג און ליטעראַטור-פאָרשונג. עס פאַרדינען אויפמערקזאַמקייט זײַנע באַאַרבעטונגען פונעם קרימטשאַקישן פאָלקלאָר, פון וועלכע אייניקע געלונגענסטע מוסטערן זײַנען אַרײַן אַלס אַ באַזונדער ציקל אין דער זאַמלונג „כאַנוקאַס-האַבאַיס". פון זײַנע פאָרשערישע אַרבעטן איז קעדיי צו דערמאָנען די פּובליקאַציעס וועגן מענדעלע מוכר-ספרים און וועגן שאָלעם-אַלייכעמס קסאַוויאַדן.

די דאָזיקע ברייטקייט פונעם שעפערישן דיאַפּאַזאָן איז בלויז צו באַגריסן. פאַר מיר אָבער איז איצט כאַיִם ביידער קודעמקאָל אַ דיכטער מיט גוטע וואָרצלען אין דער טראַדיציע, הויפּטזאַכלעך, ווי מיר שײַנט, אין האַלקינס פילאָסאָפישער ליריק. אין איינע פון זײַנע פּובליקאַציעס, ניט לאַנג צוריק, האָט ער זיך אויך אַנטפּלעקט אַלס באַגאַבטער פּאָעט פאַר קינדער. האַקלאַל, איך טייל פולשטענדיק פאַנאַנדער זײַן באַגלייבטקייט, ווען ער זאָגט:

> איך גלייב און ווייס: ס'איז מיר באַשערט
> דאָס שענסטע וואָרט מײַנס נאָך דערזאָגן.

כראָניק

ל. קוויטקאָ און ש. דריז אין מאָלדאַוויע

דער רעפּובליקאַנישער פאַרלאַג פון מאָלדאַוויע „ליטעראַטורא אַרטיסטיקע" האָט אַרויסגעלאָזט אַף מאָלדאַוויש אַ פאַרביקע לידער־זאַמלונג פאַר קינדער „דער בוים פון פרײַנטשאַפט". אין דער אויסגאַבע זײַנען צונויפגעזאַמלט קינדער־לידער פון ס. מאַרשאַק, ס. מיכאַלקאָוו, יאַ. אַקים, אַ. באַרטאָ. אַ היפּש אָרט פאַרנעמען די לידער פון לייב קוויטקאָ און שיקע דריז (אין דער איבערזעצונג פונעם באַוווּסטן מאָלדאַווישן דיכטער אַרקאַדיִע סוטשעוויאַנו).

ה. פּאָליאַנקערס אַ דערציילונג אין קיִעווער זשורנאַל „ראַדוגאַ"

דער ליטעראַריש־קינסטלערישער זשורנאַל „ראַדוגאַ", וועלכן ס'לאָזט אַרויס אַף רוסיש דער שרײַבער־פאַרבאַנד פון אוקראַיִנע, האָט אין יול כוידעש פאַרעפנטלעכט הערשל פּאָליאַנקערס נאָוועלע „אַ רײַזע קיין אומאַן", וועלכע איז זײַנערצײַט געווען געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד". אין דעם ווערק דערציילט דער אווטאָר וועגן זײַנע באַגעגענישן מיט דעם אוקראַיִנישן דיכטער לעאָניד סאָלאָמאָנאָוויטש פּערוואָמײַסקי.

אַ נײַע לידער-זאַמלונג פון שלוימע טשערניאַווסקי

אין קיִעווער פאַרלאַג „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק" איז דערשינען אַ לידער־זאַמלונג פונעם פאַרשטאָרבענעם ייִדישן סאָוועטישן דיכטער שלוימע טשערניאַווסקי „זונען־גלוט" אין דער איבערזעצונג פון פאַרשיידענע אוקראַיִנישע פּאָעטן. אַן אַרײַנפיר־וואָרט צום בוך האָט אָנגעשריבן דער דיכטער און איבערזעצער אַבראַם קאַצנעלסאָן.

לעוו בערינסקי

וועגן דער איבערזעצונג פֿון „שיר־השירים“ אַף רומעניש



יאָאַן אַלעקסאַנדרו איז איינער פֿון די טיפֿסטע הײַנטצײַטיקע רומענישע פּאָעטן. ער איז געבוירן געוואָרן און אויפֿגעוואַקסן אין אַ פּויערים־מישפּאָכע אַפֿן צאָפֿן פֿונעם לאַנד, אין טראַנסילוואַניע. פֿון די יונגע יאָרן האָט ער זיך אײַנגעשאַפֿן אַן אומיטלבאַרע באַציִונג צו דער אַרומיקער וועלט און צו אירע פּאָזיטיווע ווערטן. אין זײַן אויפֿנעמען דעם אָרום און די ראַליע פֿונעם מענטשן אין דער וועלט האָט ער זיך דערהויבן צו דער מאַדרייגע פֿון אַ מאַסשטאַבאַרטיק־דענקענדיקער פּערזענלעכקײַט. אים געהער דער זאָג, מער אַ פֿילאָסאָפֿישער, איידער אַ פּאָעטישער, וועגן דעם מענטשן אַלס „די אויגן פֿון דער אַלוועלט“. די שטרעבונג צו באַהעפֿטן דעם מענטשן מיט דער אומענדלעכקײַט אין צײַט און אין רוים רעגט אָן דעם פּאָעט צו זוכן אַן איינהײַטלעכן מאַטעריאַליש־גאַשמיִעסדיקן און, ס׳קאָן אַפֿילע זײַן, אַ סופּער־אוניווערסאַלן אַריִענטיר, ברענגט אַרײַן אין זײַן שאַפֿונג דעם געפֿיל פֿון עקזאַלטאַציע און אין דער זעלבער מאָס פֿון פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט.

די וועלט־אַנשויונג פֿונעם זוכנדיקן פּאָעט האָט זיך אויסגעפֿורעמט אונטער דער פֿרוכטבאַרער השפּאָע פֿון זײַנע רײַזעס אין די לענדער פֿון די אַלטערטימלעכע קולטורן (איטאַליע, שפּאַניע, גריכנלאַנד, ייִסראָעל). עטלעכע יאָר האָט ער שטודירט פֿילאָסאָפֿיע און קלאַסישע שפּראַכן (אַלט־גריכיש און העברעיִש) אין פֿרײַבורג, אַאַכען, מינכען.

צוטיילנדיק דעם מענטשן די קאָסמישע פֿונקציע פֿון די „אויגן פֿון דער אַלוועלט“, שטעלנדיק אין צענטער פֿון זײַן עקזיסטענץ דעם מאָמענט פֿון מאָראַלישער פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט, האָט יאָאַן אַלעקסאַנדרו, נאַטירלעך, ניט געקאָנט אויסמײַדן אַזאַ מין עטישן און קינסטלערישן קוואַל, ווי דעם טאַנאַך מיט זײַן גײַסטיקער אַשירעס. שוין האָבנדיק זיך אײַנגעשאַפֿן די דערפֿאַרונג פֿון אַן איבערזעצער פֿון דער אַנטישער ליטעראַטור (ער האָט איבערגעזעצט אַף רומעניש דעם גריך פּינדאַר), האָט ער זיך געווענדט צו „שיר־השירים“. דאָ האָט ער געפֿונען דעם עמאָציאָנעל־פֿילאָסאָפֿישן גלײַכגעוויכט, צו וועלכן ער גופֿע שטרעבט אַלס אייגנאַרטיקער פּאָעט.

צוטרעטנדיק צום אַנאַליז פֿון דער איבערזעצונג פֿון „שיר־השירים“, ווילן מיר שוין פֿון סאַמע אָנהייב באַמערקן, אַז די אַלגעמיינע קאָנצעפּציע פֿון דעם דאָזיקן ווערק ווערט, אָן ספֿק, אויפֿגענומען און רעפּראָדוצירט אין יאָאַן אַלעקסאַנדרוס איבערזעצונג אונטער דער השפּאָע פֿון זײַנע פּערזענלעכע זוכענישן — די זוכענישן פֿונעם אוניווערסאַלן אַבסאָליוט. דערפֿאַר טאַקע דערלויבט ער זיך אַלס איבערזעצער באַוווּסטזיניק געוויסע פֿרײַע אויסטײַטשונגען און אָפּווײַכונגען, קעדיי צו „דערנענטערן“ דעם אָריגינאַל צו זײַן קאָנצעפּטועלן צוגאַנג צו דער „הייליקער שריפֿט“ ווי צו אַ געטלעך־אינספּירירט ווערק. דערפֿון שטאַמען געוויס אויך די פּרוּוון „ווייכער צו מאַכן“ דעם עראָטישן אַספּעקט פֿונעם ווערק, און, לעהייפּעך, „דערהייבן“ דעם גײַסטיקן עלעמענט. איבערזעצנדיק פֿונעם אָריגינאַל, פֿון העברעיִש, האָט אַלעקסאַנדרו אויסגענוצט די אָפּווײַכונגען פֿונעם טעקסט, וועלכע זײַנען פֿאַראַן אין די קלאַסישע און פֿון קריסטנטום קאַנאָניזירטע איבערזעצונגען. אַף זיי האָט ער זיך סוימעך געווען, קעדיי צו באַרעכטיקן זײַן אייגענע אינטערפּרעטאַציע. אין דעם זין האָט ער זיך נויהעג געווען פּונקט אַזוי, ווי אַלע פֿריִערדיקע איבערזעצער פֿון דער ביבל.

אַזויווי דאָ קומט אויס צו ריידן קאָנקרעט וועגן דער טראַדיציאָנעלקײַט אָדער ניט־טראַדיציאָנעלקײַט פֿון דער אָדער אַנדערער איבערזעצונג פֿון „שיר־השירים“, דאַרף אין דעם זין דערמאָנט ווערן אויך מוישע טייפֿס איבערדיכטונג אַף ייִדיש („סאָוועטיש היימלאַנד“, נומ. 8, 1966), אין וועלכער עס איז פֿון אָנהייב ביזן סאָף אייגנאַרטיק ניט נאָר די קינסטלערישע אינטערפּרעטאַציע (דער טעקסט איז אײַנגעטיילט אין סטראָפֿעס מיט הײַנטצײַטיקע גראַמען), נאָר אויך די סאָציאַל־היסטאָרישע טראַקטירונג. די יונגע העלדן זאָגט, לעמאָשל, אין ערשטן קאַפּיטל:

די שטיפֿברידער מײַנע... זיי ווילן מיך שטיל
פֿאַרקנעכטן בײַ רײַכע, אין גיטער,
איך וויל ניט קיין דינסט זײַן בײַ פֿרעמדע,
איך וויל —
מײַן אייגענעם ווײַנגאָרטן היטן.

צום באַדויערן, איז די אָריגינעלקײַט פֿון אַזאַ טראַקטירונג ניט קיין באַוואָרעניש פֿאַר איר רעכט־

מעסיקײַט, און, לויט מײַן מיינונג, קאָן מ. טייפס איבערזעצונג ניט פאַרעכנט ווערן פאַר א גענוג אָרגאַנישן צושטײַער צו דער „שירהאשירים־יאַדע", כאָטש דער פּאָעטישער אופּטו אַן און פאַר זיך פאַרדינט, אומבאַדינגט, גרויסע אַכטונג. עפּשער איז קעדײַ דאָ צו דערמאָנען וועגן נאָך צוויי פאַרעפנטלעכטע אין אונדזער לאַנד איבערזעצונגען פון דער לעצטער צײַט — אי. דיאַקאָנאָווס אָף רוסיש (אין דער „ביבליאָטעק פון דער וועלט־ליטעראַטור": „די פּאָעזיע און פּראָזע פונעם אַלטערטימלעכן מיזרעך", זז. 625 — 638 און ס. זינטשוקס אָף אוקראַיִניש („סלאָוואָ", פאַרלאַג „מאָלאָד", קיִעוו, 1972). ביידע דערנעענטערן זיי דעם אַלטערטימלעכן טעקסט צו דער פאַרשפּרייטער אין דער נײַער צײַט פּאָעטישער פאָרם. זיי ברענגען אָבער ניט מיט זיך קיין בײַטראָג צום אויסטײַטשן דאָס דאָזיקע ביז גאָר רעטענישפולע ווערק (ניט אַנדערש ווי רעטענישפול, אויב מיר ווילן עס אויפנעמען ווי איין גאַנצע פּאָעמע און ניט ווי א קאָמפּילאַציע פון ליבע־ אָדער שטייגער־לידער, צי גאָר ווי א סכום מעטאַפאָריש־רעליגיִעזע געזאַנגען). מיר דוכט, אַז אויב מע קאָן זײַן גענוג דרייסט זיך צו באַפרײַען פונעם טראַדיציִאָנעלן קריסטלעכן צוגאַנג, ווערט קלאָר, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט א מאָנאָליטיש־איינהײַטלעך ווערק, און דאַן אַנטפּלעקט זיך פאַר די אויגן פונעם איבערזעצער, פון דעם אויסטײַטשער אַן אויסערגעוויינלעך וווּנדערלעך בילד...

אין די זעכציקער און אין די זיבעציקער יאָרן האָט זיך באַוויזן די טענדענץ צו אַלגעמיינער „דעמאָקראַטיזאַציע" פון די אַלטערטימלעכע טעקסטן, א שטרעבונג צו מאַכן זיי צוגענגלעך און אפילע איבער דער מאָס צוגענגלעך אָפן כעזשבן פון דערנעענטערן זיי צו דער אָנגענומענער אין אונדזער צײַט „סטראָפישקײַט" פון דער פּאָעטישער שפּראַך. עס איז גענוג צו דערמאָנען ניקאָלײַ זאַבאָלאָצקיס און ניקאָלײַ רילענקאָווס אינטערעסאַנטע, טאַלאַנטפולע, נאָר ניט שטענדיק איבערצײַגעוודיקע אינטערפּרעטאַציע פונעם אַלט־רוסישן «Слово о полку Игореве» („דאָס געזאַנג וועגן איגאָרס כאַיִל").

אַזאַ טענדענץ האָט, אָפּאָנעם, זיך געלאָזט מערקן ניט נאָר אין דער סאָוועטישער פּאָעטישער פּראַקטיק, זי איז אייגנטימלעך אויך פאַר יאָאַן אַלעקסאַנדרוס איבערזעצונג. אין א ווייניקער אויסדריקלעכער פאָרם איז ער אויך פיל מאַקריוו לעטויוועס דער „סטראָפיק", כאָטש די „קאָרבאָנעס" זײַנען אין דעם פאַל ניט אַזוינע באַמערקבאַרע, ווי אין די אויבן דערמאָנטע פאַלן. אין אַלעם איבעריקן בלײַבט ער אין די ראַמען פונעם טראַדיציִאָנעלן דיִאַפּאַזאָן פון דער קריסטלעכער אויסטײַטשונג. ער באַרײַכערט אָבער (מערסטנטייל אין די קאָמענטאַרן) די וויסנשאַפטלעכע „אויסשטאַטונג" פונעם ווערק. א באַזונדערע אופמערקזאַמקײַט ווערט צוגעטיילט דער העברעיִשער עטימאָלאָגיע, דעם היסטאָרישן אַספּעקט פון דער גאַנצער אַטריבוטיק פון דער פּאָעמע און דעם קינסטלערישן און שפּראַכלעכן אַנאַליז פונעם טעקסט. אַזאַ טיפע אַרײַנדרינגלעכקײַט האָט מאַשפּיִע געווען אָף דער „לאָקאַלער" אויסטײַטשונג פון געוויסע פערזן, און דאָס איז, אָפּאָנעם, דאָס ווערטפול־

יאָאַן אַלעקסאַנדרו

סטע אין יאָאַן אַלעקסאַנדרוס איבערזעצונג: דער טעקסט איז איצט ניט נאָר „וואָרהאַפטיקער", נאָר עס ווערן נאָך געעפנט ברייטע מעגלעכקײַטן פאַר די קינפטיקע איבערזעצער.

די מאָס פון „וואָרהאַפטיקײַט" האָט דערמעגלעכט, אַז אַלעקסאַנדרוס איבערזעצונג זאָל דערשײַנען ניט אין א געוויינלעכן פאַרלאַג פון קינסטלערישער ליטעראַטור, נאָר אין א וויסנשאַפטלעכער אויסגאַבע פון די העכסטע מוסטערן: מיט די טעקסטן אין העברעיִש און צוזאַמען מיט די קאַנאָניזירטע איבערזעצונגען אָף גריכיש און לאַטײַניש, מיט די איבערזעצונגען אָף רומעניש אין 1688 פון שערבאַנס ביבל און פון 1795 פון סאַמויִל מיקו, מיט א רײַכער ביבליִאָגראַפיע, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר א ברייט בילד, וויִאַזוי דאָס דאָזיקע ווערק האָט אין משך פון יאָרהונדערטער אין פאַרשיידענע לענדער צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקײַט פון פּאָעטן, פילאָסאָפן, העברעיִסטן, לינגוויסטן, טעאָלאָגן, קינסטלער, אַרכעאָלאָגן און עטנאָגראַפן. און ענדלעך, דאָס וויכטיקסטע — די קאָמענטאַרן. י. אַלעקסאַנדרו איז א טיפער קענער פון העברעיִש, דער מעכאַבער פון א לערנבוך און א לערער פון איוורית אין בוקאַרעשטער אוניווערסיטעט. דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקײַט ערנסט צוגיין צום פאַרטײַטשן די „טונקעלע ערטער", וועלכע זײַנען אין ווערק פאַראַן ניט ווייניק.

לאָמיר ברענגען א פּאָר בײַשפּילן.

איינע פון די סיבעס, וואָס „שיר־השירים" ווערט באַטראַכט ווי א „סכום פון לידער", שטעקט, מיין איך, שוין אין דער ניט ריכטיקער אויסטײַטשונג פונעם נאָמען פון דער פּאָעמע. „דאָס געזאַנג פון אַלע געזאַנגען" איז ניט קיין נומערישער באַגריף, דאָס איז ניט קיין געזאַנג, וואָס באַשטייט פון עטלעכע געזאַנגען, ווי עס ווײַזט טאַקע אָן י. אַלעקסאַנדרו אין זײַן ערשטן קאָמענטאַר: „פּונקט ווי אין דער מיצרישער פּאָעזיע, האָט דאָ א ליבע־ליד דעם נאָמען „שיר" מיטן באַטײַט „א ליד, וואָס איז פאַרבונדן מיטן קולט", נאָר אויך „א ליריש געזאַנג", „א טריִומפאַלע אָדע", אָדער „א זיג־ליד", ווי מיר לייענען אין „שופטים" (שאָפטים) (קאַפּיטל

5, פערז 12). אזא געזאנג האָט מען געקאָנט אקאָמ־פאַנירן אַף א מוזיקאַלישן אינסטרומענט („עמוס” (אמאָס) קאַפּ. 6, פערז 5). „שיר־השירים” האָט די באַדײַטונג פון סופּערלאַטיוון גראַד („דאָס שענסטע פון אַלע געזאַנגען”).

אין דער אויסגאַבע פון דער „ביבליאָטעק פון דער וועלט־ליטעראַטור” (אין אי. דיאַקאָנאָווס איבערזע־צונג) לייענען מיר צום סאָף פונעם זעקסטן קאַפּיטל פון „שיר־השירים”:

Я и не ведал —
Душа моя меня повергла
под победные колесницы:
Вернись, вернись, шуламянка,
вернись, вернись, дай взглянуть!

(איך האָב ניט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר,
די נשמה מײַנע האָט מיך פאַרשטויסן
אונטער די זיגרײַכע ריטוואָגנס:
קער זיך אום, קער זיך אום, שולאַמיאַנקע,
קער זיך אום, קער זיך אום, לאָמיך אַף דיר א קוק טאָן!)

און ווײַטער — די שורעס, וועלכע דער איבער־זעצער טראָגט שוין אַפּ צו דעם זיבעטן קאַפּיטל:

Что смотреть на шуламянку,
будто на хороводную пляску?

(וואָס האָט איר צו קוקן אַף דער שולאַמיאַנקע,
ווי אַף א קאַראַהאָד־טאַנץ?)

אינעם קאָמענטאַר אין דער „ביבליאָטעק פון דער וועלט־ליטעראַטור” ווערט געזאָגט: „דאָס איז איינס פון די שווערסטע ערטער פון „שיר־השירים” — דער טעקסט איז דאָ, אָן ספק, געשעדיקט. אומ־קלאָרקײַט אין שײַכעס מיט אָט דעם אָרט אינעם טעקסט האָט מען געפילט נאָך אין אַלטערטום.

מיר וועלן פאַרגלײַכן עטלעכע טעקסטן מיט אַלעקסאַנדרוס קאָמענטאַר און פּרוּוון זיך פאַנאַנ־דערקלײַבן אין דעם דאָזיקן „שווערן אָרט”.

אין אָריגינאַל ווערט געזאָגט: לא ידעתי נפשי... און ווײַטער: מרכבות עמי נדיב.

אי. דיאַקאָנאָוו האָט אין זײַן איבערזעצונג פונעם טעקסט קיין שום „עמי נדיב” (אַמינאַדיוו) ניט דער־מאָנט. ער גיט נאָר צו וויסן אין זײַן קאָמענטאַר, אַז „נעמענדיק אין אַכט די גרויסע אומקלאָרקײַט אינעם טעקסט פונעם אָריגינאַל, האָבן מיר באַשלאָסן צו געבן א באַדינגלעכע איבערזעצונג...”

אין דער סעפּטואַגינטע איז „עמי נדיב” (אַמינאַ־דיוו) יאָ פאַראַן, מיטן דאָזיקן נאָמען פאַרענדיקט זיך דאָס זעקסטע קאַפּיטל (און דיאַקאָנאָוו צעגלידערט דעם גריכישן טעקסט ניט ריכטיק!).

אין דער וווּלגאַטע שטייט געשריבן:
“Nescivi: anima mea conturbavit me propter quadrigas Aminadab”.

אין דער רוסישער ביבל (1892) לייענען מיר:
«Не знаю, как душа моя влекла меня к колесницам знатных народа моего»
(איך ווייס ניט, וויאַזוי מײַן נשמה האָט מיך צוגע־צויגן צו די רײַטוואָגנס פון די כאַשוועוו לײַט פון מײַן פאָלק). און ווידער איז דיאַקאָנאָוו זיך טויע מיטן אײַנטיילן דעם טעקסט! ווי מיר זעען דאָ, ווערט אַמינאַדיוו ווירקלעך ניט אָנגערופן, און פון דעם קאָן מען מאַכן דעם אויספיר, אַז, אין טאָך, האָבן אונדזערע איבערזעצער — סײַ זינטשוק, סײַ דיאַקאָ־נאָוו זיך סוימעך געווען אַף דעם דאָזיקן טעקסט און ניט אַפן אָריגינאַל.

אין דער אַלטער צווייִשפּראַכיקער אויסגאַבע פון דער ביבל (העברעיִש פּאַראַלעל מיט דײַטש) לייענען מיר:

“Meine Seele wusste nicht, dass er mich zum Wagen Amminadib gefesst hatte.

(און אויך דאָ איז דער אָנהייב פונעם זיבעטן קאַ־פּיטל ניט אַזאַ, ווי בײַ דיאַקאָנאָוון! דאָס זעקסטע קאַפּיטל פאַרענדיקט זיך דאָ אַזוי:
Was sehet ihr an Sulamith? Den Reigen zu Mahanaim (Den Reigen zu Mahamnaim.—
און ניט א קאַראַהאָד־טאַנץ. — ל. ב.).

אין שערבאַנס רומענישער ביבל (1688) לייענען מיר:

“Nau cunoscut sufletul mieu, pusu mau întru carăle lui Aminadab”.

(דאָ שטימט צום ערשטן מאָל די אײַנטיילונג פונעם טעקסט מיט דעם, ווי דיאַקאָנאָוו האָט אים אײַנגע־טיילט!).

אין סאַמויִל מיקוס (1795) רומענישער איבערזע־צונג:

“Nu au cunoscut sufletul mieu, pusu-m-au in carăle lui Aminadav”

אַגעוו, דאַרף מען באַמערקן, אַז אייניקע איבער־זעצער טײַטשן אויס „עמי נדיב” ווי א סובסטאַנ־טיוו, א זאַך־נאָמען, א באַצייכענונג פון א געגנ־שטאַנד, און אַנדערע — אַלס אַן אייגננאָמען. אין א געוויסער מאָס מאַכט קלאָרער די זאַך (דערקלערט אָבער ניט ענדגילטיק) יאָאַן אַלעקסאַנדרו: „ווער־עס איז „עמי נדיב” אָדער „עמינדב”, איז שווער פעסטצושטעלן, צי עס רעדט זיך וועגן א היסטאָרי־שער פּערזענלעכקײַט, אָדער וועגן צוויי באַזונדערע ווערטער, וועלכע האָבן זיך באַהעפט — עמי (ami) און נדיב (nadiv), וואָס זיי זײַנען אויך ניט אַזוי לײַכט צו פאַרשטיין? אייניקע האַלטן, אַז עס גייט א רייד וועגן עפּעס א מין דאָנזשואַן פון יענע צײַטן, אַזעלכן, ווי עס איז, צום בײַשפּיל, געווען דער פּרינץ מעכי אין מיצראַיִם. אַנדערע האַלטן, אַז דאָס איז א נאָמען: “Ami-Nadiv”.

ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, ווערט י. אַלעק־סאַנדרוס קאָנצעפּטועלע אויסטײַטשונג פון „שיר־השירים” באַווירקט פון זײַנע וועלט־אַנשוילעכע איבערצײַגונגען, און דאָס ברענגט מיט זיך געוויסע פאַרקריפּלונגען אין דער איבערזעצונג. אַזוי, לעַ־מאָשל, טראַקטירט ער, אָן שום גרונט דערצו, מאַ־ראַליסטיש דאָס אָרט אין אָריגינאַל, ווו עס רעדט זיך אײַנדײַטיק און הייס וועגן ערדישע לײַדנשאַפטן: „דײַן געשטאַלט איז געגליכן צו א טייטלבוים און דײַנע בריסט זײַנען ענלעך אַף הענגלעך ווײַנ־טרויבן. האָב איך מיר געטראַכט: איך וואָלט אַף דעם טייטלבוים אַרויפגעקראָכן, זיך אין זײַנע צווײַגן אָנ־געהאַלטן; דײַנע בריסט וואָלטן געווען פאַר מיר, ווי די הענגלעך ווײַנטרויבן און דער אָטעם פון דײַנע

נאָזלעכער, ווי דער עפּל־דופט...״ אלס פּאָעט האָט י. אלעקסאנדרו ניט געקאָנט זיך אָפּזאָגן פון דער ריכטיקער איבערזעצונג, וואָס אָטעמט מיט לײַדנשאַפט, נאָר ווי א קאָמענטאטאָר שרײַבט ער אזוי וועגן די דאָזיקע שורעס: „דער פּערז קאָן דאָ ניט האָבן קיין עראָטישן זין, וואָרעם ביזן הײַנטיקן טאָג איז דאָס אייניציקע מיטל אַף צונויפנעמען די גערעטעניש פון א טייטלבוים — ארופקריכן אַף אים״. אזא מין ארגומענטאציע לעטויוועס דער פרומער קריסטלעכער אויסטײַטשונג פונעם געשטאלט איז, פארשטייט זיך, ניט קיין ריכטיקע.

דעם פּרוּוו צו „פארווישן״ די עראָטיק און „דערהייבן״ דעם טעקסט אין גײַסטיקן פּלאַן קאָן מען געפינען אויך אין אנדערע באמערקונגען און קאָמענטארן. לאָמיר נעמען, צום בײַשפּיל, דאָס אויסטײַטשן די לעצטע פּערזן פון „שיר־השירים״. ווי מיר געדענקען, ווענדט זיך דער געליבטער צו שולאַמיסן:

„פון דײַן ווײַנאָרט אין די גערטנער
הערן די כאַווײרים דײַן שטים קלינגען.
לאָז מיך אויך דײַן שטים הערן!״

און דאָס מיידל ענטפערט אים:

„אַנטלויף, געליבטער מײַנער,
זײַ געגליכן צו א סערנע
אָדער צו א יונגן הירש
אַף די בסאָמים־בערג!״

„די לעצטע ווערטער, — שרײַבט י. אלעקסאנדרו, — זײַנען א רוף פון דער קאַלע אין די בסאָמים־בערג. דאָ איז אויסגעדריקט דער פארלאַנג אייביק זיך צו פארייניקן אין די בערג פון גליק. זי רופט איר כאָסן, ער זאָל פארלאָזן די שיפּוּים פון די ווײַנגערטנער און זיך לאָזן גיין צו די בסאָמים־בערג, צו די אומזעבארע בערג פון די אומשטערבלעכע אראָמאטן״.

עס זײַנען אוואדע אינטערעסאנט דעם איבערזעצערס עטנאָגראפישע, געאָגראפישע און לינגוויסטישע אויסטײַטשונגען, זײַנע „לאָקאלע״ אנטדעקונגען, וועלכע זײַנען אים געלונגען אלס רעזולטאט פון פארגלײַכן א ריי ווערטער און פראזעס פון „שיר־השירים״ מיט אנדערע ביבלישע טעקסטן — „בראשית״ (בערײשיס), „שופטים״ (שאָפטים), „מלכים״ (מלאָכים), „ישעיהו״ (יעשײַע) אאוו. דעם זיבעצנטן פּערז פונעם ערשטן קאפּיטל „די באלקעס פון אונדזערע הײַזער זײַנען צעדערביימער, די סטעליעס אונדזערע—קיפּאריסן״ קאָמענטירט ער אזוי: „אין די מיזרעך־לענדער איז געווען א מינהעג צו פארפלאנצן א צעדערבוים, ווען א ייִנגעלע איז געבוירן געוואָרן. אויב א מיידעלע איז געבוירן געוואָרן, האָט מען פארפלאנצט א קיפּאריס. ווען עס איז געקומען דער טאָג פון דער כאסענע, פלעגט מען אויסהאקן דעם צעדערבוים און דעם קיפּאריס און מאכן פון זיי שטאנגען פאר זייער כופּע. אין דעם דאָזיקן פּערז ווערט דערציילט וועגן א כאסענע אין קיניגלעכן הויף, ווו דער דאך איז געמאכט ניט פון גע־

ווײַנלעכער סיקאמאָרע אָדער דעמב, נאָר פון פײַנעם געהילץ, פון וועלכן שלוימע האמעלעך האָט געבויט דעם בייס־האמיקדעש און זײַן פּאלאץ אין יערושאָלאַיִם...״

אין פארשיידענע איבערזעצונגען לייענען מיר וועגן „שלוימע האמעלעכס פאָרהאנגען״ (אין דער רוסישער ביבל «Завесы Соломоновы», אין דער דײַטשישער “Die Teppiche Salomons”, „אין דער וואולגאטע “pelles Salomonis”, בא שערבאנען “corturile lui Salomon”, בא דיאקאָנאָוון «завесы Соломона», בא י. אלעקסאנדרו “corturilor din Salma”—„בא געצעלטן פון שאלמע״. עפּשער א גרײַז? לאָמיר ארײַנקוקן אין אָריגינאל „שלמה״ — אין טארגום און אין מעדרעש ווערט ווירקלעך דערמאָנט אזא וואנדער־פאָלק פון אראבישן אָפּשטאם. נאָר די קאָמענטאטאָרן פון דער מעסוירע, וועלכע האָבן זיך טויע געווען איבער דער גראפיק פונעם אויסלייג פון דעם דאָזיקן וואָרט, וואָס שרײַבט זיך אָן נעקודעס, פּונקט אזוי ווי דער נאָמען „שלמה״ האָבן אַף פיל יאָרהונדערטער פארטונקלט דעם זין פון דער שורע. אזעלכע „רעקאָנסטרוקציעס״ פון א לאָקאלן כאראקטער פארוואנדלען יאָאן אלעקסאנדרוס איבערזעצונג אין א וויסנשאפטלעך און ווערטפול ווערק, און דאָס ארויסגעבן אזא בוך — אין א קולטור־געשעעניש.

דער בוך איז פײַן אילוסטרירט: פאָטאָגראפיעס פון אלטערטימלעכע מיצרישע פרעסקעס, א מאָזאיִשע מאפּע פון יערושאָלאַיִם (די עלטסטע פון אלע, וועלכע האָבן זיך אופגעהיט), א מאקעט פון שלוימע האמעלעכס בייס־האמיקדעש, א בילד פון א גיפּס־פיגור פון א פּאסטעך אין דער צײַט, ווען אווראָם אָווינו האָט זיך באזעצט אין קאנאאן, די קארטע פון געאָגראפישע נעמען, וועלכע ווערן דערמאָנט אין „שיר־השירים״...

מע דארף באמערקן, אז אזא געוויסנהאפטע באגײַסטערטע באציִונג פונעם דיכטער צום דענקמאָל פון דער אלטערטימלעכער קולטור איז ניט אדורך שפּורלאָז פאר אים גופא אלס פּאָעט. די ווירקונג פון „שיר־השירים״ לאָזט זיך פילן פון מאָל צו מאָל אין זײַן דיכטונג.

און צום שלוס וועלן מיר ברענגען יאָאן אלעקסאנדרוס אָפּשאצונג וועגן דער געניִאלער פּאָעמע:

„שיר־השירים״ איז דאָס אייניציקע ווערק אין דער העברעיִשער קולטור, אין וועלכן עס ווערט אזוי לעבהאפט געשילדערט די שיינקײַט פון דער פרוי. די אנדערע ביכער רעדן מער וועגן דעם אינערלעכן גײַסטיקן צושטאנד. כוץ דעם, ווערט די נאטור דאָ דינאמיש אופגענומען און די שפּראכלעכע אָרגאניזאציע דערמאָנט אונדז אין טילים. אין „שיר־השירים״ האָט אָבער די שילדערונג דאָס איבערגעוויכט, דאָ פילט מען די אנציקונג פון דער פולקומער שיינקײַט, וועלכע עס שטעלט מיט זיך פאָר די קאלע פאר איר כאָסן. אין דעם זין קאָן מען ריידן וועגן אזא טיפער מענטשנליבע און טיפן הומאניזם (...), וואָס זייער גלײַכן איז שווער אָדער ביכלאל ניט מעגלעך צו געפינען אין דער אוראלטער וועלט״.

נ·מ·ו·ע·ס·ן

וועגן מוזיק און עסטראַדע

וועגן איינעם א פאַרגעסענעם זשאַנער פון דער פאָלקסליד

דאָס, וועגן וואָס איך וויל זיך ארויסזאָגן, קאָן זיך אויסווײַזן שטרײַטבאר. פאר מיר אָבער (און מיט יידישער מוזיק פארנעם איך זיך אין מעשעך פון מײַן גאנץ לעבן) איז דער זשאנער פון דער פאָלקסליד, וועגן וועלכן איך וויל דאָ ריידן, א נאַטירלעכער טייל אירער. וואָס פאר א זשאנער פון דער יידישער ליד עס זאָל ניט באהאנדלען דער פאָרשער, שטויסט ער זיך אָן געוויינלעך אף גאנץ קנאפּע יעדיעס. אין דער לעצטער צײַט זײַנען דער־שינען א ריי זאמלונגען (ווײַט ניט קיין פילצאָליקע), אָבער ווייניקע פון זיי טראָגן אן אוטאָריטעטן כאַ־ראקטער. אייניקע זײַנען פּאָשעט אמאטאָרישע, און פארלאָזן זיך אף זיי קאָן מען ניט.

מיט א גוט וואָרט דארף דערמאָנט ווערן דער אויסגעצייכנטער געלערנטער־פאָלקלאָריסט מוישע בערעגאָווסקי, וועמענס ווערק עס האָבן געלייגט דעם אָנהייב פון דער וויסנשאפטלעכער יידישער פאָלקלאָר־פאָרשונג. מיט זײַנע ארבעטן האָט מ. בע־רעגאָווסקי געעפנט פאר דער מוזיקאלער וועלט די ווערטפולע אויצרעס פון דער יידישער פאָלקס־מו־זיק, דערהייבנדיק זי צו די העכסטע מוסטערן פו־נעם וועלט־פאָלקלאָר. אין זײַנע פאָרשונגען־„אנט־פלעקונגען" (דעם דאָזיקן טערמין האָט אײַנגעפירט דער אקאדעמיקער ב. וו. אסאפיעוו) האָט מ. בערע־גאָווסקי אופגעטאָן זייער א סאך. אָבער, נאטירלעך, ניט אלץ האָט ער אנטפלעקט, מיט וואָס עס איז רײַך די יידישע פאָלקס־מוזיק. ווען בערעגאָווסקי זאָל אפילע האָבן עטלעכע לעבנס, וואָלט ער אויך ניט געקאָנט ארומכאפּן אָט דעם גאנצן מוזיקאל־פּאָעטישן אויצער.

אין מײַנע נאָטיצן וויל איך כאָטש לויפיק אונ־טערהייבן דעם פאָרהאנג איבער יענעם אָפּטייל פון דעם יידישן מוזיקאלן פאָלקלאָר, וועלכן ס'האָט ניט באוויזן צו אינטערפרעטירן מ. בערעגאָווסקי. דערבײַ וויל איך פאָרויס באמערקן, אז עס האנדלט זיך ניט אין עפּעס א מאגיסטראל־ליניע פונעם פאָלקס־שאפן. ס'גייט א רייד בלויז וועגן איינער אן אָפּצווײַגונג, דעהײַנע — וועגן די אזויגערופענע „גאס־ניגונים".

איך וויל גלײַך באוואָרענען: עס רעדט זיך ניט וועגן יענע „גאס־ניגונים", וועלכע זײַנען גוט באַ־ווּסט בא די קלעזמאָרים. „גאס־ניגונים" האָט מען גערופן די מוזיק, וועלכע די קלעזמאָרים פלעגן שפּילן אף דער גאס בייס כאסענע־פראָצעסיעס. דעם דאָזיקן אָפּטייל האָט באהאנדלט און אײַנגעשלאָסן אין זײַנע זאמלונגען מ. בערעגאָווסקי, און עס האָט ניט קיין זין נאָכאמאָל אף דעם זיך אָפּשטעלן.

איך מיין די אזויגערופענע גאנאָווים־לידער. מע דארף אנערקענען, אז, ניט געקוקט אף דער ספּעצי־פישער אנטשטייונג פון אזעלכע לידער, זײַנען זיי געווען פּאָפּולער בא די סאמע ברייטע שיכטן פו־נעם יידישן אוילעם, גאנץ ווײַטלעך פונעם „עפּי־צענטער", וווּ זיי זײַנען אנטשטאנען. די מענטשן, וואָס האָבן זיי געשאפן, זײַנען שוין פונלאנג אנט־רונען, פונקט ווי זייער גאנצער סאָציאלער אונטער־שיכט. די לידער אָבער זײַנען געבליבן. זיי לעבן, קלינגען אפילע ביז היײַנטיקן טאָג, כאָטש די, וואָס זינגען זיי, ווייסן ווייניק וועגן זייער אָפּשטאם.

איך באריר דאָ בעקיוון אָט די פראגע, קעדיי אונטערצושטרײַכן, אז אויך די „קלענערע" שוועס־טער פון דער פאָלקס־מוזיק פאָדערן אונדזער אופ־מערקזאמקײַט. די שווערקײַט באשטייט אין דעם, וואָס עס האָט זיך געשאפן א געוויסער, אזוי צו זאָגן, קינסטלעריש־היסטאָרישער שטאמפּ בענעגייע דעם, וויאזוי צו באשטימען די מינים און אויפאנים פון מוזיק. דאָס האָט א שײַכעס ניט בלויז צו ספּע־ציאליסטן־מוזיקאנטן, נאָר אויך צו א סאך אנדערע, וועלכע אינטערעסירן זיך מיט מוזיקאלער שאפונג. ס'איז, לעמאָשל, באוווסט, אז ביז דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָבן א סאך מוזיקאנטן זיך באצויגן מיט גרינגשעצונג צו לידער פון קאטאָרגע און פאר־שיקונג. דאָס פאָלק אָבער האָט די לידער, וועלכע ס'האָבן געזונגען די פּאָליטקאטאָרזשאנעס, געשעצט און געאכטעט. די מוזיקאנטן פון דער סאָוועטישער צײַט האָבן באגרײַפט זייער סאָציאלע ווערט און קינסטלערישן מעהוס.

ניט לאנג צוריק, שמועסנדיק מיט מײַנעם א פרײַנט, א יידישן ליטעראטאָר, האָב איך דערמאָנט אן אלטע, באוווסטע ליד. מײַן פרײַנט האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט:

— יאָ, דאָס איז דאָך א גאנאָווים־ליד...

כ'בין ניט מאסקים מיט אזא טאָן. וואָס פאר א מענטשן זיי זײַנען ניט געווען, אָט יענע, וועלכע האָבן געשאפן די דאָזיקע לידער, נאָר דאָס זײַנען געווען מענטשן פונעם פאָלק. די יידישע פּאררע־וואָליוציאָנערע קאפּיטאליסטן — אזעלכע ווי בראָד־סקי און וויסאָצקי — האָבן ניט אויסגעטיילט פון זייער סוויווע קיין בעני קריקס אָדער מישקע יאָ־פּאָנטשיקס. אזעלכע מענטשן האָט געבוירן דער דאלעס. אן אנדער זאך, וואָס דער דאָזיקער אונטער־שיכט איז שוין פונלאנג פארשוווּנדן. נאָר די לידער זײַנען געבליבן: בונטע, געשמאקע, אויסדריקלעכע.

דעריבער זאָג איך: ס'איז געקומען די צײַט, מע זאָל אזעלכע באגריפן, ווי „קאָשערע" אָדער „טרייפע" פאָלקסלידער, ארויסנעמען פונעם געברויך. ס'איז פאראן די פאָלקסליד. און ווי אזא איז זי אונדז שטענדיק טײַער.

ז י נ אָ ו י ק אָ מ פּ א נ יי ע ץ,
קאָמפּאָזיטאָר, פארדינסטפולער קונסט־טוער
פון רספסר

קינסטלער נאטאן אלטמאן

נאטאן אלטמאן איז א סאך יאָרן געווען ענג פארבונדן מיטן ייִדישן טעאטער. ער האָט געמאָלט דעקאָראציעס און עסקיזן צו קאָסטיומען פאר א ריי קלאסישע ספעקטאקלען, וועלכע עס האָבן געשטעלט דער מאָסקווער גאָסעט און אנדערע טעאטערן. אייניקע מוסטערן פון נ. אלטמאנס שאפונג אלס טעאטער-קינסטלער האָט „סאָוועטיש היימלאנד" פארעפנטלעכט אין א ריי קינסטלערישע ביילאגעס. אין דער איצטיקער ביילאגע גיבן מיר נאָך עטלעכע אזעלכע דעקאָראציעס און עסקיזן צו קאָסטיומען, וועלכע ס'האָט געשאפן דער גרויסער קינסטלער.

עסקיז פון א דעקאָראציע צום ספעקטאקל „דער פארקישעפטער שניידער" לויט שאָלעם-אלייכעמען. קיִעווער ייִדישער טעאטער

בינימין זוסקין אין דער ראָל פון אנשעלן אין יעכעזקל דאָב־רושינס פיעסע „דאָס צענטע געבאָט״

עסקיז פון א קאָסטיום צו י.־ל. פערעצעס „עס ברענט״. מאָסקווער גאָסעט, 1940

עסקיז פון שימעלע סאָראָ־קערס קאָסטיום אין שאָלעם־אלייכעמס „200.000“ אין א. גראַנאָווסקיס שטעלונג, 1925

עסק־זן פון די קאָסט־ומען צו שאָלעם־אלייכעמס ספּעקטאַקל „א דאָקטער“ אין א. גראַ־נאָווסקיס שטעלונג, 1925

עסקיזן פון קאָסטיומען צו אנס־
קיס „דיבוק״ אינעם טעאטער
„האבימא״ אין דער שטעלונג
פון יעווגעני וואכטאנגאָוו, 1921

ליטעראַרישע געדענק-דאַטעס

נאָכעם אויסלענדער

(1962—1893)

יעכעזקל דאָברושין

(1953—1883)

נ אָ כ ע ם   א ו י ס ל ע נ ד ע ר

די טרייסט

(סאַטירישע דערציילונג אין פערזן)

כ׳וועל אײַך ניט זאָגן, ווי זי הייסט,
נאָר רופן רופט מען זי: די טרייסט.
און איר טוט גוט א נישטער — ס׳לוינט! —
צי ניט בא אײַך אין הויף זי וווינט?

קאַפּיטל איינס

1

דאָס איז געווען מילכאָמע-צײַטן.
האָט זי באַגלייט אין וועג אין ווײַטן
איר ערשטן מאַן, איר יוגנט-ליבע.
ער האָט איר טכילעס בריוו געשריבן
פון אַלע וועגן, אַלע באַנען,
ווו ער פלעג אומפאָרן און שפאַנען,
געשריבן א כאָדאָשים אכט
און איז געפאַלן אין דער שלאַכט.

2

מע האָט א צײַט געוואַרט נאָך — טאָמער...
און נאָכדעם איז געווען געיאָמער,
אין שטוב געהילכט האָבן געוויינען,
געקומען פונעם הויף די שכיינים,
געקומען פון עק-שטאָט א מומע,
דרײַ טעג געטרייסט מיט רייד מיט פרומע,
דרײַ טעג געכאַזערט נאָכאַנאַנד:
„מיר זײַנען אַלע אין גאָטס האַנט"...

3

און אפן טאָג און אפן פערטן —
די אויגן נאָך געווען פאַרטערטע —
איז שוין דער טרויער ניט געבליבן.
ווער ווייסט, וווהין מ׳האָט אים פאַרטריבן.
מע האָט אוועקגעשיקט די מומע,
איר אָנגעזאָגט צום יאָרצײַט קומען,
און צו די טעכטער זיך געווענדט:
— נו, טאָכטער, נעם זיך אין די הענט!..

4

דער טאַטע האָט גערעדט טיף-גלייביק:
— איך ווייס, דו וועסט אים טריַ זיַין אייביק,
נאָר מ׳קאָן דען אופהערן צו לעבן?
און אויך די מאמע איז דערנעבן,
זי טיַינעט: — ווילסט זיך גאָר באַגראָבן?
און ווער וועט אונדז אין זינען האָבן?
דו ווייסט, מיר דאכט זיך, גוט, דו ווייסט:
כוץ דיר מיר האָבן ניט קיין טרייסט...

5

און זי, די טאָכטער, ווישט די טרערן,
פאַריכט דעם לאָקן אפן שטערן,
פאַריכט די אויסגעניייטע ארבל,
און זי באשליסט: זי וועט ניט שטארבן.
זי וועט ניט לאָזן טאטע-מאמע
זאָלן אונטערגיין מיט איר צוזאמען.
דער טאטע הייסט, די מאמע הייסט —
איז וועט זי זיַין פאר זיי די טרייסט.

6

פון דעמלט אָן — פארגאנגען יאָרן.
זי האָט איר שיינקייַט ניט פארלאָרן.
איר שטאלט איז נאָך, ווי פריִער, בויגיק.
זי גיט א קוק אף אייַך גרוי-אויגיק
און מ׳זעט: איר פּאָנעם דער געשניצטער
איז כיינעוודיק און ליב נאָך איצטער.
און כאָטש דעם כיין פון זיך זי טריַבט —
דער לאָקן אפן שטערן בליַבט.

7

דערווייַל זי ארבעט ניט — זי טרויערט.
און דער „דערווייַל" — זעקס יאָר שוין דויערט.
איר פוס שוועבט גרינג אף אלע וועגן,
און ס׳לויפט דער ווילטאָג איר אנטקעגן.
זי האָט אין מאָסקווע-שטאָט א פעטער,
ער איז פאר איר א גוטער בעטער,
„דיַין מאַן ליגט טויט פון היטלערס קויל,
איז זאָל כאָטש, זאָגט ער, דיר זיַין ווויל".

8

ער קעכלט ווי א קינד זי מאמעש.
ער שיקט איר אָפטע טעלעגראמעס.
קומט ווינטער — פוטערוואַרג איר שיקט ער,
און זומער אויך „דאָס קינד" באגליקט ער:
מיט קליידער, שיך, א בראָש, א זייגער, —
פון בעסטן מין, פון שענסטן שטייגער.
דער פעטער שיקט דאָס אלץ אומזיסט
און פונדערווייַטנס זי באגריסט.

9

זי דאנקט אים אָפּ מיט בריוו געניע.
זי שריַבט: אלץ טיפער ווערט איר טרויער,
אז נאָר זי זעט דאָס בלוט „זיַינס" רינען,
זי וועט געוויס אראָפּ פון זינען...
דער בריוו פארקלעפּט און אויס, און פּאָטער.
באלד וועט אריַינקומען דער פּאָטער,
וועט פרעגן: „וואָס איז ווידער הייַנט?"
זי ווייסט: איר טרויער האָט ער פייַנט.

10

פּאַפּא א פידלער איז אן אלטער,
דעם פידל פעסט אין האנט נאָך האלט ער,
ער שפּילט אין מינסקער רעסטאָראנען.
און ברענגען ברענגט ער עס פונדאנען
דעם גוסט צו פריילעכן געטומל.
א זינג, א שפּיל, א טאנץ — צום רומל.
ער האָט פייַנט זאָרגן, און ער הייסט,
ניט זאָרגן זיך זאָל אויך די „טרייסט".

11

איז מוז זי באלד די מינע בייַטן.
(ווייַל לעבן לעבט מען דאָך פאר לייַטן...)
דעם פעטער איז איר טרויער ליבער,
איז דארף די מינע זיַין וואָס טריבער.
פּאַפּא קאָן טרויער ניט פארלייַדן,
איז דארף מען אָנטאָן זיך אין זייַדן.
און טאָן א גלאנץ, א שעמעריר:
— אָט זע, וואָס פאר א טרייסט בא דיר!..

קאַפּיטל צוויי

1

עס האָט פּאַסירט זיך א געשיכטע:
ס'אַרײַן א גאַסט אַן אומגעריכטער,
דערלאַנגט א בריוו פון מאָסקווער פּעטער,
און יענער בעט, אָט טײַקעף — בעט ער —
זאָל „ס'קינד" אין וועג אַרײַן זיך גרייטן.
און זי ביז מאָסקווע וועט באַגלייטן
דער מענטש, וואָס אָט דעם בריוו איר פירט,—
ער איז קיין מינסק גראַד קאָמאַנדירט.

2

דעם בריוו געלייענט האָבן אַלע,
און בליקן זײַנען באַלד געפאַלן
אַף דעם, וואָס מיטן בריוו געקומען,
ער האָט ניט זייער אויסגענומען:
באַיאָרט און דיק, א פּליך א ברייטער,
נאָר ס'איז ניט מער דאָך — א באַגלייטער.
מע רעדט מיט אים גאָר קנאַפּע רייד,
און זי, די „טרייסט", אין וועג מע גרייט.

3

און ווײַטער גייט עס ווי אַף וווּנדער...
די „טרייסט" איז פון איר נעסט פאַרשוווּנדן,
קיין מאָסקווע-שטאָט איז זי פאַרפלויגן
און דאָרט צעעפנט ברייט די אויגן:
אזא מין לעבן, אזא פּעטער!
צו איר מיט אזא ליבשאַפט רעדט ער.
ער פירט זי צום באַלקאָן אַרויס:
— קוק אָן, ווי מאָסקווע איז די גרויס!

4

פאַראַן אין מאָסקווע-שטאָט א געסל,
דער פּעטער קאָן עס ניט פאַרגעסן,
עס האָט אָסטאָזשענקע געהייסן,
דאָרט, אין אָקטיאַבער-טעג אין הייסע,
האָבן גערוישט די רויטגוואַרדייער.
גערופן אים „טאָוואַרישטש מייער" —
א בעקער-יונג מיט ביקס אין האַנט —
און גלײַך מיט זיי אין שלאַכט ער שפּאַנט.

5

ס'שײַנט אויף דאָס פּאָנעם בא דעם פּעטער,
ווען מ'פרעגט אים, וואָס געווען איז שפּעטער.
— און שפּעטער ווער איך א וואָיאַקע,
כ'גיי מיט כאַווײרים אַף קאַלטשאַקן,
כ'העלף זיי דעניקינען צו שלאָגן,
און, הערסטו, קינד, וואָס כ'וועל דיר זאָגן,
זיי זײַנען טײַער מיר ביז הײַנט,
אָט די כאַווײרים, אָט די פרײַנט...

6

ער ציילט די פרײַנט פון די לאַנגאָנען —
נאָך מער צעשמייכלט ווערט זײַן פּאָנעם:
— יעגאָר — דער איז געווען א רײַטער,
געווען א יונג אזא פאַרשײַטער.
מאָיסיי — האָט ליב די זאַך באַטראַכטן,
נאָר מיט א פּלאַן ער גייט אין שלאַכטן.
און סאַווואַ הייבט די פּאַן אויף הויך
און גייט מיט איר דורך פלאַם און רויך...

7

לעם קיראָוו-גאַס א הויז פאַראַנען,
עס הייסט „דאָס הויז פון וועטעראַנען".
מע זעט קיין קרענץ ניט, קיין גירלאַנדן,
נאָר ס'פלאַטערט הויך דער רום פון לאַנד
דאָרט.
א מעכטיק הויז פון זיבן שטאָקן,
אין יעדער דירע וווינט א זאָקן,
א מענטש, וואָס האָט נאָך גאָר אַמאָל
אַף זיך גענומען וועלטן-אַל.

8

יעגאָר און סאַווואַ אויך דאָ וווינען —
ווער קאָן צעשיידן די פאַרשוינען?
נאָר ווײַל יעגאָר שטאַמט פון די בלעכער,
גוסטירט ער צו א שטאָק, וואָס העכער,
שיר ניט צום דאַך האָט זיך פאַרקליבן.
און סאַווואַ אונטן איז געבליבן.
אזוי אָט לעבט מען אין איין הויז,
און אַלטע פרײַנטשאַפט ווערט ניט אויס.

9

און מייער איז אַן אָפטער גאַסט דאָ.
און אויך מאָיסיי געמיטלעך שפּאַסט דאָ.
מ'איז אַלט, מ'איז מיד, מע איז געבויגן,
נאָר ס'פלאַמט א פלעמל אין די אויגן.
ס'א וווּנדער נאָר: ווי יונג דער בליק איז
בא אָט די אַלטע באָלשעוויקעס.

און ס'שרײַט יעגאַר: „די פּאַן האַלט הויך
אפילע אין ראַיטאַרג — דאָרט אויך!"

10

דאָס מונטערט מען דעם כּאַוואַער מייער,
וואָס האַלט פון זײַן „ראַיטאַרג" ניט זייער.
געווען א בעקער א גענײטער,
און איצטער שמייכלט ער נאָר ביטער:
„מיך אין א סויכער מ'וויל פאַרוואַנדלען...
ס'איז ניט מײַן פאַך... ס'איז האַנדל־וואַנדל...
און איך — מע זאָל מיך לאָזן פרײַ,
אַנטלויף איך באַלד אין בעקערײַ"...

11

ער האָט זיי ליב, די בעקער־יאָרן,
נאָר קוים איז ער א „זאוו"[1] געוואָרן,
מיט א „ראַיטאַרג" געגומען פירן,
איז טאָר מען ס'פּאַנעם ניט פאַרשמירן.
און אין „ראַיטאַרג" אַלץ מענטשן פּלייצן,
דעם — א באַפעל און דעם — אן אייצע,
מיט דעם רעד שטרענג, מיט יענעם — מילד,
און אַלט איז ער שוין אויך — ער פילט.

12

עס ווערט אים וואָס א טאָג אַלץ שווערער.
ער וואָלט זיך קלאָגן מער און מערער,
ווען ס'זאָל א פרעמדער ניט דערבײַ זײַן,
און פאַר אים טאָר מען עס ניט ווײַזן,
ווײַל הייסן הייסט ער שטעלפאַרטרעטער
און קומט אַמאָל אהיים צום פעטער,
מע זיצט אָפּ לאַנג אין קאַבינעט
און פון ראַיטאַרג — מע רעדט, מע רעדט...

קאַפּיטל דרײַ

1

עס קומט א דאַנק דעם שטעלפאַרטרעטער:
ס'האָט ער געבראַכט די „טרייסט" צום פעטער.
דעם גאַנצן וועג פון מינסק באַגלייט זי
און אויך אין מאָסקווע ניט צעשיידט זיך.
ער קומט איצט יעדן טאָג פאַרנאַכט־צו,
זיצט לעם דער „טרײַסט" און אַלץ
באַטראַכט זי,
ער קוקט און שווײַגט, ער זאָגט קיין וואָרט,
נאָר עפּעס זאָגט זײַן שווײַגן פאָרט.

2

און פּלוצעם גיט א זאָג דער פעטער:
— געפעלסט אים. כ'זאָל דיר זאָגן, בעט ער.
ער זאָגט, דײַן גליק וועט ער באַשטאַטן.
וועסט עפּשער אָנשרײַבן דעם טאַטן?
און פרעגסטו מיך, ווער דער פאַרשוין איז,
איך זאָג דיר: ער האָט פיל כּעסרוינעס.
דו קאָנסט זיך טאָן, ווי דיר פאַלט אײַן,
נאָר גליקלעך וועסט מיט אים ניט זײַן...

3

ער וויל זיך באַ זײַט איצט שטעלן,
ווײַזט אויס, דער מענטש ז'אים ניט געפעלן.
און זי, די טרייסט, קוקט אָן דעם פעטער,
זי קאָן עס ניט פאַרשטיין: וואָס רעדט ער?
זי זאָל פון גליק אירן אַנטלויפן?
זי שווײַגט, נאָר ס'קלאַפּט איר אין די שלייפן:
— ביסט ניט קיין מויד פון נײַנצן יאָר...
מע גיט דיר גליק — איז נעם, און גאָר!

4

זי הערט, ווי ס'וואָרנט זי דער פעטער
און גיט דאָס וואָרט דעם שטעלפאַרטרעטער.
און טאַקע באַלד מיט פעקלעך אירע
איז זי אריבער אין זײַן דירע.
ארײַן, א קוק געטאָן, פאַרטראַכט זיך,
געוואָלט א טרער לאָזן, ווי ס'מאַכט זיך,
נאָר ס'האָט זיך עפּעס ניט געוויינט,
ווײַל צופיל איז דאָ אַלץ באַכיינט.

5

דרײַ צימערלעך, וואָס גלאַנצן, פינקלען,
די שײַן — זי פליסט פון אַלע ווינקלען,
א שפּיגל — דאָ, א שפּיגל — דאָרטן,
דרײַ שפּיגל־שרענק פון אַלע סאָרטן,
און ס'שײַנט קרישטאָל, און ליוסטרעס שטראַלן,
און ס'איז דער כיין אַף אַלץ געפאַלן...
ס'האָט נאָר געפעלט איין טראָפּן כיין —
אין אים, דעם באַלעבאָס אַליין.

[1] „זאוו" — געקירצט: א פאַרוואַלטער.

6

עס האָט געפּאַקט מיט היץ זײַן צורע,
עס האָט געקאָכט אין אים די גוווּרע,
וואָס ער די זאַכן האָט געקראָגן,
וואָס אָט דאָס אַלץ ער קאָן פאַרמאָגן.
וואָס אים אַצינדער וועט געהערן
די פּרוּוי מיט לאָקן אַפן שטערן,
די פּרוּוי מיט יוגנטלעכער שטים,
וואָס צוויי מאָל ייִנגער איז פון אים.

7

און ווײַל ער האָט געפילט זיך מעכטיק,
האָט ער געוואָלט אויך זײַן גערעכטיק.
ער זאָגט: — דאָס שטיבעלע געפעלט דיר?
נאָר זאָג דעם עמעס — עפּעס פעלט דיר?
ביסט יונג, און ס'ווילט זיך דיר פאַרברענגען,
איז מעגסטו פרײַנט אהערצו ברענגען.
געדענק: דו הייסט איצט מאַדאַם קאָן,
און וואָס דיר ווילט זיך, מעגסטו טאָן.

8

זי ווײַל דערווײַל ניט זען קיין געסט דאָ.
זי ווײַל, ס'זאָל זײַן א שטילע נעסט דאָ,
מע זאָל געמיטלעכקייט דאָ פילן,
און ס'זאָלן הימל-פאַרבן שפּילן.
דאָס איז איר גוסט. ס'וועַרט פול די דירע
מיט טעפּיכער פון בלוי-קאָלירן.
וווּהין מע גיט א קער דעם בליק —
א טעפּיך, ווי א הימל-שטיק.

9

זי פּוצט, זי פּוצט די שטוב אָן אופהער...
און פּלוצעם מ'קומט פון פעטער רופן.
ער ליגט צו בעט. ער נעמט דערצייילן,
ווי שלעכט איִם די דאָקטוירים היילן.
זיי זעען ניט — ער בלײַבט אָן קויכעס...
זײַן לעבן איצט — נאָר טשאַד און רויך איז...
עס גייט איִם נאָך אַזאַ געדאַנק,
אַז לעבן וועט ער שוין ניט לאַנג.

10

און דער געדאַנק האָט ניט געגאַרט אים.
אין דער פּאַלאַטע מ'האָט פאַרשפּאַרט אים,
געהאַלטן אים דאָרט היפּשע וואָכן,
געזען: ער וועַרט געליימט, צעבראָכן.
און גאָר צום סאָף, שוין צו דער גסיסע,
מע האָט דער „טרייסט" געטאָן צו וויסן,
אַז ער דערמאָנט איר נאָמען אָפּט,
רופט אָן איר נאָמען אינעם שלאָף.

11

שוין ניט געווען אַף וואָס צו האָפן —
באַם לעצטן אָטעם איִם געטראָפן.
ער איז געלעגן ריין און ציכטיק.
— דו ביסט געקומען — דאָס איז וויכטיק...—
געזאָגט מיט ליפּן מיט פאַרשמאַכטע. —
אַף דײַן פאַרשוין דו גיב מער אַכטונג...
איך פלעג איִם האַלטן אין דער צוים...
און דו... — און שוין — ער עטעמט קוים.

12

דערנאָך געווען איז די לעווייע.
געקומען זײַנען פרײַנט געטרײַע.
אָט זעט מען סאַוואַן און יעגאָרן,
אָט שטייט מאַיסיי אויך נעבן אָרן.
זיי זײַנען אַלט, פון צאַר געבויגן,
נאָר ס'פלאַמט דאָס פלעמל אין די אויגן,
און נאָכן אָרן מ'גייט באַנאַנד,
ווי מ'האָט אַמאָל שלאַכט אין געשפּאַנט.

קאַפּיטל פיר

1

אַזוי־אָ בלײַבט: ניטאָ דער פעטער —
ס'זיצט אַף זײַן שטול דער שטעלפאַרטרעטער,
און אין „ראַיטאַרג" אַלץ מענטשן פליסן,
און קיינער הייבט ניט אָן צו וויסן,
וואָס ס'האָט פאַרטראַכט דער „זאַוו" דער נײַער.
אין זײַנע אויגן ברענט א פײַער,
אַף זײַנע ליפּן שפּילט דער שוים:
— אַראָפּ, אַראָפּ דעם פעטערס צוים!..

2

אַלץ הייבט אָן גיין אַף נײַעם אויפן.
דורכן ראַיאָן ער הייבט אָן לויפן.
ער קלײַבט זיך צו „זאַוומאַגן" נײַע,
וואָס זאָלן דינען איִם געטרײַער.
ער גיט זיי דעפּיציטע זאַכן
און לערנט זיי, ווי קונצן מאַכן...
— און טרעפט זיך וואָס, ניט אײַער זאָרג —
דערווּף בין איך דאָ אין ראַיטאַרג!

3

ער האָט שוין אויך זײַן שטעלפֿארטרעטער,
מיט אים ער רעדט אין נאַכט אין שפּעטער.
„מיכאל דאניליטש, אַלע שלאָפֿן,
איצט מעגן מיר א רעד טאָן אָפֿן.
מײַן וואָרט, מיכאל דאניליטש, ז'הייליק:
פּופֿציק פּראָצענט וועט זײַן דײַן כיילעק...״
אים אַרט ניט, וואָס דאָס הערט די „טרייסט״,
אַבי נאָר, כּוץ איר, קיינער ווייסט.

4

גאַנצפֿרי פֿאַרשווינדט ער, זי בלײַבט איינע.
באַטראַכט די שטוב, וואָס שפּילט מיט כיינען,
באַטראַכט דאָס גוטס, וואָס גלעט און וואַרעמט.
די רײַכקייט שרײַט, די רײַכקייט ליאַרעמט,
זי רעדט אָן רייד, זי זאָגט אָן ווערטער:
„א גאַנעוו איז ער, דײַן באַשערטער,
און דו די סוידעס זײַנע ווייסט,
און וואָס סע קומט דערפֿאַר — פֿאַרשטייסט?..״

5

ער הייבט אָן צירונג איר צו קויפֿן.
א וואָך צײַט גרייט ארומצולויפֿן
נאָך איין פּאָר אויערינגלעך, בראַסלעטן.
— טו אָן! — און נעמט די הענט איר גלעטן,
און קושט זיי גלוסטיק און פֿאַרצויגן,
ווי ר'וואָלט פֿון זיי דעם מאַרך געזויגן.
און פּערל אַז ער קויפֿט איר אײַן,
ער זויגט זיך אין איר האַלדז אַרײַן.

6

יאָ, אין איין קויפֿן צירונג האַלט ער.
און זי באַשלאָגט א שווייס א קאַלטער,
ווען ער ברענגט ס'צענטע מאָל בראַסלעטן
און הייבט אָן אירע הענט צו גלעטן.
איר האַרץ — אָט-אָט ווערט עס פֿאַרשטאַרבן,
און פֿילן פֿילט זי זיך — א קאָרבן.
נאָר זי באַפֿעלט זיך שווײַגן שטיל.
זי זאָגט זיך: „מאַלע וואָס איך פֿיל...״

7

זי האָט צו אים מער ניט איין טײַנע:
די פֿרומקייט, אוי, די פֿרומקייט זײַנע.
ער וויל פֿון „קאָשער״ נאָר געניסן.
קאָן דאָס א מאָסקווער קעכן וויסן?
האָט מען פֿון ווײַט פֿון ליטע-שטעטל
אַראָפּגעבראַכט א ביילע-עטל.
די צווייטע קעכן מאַניע הייסט,
פֿון איר געקעכץ געניסט די „טרייסט״.

8

שטאַרק ליב ער האָט די סינאַגאָגע,
ער וואָלט דאָרט נעכטיקן און טאָגן.
ער הייסט איר גיין מיט אים צוזאַמען.
„דאָרט וועסטו זען די עכטע דאַמען,
זיי האָבן מענער — גרויסע בערן,
זאַוומאַגן. ס'טרעפֿט אויך — אינזשעניערן,
א דאָקטער, ווען ס'ווייסט די שטאָט,
נאָר זעסט, זיי רײַסן ניט מיט גאָט...״

9

וואָס איז עס — א באַפֿעל? אַן אייצע?
זי פֿאָלגט. אין סינאַגאָגע גייט זי.
זי קוקט מיט בײַגער אויף די דאַמען,
וואָס דאַווענען מיט איר צוזאַמען.
מע זיצט, מע הערט דעם כאַזנס זינגען,
מע טוט א שלײַף די שאַרפֿע צינגלעך,
מע בראָקט אַרײַן אַן אַנעקדאָט,
און ראַק מע שווערט, מע שווערט בא גאָט.

10

נאָך איין באַגעגעניש, א צווייטע,
פֿון שול אין אָפּערעטע גייט מען.
איין דאַמע זאָגט: „רופֿט מיך פֿאַינע״.
די צווייטע זאָגט: „פֿאַר אײַך כ'הייס דינע״.
און כאָטש זיי זײַנען אין די יאָרן,
מיט איר אויף „דו״ איז מען געוואָרן.
די פֿרײַנטשאַפֿט וואַקסט, די ליבשאַפֿט —
גרויס,
מע ווײַזט דער „טרייסט״ ווו אײַן, ווו אויס.

11

און ס'לאָזט זיך שוין גאָר ווײַט צו וויסן:
דאָ איז א שטוב, ווו מ'קאָן געניסן.
קומט נאַכט — עס קומען געסט צו פּאָרן,
די „טרייסט״ לאָזט באַלד אַראָפּ די שטאָרן.
מע זיצט בא טישן. מ'לאָזט זיך דינען.
מע שפּילט אין קאָרטן ביז באַגינען.
מיכאל דאַניליטש פֿירט דעם קאָן.
— אײַך שפּילט דאָס גליק הײַנט, מאַדאַם קאָן!

12

און מאדאם קאָן ז'אין שפּיל א מײַסטער,
זי ליידיקט אויס שוין אַלע טײַסטערס.
אין שטוב מיט הימל־פאַרבן העלע
א „באנטשאַק” האָט זי ליב צו שטעלן.
זי שפּילט ס'איז דער פּאַרטניאָר א גוטער,
זי שפּילט, און ס'צינדט זיך אָן דאָס בלוט איר,
ווי זי וואָלט שיקערלעך געווען, —
מ'האָט זי שוין שיקער אויך געזען.

13

זי פילט זיך שוין ניט ווי א קאָרבן,
איר הארץ — עס ווערט ניט מער פאַרשטאָרבן,
דערוף א מייזוונטע איז מאַניע,
וואָס שפּירט, איר לײַב זאָל ניט פאַרוויאַנען.
זי, מאַניע, רעדט אין קיך מיט צאָרן:
„וואָס איז מיט דער מאדאם געוואָרן?
איר מאַן ליגט טויט פון היטלערס קויל,
און איר איז גוט, און איר איז ווויל”...

14

זיי זײַנען פרײַנט — די קעכנס ביידע.
און נאָר פון איר, פון איר זיי ריידן.
אָט ווי מע שטייט לעם הייסער פליטע
מיט באַקן פלאַמענדיק־צעגליטע,
בעט מאַניע, מ'זאָל פאַרשטיין איר געבן:
— וואָס האָט די ווערט אַזאַ מין לעבן?
און ביילע־עטל זאָגט צום גראַם:
— סע האָט דעם טאַם פון זיסן סאַם.

15

און ווידער גייען דורך כאַדאָשים,
מע זעט: קיין האָפענונג ניטאָ שוין,
סע זאָל אין שטוב דאָ אנדערש ווערן.
זאָגט ביילע־עטל: — איך וואָלט שווערן,
זיי זײַנען דול געוואָרן אַלע:
ס'איז זיי די הוליעניש באַפאַלן,
וואָס מיינען זיי, סע איז א שפּאַס —
מע ווינט אַף א סאָוועטסקע גאַס...

16

און נאָכדעם סוידען זיי זיך ביידע.
און עפּעס אַזאַ שמועס גייט דאָ:
— מ'עט גיין. מ'עט זוכן. מ'עט געפינען
די לײַט, וואָס זײַנען נאָך באַם זינען.
„געדענקסט, געדענקסט, אָט יענע דרײַען
באַם פעטער אירן אַף לעווײַע?”
„געדענקסט, באַם קייווער מ'האָט גערעדט”...
„צו זיי מ'דאַרף גיין... ס'איז נאָך ניט שפּעט”.

קאַפּיטל פינף

1

און ביילע־עטל ווערט אַנטרונען.
א טאָג געזוכט און פאָרט געפונען.
לעם קיראָוו־גאַס א הויז פאַראַנען,
עס הייסט: „דאָס הויז פון וועטעראַנען”.
א מעכטיק הויז פון זיבן שטאָקן,
אין יעדער דירע וווינט א זאָקן,
א מענטש, וואָס האָט נאָך גאָר אַמאָל
דאָס הארץ פאַרהאַרטעוועט, ווי שטאָל.

2

צו יענעם הויז איז זי געלאָפן.
דאָרט אַלע דרײַ — צום גליק — געטראָפן:
מאָיסייען, סאַוואַן און יעגאָרן,
זיי זײַנען עלטער נאָך געוואָרן.
די ברעמען — גראָווער, ס'קאָל—נאָך מידער,
פון עלטער אָפּגעשוואַכט די גלידער.
נאָר ביילע־עטל ט'זיי דערקענט
און זיך צו אַלע דרײַ געווענדט.

3

און זיי — אַז זיי האָבן באַנומען,
מיט וואָס ס'איז אָט די פרוי געקומען,
פאַרוואָס איר וואָרט איז אַזוי ביטער,
פאַרוואָס איר האַנט, די לינקע, ציטערט
פון קאַס, וואָס איז אין האַרץ פאַרזאָטן, —
געפאַלן איז אַף זיי א שאָטן.
מ'איז אָן איין וואָרט געזעסן לאַנג,
ביז ס'האָט יעגאָר געזאָגט: „א דאַנק!”

4

און סאַוואַ אויך די האַנט דערלאַנגט איר,
און אויך מאָיסיי — ער הערט זי, דאַנקט איר.
און ווידער ווערן זיי אַנשוויגן,
אַף פּענעמער די שאָטנס ליגן.
מע לאָזט אַראָפּ די קעפּ די גראָווע,
מע לאָזט אַראָפּ זיי פּאַר ביזאָיען:
— ווו איז עס מייערס אויג געוועזן?
— ווי האָט עס מייערס אויג פאַרזען?

5

עס איז די שטילקייט אזא הארבע...
און ס'זאָגט יעגאַר: „נו, צו דער ארבעט!"
און נאָכדעם גיט א זאָג אויך סאווא:
— ניט צײַט איצט פאניכידעס פראווען...
און אויך מאָסיי איז בא דער מיינונג,
אז ריידן גוטע רייד איז ווייניק.
מע דארף איצט כאפּן פאר דער האנט
דעם גאנעוו, וואָס בארויבט דאָס לאַנד.

6

און אלע דרײַ שוין ערגעץ אײַלן.
נאָר זי פארהאלט זיי אף א ווײַלע.
זי זאָגט: „ס'האָט מאניע שטארק געבעטן,
דאָס זאָל ניט זײַן אין די גאזעטן,
ווײַל טאָמער יאָ — ס'קאָן שאַטן ברענגען,
די „טרייסט", זאָגט מאניע, וועט זיך הענגען..."
נאָר דאָ שלאָגט איבער שארף יעגאַר:
— איר גייט מיט אונדז צום פּראָקוראָר!..

7

און וואָס ס'איז ווײַטער דאַן געווען,
דו מאָל זיך אויס אליין, מײַן לעזער.
כ'וויל נאָר, זאָלסט וויסן: ביילע-עטל
האָט זיך ניט אומגעקערט אין שטעטל,
מיט מאניען ניט געוואָלט זיך שיידן,
אוועק אף דער „טריאַכגאָרקע" ביידע.
ס'האָט נאָר איין ספּראווקע איר פארפעלט,
לייגט ביילע-עטל אײַן די וועלט.

8

זי טראכט, זי ברעכט דעם קאָפּ: בא וועמען
קאָן זי אצינד א ספּראווקע נעמען,
אז דער פּרומאַק איז שוין אין טפיסע?
איז בלײַבט דאָך נאָר די „טרייסט", די זיסע?
א גאנעווס ווײַב... גאנאַווים ביידע...
ווי שטעלט מען זיך מיט איר צו ריידן?
און ווו פארברענגט זי אירע טעג?
אז פון איר שטוב איז זי אוועק?

9

געזוכט. אָט איז די גאס, דער מויער.
גייט ביילע-עטל שטיל צום טויער.
נאָר אין איר זידט: — איך, ביילע-עטל,
וועל האלטן אין די הענט איר צעטל?
איך וועל ארומגיין מיט א ספּראווקע,
ווו ס'איז די „טרייסט" קיין טרייסט ניט דאפקע?
איר פּאָנעם — רויט, די ליפּן — בלאָ,
א שפּײַ געטאָן — און איז ניטאָ.

10

מע האָט זי סאָפּקאָלסאָפּ פארשריבן
און אף „טריאַכגאָרקע" זי ז'געבליבן.
מיט מאניען אין איין צעך זי ארבעט
און ס'שמעקט פון ביידעמען מיט פארבן,
עס שמעקט מיט כאווערשאפט געטרײַער,
מיט אזא מונטערקײַט א נײַער,
וואָס קיינמאָל וועפּט זי זיך ניט אויס,
מעג זײַן די שוועריקײַט ווי גרויס.

11

נאָר ס'טרעפט זיך ווען-עס-איז א רעגע —
מע קוקט זיך אום אף אלטע וועגן.
און ווײַל זי איז גוטהארציק, מאניע,
שווימט אוף די „טרייסט" מיט איר
סטראַדאניע.
איר כיין, דער לאָקן אפן שטערן.
נאָר ביילע-עטל וויל ניט הערן.
ס'זאָגט ביילע-עטל דעמלט: — איי!
וואָס איז זי ווערט, אז ניט דעם שפּײַ!..

12

בא דער „טריאַכגאָרקע", ווו זיי גייען,
די גאס איז אויסגעפּוצט אין שנייען.
ס'א ווינטער-טאָג, א גרוי-פארשנייטער,
נאָר ס'איז א לויטערקײַט פארשפּרייט היינט
אף אלע זייערע געפילן.
מע שפּאַנט מיט מידן טראָט מיט שטילן,
נאָר ס'הארץ ניט מיד איז, ס'הארץ איז אוף,
ווײַל ס'זינגט, עס זינגט די מאָסקווער לופט.

מאָסקווע, 1955—1956

י. דאָברושין און זײַנע בריוו צו י. ציִנבערגן און א. גורשטיינען



צו יעכעזקל דאָברושינס הונדערטסטן געבורטסטאָג פּובליקירן מיר א בינטל זײַנע בריוו. זיי זײַנען אינטערעסאנט קוידעמקאָל מיט דעם, וואָס זיי זײַנען געשריבן אין מעשעך פון קימאַט צוואנציק יאָר — דער ערשטער איז דאַטירט מיטן 1923, דער לעצטער מיטן 1940־טן יאָר — און זיי באווײַזן דעם אידייִשן און שעפערישן וועג פון זייער מעכאַבער.

ס'איז באַוווּסט, אַז דאָברושין איז געקומען אין דער ייִדישער ליטעראַטור נאָך אין אָנהייב פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. די ערשטע ווערק זײַנע — לידער און דראַמען — זײַנען געווען פול מיט מאָטיוון פון מאָרעשכוירע, איינזאַמקײַט און, אייגנצײַטיק, בענקעניש נאָך עכט־מענטשלעכע באַציִונגען. איינס פון זײַנע ערשטע ביכלעך לידער איז אָנגערופן „בענקענדע נעשאָמעס", אַן אַנדערס — „פאַרנאַכטן". דער יונגער דיכטער מעלדעט, אַז ער איז שוין „עלנט און מיד", געבליבן אַליין, „אָן מאָרגן פון נעכטן אף הײַנט". אין די דאָזיקע לידער הערן זיך די דעמלט פאַרשפּרייטע שטימונגען פון דער רוסישער און מײַרעוו־אייראָפּעיִשער סימבאָלישער און דעקאַדענטישער פּאָעזיע. אין דער ליד „צײַטן" („פאַרנאַכטן", קיִעוו, 1917) דעקלאַרירט ער:

איך גלייב ניט אין פרילינג,
איך גלייב ניט, געטרײַע,
אין פוכיקע וואָלקנס,
וואָס טראָגן זיך פרײַע...

אָבער דער דיכטער וויל מיט זײַנע לידער עמעצן העלפן, טרייסטן דעם מידן, דעם פאַרלאָרענעם.

דער ברויזנדיקער אָקטיאַבער 1917 האָט אופגעמונטערט, ווי פיל אַנדערע ייִדישע שרײַבער, אויך דאָברושינען. עס בײַט זיך ראַדיקאַל זײַן וועלט־אָנשויונג, דער כאַראַקטער פון זײַן שאַפונג. דער דיכטער איז געוואָרן באַגײַסטערט פון די פּערספּעקטיוון, וועלכע האָבן זיך געעפנט פאַר די פעלקער פון רוסלאַנד, בעסויכעם אויך פאַרן ייִדישן פאָלק.

אינעם אַרטיקל „אונדזער ליטעראַטור", וואָס איז אָנגעשריבן אין 1918, שטרײַכט שוין י. דאָברושין אונטער: „דער ייִדישער שרײַבער דאַרף פון איצטער אָן זײַן ניט נאָר אַ שעפער, נאָר אויך אַ בויער".

פון דעמלט אָן ווערט טאַקע יעכעזקל דאָברושין אַן אַקטיווער בויער ניט נאָר פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, נאָר אויך פונעם נײַעם לעבן בא דעם ייִדישן פאָלק.

ער איז געווען אַ מענטש פון אַ הויכער קולטור, אַ טיף באַהאַוונטער אין דער דורעסדיקער געשיכטע. ער האָט געקענט עטלעכע פרעמד־שפּראַכן (פון פראנצויזיש האָט ער איבערגעזעצט אף ייִדיש אנאַטאָל פראנס' דערציילונג „טאַיִס", וויקטאָר הוגאָס „גאַווראָש" און אַנדערע ווערק), געווען אײַנגעליבט אין מוזיק (גלענצנד געשפּילט אף אַ פידל), שוין אָפּגערעדט וועגן זײַן אַלעמען באַוווּסטער ליבע צום טעאַטער, וועלכן ער האָט אָפּגעגעבן פיל קויכעס, צו דער ייִדישער ליטעראַטור־וויסנשאַפט און קריטיק. אַלע מינים קונסט האָט ער געשטרעבט אַוועקשטעלן צו דינסט דער בויונג פון די נײַע געזעלשאַפטלעכע יעסוידעס אין זײַן היימלאַנד. דער זעלבער מעכאַבער, וועלכער האָט ניט לאַנג צוריק געטײַנעט, אַז „דער סאָד פון דער קונסט ליגט אין דער פאָרם", שרײַבט אין 1922 אַ פּיעסע־אַגיטקע, „אַ יוגנט־פּלאַקאַט", אין דרײַ בילדער — „גאָט דער פײַער". די אַמעריקאַנישע קאָמוניסטישע „מאָרגן־פרײַהײַט" דרוקט איבער די פּיעסע (אין נומער פונעם 12 נאָיאַבער 1922) מיט אַזאַ באַמערקונג פון דער רעדאַקציע: „דאָברושין איז אַ באַקאַנטער ייִדישער דיכטער אין רוסלאַנד. די סצענעס זײַנען געשריבן פאַר דער רוסיש־ייִדישער יוגנט. דער גאָט פון יוגנט, דער גאָט פון ליכט, די קראַפט פון פײַער זיגט איבער בלינדקײַט, פוילקײַט, אַלטקײַט, שימל. די סצענעס זײַנען אַ פרייד־געשריי לעקאָוועד דעם נײַעם, וואָס איז שטענדיק גויווער די פײַנטלעכע קרעפטן פון אָן אָפּגעלעבטער צײַט". אַזאַ איז געווען דער רעזאָנאַנס אף דאָברושינס נײַע ווערק.

אַזעלכע אַגיטקעס און אַנדערע קינסטלעריש־פּובליציסטישע ווערק האָט י. דאָברושין געשריבן אויך שפּעטער. פאַרשטייט זיך, אין זײַן בעעמעס גרויסאַרטיקער ליטעראַרישער יערושע זײַנען באַזונדערס

וויכטיק די פּילצאָליקע קריטישע און וויסנשאַפט־
לעכע אַרבעטן, זײַנע באַוווּסטע אינסצעניִרונגען פון
מענדעלע מוכר־ספֿרים, שלום־עליכעמען און
פּרעצן. אָבער מע קאָן ניט דורכלאָזן אויך אַנדערע
אַספּעקטן פון זײַן פאַרשיידנאַרטיקער שאַפונג, וועגן
וועלכע עס גיבן אַ בולטע פאָרשטעלונג אויך די
בריוו, וועלכע מיר פּובליקירן דאָ.

די ערשטע צוויי בריוו זײַנען אַדרעסירט יִשׂ־
ראָעל צינבערגן — אַ מערקווירדיקע און זייער אינ־
טערעסאַנטע פּערזענלעכקייט. צינבערגס אויפֿטו
אינעם געביט פון דער יִדישער ליטעראַטור איז
נאָך ביז איצט, דאַכט זיך, געהעריק ניט אָפּגעשאַצט.
אויסערלעך איז ער געווען אַ קאַבינעט־געלערנ־
טער (לויט דער פּראָפעסיע אַ כימיקער, אָנגעפירט
מיט דער כימישער לאַבאָראַטאָריע פונעם באַרימטן
פּעטראָגראַדער פּוטילאָווער זאַוואָד). אין זײַן פרײַער
צײַט האָט ער זיך פאַרנומען מיט דער פאָרשונג
פון דער יִדישער ליטעראַטור. די צוואַנציק יאָר
פון זײַן לעבן בײַ דער סאָוועטנמאַכט — פון 1918
ביז זײַן טראַגישן טויט אין 1938 — האָט ער אָפּגע־
געבן אַף צו פאַרווירקלעכן זײַן לעבנס־טרוים —
אָנגעשריבן נײַן בענדער פון דער „געשיכטע פון
דער ליטעראַטור בײַ יִדן", וועלכע כאַפּט אַרום
די יִדישע און העברעיִשע ליטעראַטור פונעם מיטל־
אַלטער ביז דער השׂכּלה־תּקופֿה. צינבערג איז
געווען פאַרכאַפּט מיט די ערשטע דערגרייכונגען
פון דער יִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור און,
ווי מיר זעען פון י. דאָברושינס ערשטן בריוו צו
אים, האָט ער פאַרטראַכט אַרויסגעבן אין דער רוסי־
שער איבערזעצונג אַ זאַמלונג אַרטיקלען פון די
יונגע יִדישע סאָוועטישע קריטיקער. י. דאָברושין
האָט טיפֿקע אונטערגעהאַלטן די איניציאַטיוו פונעם
געלערנטן.

דער צווייטער בריוו צו י. צינבערגן איז נע־
גיע איינע פון די אַקטועלע פּראָבלעמען, וועגן
וועלכער ס'האָבן זיך געפירט שטאַרקע וויכּוחים
אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן — אַף וואָסער
שפּראַך דאַרף זיך אַנטוויקלען די נײַע סאָוועטישע
ליטעראַטור בײַ די יִדן — אַף יִדיש, אָדער אַף
העברעיִש. די דיסקוסיע איז געווען אין אַ געוויסער
מאָס אַ קינסטלעכע, אַלנפאַלס, זי איז געווען אַרויס־
גערופן מיצד יענע, וועלכע האָבן געטרוימט אויפֿ־
לעבן אין רוסלאַנד העברעיִש אַלס אַן איינציקע
ליטעראַרישע שפּראַך. די געשיכטע, די רעאַלע
ווירקלעכקייט האָט נאָך פריִער געגעבן אַ קלאָרן
ענטפער אַף דעם: די שפּראַך פון די יִדן אין
רוסלאַנד איז געוואָרן יִדיש. יִדיש איז אַ פאָלקס־
לשון, אַן עכטע ליטעראַרישע שפּראַך — האָט אָפּן
דעקלאַרירט די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ נאָך
אין 1918 יאָר. און י. דאָברושין טרעט אַרויס אין
דעם בריוו אַלס אַ לײַדנשאַפטלעכער אָנהענגער
פון דער יִדישער קולטור, פון דער יִדישער
שפּראַך. אייניקע זײַנע באַמערקונגען בנוגע העב־
רעיִש און וועגן איינצלנע העברעיִשע שרײַבער
קאָנען הײַנט אויפֿגענומען ווערן ווי איבערפלעכלע־
כע, אָבער מע דאַרף זיך דערמאָנען, אַז זיי זײַנען
אַרויסגעזאָגט געוואָרן אינעם גאַנג פון אַ הייסער
פּאָלעמיק און דעריבער זײַנען זיי אַ ביסל פאַר־
שאַרפט און איינזײַטיק. י. דאָברושין זעט אין דער
דעמלטיקער העברעיִשער ליטעראַטור „אַ פּאַסיווע
נעבעך־ליטעראַטור" און זאָגט זיך אַרויס פאַר אַ
ליטעראַטור אַן אַקטיוו אָנגרײַפנדיקער, רעוואָלוציאָ־
נערער, וועלכע קאָן געשאַפן ווערן בלויז אַף יִדיש.
אַזאַ נײַע ליטעראַטור האָט ער אַליין געהאָלפן צו
שאַפן.

אין דעם איבערבוי פון י. דאָברושינס וועלט־
אָנשויונג האָט אַ געוויסע ראָליע געשפּילט די
פרײַנטשאַפט מיט א. גורשטיינען.

אַרן גורשטיין איז געווען אַף צוועלף יאָר
ייִנגער פון יעכעזקל דאָברושינען. זײַן וועג אין
דער יִדישער ליטעראַטור איז געווען גאָר אַן
אַנדערער. ערנסט פאַרינטערעסירט האָט זיך גורשטיין
מיט יִדיש אין די סטודענטישע יאָרן, ווען ער
האָט זיך געלערנט אַף דעם פאַקולטעט פון מיזרעך־
שפּראַכן פונעם פּעטראָגראַדער אוניווערסיטעט. דער־
נאָך, אין דער צײַט פונעם בירגערקריג, גייט ער
פרײַוויליק אַוועק אין דער רויטער אַרמיי און נעמט
אַן אָנטייל אינעם קאַמף קעגן די ווײַסגוואַרדייִשע
מאַכנעס. אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן
באַזעצט ער זיך אין מאָסקווע און ווערט איינציקן
איינער פון די אָנגעזעענע פאָרשער פון דער
יִדישער קלאַסישער ליטעראַטור און אַ קריטיקער
אין דער הײַנטצײַטיקער יִדישער ליטעראַטור. איינ־
צײַטיק האָט אַרן גורשטיין זיך פאַרטיפט אין
שטודירן די מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע פילאָסאָפיע,
די אַלגעמיינע פּראָבלעמען פון עסטעטיק, און
איז געוואָרן איינער פון די גרונטלייגער פון
דער סאָוועטישער עסטעטישער טעאָריע. אָט די
דאָזיקע אַלזײַטיקע באַהאַוונטקייט און באַגאַבט־
קייט האָט צוגעצויגן צום יונגן פאָרשער און קרי־
טיקער יעכעזקל דאָברושינען, וועלכער איז שוין
אין יענע יאָרן געווען באַוווּסט אַלס אַוטאָר פון אַ
ריי ביכער — פּאָעטישע און קריטישע. ווי עס איז
צו זען פונעם ערשטן בריוו, וועלכער איז דאַטירט
מיט זומער 1926, זײַנען די צוויי קריטיקער געווען
שוין דעמלט באַקאַנט, באַפרײַנדעט. כּמעט אַלע
אַנדערע דאָברושינס בריוו זײַנען אויך געשריבן
זומער־צײַט, בעת אורלויב, פון קרים אָדער יעסענ־
טוקי, וווּ י. דאָברושין האָט זיך געהיילט. ס'איז
געוואָרן בײַ די צוויי פרײַנט אַ מין טראַדיציע —
ווען מע צעשיידט זיך, כאָטש ניט אַף אַ לאַנגער
צײַט, גלײַך אָנשרײַבן איינער דעם אַנדערן אַ
בריוו.

י. דאָברושין האָט שטענדיק זיך באַצויגן מיט
אויסערגעוויינלעכן אָפּשײַ צו א. גורשטיינען, צו
זײַן טעטיקייט. בײַם סוף פון דער גרויסער פאָטער־
לענדישער מלחמה, ווען ס'איז באַשטעטיקט גע־
וואָרן דער פאַקט פונעם העלדישן אומקום פון זײַן
כאַווער און פרײַנט, האָט ער פאַרעפנטלעכט אין
דער צײַטונג „איינקייט" (17 מאַרט 1945) אַן אַרטיקל
וועגן אים. צו אונדז זײַנען ניט דערגאַנגען גור־
שטיינס בריוו צו דאָברושינען. וועגן זײַן באַציִונג
צום עלטערן פרײַנט איז אַן איידעס אַ קליין אַרטיקל
אינעם דריטן באַנד פון דער ליטעראַרישער ענציק־
לאָפּעדיע (1930), וווּ ער מערקט אָפּ, אַז „פון
די יִדישע שרײַבער איז י. דאָברושין איינער פון
די ערשטע, וועלכע האָבן זיך אָפּגערופן אַפן רוף
פון דער סאָוועטנמאַכט מיטצואַרבעטן אין אַלע נײַע

אונטערנעמונגען פון דער ייִדישער קולטור"; „דאָברושין האָט א סאך מיטגעווירקט צו קלײַבן די קויכעס פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור", און אלס בײַשפּיל ברענגט ער דאָס, וואָס דאָברושין איז געווען איינער פון די אָנפירער פונעם זשורנאל „שטראָם".

די בריוו, וואָס מיר פארעפנטלעכן דאָ, באווײַזן יעכעזקל דאָברושינען אלס לײַדנשאפטלעכן טוער און בויער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. ווו ער זאָל ניט זײַן, דענקט ער וועגן אקטועלע ליטעראטור־פּראָבלעמען.

אָבער ניט נאָר מיט ליטעראטור־איניאָנים האָט זיך אין יענע זומער־טעג פארנומען י. דאָברושין. ער פאָרט ארום איבער קרים, באזוכט די נײַ־אָרגאניזירטע ייִדישע ייִשווים, באקענט זיך מיט זייער לעבן, אָרגאניזירט דאָרט א ברייטע קולטור־ארבעט — קינסטלערישע זעלבסטעטיקײַט, ארויסטרעטונגען פון ייִדישע ארטיסטן און שריפטשטעלער, שרײַבט וועגן דעם אלץ ארטיקלען אין דער צײַטונג „עמעס", אין וועלכע ער שטעלט ארויס א ריי וויכטיקע פראגן פון דער אנטוויקלונג פון די ייִדישע קאָמונעס און קאָלווירטן.

די ייִדישע ערדארבעטער האָבן מיט גרויס ליבע זיך באצויגן צו דעם אומרויִקן ליטעראטאָר. איינעם פון די נײַע ייִשווים, וואָס זײַנען אינעם סאָף פון די צוואנציקער יאָרן אנטשטאנען אין קרים, האָבן זיי אָנגערופן מיט זײַן נאָמען — דאָברושינאָ (אין יעווּפּאטאָריער ראיאָן). דער נאָמען האָט זיך פארהיט ביז איצט און איז געוואָרן א דענקמאָל אונדזער גרויסן שריפטשטעלער.

י. דאָברושינס בריוו צו א. גורשטייבען האָבן זיך פארהיט אין א. גורשטיינס ארכיוו, וועלכער געפינט זיך אין צענטראלן ארכיוו פון ליטעראטור און קונסט פון פססר. דאָ מוז דערמאָנט ווערן ייִסראָעל סערעבריאני, וועלכער האָט דעם דאָזיקן יערושע־אויצער גוט באארבעט, אפן געהעריקן אויפן קלאסיפיצירט, אזוי אז מע קאָן זיך מיט אים נוצן.

זאלמען ליבינזאָן

י. דאָברושין — צו י. צינבערגן

זייער געאכטער און געשעצטער י. צינבערג!

פאר אײַער אײַנלאדונג — א דאנק. ניט געענטפערט אײַך טייקעף, ווײַל מײַן אינערלעכע באציִונג צו אײַך, צו אײַער גרויסער ארבעט אף דעם געביט, וואָס איז אונדז ביידן אזוי טײַער, — האָט מיך אָפּגעהאלטן צו ענטפערן אײַך אזוי, ווי איך מוז, סאָפקאָלסאָף, אײַך ענטפערן. קורץ. איך וויל און איך בעט, געאכטער כאווער, איר זאָלט פארשטיין מיך. קיין רוסיש שרײַב איך שוין לאנג ניט, קימאט קיינמאָל ניט געשריבן. קיינמאָל ניט געהאט צו טאָן מיט דער רוסיש־ריידנדיקער וועלט און אָרגאניש ניט געטראכט קיינמאָל שרײַבן פאר איר. ס'איז מיר שווער, זייער שווער צו שרײַבן ניט קיין קריטיש ארטיקל, נאָר א לערן־ארטיקל, א באווײַז־ארטיקל. ס'וואָלט בא מיר געקלונגען פאלש, און ס'וואָלט אײַך גאָר ניט געפעלן. איך שרײַב וועגן ייִדישער ליטעראטור ניט ווײַל ס'רייצט מיך. ס'איז די געשיכטע פון מײַן פילן, פון מײַנע וויכטיקע צי ניט וויכטיקע אינטערעסן. פאר אײַער רוסישן זאמלבוך נייטיקן זיך אָביעקטיווע אָפּהאנדלונגען. איז אָט וואָס איך רעכן. אויב ס'קאָן אײַך אינטערעסירן גראָד א „קריטישער" צוגאנג, טאָ נעמט עס פון געדרוקטס. עפשער איז קעדײַ, טאקע קעדײַ, די רוסיש־ריידנדיקע וועלט זאָל זיך באקאנען מיט מוסטערן פון ייִדישער קריטיק (ווערט זי דאָך באקאנט דורך איבערזעצונגען מיט מוסטערן פון פּראָזע און דיכטונג), ס'איז דאָך א שאפונגס־געביט, אן אייגנארטיקער, מיטן ייִדישן וואָרט און דענקען. זאָלן עס „פרעמדע" אָפּשאצן. אדעראבע, מיר מעגן מיט דעם אויך שטאָלצירן. גלייב איך, אז דאפקע אין אײַער זאמלבוך קאָנען ארײַן אייניקע אזעלכע פארטיקע ייִדיש־פארפורעמטע ארטיקלען. שוין צײַט. נעמט בא ניגערן, בא ליטוואקאָוון, בא אויסלענדערן, בא מיר. זאָל מען זען אונדזערע קריטישע מעטאָדן, אונדזערע וועגן, זאָל מען באקאנען זיך מיט דער ליטעראטור און מיט דעם, וויִאזוי מיר שאצן בא זיך און פאר זיך די ליטעראטור. ס'איז בעפיירעש אן איניען. וועגן מאני לייבן, לעמאָשל, האָב איך אין „שטראָם" נום. 3 אן ארטיקל, ווי אלע רעכענען, א גוטן. לעכאָלהאפּאָכעס, אלץ, וואָס איך קאָן זאָגן וועגן אים בא הײַנטיקן טאָג, האָב איך געזאָגט. קאָן מען אים עפשער א ביסל רעדאגירן צוליב דעם פרעמדן לייענער — ניט מער. מײַן ארטיקל וועגן בערגעלסאָנען אין פינפטן נומער איז אויך, ווי איך מיין, אָרגאניש פאר מיר און פאר אונדזער קריטיק־צושטאנד. און זאָל איך שרײַבן וועגן זיי אף רוסיש, איז אָדער דאָס וועט זײַן דאָס זעלבע, אָדער פּאָשעט שלעכט אָנגעשריבן. און וועל איך שרײַבן אף ייִדיש וועגן אנדערע, פון די, וואָס איר לייגט פאָר, וועט עס ווידער זײַן פון זעלבן שניט. דאָס הייסט, איך וועל שרײַבן א ייִדיש ארטיקל פאר זיך.

וויל איך, איר זאָלט מיך פארשטיין און ניט אָנעמען מײַנע רייד ווי א טערעץ. איך רעכן, אז אזא זאמלונג איז איצט, גראָד איצט, נייטיק ביז גאָר. און דאָס וועט זײַן נאָר א קאָוועד פאר דער ייִדישער ליטעראטור, פאר אירע קריטיקער.

אָנשטאָט זישאָ לאַנדוי — גלײַכער וועגן מ.־ל. האַלפּערן, ס׳איז אַ שטאַרקע דיכטערישע פּערזענלעכקייט, און ער שטייט בראָש. ווידער מוזט איר נעמען איינעם פֿון די „אינזיכיסטן, גלאַדשטיינען, לעמאָשל.

אַרטיקלען וועגן ייִדישן טעאַטער קאָנען דאָ שרײַבן א. עפּראָס און ס. מאַרגאָלין, וועגן מאָלערײַ — היילפּערן און ראָם (ייִדישער יונגער קינסטלער־טעאָרעטיקער), וועגן מוזיק — בלויז ענגעל (אין בערלין). מיט די אַלע קאָן איך אײַך פֿאַרבינדן. שרײַבט נאָר אָן אײַערע תּנאָים: די גרייס פֿון די אַרטיקלען און האָנאָראַר־מעגלעכקײַטן. שיקט מיר פֿאַר זיי בריוו, אָדער איך וועל אײַך שיקן זייערע אַדרעסן.

איך ווינטש אײַך דערפֿאָלג און בעט באַטראַכטן מײַן פֿאָרשלאָג.

מיט טיפֿער אַכטונג —
י. דאָברושין

6.12.23

איר ווייסט דאָך, אַז די אַלע אַרטיקלען פֿון ייִדישע קריטיקער זײַנען לאַכלוטן ניט באַקאַנט קיינעם פֿון די רוסיש־געבוירכער. און אַרויסגעבנדיק אַ גרעסערן זאַמלבוך, דאַרפֿט איר נעמען אָף זיך פֿאָרצושטעלן זיי ווי ייִדישע קריטיקער, און ניט ווי איינע, וואָס קומען פּאָפּוליאַריזירן אייגענע ליטעראַטור. אָט איז ניגער אַפֿילע ניט באַוווּסט דער רוסישער וועלט, און באַ אים קאָנט איר דאָך געוויס געפֿינען פֿאַרטיקע אַרטיקלען, בעסערע, איידער די, וואָס אַפֿילע אייניקע פֿון אונדז קאָנען אײַך געבן.

זייער כאָשעווער כ׳ צינבערג!

באַקומען אײַער בריוו דאָ ניט לאַנג. און האַגאַם ס׳איז גאַנץ שווער אין אַ בריוו באַרירן אײַערע „אַנגעזאָליעטע", ווי מע זאָגט, פֿראַגן און טײַנעס, דאָך וועל איך פּרוּוון ווי מעגלעך באַרעכטיקן פֿאַר אײַך מײַן אונטערשריפֿט אָפֿן קאָנטער־מעמאָראַנדום, און איך גלוסט, איר זאָלט מיך פֿאַרשטיין. און קוידעמקאָל, ווי ס׳איז אָנגענומען באַ ייִדן, אַ פֿראַגע אָף אַ פֿראַגע.

שוין זשע רעכנט איר, ווי אַ ליטעראַטור־ און שפּראַך־פֿאָרשער און בכלל ווי אַ מענטש פֿון טיפֿן געדאַנק און וויסן, שוין זשע דענקט איר, אַז ס׳איז מעגלעך אַ פֿאָלק מיט צוויי שפּראַכן? באַם מאָניסטישן, זאָל זײַן ניט מאַרקסיסטישן, וועלטקוק, וואָס אַלע געלערנטע רוקן איצט אַרויס, איז דען דאָ אַ מעגלעכקײַט, אַז מיר, אַ פֿאָלק, זאָל האָבן און טראָגן צוויי ווערטער־רעזערוווּאַרן, צוויי שפּראַך־קאָמפּלעקסן, טאָפּלטע אַסאָציִאַציעס פֿונעם געזעענעם, געהערטן און איבערגעלעבטן? איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל, קיין צוויי לעבנס־שפּראַכן (ניט לעבעדיקע, נאָר לעבנס־שפּראַכן) איז אומעגלעך. דאַרף מען דאָך, סאָפּקאָלסאָף, אויסקלײַבן די אָדער יענע. האָבן מיר שוין פֿון טשערנאָוויץ אָן אונדזער אויסוויַיל געמאַכט: ייִדיש. מיר האָבן אופֿגעהויבן די שפּראַך אָף אַ מאָדערנער אינטערעסאַנטער קולטור־מאַדרייגע (איך רעכן, לעמאָשל, אַז אין זין פֿון פּאָעטישער וואָרט־אינסטרומענטירונג האַלטן מיר ווײַטער, איידער דער איצטיקער צושטאַנד פֿון דער דײַטשישער פּאָעזיע). איז אָט. שטייט די פֿראַגע פֿון דער שול. ייִדיש, איאָ? נו, און ווי איז דער דין, אַז די מעלוכע איז אין אונדזערע הענט, און מיר האָבן דאָס רעכט פֿון „צוואַנגס־מיטלען", זאָלן מיר זײַן מאַנילאָווס און זאָגן, אַז מיר גיבן „שפּראַך־פֿרײַהײַט"? און וואָס הייסט באַ ייִדן שפּראַך־פֿרײַהײַט, אויב ניט טויזנטער יעשיוועס און כאַדאָרים און אין בעסטן פֿאַל באַטלאָניש־ציִעניסטישע גימנאַזיעס מיטן ענג־באַגרענעצטן העברעיִשלימעד, וווּ ס׳ווערט דערצויגן אַ דאָר פֿון מאָדערנע באַלעבאַטיש־ציוויליזירטע יונגעלײַטלעך אָן סאָציִאַלע פּערספּעקטיוון, אָן וווּקס און שווּנג פֿון ברייטן און גרויסן געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַרנעם, פֿאַרקריפּלטע טאַנאַך־נעשאָמעס, אויסגעפּוצטע מיט ביבלכיין, גלאַטע, באַנקיר־אַרטיקע נעפֿאַשעס, קומענדיקע קלויזנער־טיפּן, אַדוואָקאַטן און נאַציִאָנאַלע באַלטאַכלעסניקעס.

זאָגט דעם עמעס, כאַווער צינבערג, וווּ איז דער וווּקס און פֿאַרנעם פֿון דער מאָדערנער העברעיִשער ליטעראַטור, וווּ איז איר אָביעקטיוו געזעלשאַפֿטלעכע ווערט, אויסער ביאַליקן (די לעצטע דערהויבונג פֿונעם שטאַרבנדיקן אָנגעשטרענגטן פּלאַם?), וווּ זײַנען די געזעלשאַפֿטלעכע באַדײַטן פֿון זייערע דיכטער און ראָמאַניסטן? נעמט אין ייִדיש — מענדעלע, שאָלעם־אַלייכעם, פּערעץ, אַש, ווײַסנבערג, בערגעלסאָן, ניסטער, אָפּאַטאָשו, גלאַזמאַן, וואַרשאַווסקי און די קייט פֿון דיכטער — אַ בעהאַדראָגעדיקע אַנטוויקלונג פֿונעם לעבעדיקן פֿאָלקסגײַסט, די אָפּשפּיגלונג פֿון דוירעס און טקופֿעס, דער צאַפּלדיקער טאַמציס פֿונעם לעבן, די פֿאַרגעשטאַלטיקטע געשיכטע. נו, און העברעיִש? פֿילט איר דען ניט, אַז דער שטאַרקער שנייער איז אָביעקטיוו סאָציִאַל שוואַכער פֿונעם סאַמעטנדיקן איינהאָרן... באַם ערשטן — בלויזע וואָרט־איבונג, מוסקולאַטור פֿון אַ צירק־שלעגער, וואָס קיינער ווייסט ניט, ווען קומט ער צוניץ, קיין שטיקל באַציִונג צו געזעלשאַפֿטלעכער אויסקומעניש, עמעסע אינטעליגענטישע קאָפּע־קונסט. און באַם שוואַכינקן איינהאָרן, וואָס איז אייגנטלעך, קיין דיכטער ניט, איז יעדעס וואָרט — אָפּשפּיגלונג פֿון אַרומיקײַט, פֿון ייִדיש־געזעלשאַפֿטלעכע עטאַפּן; ס׳איז וואָר, מאַמאָשעסדיקס — און ניט ראָמאַנטישע שמאָכטערײַען פֿון אַ העברעיִשן וואָרט־שרײַער. פֿון איין זײַט — קוויטקאָ, לייוויק, פֿינינבערג — מיט ווייען און פֿריידן פֿון קאָלעקטיוון מאַזל פֿון אומע, און פֿון דער צווייטער זײַט — די סענטימענטאַלע ציִעניסטישע ווײַבער־טכינעס פֿון אַן „אַלישבע", וואָס איז איצט געקרוינט פֿאַר דער גרעסטער העברעיִשער דיכטערן. איז קלאָר. צוואַנציק יאָר פֿון העברעיִשן רענעסאַנס האָט אַזוינע מינימומען אַרײַנגעטראָגן אין דער געשיכטע פֿון אונדזער קונסט־קולטור, און וויפֿל מי, ענערגיע, געלט און נאַציִאָנאַלע צדאָקע־פּושקעס, אַנו, פּרוּווט אונדז באַשענקען מיט אַ העלפֿט פֿון די מאָעס, וואָס ס׳האָט אָפּגעקאָסט שטיבעלן דער „התקופה"־פּעריִאָד, מיר וואָלטן דאָך מאַמעש ניסים באַוויזן, וויפֿל טאַלאַנטן און ווערק וואָלטן זײַן געראַטעוועט!..

און ווייסן מיר דען ניט דעם עמעס, אז יעדע פרײַהײַט פון דערציִונג בא ייִדן הייסט אָדער אסימיליאציע — יאָ, פולשטענדיקע אסימיליאציע, אָדער מיטלאלטער מיט יעשיוועס, מיט כאדאָרים, מיט טאלמוד אאוו.? מיר זײַנען דאָך נאָך א מיטלאלטערלעך פאָלק, כאווער צינבערג, אונדזערע אדוואָקאטן און דאָקטוירים, בעראָש מיט ווינאווערן, באקן מאצע פארן פאָלק ייִסראָעל, פארן ייִדישן קלאל, מאצע באקן איז פאר זיי א נאציִאָנאלער איניען. פאָשעטע ראשמע! שטעלט אײַך פאָר, אז די ראָבעספיערס און דאנטאָנס, די קראָמוועלס זאָלן זיך פארנעמען מיט „ריטואל", און אונדזערע קלויסטערשע ראדיקאלן זײַנען דאָך אין טאָך קירכע־לײַט, ס'נעמט זיך פון זייער פארקריפלטן פרעמדן צוגאנג צו ייִדן און ייִדישקײַט. דאָס איז דאָך א פאקט, כאווער צינבערג.

אָט האָבן מיר 12 מיליאָן ייִדיש־ריידנדיקע אף דער וועלט, צוועלף מיליאָן שטאָטישע, בלויז שטאָטישע באפעלקערונג, אזא שטאָטישע באפעלקערונג, ניט מער, פארמאָגט דאָך פראנקרײַך, ענגלאנד און דײַטשלאנד. הייסט עס, אז מיר וואָלטן באדארפט האָבן א דרײַ מיליאָן לייענער פון א מאָדערנעם בוך, ווי אלע גרויסע פעלקער, און האָבן האָבן מיר א קנאפע פופציק טויזנט. א בוך, א נײַער בוך גייט בא אונדז ניט מער ווי אין טויזנט עקזעמפליארן. אפן גאנצן ייִדנטום מיט זײַן קלאָרפערדיק־טומלענדיקן נאציִאָנאליזם, מיט דער גאדלעס פון א „עם הספר"! און פארוואָס? — ווײַל מיר זײַנען נאָך מיט לײַב און לעבן אין מיטלאלטער. ווײַל מיר האָבן די צייטלינס, די נאציִאָנאלע „פרומקײַט". ווײַל מיר האָבן אין געשטאלט פון אונדזער אינטעליגענץ א שיכט, וואָס מאכט א געשמעלץ פון ראקעס מיט טאלעס־און־טפילן, באלערינעס און דווייקעס — און צי זײַנען זיי געניסער פון ייִדישער מאָדערנער עסטעטיק — ניין און ניין! און די מאסן פארשווארצן זיי מיט זייער באלמאכעשאָוועסדיקער ייִדישקײַט. האָבן מיר נאָך א פינצטערן האמוין, א מיטלאלטער אין פוילן, אין רומעניע און איצט אויך אין אמעריקע, וווהין די אלע פסוילעסדיקע נאציִאָנאליסטן פון זשאבאָטינסקיס שניט האָבן אוילע געווען, און צוזאמען מיט זיי (ס'איז אינטערעסאנט) האָט דאָרט אָנגעהויבן אופלעבן און בליִען די יעשיווע און דער מוסערניק.

ניין, כאווער צינבערג, שוין צײַט עפענען די אויגן און דרייסט זאָגן: „מיר זײַנען דאָ". די רוסישע רעוואָליוציע און די „יעווסעקן" טוען אָפּ אן ארבעט, וואָס מיר האָבן דאָס געדארפט טאָן, — מיר, וואָס שרײַבן שוין ניט קיין „שײַלעס וועטשוּוועס", וואָס שאפן עסטעטישע ווערטן און בלײַבן איינזאם, צווישן א פאָלק, וואָס האָט קיין שום שײַכעס נאָך צו וועלטלעכקײַט, צו קונסט־ווערטן, צו וואָרט, צו בילד. יאָ, אָט אזויפיל קויכעס האָט איר מיט אײַער דאָר אוועקגעלייגט אף צו סעקוליאריזירן די ייִדן. און נאָך מענדעלען, נאָך פערעצן, נאָך אזויפיל וואָרט־ווערטן שרײַען די אמעריקאנער שרײַבער, אז זיי דרוקן נאָר צוליב זיך, און דער גערער רעבע איז מעפורסעם און האנדלט מיט פאלעסטינע־אקציעס. און אז אראָנסאָן, דער קיִעווער באטלען, פאָרט ארײַן קיין יאפע, איז עס א נאציִאָנאלער יאָמטעוו. דער גרעסטער מענטש בא ייִדן איז ניט שאָלעם אש, ניט שנייער אפילע און ניט איינשטיין, דער גרעסטער מענטש איז — מאזע, ווײַל ער זאָגט מיטלאלטערלעכע דראָשעס, גאלאָכישע פיזמוינעס און פראווועט כופע און קדושן און קומט אף פארזאמלונגען פאר זײַן איידע און רעדט זיי וועגן וועלטלעכער מוזיק, וועגן קריינס מוזיק פון שטאנדפונקט פון „תובלקין"־מיסט, פוילעניש, באטלאָנעס, טויזנטיאָריקן שימל. און אויב מיר וועלן מיט גוואלד ניט נעמען רייניקן, איז אומזיסט אײַער גאנצע טירכע אפן געביט פון וויסנשאפט און קונסט — אומזיסט, כאווער צינבערג! איז אָט. קוידעמקאָל דארפן מיר טאָן, וואָס די בורזשואזע פראנצויזישע רעוואָליוציע האָט בעשײַטע געטאָן: אויסראָטן אונדזער פארזעסענעם מיטלאלטער, צונעמען באם פארשימלטן „נעפ" די קינדער, די יונגע צווײַגעלעך. ייִדיש איז א זעלטן נאציִאָנאל מיטל, א געזונט, אן אייראָפּעיִש מיטל, א מיטל פון סעקוליאריזאציע. אז מע וועט דארפן, וועלן מיר האָבן אונדזער אומקער צום קלאסיציזם, ווי אייראָפּע בעשײַטע, לאָמיר דערפאר קיין מוירע ניט האָבן. זאָל מען נאָר לייענען פערעצן, זאָלן מיר שאפן א נאָרמאלן טיפּ „ייִד", א געזונטן קולטור־מענטשן, א וועלטלעכן קעמפער פאר פרײַע זעלבסטווערטן. אויב ער וועט דארפן העברעיִש, אויב מירן דארפן העברעיִש, וועלן מיר דעם וועג געפינען, וועט מען לערנען אין העכערע שולן, אין ספעציִעלע אינסטיטוטן, אין פאָרשונגס־אנשטאלטן, אָבער לאָזט אונדז קוידעמקאָל סעקוליאריזירן. די ארבעט קאָנען די העברעיִסטן ניט אָפּטאָן. העברעיִש, ווי א דערציִונגסמיטל, איז א פארשלייערטע פאָרם פון רעליגיע. נידער מיט וויכהארציקײַט בענעגייע צו דעם איניען, נידער מיט מאצע באקן פארן פאָלק ייִסראָעל! די ארבעט פון צעשטערן האָט באדארפט אָפּטאָן אונדזער ראדיקאלע „אינטעליגענץ", איז זי אָבער אליין, נעבעך, געשטראָפט מיט „מאנילאָווּשטשינע". און קאָלזמאַן מאצע באקן וועט זײַן א פאָלקס־זאך, וועלן מיר קיין ליטעראטור ניט פארמאָגן. דאָס האָבן מיר פארשטאנען, און דערפאר האָבן מיר געכאסמעט דעם קאָנטער־מעמאָראנדום, דעם „שטראָם", וואָס איז, אגעוו, דער עסטעטישער אויסדריקער פון אָט דער גרופּע און האָט קוידעמקאָל דערקלערט רעוואָליוציע, אקטיוויזם, ניט קיין פאסיווע נעבעך־ליטעראטור, נאָר אן אָנגרײַפנדיקער גאנג פון סאָציִאלן און קאָלעקטיוויסטישן באוווסטזײַן. אָן זיי וועלן מיר — די ליטעראטור — טאָמיד באדינען דעם האָראוו מאזע און זען, ווי די ייִדישע מאסן וועלן גיין אין בעסמעדרעש צוזאמען מיט ווינאווערן, קוועטשן דעם טאנאך מיט ביאליקן און לאָזן טרערן מיט ניגערן אף דעם, וואָס ייִדישע און ביכלאל וועלטלעכע ביכער ליגן בא אונדז אף די פאָליצעס.

„לא זו הדרך", כאווער צינבערג, לאָזט אונדז זײַן דרייסט, אָפן, אקטיוו און רעוואָליוציִאָנער. די קולטור־ארבעט אין רוסלאנד גראָד בא די יעווסעקן איז א טיפע, א פרוכטבארע, און ביסלעכווײַז, אויסלעבנדיק פארשיידענע ניט געווּנטשענע אָפּנויגונגען, גייט זי מיט אונדז און פאר אונדז, האלע־

ווײַ אַף אמעריקע געזאָגט געוואָרן. זאָלן מיר קעמפן אינווייניק צוזאמען מיט אונדזערע יעווסעקן, איידער מיטן „פאָרווערטס"־שמוץ, וואָס איז פאַר העברעיִש.
מיט איין וואָרט, בעקיצער, ווי ווײַט מעגלעך, האָב איך מײַנס ארויסגעזאָגט. ווען מיר זיך טרעפן פּאָנעם־על־פּאָנעם, האָב איך נאָך מער טײַמים און פּראָטים.
יאָ, די מײַסע מיט ציינדן העברעיִשע ספּאָרים. ס'איז א גלײַכווערטל: אליין האָפּשטיין האָט א ווינ־טער געהייצט זײַן אייוועלע אין מאָסקווע מיט „התקופה'ס", קיין באפעל האָט ער ניט געהאט, אָבער מע האָט דעמלט געהייצט מיט מער ווערט־פולע זאכענישן, איידער שטיינמאנס „סחור סחור" — אָט דאָס איז די לעגענדע מיטן „שײַטער־הויפן" פאַר העברעיִשע ביכער.
וואָס איז מיט אײַער זאמלונג?

מיט דערכערעץ

י. דאָברושין

17—18 ;4.24

י. דאָברושין — צו א. גורשטיינען

.1

טײַערער גורשטיין!

א גרוס אײַך פון מײַן זון און פון מײַן יאם. ס'איז מיר דאָ זייער גוט, כ'האָב א סאך צײַט, און כ'טראכט פון פרײַנט און גוטע פרײַנט. ס'איז אזוי גוט ניט ארבעטן און טראכטן בלויז פון ארבעטן. און אָט, אז מע טראכט פון ארבעט, מוז מען טראכטן וועגן אײַך. איר פארברענגט, מיסטא־מע, אײַער קוראָרט מיטן „קאפּיטאל", איאָ? פאר־לאנג איך פון אײַך, איר זאָלט זיך אָפּ א ווײַלע אָפּרײַסן און אָנשרײַבן מיר א קארטל פון אלעס דעם, וואָס הערט זיך בא אײַך און ארום אײַך. ס'איז שוין ארויס, ווי איך זע, דער מינסקער „פּינקעס"[1]. שרײַבט, וואָס פאר אן אײַנדרוק מאכט ער, און ביכלאל שרײַבט. ס'איז מיר מאָדנע צו ווערן מיטאמאָל אָפּגעריסן פון אלץ און אלעמען.

א זאק מיט פראגן: איז נאָך ניט געקומען נאדיר קיין מאָסקווע? (באקומען א בריוו פון לייוויקן, ער בעט אופנעמען עפּעס א נײַעם דיכטער גלאָ־זער, וועלכער קומט פון אמעריקע אהער). ווו איז ביוקע[2], און צי איז ארויס דער זאמלבוך „אוקראַיִ־נע"? און דעריקער ווילט זיך מיר זאָגן אײַך א גוט וואָרט.

אײַער דאָברושין

א קארטל אָפּגעשיקט פון יעווּפּאטאָריע דעם 9.7.1926 (נאָכן פּאָטשט־שטעמפּל).

.2

טײַערער כאווער גורשטיין!

באקומען אלץ, אלץ. א דאנק. אײַער פּערעץ־ארבעט[3] איז דאכט זיך, די ערשטע אין דעם מין בא אונדז. ווען איר וואָלט עס געמאכט בענעגייע צו אלע שרײַבער, וואָלטן מיר געהאט א גוטן לעקסיקאָן. אייניקע נאָר באמערקונגען. אײַערע שמייכלענדיקע זאצן רירן אָן א ביסל די שטרענגע געבײַדע פון פאקטן. און עפּשער מעג מען דאָס, ווער ווייסט?

דער זאמלבוך „אוקראַיִנע" איז דאָ פאראן בא ליטוואקאָוון, וועל איך בא אים נעמען די טעג, ער האָט בלויז דורכגעלייענט וואָלקנשטיינס פּראָזע און איז שטארק ניט צופרידן. דאָ געפינט זיך א פּעקל מאָסקווער: גילדין, פּערסאָוו. אָפּט זע איך נאָך ליטוואקאָוון, ער קומט צו מיר, און מיר שפּאצירן צוזאמען און ריידן פון ערנסטע זאכן. טאָן טו איך דאָ גאָרנישט, גענומען מיט זיך אר־בעטן, ליגן זיי אין טשעמאָדאן רויִק. ס'איז אומעג־לעך צו ארבעטן בא 45 גראד היץ און ביפראט נאָכן אײַנעמען א צווײישאָעדיקע זון־פּאָרציע. די פּאָטשט דערמאָנט מיר אלע טאָג, אז א וועלט רוט ניט, ייִדן שרײַבן, פון דער היים שיקט מען מיר מאנוסקריפּטן, גלײַך ווי אינמיטן ווינטער — ס'א אומגליק.

באקומען די אײַנלאדונג פון כארקאָוו. זיי לייגן מיר פאָר אָנשרײַבן אן ארטיקל „גאָלדפאדן — דער גרינדער פון ייִדישן טעאטער, זײַן ביִאָגראפיע און טעטיקײַט". ווייס איך ניט, ווען איך וועל עס אָנשרײַבן. ביזן 20 אווגוסט בלײַב איך א היגער, און דעם ערשטן סענטיאבער דארפן זיי שוין דעם מאטעריאל. גיט מיר אן אייצע און העלפט מיר אויסקלײַבן אן אנדער טעמע, עפּשער די ערשטע העלפט, בלויז „גאָלדפאדן — דער גרינדער", אָן „ביִאָגראפיע" און „טעטיקײַט"[1].

ווי געפעלט אײַך די ייִדיש־אויסלענדישע פּרעסע, די קאמפּאניע וועגן דעם מאָסקווער שאָלעם־אלייכעם־אָוונט? ס'האָט געמאכט א שטארקן אײַנדרוק לונא־טשארסקיס רעדע[2].

א דאנק אײַך פאר אויסלענדערס אדרעס, איך וועל אים שרײַבן. און איצט האָב איך צו אײַך א באקאָשע — אָפּשיקן לייוויקן דעם בריוו אפן אדרעס פון דער „פרײַהײַט" אין ניו־יאָרק. יענער בריוו,

---

[1] מינסקער „פּינקעס" — צײַטשריפט פון דער ווײַסרוסישער וויסנשאפט־אקאדעמיע. ייִדישער סעק־טאָר.

[2] ניוקע — נאָכעם אויסלענדער.

[3] גורשטיינס פּערעץ־ארבעט — „דער איצטיקער צו־שטאנד פון פּערעצעס ביִאָגראפיע", געדרוקט אין מינסקער „צײַטשריפט", 1926, נומ. 1.

---

[1] אָנגעשריבן האָט י. דאָברושין אן ארטיקל „גאָלד־פאדן — דער דראמאטורג". זע זײַן זאמלונג „טעאַ־טער־בוך", קיִעוו, 1927.

[2] אין יון 1926 איז אין מאָסקווע פאָרגעקומען אן אָוונט, געווידמעט דעם צענטן יאָרצײַט פון שאָלעם־אלייכעמען. אַף דעם אָוונט איז מיט א רעדע ארויס־געטראָטן דער פאָלקס־קאָמיסאר פון בילדונג א. וו. לונאטשארסקי. זע „איזוועסטיִא" פארן 20 יון 1926.

וואָס איר האָט מיר געשיקט, איז געווען פון לייװיקן. ער איז אויסער־זיך, וואָס ער באַקומט ניט פון מיר קיין אײַנגעטונקענע פען.

און זײַט מיר געזונט און גריסט הערצלעך שאָלעם גאָרדאָנען, זאָל ער שרײַבן עפּעס וועגן גאָלדפאַדענען, צווינגט אים. שרײַבט אינגיכן און וואַקסט א מאַרקסיסט.

אײַער י. דאָברושין

פון יעװפּאַטאָריע, 22.7.1926 (נאָכן פּאָטשט־שטעמפּל).

3.

ליבער גורשטיין!

ביז אהער געגליוועט און געגליט מיט יאַם און זון, ניט געטראַכט, ניט באַוועגט זיך. נעכטן באַקומען א גרויסע פּאָטשט, און מיטאַמאָל דערפילט אַלע קניפּלעך, וואָס בינדן צו דער וועלט, וועלכע איז אויסער יעװפּאַטאָריע. ס'האָט א צי געטאָן אָנשרײַבן אײַך דאָס גרוס־קאַרטל. איז וואָס זשע מאַכט איר, וואָס טוט איר און וואָס האָט איר אין מאָסקווע — זון צי רעגן? נעכטן האָט מיך אופגעקרעגט א בריוו פון מיכל לעוויטאַנען[1], ווו ער רופט אהיים, ווי ער זאָגט, קיין אוקראַיִנע, דאָרט טוט זיך א גרויסע ארבעט און א נײַע וואָכנבלאַט ווילן זיי ארויסגעבן. מיט איין וואָרט, ער רופט מיך קיין כאַרקאָוו מיט אַלערליי האַווטאָכעס. פאָר איך ניט דערװײַל. אָבער דאָס הארץ טוט מיר וויי, פאָרט א היים, און א פרײַע היים, אָן איבעריקער אפּעטראָפּסעס. הא, וואָס זאָגט איר? מיילע, שרײַבט נײַס. וואָס ווייסט איר, וואָס געהערט, געזען געלייענט, אָפּגעטאָן? מיר וועט מען שוין באַלד ארויסשיקן די קאָרעקטור[2]. און די „רויטע וועלט" נומ. 7 האָט איר געזען? דאָ איז קיפּער[3]. א מעכײַעדיקער מענטש. מייעראָוויטש[4] איז דאָ און יודל יאָפּע, און אלטמאַן[5] וווינט מיט מיר צוזאַמען. אין ייִדן ביכלאַל איז מען דאָ ניט זשעדנע. און אָט טו איך לאַכלוטן גאָרנישט ניט, באַקום אָנפּראַגן און אָנבאָטן וועגן ארבעט.

א קאַרטל פון יעװפּאַטאָריע, 23.7.1927

4.

טײַערער גורשטיין!

דערפרייט מיט אײַער בריוועלע. שוין טאַקע א „רעגילעס" — אַלע זומער כאַפּן מיר מיט אײַך א קליינעם שמועס אף אַזא אופן, האָב איך אײַך ניט באַלד געענטפערט, ווײַל כ'בין טאַקע געווען אין „מײַנע גיטער" — געזאַמלט מאַטעריאַל פאַר באַטראַכטענישן. פריִער בין איך אומגעפאָרן מיט דער טעאַטער־בריגאַדע. ס'איז געווען א

[1] מיכל לעוויטאַן — אין 1925—1932 פאַרטרעטער פונעם בילדונגס־קאָמיסאַר באַם קאָמיטעט פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן אף אוקראַיִנע.

[2] די קאָרעקטור פונעם „טעאַטער־בוך" — ארויסגעגעבן אין קיִעוו, 1927.

[3] מ. קיפּער — ייִדישער סאָוועטישער פּובליציסט, זשורנאַליסט.

[4] מייעראָוויטש — ייִדישער סאָוועטישער שרײַבער, וועלכער האָט זיך געדרוקט אונטערן פּסעוודאָנים מ. דאַניִעל.

[5] נאַטאַן אַלטמאַן — סאָוועטישער קינסטלער.

מײַכלדיקע נעסיִע. די שפּיל „יוגנט" האָט גלענצנד אויסגענומען, און איך האָב דערבײַ באַוויקלט די שפּיל מיט פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע שמועסן. עס פלעגט ווערן א היץ אין באַד, גערײדערײַ ביז טאָג, מיט א מין לײַדנשאַפט, מיט ווייטעקן און שלאַכטן — ס'איז א טעמע פאַר מינדלעך דערציילן. ניסטער איז אויך געווען אין א פּאָר דערפער, ער האָט א גרויסן און שיינעם „קעלער" געשיקט אין „עמעס".

איך האָב אויך די טעג געשיקט אין „עמעס" א מין באַריכט פון דער קולטור־ארבעט אין קרים, זייער אָפּן און שטרענג קריטיקירט, כ'ווייס ניט, צי מע וועט מיר דערלויבן אַזאַ איניציאַטיוו. עך, מיר זײַנען אַלע פאַרברעכער בענעגייע צו די מאַסן, מיר לעבן אַלע פון דיסקוסיעס, און בא די מאַסן קומען פאַר פּראָצעסן, פון וועלכע ניט די ליטעראַטור, ניט די קריטיק, ניט די וויסנשאַפט ווייסן ניט. בא ורעוויאָרקען אין „פּראָליט"[1] (אײַ, איז דאָס געווען א פּאָרטראָג אפן פלענום!) קומט אויס, אַז די קלאַסיקער דאַרף מען האָבן צוליב זייער היסטאָריש־געזעלשאַפטלעכן באַדײַט, בלויז קעדיי פאַרקוקן זיך אף זיי (אַמאָל, אַז ווײַבער פלעגן גיין אין מיקווע, פלעגט מען פאַר זיי ארויספירן א שיין ייִנגעלע, זיי זאָלן אף אים פאַרקוקן זיך. בא אים פילט אויס די קלאַסישע ליטעראַטור די זעלבע פונקציע, א מאָדנער קולטורעלער פאָרמאַליזם).

וועגן דער ליטוואַקאָוו־דיסקוסיע[2] האָב איך פונעם „עמעס" גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען. איצט זע איך, אַז ס'האָבן זיך געשאַפן לאַגערן. ליטוואַקאָוו אָרגאַניזירט שוין די יוגנט פון קאָמיוג. איך בין אויך פולשטענדיק אף זײַן צאַד.

מיט ליבע, אײַער י. דאָבראָשין

פון קרים — 18.8.1931

5.

ליבער גורשטיין!

פיניע[3] איז שוין נעכטן אָפּגעפאָרן קיין קיסלאָוואָדסק, און איך בין אליין, אָן א קאַפּעלע ליטערײדערײַ. פון מאָל צו מאָל באַזוך איך בלויז די קאָלווירטן און באַהעפט זיך מיט דער נאַציע. אף קוראָרטן איז מען דאָך, ווי בא שאָלעם־אַליייכעמען, אין צווייטן קלאַס — צווישן אייגענע א פרעמדער. ס'וואָלט געווען א יושער, ווען איר קומט אף א וואָך צײַט א קוק טאָן, ווי אין דער ראָכע ליגט א מאַזלבראָכע. ס'קומט דאָך אײַך לויט אַלע טערמינען באַקאַנען זיך מיט דעם איניען — ייִדן אף דער ערד.

פון מאָסקווע האָב איך קאַיאָר קיין שום גרוסן, אויסער איין בריוו פון מאַרקישן. איך און פיניע

[1] „פּראָליט" — ייִדישער ליטעראַרישער זשורנאַל, ארויסגעגעבן אין כאַרקאָוו.

[2] ליטוואַקאָוו־דיסקוסיע. אף די שפּאַלטן פון דער צײַטונג „דער עמעס" און אין אַנדערע פּעריִאָדישע אויסגאַבעס האָט זיך דעמלט פאַנאַנדערגעוויקלט א דיסקוסיע וועגן מ. ליטוואַקאָווס און י. בראָנשטיינס קריטיק־ביכער (מ. ליטוואַקאָוו „אף צוויי פראָנטן", י. בראָנשטיין „אַטאַקע").

[3] פיניע — פּינכעס קאַהאַנאָוויטש (דער ניסטער).

פלעגן אין „עמעס" וועלן שפּאַלטן די בלאַט, עפּשער ליגט דאָרט עפּעס אַ ליטעראַרישע נײַס, ווער ווייסט, עפּשער זײַנען דאָרט פאָרגעקומען איבערקערענישן מיט נײַע קאָנפיגוראַציעס, מיט, מיט, מיט...

כ'האָב געלייענט גאָלדינס אַרטיקל אין דער „לעצטער", „רויטער וועלט"[1]. מיט אַזאַ אַרטיקל האָבן טאַקע געמוזט אויסגיין סײַ דער זשורנאַל, סײַ דער רעדאַקטאָר, און מע שמועסט, אַז דער לעצטער איז גאָר אין דעם ניט שײַעך.

זיצט איר מיסטאָמע אַף אַ דאַטשע און מ'האָט האַנאָע פון די היצן און פון דעם, וואָס איר האָט ניט אַף זיך דעם פּעדינסטיטוט. איך רעכן פאַרברענגען דאָ ביזן 20 אויגוסט. מיך האָט מען באַפוילן דאָס ערשטע מאָל אין לעבן באָדן זיך אין יאַם, איז דאָס אַן אַנטיק, בעסער, איידער פון ליט־אָוונט אין קלוב „קאָמוניסט" אפילו. געווען באַ מיר דאָ, אַגעוו, הײַנט דער דירעקטאָר פונעם קלוב מעדוועדענקאָ, דערפאַר דערמאָן איך אים. איך טו גאָרניט. אויסער אײַן „קעלער" פאַרן „עמעס" וועגן דאָרף. ווי דער סיידער איז, האָב איך גאָרניט געשריבן און געטראַכט אַ סאַך. ווו איז קוויטקאָ? און וואָס מאַכט ווינער? וואַרפט אַרײַן אַ בריוועלע, לאָמיר וויסן לעפּאָכעס, אַז באַ אײַך איז פולע שאָלעם און שאָלווע.

זײַט געזונט און גריסט ווינערן.

אײַער, מיט ליבע י. דאָברושין

אַ בריוו פון יעווּפּאַטאָריע, 3.8.1933.

6.

גורשטיין, טײַערער!

מיר זײַנען דאָ קימאַט אַ באַראַטונג (קוויטקאָ, מאַרקיש, האַלקין, בערגעלסאָן, ניסטער, מילנער). מע ליגט אַף דער זון, מע באָדט זיך אין יאַם און מע מאַכט אַ רײַזע איבער די קאָלווירטן, און ס'איז אַלרײַט. באַ אײַך גרייט מען זיך אין מאָסקווע אופנעמען די ייִדישע שרײַבאַרניע[2]. איך וועל מיסטאָמע ניט קאָנען קומען, ווײַל מײַנע דאָקטוירים וועלן מיר ניט דערלויבן איבעררײַסן דעם קורס. פאַר מיר איז די צײַט ניט קיין גינסטיקע. און וואָס זשע מאַכט איר און אײַער כאַווערטע? צאָלט אָפּ טייקעף מיט אַ בריוועלע פּראָצענט. שרײַבט נײַס, מירן דאָ לייענען אַלע צוזאַמען, און אונדזערע פאַרברענטע לײַבער וועלן אײַך בענטשן, גריסט ווינערן.

אויסלענדערן אַ גרוס, פינינבערגן, איר זעט זיי דאָך.

פאַרבלײַבט געזונט.

אײַער י. דאָברושין

[1] גאָלדינס אַרטיקל אין „רויטע וועלט" — כאַים גילדין, „צײַט־פראַגן", נומ. 2־3, 1933.

[2] די ייִדישע שרײַבאַרניע — געמיינט די ערשטע אַלפאַרבאַנדישע באַראַטונג פון די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער, וועלכע איז פאָרגעקומען ערעוו דעם אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער, אין אויגוסט 1934.

אַ האַרציקן גרוס דעם כאַווער גורשטיין מיט זײַן הויזגעזינד, מע ווערט פאַרברענט, און ניטאָ באַ וואָס זיך אויסלעשן. זײַט געזונט.

אײַער ש. האַלקין. אַ גרוס פון מאַרקישן.

אַ קאַרטל פון יעווּפּאַטאָריע, 26.7.1934.

7.

ליבער גורשטיין!

נעכטן, דעם 6־טן אָוונט, באַקומען אײַער טעלעגראַם. האָב גלײַך געענטפערט, אַז כ'פאָר אַרויס דעם נײַנטן, אָדער צענטן, ווײַל כ'ווייס ניט זיכער, צי כ'וועל האָבן פריִער אַ בילעט. דערצו, אַז איך פאָר אַרויס דעם אַכטן, קום איך דאָך סײַוויסײַ דעם 10־טן קיין אָדעס... אָט האָב איך אײַך מײַן שניידערשן כעזשבן.

אין דער לעצטער רעגע „יאַ דראַגנול", נאָר דאָס וואָרט איז אַ וואָרט, איך פאָר אַרויס. כ'בעט נאָר פאַרויס, מע זאָל מיך ניט אָנלאָדן מיט אַ סאַך שאַען[1], נאָכן 25־טן מוז איך זײַן צוריק אין מאָסקווע.

באַ אונדז איז אַלץ, ווי געווען. כ'האָב שוין מײַן רעדאַקטאָר־אַרבעט פון שאָלעם־אַלייכעמס בוך אָפּגעטאָן[2].

גריסט אַלעמען און מאַכט גרייט אַ פײַנעם וועטער און אַ גרינגע אַרבעט.

אײַער דאָברושין.

אַ קאַרטל פון מאָסקווע, 7.4.1939.

8.

כ'בין שוין אײַנגעאָרדנט, ווויל, זאַכלעך, האָב שוין אָנגעהויבן קלאַפּן אַף דער מאַשינקע מײַן אַרטיקל פאַר דעם שוואַרצמאַן־העפט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז פריִער פאַר אַלץ אינטערעסירן מיך די מאָסקווער געשעפטן און כ'בעט אײַך אָנגאַרטן די לענדן, נעמען די פען אין דער האַנט, וועלכע איר האַלט סײַוויסײַ, און אָנשרײַבן מיר אַלדי נײַס, וואָס זײַנען געשען. בין דאָ לאַכלוטן אַ פרעמדער צווישן אייגענע, האָב שוין פאַרגעסן ייִדיש ריידן. דער סאַר האשיקכאַ[3] האָט, אַגעוו, אין דעם זין געפּוילעלט היפּש, ס'איז קאָנטיק פון יאָר אַף יאָר זײַן פאַרשטאַרקטע ווירקונג אַפן קוראָרט־אוילעם פון די ייִדישע שטעט און שטעטלעך. נאָר ניט דאָס בין איך אויסן. האָב דאָ באַגעגנט פאַרטנאַיען פון „פּראַוודאַ" (פּאָמענקאָ), פאַנאַנדערגעפרעגט וועגן אונדזערע איניאָנים.

ווער איז אין מאָסקווע? צי איז געווען די זיצונג פונעם פרעזידיום? וואָס טוט זיך אין פאַרלאַג? וואָס מאַכן די אַלמאַנאַכן „סאָוועטיש". אַגעוו, אין לעווינס רעשימע פעלט ביידערס ליד און ווענדראָפס

[1] דאָברושין איז געפאָרן לייענען לעקציעס אין אָדעסער פּעדינסטיטוט, אַף דער ייִדישער אָפּטיילונג.

[2] שאָלעם־אַלייכעמס בוך — שאָלעם אַלייכעם, זאַמלונג פון קריטישע אַרטיקלען און מאַטעריאַלן, קיִעוו, 1940.

[3] סאַר האשיקכאַ — דער גײַסט פון פאַרגעסן (העבר.).



פרײַנטלעכער שאַרזש פונעם קינסטלער
א העפטער אף י. דאָברושינען (1946)

זיכרוינעס. דערמאָנט אים[1]. כ׳האָב געטראַכט וועגן דעם שווארצמאַן־העפט, גוט וואָלט געווען, ווען איר שרײַבט אָן אַן אַרטיקל וועגן שווארצמאַנס ווירקונג אף די סאָוועטישע דיכטער (קושניראָוו, קוויטקאָ, אין דער פּאָעמע — כאַשטשעוואַצקי, פּיני־בערג). איך האָב שוין אָנגעהויבן שרײַבן אף אַן אַלגעמיינער טעמע, דערצו האָב איך דאָך דאָ די אַלטע ביכער. אָבער אַזאַ טעמע דאַרף זײַן אין דער זאַמלונג. איך טראַכט אויך וועגן בערגעלסאָן־אַרטיקל.

זײַט געזונט, גריסט אײַער פרוי, ווינערן. געדענקט, אַז איך וואַרט אף אײַער בריוו.

אײַער דאָברושין

א בריוו פון יעסענטוקי. 15.7.1933

9.

ליבער גורשטיין!

הײַנט שיקט מען א טעלעגראַם צו מאַרקישן — אַן אײַנלאַדונג, ער זאָל קומען אַהער צום 10־טן—12־טן. איר אַלע מוזט קומען, אויב איר מיינט ערנסט דעם זשורנאַל און די געזעלשאַפטלעכקײַט. דאָ איז זייער און זייער א גינסטיקער באָדן, די מאָסקווער שרײַבער זײַנען דאָ זייער פּאָפּולער, בײַ־פראַט מאַרקיש און קוויטקאָ. די ביידע מוזן קומען, מע וועט אופטאָן מער ווי אין קיִעוו. צווינגט מאַר־קישן פאָרן, אויב ער מיינט ערנסט די אַרבעט. ער צוזאַמען מיט קוויטקאָן. דאַניִעל פאָרט אויך (איך בין אפילע פאַר בערגעלסאָנס רײַזע אַהער, אָבער אָן טראַסק, אָן טראַסק!). מיט איין וואָרט — וואָס מער, איז בעסער. אָדעס, ווײַזט זיך אַרויס, האָט אַזויפיל בענקשאַפט צו ייִדיש און אַן אינטע־ליגענץ איז דאָ, וואָס גאַרט! מירן זײַן פאַרברעכער, אויב מיר וועלן דאָס ניט אָפּטאָן... נעמט די כאַ־ווייִרים און קומט אַליין אויך אומבאַדינגט. אויב מע וועט קומען... קאָן מען דאָ מאַכן א 1000 אַבאָ־נענטן פאַרן זשורנאַל. כ׳האָב געגעבן צו וויסן וועגן דעם אי מאַרקישן, אי קוויטקאָן. איר האָט דאָך געלט אף דער נעסיִע (דאָ איז ניטאָ קיין שום אַסיגנירונגען, מע וועט נאָר מיטהעלפן אָרגאַניזאַ־ציאָנעל). ענטפערט טייקעף, קומט ניט שפּעטער פונעם 12־טן (און ניט פריִער פונעם 10־טן, מע דאַרף עס דאָך צוגרייטן). פאַרפינקטלעכט דעם טאָג, געדענקט, אַז פאַרן זשורנאַל איז אָדעס וויכטיקער, איידער קיִעוו און מינסק. דער גרויסער אָוונט וועט פאָרקומען דעם 13־טן.

מיט גרוסן, אײַער י. דאָברושין

א קאַרטל פון אָדעס 31.12.1939

10.

ליבער גורשטיין, וועגן אַרויסוואַרפן די באַמער־קונג נומער 2. איך בין ניט מסכים, כ׳האָב נאָר אויסגעמעקט די לעצטע שורעס. אָבער טאָמער ווילט איר מער אויסמעקן, טאָ מעקט, איבערלאָזנ־דיק דעם טעקסט פון דער ליד אין דער באַמער־קונג. ביכלאַל בעט איך אײַך זײַן זייער שטרענג און אופטאָן אַלץ, ווי אײַער געוויסן פאָדערט. איר וועט מיר נאָר טאָן א טויווע און פאַרשפּאָרן א טירכע.

אײַער דאָברושין

א בריוועלע פון מאָסקווע, 8.7.1940

11.

ליבער גורשטיין!

איך שרײַב מײַן טראַדיציאָנעלן בריוו. אָפּגעפאָרן בין איך פלוצלינג, געזאָלט באַקומען א בילעט אינאָוונט, און באַקומען אומגעריכט 12 באַטאָג. ניט באַוויזן אָנקלינגען קיינעם.

געלייענט אײַער וויל אַרטיקל וועגן ניסטערן אין „ליט. גאַזעטאַ“[1]. ער וועט זײַן צופרידן, דאָס איז דער איקער. אײַער געדאַנק וועגן דער אידענ־טיפיקאַציע בא ניסטערן פון די עמעס־זוכער מיט „כסידים“ איז זייער ריכטיק, אָבער איר אַליין ווילט ניט ציִען די קאָנסעקווענץ פון אָט דעם געדאַנק. אָט דאָס איז דאָך די געוויסע מאַסן־פאַרב אינעם כאַסידיזם, ניט אינעם אָפיציִעלן, נאָר אין דעם, וואָס די רעליגיִעזע מאַסן האָבן זיך אף א ווײַלע אויסגעטרוימט. א שאָד, וואָס ניסטער האָט די אַלע ווידערשפּרוכן ניט אופגעדעקט.

[1] אינעם אַלמאַנאַך „סאָוועטיש“ נומ. 12, 1941 זײַנען אָפּגעדרוקט כאַיִם ביידערס ליד וועגן שאָלעם־אַלייכעמען און ז. ווענדראָפס זיכרוינעס.

[1] אין „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“ פאַרן 30 יון 1940 איז אָפּגעדרוקט א. גורשטיינס אַרטיקל וועגן דעם ניסטערס ראָמאַן „מישפּאָכע מאַשבער“ — „א בוך פון א גרויסן אָטעם“.

ווילט איר אוודאי וויסן, צי איך טו עפּעס? גאָלע גאָרנישט. אפשר, אז מיר איז ניט באַשערט צו נעמען דעם געהעריקן אָנטייל אין דער טעאַטער־געשיכטע. כ׳ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר מיר איז קיינמאָל ניט שווער געווען אזוי צו נעמען זיך פאַר אַן ארבעט, ווי דאָס מאָל. וויפל מאָל בין איך געזעסן בא דער שרייבמאשין, אָפּגעדרוקט דאָס קעפּל, און מער גאָרניט. כ׳האָב זיך פּאָרט איבערגעגעבן דער ארבעט איבער מיכאָעלסן, און ס׳איז מיר שווער אומקערן זיך. איך האָב זיך געפּרווט צווינגען, העלפט ניט. איך דאַרף זיך מודה זיין, אז מיין ארבעטספעיקייט איז ביכלאַל געפאלן נאָך דער נעסיע קיין ביאליסטאָק. איצט ליטע, בעסאראביע — אזוינע מעגלעכקייטן, ס׳איז אונדזער ווּוּקס, אפשר „א נייע ווענדונג״. ס׳ווילט זיך, אז וועגן בירָאבידזשאן זאָלן שרייבן מער מענטשן (און אין ליאָן איז געווען א פּאָגראָם). נו, גענוג, גיט אַן אייצע, וואָס טוט מען מיטן טעאַטער־בוך[1].

א הארציקן גרוס אייער פרוי, ווינערן.

איער דאָברושין

א בריוו פון יעסענטוקי — יול, 1940

[1] „טעאַטער־בוך״ — מיסטאמע דער בוך „די דראַמאטורגיע פון די קלאסיקער״, וואָס י. דאָברושין האָט דעמלט פאַרטראַכט (ארויס פון דרוק אין 1948).

כראָניק

צום אָנדענק פון יויסעף לעפּטוויטש

אין לאָנדאָן איז געשטאָרבן אין עלטער פון 90 יאָר דער שרייבער, איבערזעצער און געזעלשאפטלעכער טוער יויסעף לעפּטוויטש.

י. לעפּטוויטש איז געבוירן געוואָרן אין 1892 אין זוטווען (האָלאנד) בא א פאָטער א שוסטער, אַן אָפּשטאמיקן פון פוילן. אין עלטער פון פינף יאָר איז ער געקומען מיט דער מישפּאָכע קיין ענגלאנד, ווו ער האָט נאָך קינדווייז געארבעט אלס שיקייִנגל, דערביי בא קירזשנערײַ, שניידערײַ און בעקערײַ.

אין 1913 פאַרעפנטלעכט ער זיין ערשט ארטיקל אף ענגליש וועגן דער לאגע פון די ייִדישע ארבעטער אין ווייטשעפּל. אין די וויַיטערדיקע יאָרן גייט ער איבער אף ייִדיש און פאַרעפנטלעכט ליידער אין דער טאָג־צייטונג „די צייט״.

צוזאמען מיט לעאָ קעניגן האָט ער רעדאגירט דעם זשורנאל פאַר ליטעראטור און קונסט „רענעסאנס״. אין 1933 האָט ער ארויסגעגעבן אַן אנטאָלאָגיע פון ייִדישער פּראָזע, וועלכע איז דערשינען אין אמעריקע, און שפּעטער, אין 1939, איז דערשינען זיין אַנטאָלאָגיע פון ייִדישער דיכטונג „די גאָלדענע פּאווע״ אין אַן ענגלישער איבערזעצונג. פון זיינע ביכער (אין ענגליש) זיינען באַזונדערס באַקאַנט די ביאָגראפיע פון ייִסראָעל זאנגווילן, די „אַנטאָלאָגיע פון ייִדישע עסייען״ (צוויי בענדער) און די „אנטאָלאָגיע פון מאָדערנעם ייִדיש״.

יויסעף לעפּטוויטש האָט פאַרעפנטלעכט זיינע ארבעטן וועגן דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראטור אין דער „ענציקלאָפּעדיע בריטאַניקא״ און אין אנדערע אויסגאבעס.

■ ■ ■

גריגאָרי באָנדאַרעווסקי
דאָקטאָר פון היסטאָרישע וויסנשאַפטן, פּראָפעסאָר

וו.יאַזוי די באַלפור־דעקלאַראַציע איז אויסגענוצט געוואָרן אַף צו צעקריגן פעלקער

1. די געשיכטע פונעם אליאנס

אין 1898, ערעוו דעם וויזיט פונעם דײַטשישן אימפּעראטאָר ווילהעלם דעם צווייטן אין דער אָסמאנישער אימפּעריע, בײַס וועלכן ער האָט געוואָלט ניט נאָר פירן אונטערהאנדלונגען מיטן בלוטיקן סולטאן אבדול באמיד דעם צווייטן, קעדיי באקומען א קאָנצעסיע אַף דער בויונג פון דעם באגדאדער אײַזנבאן־וועג, נאָר אויך באזוכן ירושאָלאים, האָט דער אָנפירער פון דער אלוועלטלעכער ציעניסטישער אָרגאניזאציע הערצל זיך געטראָפן אין בערלין מיטן אויסערן־מיניסטער פון דײַטשלאנד ביולאָוו און מיטן קאנצלער האָהענלאָע.

ס'איז באהאנדלט געוואָרן הערצלס פּראָיעקט וועגן דורכפירן א ציעניסטישע קאמפּאניע אַף צו קאָלאָניזירן פּאלעסטינע, פארשטייט זיך — אונטער דער דײַטשישער אפּעטראָפּסעס. כאראקטעריסטיש איז דאָס, וואָס דער קאנצלער פון דער דײַטשישער אימפּעריע האָט נישט נאָר ניט דערווידערט קעגן דעם דאָזיקן פּלאן, נאָר ער האָט אפילע זיך פארינטערעסירט מיט די צאָפנדיקע גרענעצן פון דער טעריטאָריע, אַף וועלכער ס'האָבן פּרעטענדירט די ציעניסטן. ער האָט אָפן געפרעגט: „הארט ביז ביירוט, צי צאָפּנדיקער?" די דאָזיקע פראגע שטעלט מיט זיך, אָן שום סאָפעק, פאָר א באזונדערן אינטערעס אין שײַן פון דער אָקופּאציע פון א טייל פון ביירוט מיצאד דעם ייִסראָעל־מיליטער אין 1982 און פון דער דויערנדיקער אָקופּאציע פון א היפשן שטעטך פון ליוואן אינגאנצן גענומען.

אָבער די פרווון פונעם דײַטשישן אימפּעראטאָר צו באקומען די האסקאָמע בא אבדול באמידן אַף איבערגעבן די ציעניסטן דעם פירמאן אַף צו קאָלאָניזירן פּאלעסטינע האָבן געליטן א דורכפאל. אין 1898 איז צונויפגערופן געוואָרן אין מעקא, באם אקטיוויסטן אָנטייל פונעם טערקישן סולטאן, דער ערשטער פּאן־איסלאמישער קאָנגרעס, דעריבער האָט דער טערקישער סולטאן, ניט געקוקט אפן דרוק פון דער דײַטשישער דיפּלאָמאטיע, ניט געקאָנט נאָכגעבן דעם ציעניסטישן פּלאן.

אין די דאָזיקע באדינגונגען האָט דער שפּעטערדיקער פּרעזידענט פון דער אלוועלטלעכער ציעניסטישער אָרגאניזאציע ווייצמאן און זײַנע קאָלעגן באשלאָסן אינעם אָנהייב פון דעם צוואנציקסטן י"ה. זיך אָריענטירן אַף גרויסבריטאניע, וועמענס רעגירער האָבן, צום אונטערשייד פון די דײַטשישע אימפּעריאליסטן,

זיך אַרײַנטירט ניט אַף דער צוזאַמענאַרבעט מיטן טערקישן סולטאַן, נאָר אַף דער צעגלידערונג פון דער אָסמאַנישער אימפּעריע און אַף דער אַנעקסירונג פון אַראַבישע טעריטאָריעס. דעריבער איז לײַכטער געווען זיך צונויפריידן מיט זיי מיקויעך דער פּאַלעסטינער פּראַגע.

נאָך אין 1902 האָט טעאָדאָר הערצל געפירט איבערהאַנדלונגען אין לאָנדאָן מיט נ. ראָטשילדן און מיטן מיניסטער פאַר קאָלאָניעס דזש. טשעמבערלען. הערצל האָט פאַרגעשלאָגן איבערצוגעבן דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אַף צו קאָלאָניזירן, דעם סינײַער האַלב-אינדזל, אײַנגעשלאָסן דעם ראַיאָן פון דער שטאָט על-אַריש, ווי אויך דאָס אינדזל ציפּערן. הייסט עס, אַז נאָך אין אָנהייב פונעם יאָרהונדערט, האָבן די ציוניסטן אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס צום סינײַער האַלב-אינדזל און צום ראַיאָן על-אַריש, וווּהין די ישׂראָעלדיקע טאַנקען האָבן זיך אַרײַנגעריסן בײַם דער דרײַ-שותּפֿעסדיקער אַגרעסיע אין 1956, און דאָס צווייטע מאָל אין 1967 (די דאָזיקע ראַיאָנען זײַנען אומגעקערט געוואָרן עגיפּטן בלויז אין 1982 אַלס געצאָלטס פאַרן קעמפּ-דייוויד-מיסכער).

די ענגלענדער זײַנען מאַסקים געווען באַהאַנדלען די פּראַגע וועגן דעם סינײַער האַלב-אינדזל. אָבער נאָך דעם, ווי עס זײַנען דורכגעפירט געוואָרן די געהעריקע פאָרשונגען, האָט זיך אויסגעקלאָרט, אַז מע קאָן אים קאָלאָניזירן בלויז דעמאָלט, ווען ס'וועט דורכגעפירט ווערן אַ ספּעציעלער קאַנאַל, קעדיי איבערפּאָמפּען די וואַסערן פונעם נילוס, און דאָס האָט געדראָעט מיט גרויסע אומרוען אין עגיפּטן.

בײַם דער באַהאַנדלונג פונעם קיפּריאָטישן פּראָיעקט האָט טשעמבערלען אָנגעוויזן, אַז דאָס אינדזל איז געדיכט באַפעלקערט מיט גריכן און טערקן. אַף דעם האָט הערצל געענטפערט, אַז אויב די בריטישע רעגירונג (גרויסבריטאַניע האָט אָקופּירט ציפּערן אין 1878 מיטן טערעץ, אַז ס'איז נייטיק צו האָבן אַ באַזע, קעדיי באַשיצן טערקײַ פון דער רוסישער דראָונג) וועט מאַסקים זײַן אויסצוטיילן ציפּערן פאַר אַ מאַסעווער ייִדישער קאָלאָניזאַציע, וועט טייקעף געשאַפן ווערן אַ ייִדישע מיזרעכדיקע קאָמפּאַניע מיט אַ קאַפּיטאַל פון 5 מיליאָן פונט סטערלינג. זי וועט אָנהייבן אײַנקויפן די ערד פון די קיפּריאָטן, און נאָכדעם וועלן די קיפּריאָטן, באַקומענדיק אויסקויף-געלט, אַוועקפאָרן קיין גריכנלאַנד און טערקײַ.

דער דאָזיקער פּראָיעקט שטעלט מיט זיך פאָר ניט קיין קליינעם אינטערעס אין דער שײַן פון דער איצטיקער ביז גאָר געשפּאַנטער לאַגע אין ציפּערן, ווו עס ווערן אײַנגעהיט די ענגלישע מיליטערישע באַזעס און ווו די ציוניסטישע אַגענטור העלפט אַף קאָלעריי אויפאַנים, אַז עס זאָל דויערן די קאָנפליקט-סיטואַציע.

נאָכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט-מילכאָמע האָבן די אָנפירער פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צוערשט באַשלאָסן אײַנהיטן די קאָנטאַקטן מיט ביידע קעמפנדיקע צדאָדים. זיי האָבן אַריבערגעפירט די שטאַב-קוואַרטיר פון דער אָרגאַניזאַציע פון בערלין אינעם נייטראַלן קאָפּענהאַגען. אַ טייל פון אירע פונקציאָנערן איז געבליבן אין בערלין, האָפנדיק אויסנוצן דעם מיליטערישן בונד צווישן דײַטשלאַנד און דער אָסמאַנישער אימפּעריע, קעדיי אויסברייטערן זייער אַרײַנדרינגונג אין פּאַלעסטינע. אָבער דער נײַער לידער פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ווייצמאַן איז אַריבערגעפאָרן קיין לאָנדאָן, אָנגעהויבן אין אַן אַלץ גרעסערער מאָס זיך אַרײַנטירן אַף די אײַנפלוסרײַכע ייִדישע קערפּערשאַפטן ניט נאָר אין ענגלאַנד, נאָר אויך אין די פאַרייניקטע שטאַטן, האָפנדיק אַזויאַרום צו דערשלאָגן זיך, אַז לאָנדאָן און וואַשינגטאָן זאָלן באַפרידיקן די פּרעטענזיעס פון זײַן באַוועגונג אַף פּאַלעסטינע.

די דאָקומענטן, וועלכע ווערן פאַרהיט אין די ענגלישע אַרכיוון, זאָגן איבערצײַגעוודיק אײדעס, אַז די שטרעבונג פון די בריטישע קאָלאָניזאַטאָרן צו פאַרכאַפּן די אַראַבישע לענדער, שטעלן אונטער זייער קאָנטראָל די פעלקער פונעם מוסולמענישן מיזרעך, איז געווען איינע פון די גרונט-סיבעס פונעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט-מילכאָמע.

אין 1915 האָט דער בריטישער קאַבינעט אַפילע געשאַפן אַ ספּעציעלן געהיים-קאָמיטעט אונטערן פאָרזיץ פון בונזענען, וועלכער האָט געדאַרפט אויסאַרבעטן אַן ענדגילטיקן פּלאַן, וויאַזוי אײַנשטעלן דעם ענגלישן קאָנטראָל איבער די פעלקער פונעם מוסולמענישן מיזרעך.

אָבער בעמעשעך פון די יאָרן 1914—1916 האָט די בריטישע קאָלאָניזאַטאָרן זיך ניט אײַנגעגעבן צו פאַרווירקלעכן זייערע פּלענער. אין 1915 האָט געליטן אַ פולשטענדיקע מאַפּאָלע דער פּלאַן פונעם דעמאָלטיקן יאַם-מיניסטער פון גרויסבריטאַניע אויִנסטאָן טשערטשיל צו פאַרווירקלעכן דעם דורכרײַס פון די דאַרדאַנעלן, דורכפירן דעם ענגלישן פלאָט אין מאַרמאַר-יאַם און אַף אַזאַ אויפן באַדראָען אומיטלבאַר סטאַמבול און גלײַכצײַטיק אַרויסזעצן אַ דעסאַנט אין אַלעקסאַנדרעטאַ (איס-

קאַנדערון), אָנהייבן אָקופּירן די ברעגן פֿון סיריע און ליוואַן.

נאָך אַ גרעסערן דורכפֿאַל האָט געהאַט דער ענגלישער עקספּעדיציע־קאָרפּוס פֿונעם גענעראַל טאַונסענד, וועלכער האָט אָנגעגריפֿן אַף באַגדאַד פֿונעם ראַיאָן פֿון דעם פּערסישן אײַנגוס. ניט ווײַט פֿון קוט אַל־אַמאַראַ, דאָרט, וווּ עס זײַנען פֿאָרגעקומען אין אונדזערע טעג פֿאַרביטערטע שלאַכטן צווישן די מיליטער־קויכעס פֿון איראַן און איראַק, האָבן די טערקישע מיליטער־קויכעס אַרומגערינגלט טאַונסענדס קאָרפּוס און אים געפֿאַנגען. אפֿן מוסולמענישן מיזרעך איז דעם בריטישן אויטאָריטעט דערלאַנגט געוואָרן אַ מאַמאָשעסדיקער קלאַפּ. אין דער זעלבער צײַט האָט די זעקסטע טערקישע אַרמיי אָנגעהויבן איר אָנגריף פֿון פּאַלעסטינע אַף די ענגלישע פּאָזיציעס אינעם ראַיאָן פֿונעם סועץ־קאַנאַל.

אין די דאָזיקע באַדינגונגען האָט מען אין לאָנדאָן באַשלאָסן אָנצוהייבן געהיימע אונטערהאַנדלונגען מיט די אַראַבישע פּאָליטישע און רעליגיעזע טוער אין סיריע און כידזשאַז, כדי זיך דערשלאָגן, מיט דער הילף פֿון צוזאָגן די אַראַבער אומאָפּהענגיקייט נאָכן סוף פֿון דער מילכאָמע, אַ העסקעם וועגן טייקעף אָנהייבן אַן אופֿשטאַנד קעגן דער אָסמאַנישער אימפּעריע, שאַפֿן באַוואָפֿנטע אָטריאַדן און דערלאַנגען אַ קלאַפּ איבער די טערקישע מיליטער־קויכעס, וועלכע האָבן אָנגעגריפֿן פֿון ירושלאַיִם אפֿן ראַיאָן פֿינעם סועץ־קאַנאַל, און פֿון קוט אַל־אַמאַראַ — אַף באַסראַ.

די אונטערהאַנדלונגען צווישן דעם אויבער־קאָמיסאַר פֿון ענגלאַנד אין עגיפּטן מאַקמאַגאָן און דעם עמיר פֿייסאַל, דעם זון פֿונעם שעריף פֿון מעקאַ, און דעם הערשער פֿון כידזשאַז כוסיין אַל־כאַשימי האָבן געדויערט פֿון מײַ 1915 ביז יאַנואַר 1916. ס'איז דערגרייכט געוואָרן אַ העסקעם (אין וועלכן ס'האָבן אָנטייל גענומען אויך די אָנפֿירער פֿון די סירישע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס) וועגן דעם, אַז אויב ענגלאַנד וועט אָנערקענען די אומאָפּהענגיקע אַראַבישע מעלוכע, וועלכע האָט געדאַרפֿט אײַנשליסן איראַק, סיריע, ליוואַן (אויסער ביירוט), פּאַלעסטינע, כידזשאַז און דעם אַראַווישן האַלב־אינדזל, וועלן די אַראַבישע לידערס זיך פֿאַרפּליכטן צו שטעלן זיך בעראָש פֿונעם אופֿשטאַנד פֿון אַלע אַראַבישע מיליטער־טיילן, וועלכע גייען אַרײַן אין באַשטאַנד פֿון דער טערקישער אַרמיי, און פֿונעם אופֿשטאַנד פֿון די אַראַבישע שיוועטן אין הינטערלאַנד פֿון דעם דאָזיקן מיליטער. באַזירנדיק זיך אַף די דאָזיקע פֿאַרפּליכטונגען, האָט כוסיין אַל־כאַשימי אין 1916 זיך געשטעלט בעראָש פֿונעם אופֿשטאַנד קעגן דער אָסמאַנישער אימפּעריע און אַלס שעריף פֿון מעקאַ געמאָלדן אַ דזשיכאַד קעגן די דײַטשן און טערקן.

דער אופֿשטאַנד פֿון די אַראַבער האָט געראַטעוועט די בריטישע מיליטער־קויכעס פֿון אַ צעשמעטערונג אפֿן מוסולמענישן מיזרעך און געשפּילט ניט קיין קליינע ראָל אינעם זיג פֿון דער אַנטאַנטע איבער דער אָסמאַנישער אימפּעריע. אָבער, ווי ס'וועט אָנגעוויזן ווערן ווײַטער, האָבן די בריטישע אימפּעריאַליסטן נישט נאָר זיך ניט געקליבן אויספֿילן זייערע היסכײַוועסן פֿאַר די אַראַבער, נאָר זיי האָבן געפֿירט אַ דינגערײַ מיט די פֿראַנצויזישע אימפּעריאַליסטן, פֿון איין זײַט, וועגן פֿאַרשקלאַפֿן דעם אַראַבישן מיזרעך, און מיט די ציוניסטן, פֿון דער צווייטער זײַט, וועגן איבערגעבן זיי פּאַקטיש פּאַלעסטינע, אײַנגעשלאָסן גאַנץ ירושלאַיִם.

אין פֿאַרלויף פֿון דער צווייטער העלפֿט פֿונעם יאָר 1915 האָבן בריטישע דיפּלאָמאַטן געפֿירט געהיימע אונטערהאַנדלונגען מיט די פֿראַנצויזישע קאָלאָניזאַטאָרן וועגן צעגלידערן דעם אַראַבישן מיזרעך. דעם 15 מײַ 1916 האָבן דער פֿאָרשטייער פֿון ענגלאַנד סײַקס און דער פֿראַנצויזישער באַפֿולמעכטיקטער פּיקאָ אונטערגעשריבן אַ געהיימע פֿאַרשטענדיקונג, וועלכע זעט פֿאָר, אַז פֿראַנקרײַך זאָל פֿאַרכאַפּן מײַרעוו־סיריע, ליוואַן און קיליקיאַ, און ענגלאַנד — דאָרעם־ און צענטראַל־איראַק און די ראַיאָנען פֿון פּאַלעסטינע, ניט ווײַט פֿון די האַפֿנס כײַפֿע און אַקאָ. דער איבעריקער טייל פֿון פּאַלעסטינע האָט זיך געדאַרפֿט געפֿינען אונטער דער פֿאַרייניקטער ענגליש־פֿראַנצויזישער פֿאַרוואַלטונג. מיזרעך־סיריע און צאָפֿן־איראַק זײַנען געמאָלדן געוואָרן אַלס ווירקונג־ספֿער פֿון פֿראַנקרײַך; די גרענעצן פֿון יאַרדאַניע און דער צאָפֿן־טייל פֿונעם באַגדאַדישן ווילאַיעט זײַנען אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין דער ווירקונג־ספֿער פֿון ענגלאַנד. אַף אַזאַ אופֿן האָבן די בריטישע קאָלאָניזאַטאָרן געגרייט די צעגלידערונג פֿונעם אַראַבישן מיזרעך אַף פֿינף קאָלאָניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע טעריטאָריעס, פֿאַרלעצנדיק שטרײַקברעכעריש די פֿאַרפּליכטונג, וועלכע איז געגעבן געוואָרן דעם שעריף פֿון מעקאַ, וועגן אויסבילדן אַן אײַנהײַטלעכע אומאָפּהענגיקע אַראַבישע מעלוכע.

2. דער אַנטי־איסלאַמישער טאָך פֿון דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע

אויבן איז דערמאָנט געוואָרן, אַז איינער פֿון די הויפּט־צילן פֿון די בריטישע אימפּעריאַליסטן ערעוו דער ערשטער וועלט־מילכאָמע איז געווען — אײַנשטעלן אַ קאָנטראָל איבער

די פעלקער פונעם מוסולמענישן מיזרעך, קוידעמקאָל איבער די אראבער, אייַנשליסנדיק זיי אין א נייַער קאָלאָניע, וועלכע קערזאָן האָט אָנגערופן „אראבישע אינדיע“.

די געצוווּנגענע פארשטענדיקונגען, וועלכע ס'איז אויסגעקומען אונטערצושרייַבן אין 1916 מיט די אראבישע פאָרשטייער און מיט פראנקרייַך בלויז אין רעזולטאט פון דער אומגינסטיקער אנטוויקלונג פון די קריגס-אקציעס אין אייראָפּע און אפן נאָענטן מיזרעך, האָבן געשטעלט אין א געפאר די רעאליזירונג פון די דאָזיקע ווייַטגייענדיקע פלענער.

קעדיי שאפן באדינגונגען, וואָס זאָלן ניט דערלאָזן צו פארווירקלעכן די קעגנזייַטיק ווידערשפּרעכיקע פארשטענדיקונגען מיט די אראבער און פראנצויזן, האָט מען אין לאָנדאָן באשלאָסן זיך באנוצן מיט די טויווס פון די ציוניסטן.

הייסט עס, אז אין דער זעלבער צייַט, ווען צענדליקער טויזנטער אראבער, וועלכע האָבן געגלייבט אין די ענגלישע צוזאָגענישן, האָבן זיך אופגעהויבן לויטן רוף פונעם שעריף פון מעקא אף א דזשיכאד לעשעם אויסבילדן אַן איינהייַטלעכע אראבישע מעלוכע אין אזיע, האָט דער בריטישער אויסערן-מיניסטעריום אין געהיים זיך צונויפגערעדט מיט די ציוניסטן. **רעדנדיק וועגן איבערגעבן די מאכט אין פּאַלעסטינע „דער יידישער מערהייַט“, האָבן די ענגלישע רעגירנדיקע קרייַזן געמאכט זיך ניט וויסנדיק, אז די צאָל פון דער אראבישער באַפעלקערונג אין לאַנד האָט איבערגעשטיגן אין 1916 די צאָל פון דער יידישער אין... 12 מאָל! אזויארום, זייַנען פאקטיש באהאנדלט געוואָרן אין לאָנדאָן קימאט מיט 70 יאָר צוריק פּראָיעקטן ניט נאָר וועגן שאפן די קינפטיקע ייִסראָעל-מעדינע, נאָר אויך וועגן אייַנשטעלן א ציוניסטישן קאָנטראָל איבער דעם מייַרעוו-ברעג פונעם יארדן, וועלכער איז אַן אומאָפּנעמבארער טייל פון דער אראבישער פּאלעסטינע.**

אין די יאָרן 1916—1917 איז אין די רעגירנדיקע קרייַזן פון גרויסבריטאניע געגאנגען א שארפער קאמף ארום דעם פאָרשטייענדיקן מיסכער מיט די ציוניסטן. אייניקע אייַנפלוסרייַכע מיטגלידער פון דער רעגירונג און פאראנטוואָרטלעכע טוער פון די מיניסטעריומס איבער די איניאָנים פון אינדיע און קאָלאָניעס האָבן מוירע געהאט, אז די פארלעצונג פון די פארפליכטונגען, וועלכע זייַנען געגעבן געוואָרן דעם שעריף פון מעקא, און דער מיסכער מיט די ציוניסטן וועלן די לידערס פונעם מוסולמענישן מיזרעך אָפּשאצן ווי א פאראט, און דאָס וועט אין א גרעסערער מאָס אונטערייַסן די ווירקונג פון ענגלאנד אין אזיע און אין צאָפן-אפריקע, איידער די רעאליזירונג פון די אָפּמאכן צווישן סייַקסן און פּיקאָ און צווישן מאק-מאגאָנען און כוסיין אל-כאשימי.

און ניט געקוקט דערויף, האָט זיך אייַנגעגעבן די אָנהענגער פון אָט דעם צווייפּענעמדיקן מיסכער מיט די ציוניסטן אָפּצוהאלטן א ניצאָכן. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס עס האָבן זיך אריינגעמישט די אייַנפלוסרייַכע אָרגאניזאציעס פון די פאראייניקטע שטאטן. אינצווישן, איז די ענגלישע רעגירונג געווען זייער פארינטערעסירט, אז די פאראייניקטע שטאטן זאָלן ארויסטרעטן אף דער זייַט פון דער אנטאנטע און אז זייערע ארמייען זאָלן אקטיוו זיך באטייליקן אין די קריגס-אקציעס קעגן דייַטשלאנד. צו סענטיאבער 1917 האָט דעם לידער פון די אמעריקאנער ציוניסטן, מיטגליד פונעם אויבער-געריכט פון פשא בראנדייס, א פערזענלעכן פרייַנט פונעם פרעזידענט ווילסאָן, זיך אייַנגעגעבן גאראנטירן א שטיצע מיצאד ווילסאָנען פאר די ציוניסטישע פלענער. וועגן דעם האָט מען טייקעף אינפאָרמירט דער בריטישער רעגירונג, און דעם 2 נאָיאבער 1917 האָט דער אויסערן-מיניסטער פון גרויסבריטאניע באלפור אָפּגעשיקט איינעם פון די לידערס פון די ענגלישע ציוניסטן ראָטשילדן א בריוו, וועלכער ווערט אין דער געשיכטע באצייכנט אלס „באלפור-דעקלאראציע“.

אזויארום, האָבן די ציוניסטן ניט בלויז אונטערשטיצט די בריטישע קאָלאָניזאטאָרן אין זייערע פלענער ארייַנצוציִען פשא אין דער וועלט-מילכאָמע, נאָר עס איז טאָרפעדירט געוואָרן די פארפליכטונג וועגן אויסבילדן אן איינהייַטלעכע אראבישע אומאָפּהענגיקע מעלוכע. גלייַכצייַטיק האָט לאָנדאָן מיט דער הילף פון דער באלפור-דעקלאראציע געשאפן פאָרהאנאָכעס, קעדיי אראָפּרייַסן די פארשטענדיקונג צווישן סייַקסן און פּיקאָ, און, אזויארום, צוגעגרייט באדינגונגען אף אייַנשטעלן דעם בריטישן קאָנטראָל איבער די לענדער און פעלקער פונעם מוסולמענישן מיזרעך.

רעאליזירנדיק זייער דערפאָלג, האָבן די ציוניסטן שוין אין די יאָרן 1918—1919 אָנגעהויבן ארויסרוקן די פאָדערונג וועגן א פארברייטערטער אויסטייַטשונג פונעם טערמין „יידישע נאציאָנאלע היים“, פרעטענדירנדיק גלייַכצייַטיק אף טראנסיאָרדאניע (די צוקינפטיקע יאָרדאניע) און אף ליוואן. אונטער זייער אייַנפלוס האָט דער פרעזידענט פון פשא דערקלערט אין אווגוסט 1918: „איך האלט, אז די פארבינדעטע נאציעס, מיט דער פולער שטיצע פון אונדזער רעגירונג און פון אונדזער פאָלק, האָבן באשלאָסן פארלייגן אין פאלעסטינע א פונדאמענט פון א יידישער מעלוכע“. אף אזא

אויפן, האָט ווילסאָן פארברייטערט די באלפור־דעקלאראציע, אין וועלכער עס רעדט זיך בלויז וועגן שאפן „א ייִדישע היים". אפן סמאך פון ווילסאָנס דערקלערונג האָבן די ציִעניסטישע שעלוכים זיך דערשלאָגן, אז אין דעקאבער 1918 האָט דער פרעמיער־מיניסטער לאָיד דזשאָרדזש געשטעלט אף א זיצונג פונעם בריטישן קאבינעט די פראגע וועגן אויסברייטערן די צאָפנדיקע גרענעצן פון פאלעסטינע „ביזן טײַך ליטאני און דער שטאָט באניאס".

און דאָס האָט דאָך באטײַט אײַנשליסן אין באשטאנד פון פאלעסטינע גאנץ דאָרעם־ליוואן און די גאָלאנער הייכן. אין 1919 האָט א דעלעגאציע פון דער אלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאניזאציע בעראָש מיטן קינפטיקן פרעזידענט פון ייִסראָעל ווייצמאן זיך דערשלאָגן, אז אף דער פאריזשער שאָלעם־קאָנפערענץ זאָל באהאנדלט ווערן דער מעמאָראנדום, אין וועלכן ס'איז אָנגעוויזן, אז קעדיי גאראנטירן די לעבנספעיִקײַט און די באזאָרגונג מיט וואסער פון דער קינפטיקער „ייִדישער היים אין פאלעסטינע", דארף אין איר טעריטאָריע אײַנגעשלאָסן ווערן דאָרעם־ליוואן ביז דעם טײַך ליטאני. אין פעווראל 1920 האָט דער לידער פון די אמעריקאנער ציִעניסטן בראנדייס, וועלכער האָט „פארווערבירט" ווילסאָנען, קעדיי ער זאָל אונטערשטיצן די ציִעניסטישע פלענער, אָפגעשיקט לאָיד דזשאָרדזשן א דעפעש, אין וועלכער ער האָט געפאָדערט אײַנשליסן אין באשטאנד פון פאלעסטינע דעם בעקן פונעם טײַך ליטאני, דעם גאנצן בארגרוקן כערמאָן און טראנסיאָרדאניע, דה. דאָרעם־ליוואן, די גאָלאנער הייכן, א טייל פון דאָרעם־סיריע און יאָרדאניע!

נאָך דער אויסבילדונג פון מעדינאס ייִסראָעל אין 1948 ווערט די זעלבע אגרעסיווע טענדענץ געפירט בייס די פיר אראביש־ייִסראָעלדיקע מילכאָמעס — אין דער אָקופאציע פון די גאָלאנער הייכן, פונעם מײַרעוו־ברעג פון דעם יארדן און פונעם אזא־פאס אין 1967, אין דער אינטערווענץ קעגן ליוואן אין 1978, אין דער מילכאָמע קעגן ליוואן און קעגן דער אָרגאניזאציע פאר באפרײַען פאלעסטינע אין די יאָרן 1982—1983, אין דער אלזײַטיקער שטיצע פונעם הענעגאט און פארעטער כאדאד און אין די פלענער וועגן צעגלידערן ליוואן, וועלכע עס ווערן איצט געבויט אין טעל־אוויוו און וואשינגטאָן. אזעלכע זײַנען די בלוטיקע שפראָצלינגען פון די זוימען, וועלכע ס'האָט פארזייט אפן מוסולמענישן מיזרעך דער רויבערישער אליאנס צווישן די ציִעניסטן און די אימפעריִאליסטן.

אין אפרעל 1918, ווען די ענגלישע מיליטער־קויכעס האָבן פארכאפט פאלעסטינע, צעקלאפנדיק דאָס טערקישע מיליטער, האָבן די אָנפירער פון דער אלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאניזאציע טייקעף אָנגעהויבן רעאליזירן די פלענער, וועלכע זײַנען אוועק א סאך ווײַטער פון דער באלפור־דעקלאראציע.

אין פאלעסטינע איז געשאפן געוואָרן א קאָמיסיע בעראָש מיט ווייצמאנען. אין דעקאבער 1918 האָט זי דורכגעפירט אין יאפע א קאָנפערענץ, וועלכע האָט פאָרמולירט די „הויפט־אופגאבן פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג פון פאלעסטינע". העיויס די ציִעניסטישע קאָמיסיע האָט אָן צערעמאָניעס זיך ארײַנגעמישט אין דער טעטיקײַט פון דער ענגלישער מיליטערישער אדמיניסטראציע אין פאלעסטינע, האָט די אדמיניסטראציע אָנגענומען מיטלען, קעדיי א ביסל באגרענעצן די טעטיקײַט פון דער קאָמיסיע. אלס ענטפער אף דעם האָבן די ציִעניסטן זיך דערשלאָגן א באשלוס פון דער ענגלישער רעגירונג וועגן אײַנפירן אין פאלעסטינע א ציווילע אדמיניסטראציע. אין יול 1920 איז אלס אויבער־קאָמיסאר אין יערושאָלאיִם באשטימט געוואָרן דער לאנגיאָריקער מיטגליד פון דער ענגלישער רעגירונג הערבערט סאמיועל. כאראקטעריזירנדיק אים, האָט דער פרעזידענט פון דער אלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאניזאציע ווייצמאן דערקלערט: „מיר האָבן אים אוועקגעזעצט אף אָט דעם פאָסטן. דאָס איז אונדזער סאמיועל".

אויסנוצנדיק די ענגלישע אדמיניסטראציע, צוציִענדיקברייט דעם קאפיטאל פון ייִדן, וואָס וווינען אין ענגלאנד און פשא, קעדיי אײַנשטעלן זייער קאָנטראָל איבער דער עקאָנאָמיק פונעם לאנד, צווישן אנדערס — איבער דער ענערגיע־באזאָרגונג און איריגאציע, שאפנדיק אונטערן אויסזען פון קיבוצים שטיץ־פונקטן אין פארשיידענע ראיאָנען פון פאלעסטינע, ארויסשטויסנדיק מיט דער הילף פון אויסקויפגעלט און טעראָר די אײַנגעוואָרצלטע ארא ביִשע באפעלקערונג פונעם לאנד, האָבן די ציִעניסטן אין אָנהייב פון די 20־ער יאָרן גענומען א קורס אף צו גרינדן די ייִדישע מעלוכע אפן מוסולמענישן מיזרעך. דאָס האָט ארויסגערופן א שטײַגנדיקע קעגנערשאפט סײַ מיצאד די אראבער פון פאלעסטינע, סײַ מיצאד די אנדערע מוסולמענישע לענדער.

קעדיי פאנאנדערארבעטן מאָסמיטלען, געריכטעטע צו קעגנשטעלן זיך דעם וווּקס פון דער אנטי־אימפעריִאליסטישער באוועגונג אין די לענדער פונעם מוסולמענישן מיזרעך, האָט דער נײַער ענגלישער מיניסטער פאר קאָלאָניעס ווינסטאָן טשערטשיל דורכגעפירט אין קאיִר אין מארט 1921, אין באדינגונגען פון טיפסטער געהיימניס, א קאָנפערענץ פון אלע

אָנגעזעענע ענגלישע ספּעציאַליסטן איבער דעם נאָענטן מיזרעך — דיפּלאָמאַטן, אויספירער, אָריענטאַליסטן, איסלאַם-קענער. דאָרט איז אויסגעאַרבעט געוואָרן די נאָכמילכאָמע-סטראַטעגיע פונעם בריטישן אימפּעריאַליזם אין די לענדער פון דעם מוסולמענישן מיזרעך. נעמענדיק אין אַכט דעם וואַקסנדיקן גרימצאָרן פון די פעלקער פון די מוסולמענישע לענדער איבער דער אָנוועזנהייט אַף זייער טעריטאָריע פון ענגלישן אָקופּאַציע-מיליטער, איז לויט דער איניציאַטיוו פון טשערטשילן און פונעם ענגלישן אויספירער-אָריענטאַליסט לאָורענס באַשלאָסן געוואָרן באַדייטנדיק צו באַגרענעצן די צאָל סאָלדאַטן, פאַרבייטנדיק די „אָנשרעקונגס-קייכעס" מיט אַ נייעם מין געווער — אַוויאַציע. אַף אַזאַ אויפן האָט מען אָנגעהויבן שרעקן די מוסולמענער מיט עראָפּלאַנען-באָמבאַרדירער. גלייכצייטיק איז באַשלאָסן געוואָרן אַ ביסל צו צוימען די אַפּעטיטן פון די ציוניסטן, קעדיי אָן איבעריקס מאָל ניט רייצן די מוסולמענער.

אָבער די דאָזיקע מאָסמיטלען האָבן ניט געהאַט קיין שייכעס צו פּאַלעסטינע. באַזונדיק אין מאַרט 1921 ירושלאַיִם און אייניקע פּאַלעסטינער שטעט אַפן מייַרעוו-ברעג פונעם יאַרדן, האָט טשערטשיל קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט די פאָדערונגען פון די אַראַבישע לידערס, אַז פאַר די אַראַבער פון פּאַלעסטינע זאָל געגעבן ווערן דאָס רעכט צו אויסוויילן אַ נאַציאָנאַלע רעגירונג. „וואָס איז שייעך אַ רעפּרעזענטאַטיווער רעגירונג, אַ פולקומער זעלבסטפאַרוואַלטונג, איז אַ סאָפעק, צי צו דעם וועלן דערלעבן אונדזערע אייניקלעך", — האָט ציניש דערקלערט אויבנסטאָן טשערטשיל. עס וואַרפט זיך אין די אויגן, ווי ענלעך ס'איז די דאָזיקע דערקלערונג אַף קאַרטערס, רייגאַנס און בעגינס אַרויסזאָגונגען קעגן דער פאָדערונג צו שאַפן אַן אומאָפּהענגיקע אַראַבישע מעלוכע אין פּאַלעסטינע.

אין פּאַלעסטינע גופע האָט זיך אַלץ מער געברייטערט די אַנטיציוניסטישע און אַנטיאימפּעריאַליסטישע באַוועגונג אונטער דער אָנפירונג פון דעם אויסגעבילדעטן נאָך אין 1920 אַראַבישן פּאַלעסטינער קאָנגרעס, און, אָנהייבנדיק פונעם יאָר 1936, — פון דעם העכסטן אַראַבישן קאָמיטעט. אין די יאָרן 1929, 1933 און 1936 זיינען אינעם לאַנד פאָרגעקומען אופשטאַנדן און אומרוען, וועלכע האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אַפן גאַנצן מוסולמענישן מיזרעך. אין די דאָזיקע באַדינגונגען זיינען די בריטישע קאָלאָניזאַטאָרן געצוווּנגען געווען אַ ביסל באַגרענעצן די טעטיקייט פון די ציוניסטן אינעם לאַנד.

פון זייער זייט, האָבן די אָנפירער פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אָנגענומען קאָנטער-מיטלען לויט עטלעכע ריכטונגען. ערשטנס, האָבן זיי אָנגעהויבן סיסטעמאַטיש פּראָוואָצירן אַראַביש-יידישע קאָנפליקטן, וועלכע זיינען אַריבערגעוואַקסן אין באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן. דערמיט האָבן באַזונדערס אַקטיוו זיך פאַרנומען די העפקער-יונגען פון דער געגרינדעטער אין 1929 עקסטרעמיסטיש-ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע בעראָש מיט וו. זשאַבאָטינסקין, בעגינס און שאַמירס לערער און קומיר.

צווייטנס, האָבן די אָנפירער פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פון אַנדערע ציוניסטישע קערפּערשאַפטן אָנגעהויבן איינאָרדענען אַלמעגלעכע דעמאָנסטראַציעס און פּראָטעסטן אין ענגלאַנד און אין די פאַראייניקטע שטאַטן, קעדיי צווינגען די רעגירונג פון גרויסבריטאַניע אָפּצושאַפן די ניט באַדייטנדיקע מאָסמיטלען, וועלכע זיי האָבן אָנגעווענדט אַף צו באַגרענעצן דאָס באַלעבאַטעווען פון די ציוניסטן אין פּאַלעסטינע.

דריטנס, האָבן די ציוניסטן אָנגעהויבן אויסברייטערן זייערע קאָנטאַקטן מיט די מעלוכעס, ווו עס האָט געהערשט דער פאַשיזם, קעדיי באַקומען דאָרט געווער, זיך דערשלאָגן, אַז אַ טייל פון דער אַרבעטספעיקער יידישער באַפעלקערונג פון די דאָזיקע לענדער זאָל אָפּגעשיקט ווערן קיין פּאַלעסטינע, קעדיי קעמפן מיט די אַראַבער, און, לעסאָף, אויסנוצן זייערע פאַרבינדונגען מיט די מעלוכעס פון דער „אַקס" אַלס דרוק אַף די פאַראייניקטע שטאַטן און באַזונדערס אַף גרויסבריטאַניע, קעדיי צווינגען די לעצטע אַראָפּצונעמען אַלע באַגרענעצונגען, וועלכע זיינען אַרופגעלייגט געוואָרן אַף דער יידישער עמיגראַציע און אַף דער הערשאַפט פון די ציוניסטן אין פּאַלעסטינע.

3. דער בונד פון די ציוניסטן מיט די איטאַליעניש-דייטשישע פאַשיסטן

קעדיי רעאַליזירן דעם דאָזיקן פּלאַן, זיינען אויסגענוצט געוואָרן זשאַבאָטינסקיס לאַנגיאָריקע פאַרבינדונגען מיט די איטאַליענישע פאַשיסטן. אין די 80-ער יאָרן האָבן די אָנפירער פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ניט איין מאָל זיך באַגעגנט מיט מוסאָלינין, וועלכער איז, לויטן אויסדרוק פונעם פאָרזיצער פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, געווען „אויסערסט ליבלעך", געגעבן אַן אָנווייזונג וועגן פאַרברייטערן די עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען מיט די ציוניסטישע פירמעס

אין פאַלעסטינע און דערלויבט צו עפענען אין
דער איטאַליענישער שטאָט טשיוויטאַ-וועקיאַ
אַן אומלעגאַלע ציוניסטישע מיליטערישע
יאַם-שול, וועלכע האָט עקזיסטירט ביזן יאָר
1938.

נאָך ענגער איז געווען די מיטאַרבעט פון
די ציוניסטן מיט די דײַטשישע פאַשיסטן.
שוין אין 1933 איז צווישן דעם מעלוכישן
באַנק פון דעם היטלער-דײַטשלאַנד „רײַכס-
באַנק" און דער יידישער אַגענץ אונטערגע-
שריבן געוואָרן א געהיימע פאַרשטענדיקונג,
וועלכע די ציוניסטן האָבן פאַרשפּרייט מיטן
לאַשנקוידעשדיקן וואָרט „האַאַוואַראַ" —
האַנדלס-געזעלשאַפט. לויט אַט דער פאַר-
שטענדיקונג האָבן די יידן, וועלכע האָבן אַרי-
בערגעוואַנדערט פון דײַטשלאַנד קיין פאַלע-
סטינע, באַקומען אין דער פאָרם פון א קאָמ-
פּענסאַציע פאַר זייער האַב-און-גוטס, וואָס די
נאַציסטן האָבן קאָנפיסקירט, דײַטשישע סכוי-
רעס, וועלכע זיי האָבן געדאַרפט פאַרקויפן אין
פאַלעסטינע. דאָס אויסגעלייזטע אַף אַזאַ אויפן
געלט איז טיילווײַז אַרײַנגעפאַלן אין די ציוי-
ניסטישע פאָנדן. אַזוי האָבן די ציוניסטן,
וועלכע האָבן באַקומען פון די רעגירער פון
גרויסבריטאַניע די באַלפור-דעקלאַראַציע, אונ-
טערגעריסן מיט דער הילף פון די סכוירעס פון
לאָנדאָנס איקערדיקן קאָנקורענט די עקאָנאָ-
מישע פּאָזיציעס פון גרויסבריטאַניע אינעם
גאַנצן מיזרעך.

אין דער פאַרשטענדיקונג „האַאַוואַראַ" איז
נאָך געווען אַן אַבסאָליוט געהיים אַרטיקל,
וועגן דער עקזיסטענץ פון וועלכן ס'האָבן גע-
וווּסט בלויז די אָנפירער פון דער אַלוועלטלע-
כער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פון דער
האַלב-אָפיציעלער ציוניסטישער אַרמיי אין פאַ-
לעסטינע — „האַגאַנאַ". לויט אַט דעם אַרטיקל
איז א געוויסער טייל פון די קאָמפּענסאַציע-
סכוירעס, וועלכע די נאַציסטן האָבן איבערגע-
געבן די ציוניסטן, באַשטאַנען פון וואָפן,
הויפּטזאַכלעך — גראַנאַטעס, מאַשין-געווער,
קוילנוואַרפערס און מינענוואַרפערס. דאָס גע-
ווער, וואָס דער היטלער-רײַך האָט געהיים
איבערגעשיקט קיין פאַלעסטינע, האָט געדאַרפט
אויסגענוצט ווערן, קעדיי שאַפן א ציוניסטישן
רײַך אַפן נאָענטן מיזרעך, און עס האָט פאַר-
געשטעלט מיט זיך א בעפירעשע געפאַר סיי
פאַר די ענגלישע קאָלאָניזאַטאָרן, אַזוי אויך
באַזונדערס פאַר די אַראַבער פון פאַלעסטינע
און פון אַנדערע לענדער פונעם אַראַבישן מיז-
רעך. אין דער זעלבער צײַט האָבן די היטלער
און געבעלס געשריגן וועגן זייערע סימפּאַטיעס
צום איסלאַם און וועגן זייער אומבײַגזאַמער
שטרעבונג צו העלפן די פעלקער פונעם מו-
סולמענישן מיזרעך אין זייער קאַמף פאַר אומ-
אָפּהענגיקייט, און ווייצמאַן מיט גאָלדמאַנען
האָבן געפירט צוטרוי-אונטערהאַנדלונגען אין
לאָנדאָן און וואַשינגטאָן וועגן דער נויטווענדי-
קייט צו קעמפן קעגן פאַשיזם!

קעדיי רעאַליזירן זייערע פלענער אַפן נאָ-
ענטן מיזרעך, האָבן די לידערס פון די ציוי-
ניסטן זיך געניייטיקט ניט נאָר אין געלט (אומ-
אָפּהענגיק, אין וועלכער וואַליוטע — אין דאָ-
לאַרן, פונטן אָדער מאַרקעס) און אין געווער,
נאָר אויך אין האַרמאַטן-פלייש. דעריבער האָבן
זיי שוין אין 1933 אָנגעקניפּט אַן ענגן קאָנ-
טאַקט מיט מילדענשטיינען — דעם אָנפירער
פונעם ספּעציעלן אָפּטייל „112-11", וועל-
כער איז געשאַפן געוואָרן אין דער סיסטעם
פון זיכערהײַט-דינסט פון עסעס. אַף אים איז
אַרופגעלייגט געוואָרן אין דעם הימלער-אַמט
די אויספאַרמירונג פון דער „יידישער פאָלי-
טיק". מילדענשטיין איז געווען אַזוי ענג פאַר-
בונדן מיט די ציוניסטן, אַז ער איז אַפילע
בײַגעווען אַף די קאָנגרעסן פון דער אַל-
וועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אַפן
סמאַך פון דעם געהיימען העסקעם צווישן דער
יידישער אַגענץ און דעם אָפּטייל „112-11"
איז אין בערלין געעפנט געוואָרן א ציוניסטי-
שער „פאַלעסטינער אָפיס", וועלכער האָט אָפּ-
געקליבן אַמערסטנס צוגענגלעכע פונעם מאַ-
טעריעלן און פּאָליטישן שטאַנדפּונקט דײַטשי-
שע יידן, קעדיי צו שיקן זיי קיין פאַלעסטינע.
פאָרמעל האָבן די נאַציסטישע מאַכט-אָרגאַנען,
ניט וועלנדיק פאַרשאַרפן די באַציונגען מיט די
אַראַבער, אַרויסגעגעבן די יידישע עמיגראַנטן
אַרויספאָר-וויזעס אַף אַריבערפאָרן אין די
לענדער פון לאַטײַן-אַמעריקע. די עמיגראַנטן
האָבן פאַרלאָזט דײַטשלאַנד אַף שיפן, וועלכע
זײַנען געשוווּמען קיין בראַזיל אָדער אַרגענ-
טינע. אָבער אין די האַפנס פון די אַזאָרישע
אינדזלען האָבן א סאַך פון זיי באַנאַכט זיך
געהיים אַריבערגעזעצט, ניט אָן דעם וויסן פון
די דײַטשישע קאַפּיטאַנען, אַף שיפן, וועלכע
זײַנען אומלעגאַל געשוווּמען קיין פאַלעסטינע.
פונעם יאָר 1933 ביז דעם יאָר 1939 זײַנען
פון דײַטשלאַנד אַריבערגעפאָרן קיין פאַלעס-
טינע 40 טויזנט יידן. אין דער אָפּעראַציע האָט
אָנטיילגענומען ניט בלויז מילדענשטיין, נאָר
אויך זײַן שטעלפאַרטרעטער אַדאָלף אײַכמאַן —
איינער פון די שפּעטערדיקע גרויזאַמסטע טאָל-
יאָנים פון מיליאָנען יידן.

אַזאַ איז די קאָמפּליצירטע פאַרבינדונג
צווישן דער קאָלאָניאַלער פּאָליטיק פונעם
ענגלישן און דײַטשישן אימפּעריאַליזם אין די
לענדער פונעם מוסולמענישן מיזרעך מיט דער
ענערגישער טעטיקײַט פון די ציוניסטישע
לאָביס אין ענגלאַנד און אין פּשאַ, מיט די
געהיימע קאָנטאַקטן צווישן די ציוניסטישע

אין פאשיסטישע ספעציעלע דינסטן אין דער אויספורעמונג, באוואפענונג און באזארגונג פון די דיוויזיעס „האגאנא", וועלכע זיינען געווען דער גרונט-קערן פון די ייִסראעלדיקע ארמייען, וואס פירן מילכאמעס קעגן די אראבישע פעלקער, באגייען אלמעגלעכע בלוטפארגיסנדיקע אינטערווענצן און דיווערסיעס לעשעם דער אקופאציע פון פרעמדע טעריטאריעס. אף פארשיידענע עטאפן פון דער אנטוויקלונג פון דער נאציאנאלער, אנטי-אימפעריאליסטישער באפרייונגס-באוועגונג פון די פעלקער פונעם מוסולמענישן מיזרעך האבן די ציוניסטישע פלענער אנטשפראכן די אינטערעסן פון די רעגירער פון דייטשלאנד, ענגלאנד און פשא, ווייל זיי האבן געדארפט צוימען דעם קאמף פון די פעלקער פונעם מוסולמענישן מיזרעך קעגן די קאלאניזאטארן און נעאקאלאניזאטארן.

4. ייִסראעל — צו דינסט די אימפעריאליסטן נאך דער צווייטער וועלט-מילכאמע

אף אט דער אידענטישקייט פון די אינטערעסן באזירט זיך אין א באדייטנדיקער מאס דער אליאנס צווישן די אימפעריאליסטן און ציוניסטן. וועגן דעם זאגט איידעס אויך די געשיכטע פון די לעצטע פיר יארצענדליקער. בייס דער ערשטער אראביש-ייִסראעלדיקער מילכאמע אין די יארן 1948—1949 האבן די אמעריקאנער אונטערשטיצט ייִסראעל, און די ענגלענדער — זייער קרעאטור, דעם פעאדאלן עמיר פון טראנסיארדאניע אבדאלאך, ווייל אויך ער, ווי די בריטישע קאלאניזאטארן, איז געווען קעגן דער גרינדונג פון אן אראבישער פאלעסטינער מעלוכע, ווי ס'איז פארויסגעזען אינעם באשלוס פון דער ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע נאציעס פון 1947. דעריבער האט מען אויפגענומען אין לאנדאן מיט באפרידיקונג די פארשטענדיקונג צווישן אבדאלאכן און דעם ערשטן פרעמיער-מיניסטער פון ייִסראעל בען-גוריאנען אין 1949 וועגן צעטיילן די טעריטאריע פון דער אראבישער פאלעסטינע צווישן ייִסראעל און טראנסיארדאניע, ווייל אויסער דעם אלעמען, האט די פארשטענדיקונג פארשארפט די באציונגען פון טראנסיארדאניע (וואס איז נאך דער אקופאציע פונעם מייִרעוו-ברעג פונעם יארדען געווארן יארדאניע) מיט אנדערע אראבישע מעלוכעס און, הייסט עס, ס'איז דערלאנגט געווארן א קלאפ איבער די אידייען פון דער אראבישער און מוסולמענישער סאלידאריטעט.

אין סאף 1955 — אנהייב 1956 האט דער פרעזידענט פון עגיפטן, דער אמערסטן איינפלוסרייכער לידער פונעם אראבישן מיזרעך גאמאל אבדעל נאסער, זיך אפגעזאגט צו אונטערארדענען זיך דעם דיקטאט פון די אימפעריאליסטישע מעלוכעס, און ער האט זיך דערשלאגן, אז דאס בריטישע אקופאציע-מיליטער איז ענדגילטיק ארויסגעפירט געווארן פון דער זאנע פונעם סועץ-קאנאל. נאסער האט ענערגיש אונטערגעהאלטן די נאציאנאל-דעמאקראטישע רעוואליוציע אין אלזשיר און גענומען א קורס אף צו פארשטארקן די באציונגען מיט די סאציאליסטישע לענדער. דאן האט מען אין לאנדאן און אין פאריזש באשלאסן צו אנהייבן א קאמף קעגן דעם רעוואליוציאנערן עגיפעט, און ווען אבדעל נאסער האט, אלס ענטפער אף די דיסקרימינאציע-מיטלען פונעם מייִרעוו, געמאלדן וועגן דער נאציאנאליזירונג פונעם סועץ-קאנאל, האבן די רעגירנדיקע קרייזן פון פראנקרייך און גרויסבריטאניע גענומען אקטיוו זיך גרייטן צו א מילכאמע קעגן עגיפעט.

צוליב דעם האבן זיי אין סענטיאבער 1956 געשלאסן א געהיימע פארשטענדיקונג מיט די ציוניסטישע רעגירער פון ייִסראעל וועגן גרייטן א דרייענדיקע אגרעסיע קעגן אט דער גרעסטער און איינפלוסרייכסטער מעלוכע פונעם אראבישן מיזרעך. העיוים אין אט דעם פעריאד האבן די ייִסראעלדיקע עקספאנסיאניסטן געשטרעבט זיך פארפעסטיקן אפן סינייער האלב-אינדזל, ארומגעטראגן זיך מיט פלענער וועגן פארכאפן די גאלאנער הייכן און א טייל פונעם מייִרעוודיקן יארדן-ברעג, האבן זיי אויך געשטרעבט צו ליקווידירן דעם פראגרעסיוון רעזשים פון נאסערן, וועלכער איז געווען די זייל פון דער אראבישער און מוסולמענישער איינהייט אינעם רעגיאן. אזויארום, זיינען צונויפגעפאלן די אינטערעסן, די פלענער און כעזשבוינעס פון די מייִרעוו-אייראפעיִשע קאלאניזאטארן און פון די ציוניסטישע אגרעסארן, וועלכע מע האט צוגעטיילט די הויפטראל אין דער ענגליש-פראנצויזיש-ייִסראעלדיקער מילכאמע קעגן עגיפעט. דער אנפאל האט זיך אנגעהויבן דעם 29 אקטיאבער 1956. די ייִסראעלדיקע מיליטער-קויכעס האבן פארגענומען אן אנגריף אפן סינייער האלב-אינדזל, און דעם 5 נאיאבער האט זיך ארויסגעזעצט אין פארט-סאיד אן ענגליש-פראנצויזישער דעסאנט.

דער מוטיקער ווידערשטאנד פון די עגיפטישע מיליטער-קויכעס, די מעכטיקע באוועגונג פון סאלידאריטעט, וועלכע האט ארומגעכאפט דעם גאנצן מוסולמענישן מיזרעך — פון מאראקא ביז אינדאנעזיע, די אנטשלאסענע שטע-

לונג פון סאָוועטנפארבאנד, — דאָס אַלץ האָט דערפירט צו א מאַפּאָלע פון דער דרײַענדיקער אגרעסיע. די ענגליש-פראנצויזישע מיליטערקויכעס זײַנען אָפּגעגאַן פון דער עגיפּטישער טעריטאָריע, די קאָנסערוואטיווע רעגירונג פון אידען איז געפאלן און דאָס יִשׂראָעל-מיליטער האָט זיך צוריקגעצויגן פונעם סינײַער האלב-אינדזל.

בײַם דער דרײַענדיקער אגרעסיע האָבן די רעגירנדיקע קרײַזן פון פשא פארנומען אן אײַנגעהאלטענע פּאָזיציע, ווײַל זיי האָבן געהאָפט, אז די מילכאָמע וועט אונטעררײַסן די פּאָזיציעס פון די אלטע קאָלאָניאלע מעלוכעס — פון ענגלאנד און פראנקרײַך — אפן אראבישן מיזרעך און וועט העלפן די אמעריקאנער מאָנאָפּאָלן, אין א בונד מיט די קאָנסערוואטיווע רעזשימען, פארנעמען הערשנדיקע פּאָזיציעס אין די לענדער פונעם מוסולמענישן מיזרעך. גראָד אף דעם איז געצילט געווען די טרויעריק-בארימטע אײַזענהאואער-דאָקטרין, וועלכע איז פּראָקלאמירט געוואָרן אין יאנואר 1957 אין וואשינגטאָן.

אָבער די אנטוויקלונג פון די געשעענישן אין די לענדער פונעם מוסולמענישן מיזרעך איז דורכגעגאַן לאַכלוטן ניט לויטן סצענארי פון וואשינגטאָן.

אין די יאָרן 1961—1962, נאָך דעם ווי ס'איז אָנגענומען געוואָרן די נאציאָנאלע כאַרטיע, האָט די אנטיפעאָדאלע און אנטי-אימפּעריאליסטישע רעוואָליוציע אין עגיפּט אָנגעהויבן איבערוואַקסן אין א סאָציאלער. אין 1961 האָט דערוואָרבן אומאָפּהענגיקײַט קוּווייט, אין 1962 האָט אָפּגעהאלטן א ניצאָכן די רעוואָליוציע אין טיימען, דעם 3 יול 1962 האָט פראנקרײַך געמוזט אנערקענען די אומאָפּהענגיקײַט פון אלזשיר. דער אראבישער מיזרעך האָט זיך אָפּגעזאָגט אונטערצואָרדענען זיך ניט בלויז דעם ענגליש-פראנצויזישן קאָלאָניאלן דיקטאט, נאָר אויך דער נעאָקאָלאָניאליסטישער אײַזענהאואער-דאָקטרין.

אין די דאָזיקע באדינגונגען באשליסן די רעגירנדיקע קרײַזן פון פשא זיך אָריענטירן אף יִשׂראָעל, האָפנדיק מיט דער הילף פון די יִשׂראָעלדיקע לופט-עסקאדריליעס, וועלכע זײַנען נאָך געווען באוואָפנט מיט פראנצויזישע „מיראזשן” (פאר זיי, ווי פאר אנדערע מינים וואָפן, האָבן באצאָלט אין דער ערשטער ריי די מײַרעוו-אײראָפּעישע און אמעריקאנער ציעניסטן), מיט דער הילף פון די דיוויזיעס, וועלכע זײַנען נאָך געווען באוואָפנט מיט ענגלישע טאנקען, דערלאנגען א קלאפּ איבער עגיפּעט און סיריע, שטירצן דעם נאסער-רעזשים און שאפן אף אזא אויפן אפן מיזרעך-ברעג פונעם מיטללענדישן יאם א צווייטן פּלאצדארם פארן אָנגריף אפן מוסולמענישן מיזרעך (דער ערשטער פּלאצדארם איז געשאפן געוואָרן נאָך אין אווגוסט 1953 אין איראן אין רעזולטאט פון דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער איבערקערעניש, וועלכן ס'האָט אָרגאניזירט די צענטראלע אויספאָרשונגס-פארוואלטונג פון פשא).

די ציעניסטן, וועלכע האָבן נאָכאמאָל באוויזן, אז זיי זײַנען גרייט אין א באליביקן מאָמענט בײַטן זייערע אפּעטראָפּסים, אויב דאָס האָט זיי גאראנטירט דערשלאָגן זיך צום הויפּט-ציל — שאפן „גרויס-יִשׂראָעל”, האָבן אקטיוו זיך אָנגעשלאָסן אין דער צוגרייטונג פון א נײַער אגרעסיע אפן נאָענטן מיזרעך. אזוי איז אנטשטאנען דער מיליטעריש-פּאָליטישער בונד, די אקס וואשינגטאָן—טעל-אוויוו, וועלכע האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אן אויסערסט ערנסטע געפאר פאר די פעלקער פון די אראבישע לענדער, פאר דעם גאנצן מוסולמענישן מיזרעך.

דער דריטער אראביש-יִשׂראָעלדיקער קריג, די אזויגערופענע „זעקסטאָגיקע מילכאָמע” האָט זיך פארענדיקט מיט א קריגס-דערפאָלג פאר יִשׂראָעל, וועמענס מיליטער-קויכעס האָבן אָקופּירט דעם סינײַער האלב-אינדזל, דעם מײַרעוו-ברעג פונעם יארדן און אזא. אָבער די אויפגאבע, וועלכע ס'האָבן געשטעלט פאר זיי די רעגירנדיקע קרײַזן פון פשא — שטירצן דעם נאסער-רעזשים, זײַנען זיי ניט געווען בעקויעך אויסצופילן.

פארכאפּנדיק העכער 60 טויזנט קוואדראט-מעטער פון דער טעריטאָריע, וועלכע האָט געהערט עגיפּעט, סיריע, יאָרדאניע און דעם אראבישן פאָלק פון פאלעסטינע, עקספּלואטירנדיק אכזאָריעסדיק די באפעלקערונג און די נאטור-אוצרעס פון די דאָזיקע ראיאָנען, באזונדערס די נאפט-קוועלן פונעם סינײַער האלב-אינדזל, אײַנפירנדיק דאָרט א ווילדן ראסיסטישן רעזשים, פארפאָלגנדיק ניט נאָר באליביקע פאָרמען פון פּראָטעסט, נאָר אויך די אנטוויקלונג פון דער בילדונג און פון דער איסלאמישער קולטור, זײַנען די יִשׂראָעל-אגרעסאָרן בעמעשעך פון א סאך יאָרן ניט אוועקגעגאנגען פון דאָרט, ניט געקוקט אף דעם וואקסנדיקן ווידערשטאנד פון די פאָלקסמאסן, פון די אראבישע לענדער און פון דער גאנצער מוסולמענישער וועלט, ניט געקוקט אפן גרימצאָרן פון דער וועלט-עפנטלעכקײַט און אף די פילצאָליקע באשלוסן פונעם זיכערהײַטס-ראט און פון דער גענעראל-אסאמבליי פון דער אינאָ. דאָס דערקלערט זיך ניט בלויז מיט דער אקשאָנעס און כוצפּעדיקײַט פון דער ציעניסטישער הערשנדיקער קנופיע פון יִשׂראָעל, נאָר אויך מיטן דרוק פון דעם ציעניסטישן לאָבי אף די רעגירנדיקע קרײַזן פון די

ביי 200 טויזנט מאן האבן דעמאנסטרירט אין ת״א קעגן דער מלחמה אין לבנון — „אן איבעריקע איטנייטיקע מלחמה און אן איבערייטיקע רעגירונג"; פון די לאזונגען פון דער דעמאנסטראציע

איינער פון די בלאקן אין דער אימפאזאנטער דעמאנסטראציע קעגן דער לבנ׳ער מלחמה איינגעארדנט דורכן „קאמיטעט קעגן דער מלחמה אין לבנון" אין די גאסן אין תל־אביב.

דער הויפּט־לאָזונג פון חד״ש אין דער 1טער מאַי דעמאָנסטראַציע איז געווען: ארויסגיין פון לבנון. אויפן בילד: „ארויסגיין פון לבנאָנער בלאָטע", דער פּלאַקאַט פון בנק״.

אַ פּראָטעסטירן קעגן די פּאָליטיק פון דער רעגירונג אין לבנון און אויף אָקופּירטע געביטן; ווערט דער דעמאָנסטראַנט מאיר ווילנער ארויסגעפירט פון בירזאַל.

יִיסראָעל: דאָס פאָלק פּראָטעסטירט קעגן דעם ווילקיר פון די ציוניסטישע הערשער

פרויען אַנגעטאָן אין שוואַרץ דעמאָנסטרירן דעם טרויער פון די געפאַלענע קינדער אין דער דעמאָנסטראַציע פון [illegible] קעגן דער מלחמה אין לבנון.

מיזרעוו-איראָפּעיִשע לענדער און באַזונדערס
פון די פאַרייניקטע שטאַטן.

דאָס איז געווען און איז פאַרבליבן א פּויִ-
על-יויצע דערפון, וואָס דאָס פאַרכאַפּן מיצאַד
די ציִוניסטן פון א ריזיקן פלאַצדאַרם אף דער
גרענעץ צווישן אזיע און אפריקע, אף די צו-
טריטן צום סועץ-קאַנאַל, צום מיזרעך-ברעג
פונעם מיטללענדישן ים און צום בעקן פון
דעם ים-סוף איז געווען לוינבאַר דעם קריגס-
אינדוסטריִעלן קאָמפּלעקס, דעם פּענטאַגאָן און
דער גאַנצער רעגירנדיקער קנופּיע פון פשא.
אין וואַשינגטאָן האָט מען געהאַלטן, אז דאָס
פאַרקאָמפּליצירט די אינערן-פּאָליטישע לאַגע
אין די אַראַבישע לענדער, פאַרשאַרפט די באַ-
ציִונגען צווישן יענע פון זיי, בא וועלכע די
ציִוניסטן האָבן פאַרכאַפּט די טעריטאָריע, און
די אַנדערע, וועלכע געפינען זיך אויסער דער
ווירקונג-ספער פונעם אַגרעסאָר. לויט דער
מיינונג פון די וואַשינגטאָנער רעגירנדיקע
קרייַזן, האָט דאָס אַלץ געדאַרפט דערלאַנגען
א קלאַפּ איבער דער אַראַבישער און מוסול-
מענישער אייַנהייַט, מיטהעלפן דער צעשפּלי-
טערונג פון די פּראָגרעסיווע און קאָנסערוואַ-
טיווע קרעפטן אפן מוסולמענישן מיזרעך און
שאַפן גינסטיקע באַדינגונגען, קעדיי דאָרט
באַדייַטנדיק פאַרשטאַרקן די פּאָזיציעס פון די
פאַרייניקטע שטאַטן, פאַרפולן דעם „וואַקוום“,
וואָס האָט זיך געשאַפן נאָך דעם געצוווּנגענעם
צוריקצוג, צום אָנהייב פון די 70-ער יאָרן,
מיצאַד די בריטישע קאָלאָניזאַטאָרן פון דאָ-
רעם-אַראַוויע און פונעם בעקן פון דעם פּער-
סישן אייַנגוס.

אָבער ניט נאָר דערמיט האָט זיך אויסגע-
צייכנט די שטיצע פון די פאַרייניקטע שטאַטן
פאַר די ציִוניסטישע אַגרעסאָרן. די זאַך באַ-
שטייט אין דעם, וואָס אינעם סאָף פון די
60-ער—אָנהייב 70-ער יאָרן האָבן די דיפּלאָ-
מאַטיע, די באַוואָפנטע קרעפטן און די ספּע-
ציִעלע דינסטן פון ייִסראָעל געטאָן פּילצאָליקע,
ביז איצט ווייניק באַוווּסטע טוּוועס די אַמערי-
קאַנער נעאָקאָלאָניזאַטאָרן, מיטהעלפנדיק זיי צו
דעסטאַביליזירן א ריי פּראָגרעסיווע רעזשימען
אין די לענדער פון דער טראָפּישער- און צאָפן-
אַפריקע, מיטווירקנדיק דער פאַרשאַרפונג פון
דער שפּאַנונג אין צאָפן-מיזרעך-אַפריקע און
אינעם בעקן פונעם פּערסישן אייַנגוס. אזוי,
לעמאָשל, האָבן, אין רעזולטאַט פון א געהיי-
מער פאַרשטענדיקונג צווישן די ציִוניסטן און
דעם רעאַקציאָנערן רעזשים פונעם אימפּעראַ-
טאָר כאַילע סעלאַסיע, ייִסראָעלדיקע אינסט-
רוקטאָרן אָנגעפירט מיט דער צוגרייטונג פון
א באַדייַטנדיקן טייל מיליטערישע פליִער אין
עטיאָפּיע, קאָנטראָלירט א ריי מיליטערישע
פליפעלדער אינעם לאַנד. דאָס האָט פאַר-
שאַרפט די באַציִונגען צווישן עטיאָפּיע און
אירע מוסולמענישע שכיינים — עגיפּעט, סו-
דאַן, געהאָלפן דער אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטיע
צו פאַרווירקלעכן קאָמפּליצירטע מאַנעוורען,
קעדיי אויסברייטערן איר השפּעה אין אָט דעם
רעגיאָן.

אפן סמך פון דער שוין אויבנדערמאָנטער
פאַרשטענדיקונג מיט ייִסראָעל האָט כאַילע
סעלאַסיע פאַראָרדנט אריבערפירן אינעם סאָף
פון די 60-ער יאָרן קאַרעוו 10 טויזנט עטיאָ-
פּישע ייִדן, די אזויגערופענע פאַלאַשן, אפן
אויסערסט וויכטיקן אין סטראַטעגישן הינזיכט
אַרכיפּעלאַג דאַכלאַק (אינדזלען פאַמיטאַ),
וועלכער געפינט זיך אינעם דאָרעמדיקן טייל
פון ים-סוף אפן צוטריט פון דעם באַב-על-
מאַנדעבער אייַנגוס. דאָס האָט געשאַפן גאַנץ
ווערטפולע באַזעס פאַר די ספּעציִעלע דינסטן
פון ייִסראָעל און פשא. די ציִוניסטן האָבן
אויסגענוצט די דאָזיקע אינדזלען ניט נאָר ווי
א געהיימע באַזע פאַר די לייַכטע שיפן פון
זייערע מיליטערישע ים-קרעפטן, נאָר אויך
ווי א פלאַצדאַרם, קעדיי אריבערוואַרפן געווער
אין דער טיימענער אַראַבישער רעפּובליק;
דאָרט איז עס אויסגענוצט געוואָרן, מיטן אָנ-
טייל פון דער ייִסראָעלדיקער אַגענטור, מיצאַד
געבליבענע אינעם לאַנד טיימענער ייִדן, קעדיי
צעצינדן א בירגערקריג אין דער דאָזיקער
רעפּובליק.

אין פאַרלויף פון א סך יאָרן זייַנען מי-
צאַד דער איראַנישער אויסשפּירונג געווען
אייַנגעשטעלט, מיט דער הילף פון דער צענט-
ראַלער אויסשפּיר-פאַרוואַלטונג פון פשא, ענגע
פאַרבינדונגען מיט די אַדעקוואַטע דינסטן פון
ייִסראָעל, באַזונדערס מיט מאָסאַד. אין די
מידבער-ראַיאָנען אף דאָרעם-מיזרעך פון איראַן
זייַנען געשאַפן געוואָרן ספּעציִעלע לאַגערן, ווו
מע האָט געגרייט מיט דיווערסיע-ציִלן פּיל-
צאָליקע אַגענטן פון מאָסאַד, וועלכע מע האָט
ווערבירט פון דער צאָל ייִדן — אימיגראַנטן
פון די אַראַבישע לענדער. אינעם אָנהייב פון
די 70-ער יאָרן האָבן די ייִסראָעלדיקע ספּע-
ציִעלע דינסטן, מיט דער דערלויבעניש פונעם
שאַך, סיסטעמאַטיש געליפערט געווער דורכן
איראַנישן קורדיסטאַן און איראַקישן קורדי-
סטאַן, קעדיי פּראָוואָצירן קאָנפליקטן צווישן
דעם קאָנסערוואַטיוון טייל פון דער אָנפירער-
שאַפט מיט דער קורדישער באַוועגונג אין
איראַן און מיט דער רעגירונג פון דער איראַ-
קישער רעפּובליק. אף אזא אויפן האָט זיך
פאַרקאָמפּליצירט די אינערן-פּאָליטישע לאַגע
פון איראַק, ס'האָט זיך פאַרשווערט זייַן
פּעיִקייַט צו העלפן די שכיינעסדיקע אַראַבישע
לענדער אָפּצושלאָגן די ייִסראָעל-אַגרעסיע.

אַ היפּשע אַרבעט האָבן די ציִעניסטן דורכגעפירט אויך אין זאַיִר, ווו זיי האָבן בעמעשעך פון אַ רײ יאָרן אָנגעפירט מיט דער צוגרייטונג פון די זעלבע אַטריאַדן פּאַראַשוטיסטן, וועלכע מע האָט צוויי מאָל — אין 1982 און אין 1983 — אַריבערגעוואָרפן, לויט דער אָנווײַזונג פון וואַשינגטאָן און מיט דער באַווילִיקונג פון פראַנקרײַך, קיין טשאַד. אין אָט דעם לאַנד האָבן זיי אָנטיילגענומען אינעם בירגערקריג קעגן דער רעגירונג פון גוקוני אועדעי, וועלכע ס׳האָט אַקטיוו אונטערגעהאַלטן דער מוסולמענישער טייל פון דער באַפעלקערונג.

דעם בירגערקריג אין טשאַד האָבן אַקטיוו מיטגעהאָלפן צו צעצינדן די ציִעניסטן. ער האָט פאַרשאַרפט די לאַגע אין צענטראַל- און צאָפן-מיזרעך-אַפריקע, פאַרקאָמפּליצירט די באַציִונגען צווישן ליוויע, פון איין זײַט, און סודאַן און עגיפּט — פון דער אַנדערער, אָפּגעווענדט די אויפמערקזאַמקייט פון אַ רײ מוסולמענישע לענדער פון דער ייִסראָעל-אַגרעסיע אין ליוואַן און מיטגעהאָלפן פאַרשטאַרקן ניט נאָר די פּאָליטישע, נאָר אויך די מיליטערישע פּאָזיציעס פון די פאַרייניקטע שטאַטן אין עגיפּט און סודאַן.

דאָס ווילקירלעכע און כוצפּעדיקע באַלעבאַטעווען פון די ציִעניסטן אויף די אָקופּירטע אין 1967 טעריטאָריעס, זייער אָפּזאָג אויסצופילן די רעזאָלוציעס פון דער אונאָ, זייערע אַגרעסיווע אַקציעס קעגן די שכייניעסדיקע אַראַבישע לענדער האָבן דערפירט דערצו, אַז אין 1973 האָט זיך צעפלאַקערט די פערטע אַראַביש-ייִסראָעלדיקע מילכאָמע. די פאַרייניקטע שטאַטן האָבן זיך געײַלט אויסנוצן אָט דעם בלוטפאַרגיסנדיקן קאָנפליקט, די קאָמפּליצירטע לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן אויפן מיצריש-ייִסראָעלדיקן פראָנט אין דער צווייטער העלפט פון אָקטיאַבער 1973, צוליב אַן אַקטיווער פּאָליטישער אַרײַנמישונג, קעדיי אַרויפצוצווינגען פאַר די קעמפנדיקע צדדים אַן אַמעריקאַנישע פאַרמיטלונג און קעדיי פּשאַ זאָל אויפשטעלן די דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען מיט אַ רײ אַראַבישע לענדער, באַזונדערס מיט עגיפּט, וועלכע זײַנען איבערגעריסן געוואָרן אין רעזולטאַט דערפון, וואָס די פאַרייניקטע שטאַטן האָבן געשטיצט די ייִסראָעל-אַגרעסאָרן. אַזעלכע זײַנען די יעסוידעס פון דער אַזויגערופענער „שפּינדל“-דיפּלאָמאַטיע פון קיסינדזשערן, וואָס איז געוואָרן יענער פונדאַמענט, אויף וועלכן ס׳איז אויסגעבויט געוואָרן, מיט דער אַקטיווער הילף פון סאַדאַטן, דער פאַרקריפּלטער ביניען פונעם קעמפּ-דייוויד-מיסכער.

אונטערשטויסדיק עגיפּט און ייִסראָעל, זיי זאָלן אונטערשרײַבן דעם טרויעריק-באַרימטן סעפּאַראַטן אָפּמאַך פון 1979, האָבן די פאַרייניקטע שטאַטן געהאָפט אויף ווײַטער צוציִען צו אים סאַוד-אַראַביע און יאָרדאַניע, איזאָלירן ליוואַן און באַזונדערס סיריע, און, שטיצנדיק זיך אויף די אייגענע מיליטערישע און פּאָליטישע פּאָזיציעס אין איראַן און פּאַקיסטאַן, שאַפן באַדינגונגען, קעדיי אַנטשיידן אויפווירקן אויף דער פּאָליטיק און אויף דער עקאָנאָמיק פון די מוסולמענישע לענדער.

די אַפגאַנישע רעוואָליוציע אין 1978 און די איראַנישע רעוואָליוציע אין 1979, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס מיט זיי האָבן אָנגעפירט פאַרשיידענע פּאָליטישע קייכעס, האָבן געהאַט אַ בולטן אויסגעדריקטן אַנטי-אימפּעריאַליסטישן כאַראַקטער. זיי האָבן דערלאַנגט זייער אַ שטאַרקן קלאַפּ איבער די פּאָזיציעס פון די פאַרייניקטע שטאַטן אין דער מוסולמענישער וועלט, אָפּגענומען בײַ זיי יענעם ריזיקן מיליטערישן פּלאַצדאַרם, אין וועלכן ס׳איז פאַרוואַנדלט געוואָרן דער שאַכישער איראַן, געהאַט אַ רעוואָליוציאָניזירנדיקן אײַנפלוס אויף דער גאַנצער מוסולמענישער וועלט און געצווונגען די קאָנסערוואַטיווע אַראַבישע רעזשימען זיך אָפּזאָגן צו שטיצן דעם קעמפּ-דייוויד-מיסכער.

אין די דאָזיקע באַדינגונגען איז די קעמפּ-דייוויד-פּאָליטיק פון פּשאַ פאַרקראָכן אין אַ טעמפּן ווינקל, און די פּאָליטיק פון די ציִעניסטישע רעגירונגס-קרײַזן פון ייִסראָעל האָבן געשטאַרט ניט בלויז די קויכעס פון דער וועלט-עפנטלעכקייט, נאָר אַפילע די רעגירונגען פון אַ סאַך פאַרבינדעטע פון פּשאַ לויט דער נאַטאָ. דער דורכפאַל פון דער נאָענטמיזרעכדיקער פּאָליטיק פון די פאַרייניקטע שטאַטן און די פולקומע איזאָלירונג פון ייִסראָעל איז געוואָרן אַלץ אָנשוילעכער.

אַרויסגייענדיק פון די קאָנקרעטע באַדינגונגען, איז די אינוואַזיע פון די ייִסראָעל-אַגרעסאָרן אין ליוואַן אין יול 1982 געווען ניט נאָר אַן אַקציע אויף צו פאַרניכטן די אָרגאַניזאַציע פאַר באַפרײַען פּאַלעסטינע און אויף צו פאַרכאַפּן דאָרעם-ליוואַן. אינדערעמעסן האָט די ציִעניסטישע אינטערווענץ אין ליוואַן געדאַרפט אין דער קאָנקרעטער אומגעבונג פון די 80-ער יאָרן העלפן די רעגירנדיקע קרײַזן פון פּשאַ דערגרייכן די צילן, וועלכע זיי האָבן ניט געקאָנט דערגרייכן אין די 70-ער יאָרן. די אינוואַזיע פון ייִסראָעלדיקע דיוויזיעס, באַוואָפנטע מיט דער מאָדערנסטער אַמעריקאַנער קריגס-טעכניק, האָט געדאַרפט, לויט די כעזשבוינעס פון די וואַשינגטאָנער סטראַטעגן, אַרײַנטראָגן אַ שפּאַלטונג ניט בלויז אין דער פּאַלעסטינער ווידערשטאַנד-באַוועגונג, נאָר אויך אין דער ליגע פון די אַראַבישע מלוכעס און אין דער אָרגאַניזאַציע פון

דער איסלאַמישער קאָנפערענץ, אין וועלכער
עס גייען אריַין 42 מעלוכעס. ניט צופעליק
האָט באַלד נאָך דער ייִסראָעל-אגרעסיע —
דעם 1 סעפּטעמבער 1982 דער פּרעזידענט
רייגאַן ארויסגערוקט זיַין אַזויגערופענעם „פּלאַן
פון א פרידלעכער רעגולירונג אין נאָענטן
מיזרעך", וואָס עס איז געווען א מין אייגנאַר-
טיק טראַיאַניש פערד בענעגייע דער ליגע פון
די אראבישע מעלוכעס.

אין וואשינגטאָן און אין טעל-אוויוו האָט
מען געהאלטן, אז אָט דעם פּלאַן וועלן אין
דער אונטערשטער שורע אונטערהאלטן סאוד-
אראביע און יאַרדאניע און ער וועט איזאָלירן
סיריע און ליוויע. א באַזונדערע אופמערקזאמ-
קייַט איז אויך געשאָנקען געוואָרן דער אויס-
ברייטערונג פון די געהיימע און אָפענע פאר-
בינדונגען פון די ציִעניסטן מיט די רעכט-
קריסטלעכע פּאָליטישע און מיליטערישע גרו-
פּירונגען אין ליוואַן, וועלכע זיַינען אופגע-
שטעלט געוואָרן בייסן בירגערקריג אין אָט
דעם לאַנד אין די יאָרן 1975—1976.

אף אזא אויפן האָבן די אמעריקאַנער אימ-
פעריאַליסטן געהאָפט, מיט דער הילף פון די
ציִעניסטישע רעגירער פון דער ייִסראָעל-מע-
דינע, ווײַזנטלעך אָפּשוואַכן די פּראָגרעסיווע
קרעפטן אפן נאָענטן און מיטעלן מיזרעך, אי-
זאָלירן די אראבישע לענדער, וועלכע האָבן
אויסגעקליבן דעם וועג פון סאָציאַליסטישער
אָריענטאציע, אָפּשוואַכן דעם איַינפלוס פונעם
סאָוועטנפארבאַנד אין פון אנדערע לענדער פון
דער סאָציאַליסטישער געמיינשאפט אין אָט
דעם וויכטיקסטן רעגיאָן.

דאָס אַלץ זאָגט אײדעס וועגן דעם, אז די
אגרעסיווע מילכאָמעס פין ייִסראָעל קעגן די
אראבישע לענדער, און, באַזונדערס, די פינפטע
מילכאָמע — קעגן ליוואַן, זיַינען פאקטיש א
באַשטאַנדטייל פון דער אימפּערישער פּאָליטיק
פון די אמערסטנס רעאקציאָנערע קריַיזן פונעם
אמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, וועלכע פּרעטענ-
דירן אף וועלט-העגעמאָניע, דערונטער אף דער
הערשאפט איבער די לענדער און פעלקער
פונעם מיסולמענישן מיזרעך. דאָס איז די
הויפּט-סיבע, פארוואָס די רעגירנדיקע קריַיזן
פון די פאריייניקטע שטאטן, אומאָפּהענגיק
דערפון, וואָס פאר א פּארטיי אָדער פּאָליטישע
גרופּירונג עס פירט אָן מיטן וויַיסן הויז,
שטיצט סיסטעמאטיש די ציִעניסטישע אגרע-
סאָרן, האגאַם צווישן זיי באַוויַיזן זיך אין בא-
זונדערע פאלן טאקטישע ווידערשפּרוכן.

די ציִעניסטישע אָנפירער טרעטן אריַין אין
פארלויף פון פיל יאָרצענדליקער אין א העס-
קעם מיט א באַליביקער אימפּעריאַליסטישער
מעלוכע, פילן אויס קאָלערליי שמיציקע אופ-
טראָגן לעשעם דערגרייכן זייער הויפּט-ציל —
שאפן „גרויס-ייִסראָעל". העיויס אין די 80-ער
יאָרן פין XX יה. געפינען זיך בא דער מאכט
אין ייִסראָעל און אין די פאריייניקטע שטאטן
אמערסטנס אגרעסיווע גרופּירונגען, זיַינען
היַינט-צו-טאָג פאראן ענגע פארבינדונגען און
מיטארבעט ניט בלויז צווישן די רעגירנדיקע
קריַיזן, נאָר אויך צווישן די קריגס-אינדוסט-
ריעלע קאָמפּלעקסן, צווישן דער קאָמאַנדשאפט
פון די באַוואָפנטע קויכעס און צווישן ספּעצי-
עלע דינסטן. דער אליאַנס צווישן פּשאַ און
ייִסראָעל, וועלכער איז אָרגאַניזאציאָנעל פאר-
פיקסירט געוואָרן אין אָקטיאבער 1981, איז
דער אמערסטנס פעסטער פון אלע מיליטע-
ריש-פּאָליטישע פארשטענדיקונגען, וועלכע די
ציִעניסטן האָבן ווען-עס-איז געשלאָסן מיט
קאָלאָניאַלע מעלוכעס. דער בונד פון ייִסראָעל
מיט דעם פּרעטענדענט אף וועלט-הער-
שאפט — דעם אמעריקאַנער אימפּעריאַליזם
שטעלט מיט זיך פאָר א גרויסע געפאר פאר
הונדערטער מיליאָנען מענטשן פונעם מיטל-
מיזרעכדיקן רעגיאָן, פאר זייער קולטור און
ציוויליזאציע, פאר זייער עקאָנאָמישער און
סאָציאַלער אנטוויקלונג, פאר דער פריַיהיַיט
און אומאָפּהענגיקייַט פון לענדער און פעלקער.

■ ■ ■

יאָסיף גריגולעוויטש,
מיטגליד-קאָרעספּאָנדענט פון דער
וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע פון פססר

דער פּראָצעס פון די ראָזענבערגס

(צו זייער 30־טן יאָרצייט)

אין הארבסט 1949 איז די וועלט געווירע געוואָרן, אַז דער סאָוועטנפארבאַנד פאַרמאָגט דאָס אַטאָם-געווער. די דאָזיקע געשעניש האָט ארויסגערופן א צעטומלונג אין די רעגירונגס-קרייזן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ווו מע האָט זיך ניט געריכט, אַז דער סאָוועטנפארבאַנד וועט „אזוי גיך" עס דערגרייכן. די מעהומע איז געווען א פאַרשטענדלעכע, די רעגירונג פון פּשא האָט אין יענער צייט געבויט איר אויסערן-פּאָליטיק, רעכענענדיק, אַז דאָס אַטאָם-געווער וועט נאָך א לאַנגע צייט בלייבן איר מאָנאָפּאָליע. די וואשינגטאָנער אַטאָם-מאַניאַקעס זיינען געווען זיכער, אַז זיי וועלן קאָנען אָנווארפן א שרעק אפן סאָוועטנפארבאַנד מיט דער באָמבע. זיי האָבן געלאָזט אין גאַנג דעם „קאַלטן קריג" מיט דער האָפענונג, אַז אַף אַזא אויפן וועט זיך איינגעבן צודריקן צו דער וואַנט דעם סאָוועטנפארבאַנד, צונישט מאַכן זיינע דעראָבערונגען אינעם זיג איבער היטלערן און האַלטן די וועלט איינגעשפּארט אין די אַלטע ראַמען, ניט דערלאָזן, עס זאָל זיך פאַרשפּרייטן די סאָציאַליסטישע סיסטעם. מיט דער הילף פונעם „קאַלטן קריג" האָט מען געזאָלט שטערן דעם קאַמף פון די ארבעטנדיקע פאַר סאָציאַלע איבערגעשטאַלטונגען, דעם געראַנגל פון די קאָלאָניאַלע פעלקער קעגן ראַסעווער אונטערדריקונג, פאַר נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט און סוווערעניטעט. נעמענדיק זיך צו רודפן די ראָזענבערגס, האָט די רעגירונג זיך געשטעלט דעם ציל צו אָנשרעקן די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן גופא. די סאָוועטישע רעגירונג האָט געזוכט א פאַרנונפטיקע לייזונג פון דער פּראָבלעם. זי האָט פאָרגעלייגט שטרענג צו פאַרווערן דאָס פּראָדוצירן אָדער אויסנוצן די באָמבע און פאַרניכטן די רעזערוון, וועלכע האָבן זיך שוין צו יענער צייט אָנגעזאַמלט. וואשינגטאָן האָט אָבער אָפּגעוואָרפן אַלע סאָוועטישע פאָרשלאָגן, ווייל זיי האָבן ניט געשטימט מיט די אַמעריקאַנער פּלענער צו דעראָבערן וועלט-הערשאַפט, שטיצנדיק זיך אַף דער אַטאָם-מאָנאָפּאָליע.

ווען אין די רעגירנדיקע קרייזן פון פּשא איז קלאָר געוואָרן, אַז זייער מאָנאָפּאָליע איבערן אַטאָם-געווער עקזיסטירט מער ניט, זיינען זיי אריינגעפאַלן אין פּאַניק און פאַרלוירן דאָס געפיל פון רעאַליטעט. ניט וועלנדיק זיך אָפּזאָגן פונעם „קאַלטן קריג", וועלכער האָט זיך ניט בארעכטיקט, און איבערגיין צו דער פּאָליטיק פון אָנטשפּאַנונג, צו א פרידלעכן עקאָנאָמישן פאַרמעסט מיט די לענדער פון סאָציאַליזם, האָט מען אין וואַשינגטאָן נאָך שטאַרקער, איידער פריִער, אָנגעהויבן צו טרומייטערן וועגן די „אינטריגעס פון מאָסקווע" און פאַנאַנדערגעוויקלט אַן אומגעזעענע אַנטיקאָמוניסטישע היסטעריע. דאָס זיינען געווען די יאָרן פון צעיושעטן מאַקקאַרטיזם. אין דער פּרעאַמבולע צום „געזעץ פאַר אינערלעכער זיכערהייט", וועלכן דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען דעם 23 סעפּטעמבער 1950 (דער אַקט פון סמיט און מאַקאַרען), ווערט געזאָגט: „עס עקזיסטירט אַן

אַלוועלטלעכע קאָמוניסטישע באַוועגונג, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר, אין העסקעם מיט איר אָפּשטאַם, אַנטוויקלונג און הײַנטצײַטיקער פּראַקטיק, אַן אַלוועלטלעכע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג... איר ציל איז אײַנצושטעלן אַ קאָמוניסטישע טאָטאַליטאַרע דיקטאַטור אין אַלע לענדער פון דער וועלט מיט דער הילף פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע". דער שעף פון דער אַמעריקאַנער אַכראַנקע דזש. ע. הוווער האָט געמאָלדן, אַז יעדער קאָמוניסט איז אַ פּאָטענציעלער סאַבאָטאַזשניק און שפּיאָן[1]. די רעאַקציאָנערע פּרעסע האָט געפאָדערט, מע זאָל זיך ניט צערעמאָניען מיט די מיטגלידער פון דער אַמעריקאַנער קאָמפּאַרטיי. דער פּובליציסט או. פּעגלער האָט געפאָדערט: „צוגלײַכן די מיטגלידערשאַפט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אָדער אין די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע געפינען זיך אונטער איר השפּעה, צו אַ פאַרברעכן, וועלכער פאַרדינט די העכסטע שטראָף. ווער עס וועט זיך אַרויסווײַזן אַלס מיטגליד פון אַזאַ אָרגאַניזאַציע, דאַרף דערשאָסן ווערן אָדער אומגעבראַכט ווערן אויף אַן אַנדער אויפן"[2].

די אַמעריקאַנער אַדמיניסטראַציע האָט ענערגיש צעבלאָזן די אַנטיסאָוועטישע שטימונגען. אין פּשה איז דורכגעפירט געוואָרן אַ גאַנצע ריי פּראָצעסן קעגן „סאָוועטישע שפּיאָנען" און „אונטערײַסערישע עלעמענטן". אויף דער באַשולדיקונגס-באַנק האָט מען אַוועקגעזעצט און דערנאָך פאַרשפּאַרט אין די טורמעס מלוכה-אָנגעשטעלטע, אַרטיסטן, שרײַבער, מוזיקאַנטן, טוער פון די פּראָפאַריינען, פּראָפעסאָרן, לערער, גאַלאָכים, קעמפער פאַר שאָלעם, ליבעראַלן, דעמאָקראַטן. דזש. מאַקאַרטי, דער פאָרזיצער פון דער סענאַט-קאָמיסיע אין די פראַגן פון דער טעטיקײַט פון די מלוכה-אַנשטאַלטן, איז פאַרגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז ער האָט אָנגעהויבן באַשולדיקן דעם פּענטאַגאָן, דעם מלוכה-דעפּאַרטאַמענט און אַפילו דעם פּרעזידענט אײַזענהאַוערן, אַז זיי שטיצן דעם קאָמוניזם. אין אַזאַ אַטמאָספער, ווען די מאַכט האָט זיך באַנוצט מיט רעכילעס, אינסינואַציעס, ליגנערײַ און באַדנלאָזע באַשולדיקונגען, ווען פאַרטעטער מיקאָל האמינים, אַוואַנטוריסטן און גלאַט זשוליקעס זײַנען אַרויסגעטראָטן אין דער ראָל פון אײדעס פון דער באַשולדיקונג, איז פאָרגעקומען איינער פון די סאַמע סקאַנדאַליעזע פּראָצעסן — איבער יוליוס ראָזענבערג און זײַן פרוי עטעל.

דעם 17 יולי 1950 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ מעלדונג פון דער רעגירונג פון פּשה, אַז די אַגענטן פון דער פעדעראַלער אויספאָרשונגס-ביוראָ האָבן אַרעסטירט דעם 32-יאָריקן אינזשעניער יוליוס ראָזענבערג. אין דער מעלדונג ווערט אָנגעוויזן, אַז דער אַרעסטירטער „האָט ענערגיש זיך באַמיט צו אָרגאַניזירן, אין צוזאַמענאַרבעט מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד, אַ געהיימע פאַרשווערונג, קעדיי צו ברענגען שאָדן זײַן אייגן לאַנד. ראָזענבערגן האָט מען באַשולדיקט, אַז ער האָט זיך פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש און איבערגעגעבן דער סאָוועטישער אויסשפּיר-דינסט אינפאָרמאַציע וועגן די פּראָדוציר-מיטלען פון דער אַטאָם-באָמבע אין לאָס-אַלאַמאָס. פונעם טעקסט פון דער מעלדונג איז געווען געדרונגען, אַז ראָזענבערג איז געווען אַ מיטגליד פון דער קאָמפּאַרטיי פון פּשה און אַז בײַסן אַרעסט האָט ער זיך מודיע געווען אין די אים אינקרימינירטע פאַרברעכנס. אינגיכן האָט מען זײַן פרוי עטעל אויך אַרעסטירט. זיי זײַנען ביידע געווען קינדער פון ייִדישע אימיגראַנטן, אויסגעוואַקסן אין ניו-יאָרקער איסט-סײַד און כאַסענע געהאַט אין 1939 נאָך דעם, ווי יוליוס האָט פאַרענדיקט דעם קאָלעדזש. עטעל האָט אַקטיוו אָנטײלגענומען אין דער פּראָפאַריינישער באַוועגונג. יוליוס האָט געפונען אַרבעט אין איינעם פון די פּראָווינציעלע אַנשטאַלטן. אין 1945 האָט מען אים אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט „פאַר זײַן כאַווערן זיך מיט קאָמוניסטן", און אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט ער זיך אײַנגעאָרדנט אין אַ פּריוואַטער פירמע. דערנאָך האָט ער בעשותפות מיט זײַן פרויס ייִנגערן ברודער דאָוויד גרינגלאַס געעפנט אַן אייגענע רעמאָנט-אַטעליע.

נאָך דעם, ווי יוליוס און עטעל זײַנען אַרעסטירט געוואָרן, האָבן די אַגענטן פון דער פעדעראַלער אויספאָרשונגס-ביוראָ אויסגעשפּירט און אַרויסגעגאַנוועט פון זײַן היים איינעם אַ פרײַנט פון די ראָזענבערגס, דעם עלעקטראָ-אינזשעניער מאָרטאָן סאָבעל, אַן אַמעריקאַנער בירגער, וועלכער האָט דאַן געוווינט אין מעקסיקאָ. דעם 5 אַפּריל 1951 זײַנען אַלע דרײַ געשטעלט געוואָרן פאַרן פעדעראַלן געריכט אין ניו-יאָרק. מע האָט זיי באַשולדיקט, אַז זיי האָבן פאַרשוועכט דעם געזעץ פון מלוכה-זיכערהײַט, און דער געריכט האָט אָנערקענט זייער שולד. ראָזענבערגן מיט זײַן פרוי האָט מען פאַרמישפּעט צום טויט אויף דעם עלעקטרישן שטול, סאָבעל האָט באַקומען 30 יאָר טורמע. די אַנדערע געריכטלעכע אינסטאַנציעס האָבן באַשטעטיקט דעם אורטייל. דעם 19 יוני

[1] "U.S. News and World Report", 11.VIII. 1950.

[2] "Journal-American", 29.VI.1950.

1953 זײַנען די ראָזענבערגס געטייט געוואָרן. סאָבעל איז 18 יאָר אָפּגעזעסן אין די טורמעס מיט א קאַטאָרזשנע רעזשים און איז ארויס אף דער פרײַ ערשט אין 1969 יאָר.

דער פּראָצעס פון די ראָזענבערגס איז געווען א טיפּישע דערשײַנונג פונעם קאַלטן קריג, וועגן וועלכן אוינסטאָן טשערטשיל האָט מוידיע געווען דער וועלט אין זײַן רעדע אין פולטאָן אין טרומענס אָנוועזנהײַט דעם 5 מארט 1946. אין 1949 האָט מען צונויפגעשטיקעוועט דעם אגרעסיוון צאָפן-אטלאַנטישן פאקט און עס איז, לויט דער איניציאַטיוו פון וואשינגטאָן, געשאפן געוואָרן דער קאָאָרדינאציע-קאָמיטעט „נאטאָ" אף צו קאָנטראָלירן דעם עקספּאָרט פון סטראטעגישע סכוירעס אין די סאָציאַליסטישע לענדער. אין 1950 האָט פשא אָנגעהויבן די באוואָפנטע אינטערווענץ אין קאָרייע. אין 1951 האָבן די פאראייניקטע שטאטן איינזײַטיק דענאָנסירט דעם האנדלס-אָפּמאך מיט פססר, וועלכער איז געשלאָסן געוואָרן אין 1937, און אין דער זעלבער צײַט איז געשלאָסן געוואָרן דער סעפּאראטער שאָלעם-אָפּמאך מיט יאפּאָן.

וועגן דעם ראָזענבערג-פּראָצעס איז זייער פיל געשריבן געוואָרן, און ער האָט ארויסגערופן א באדײַטנדיקן אינטערנאציאָנאלן רעזאָנאנס. אין אלע לענדער פון דער וועלט האָט זיך געמערט די צאָל מענטשן, וועלכע האָבן געצווייפלט אין דער באגרינדעטקײַט פון די באשולדיקונגען און געפאָדערט, מע זאָל אנולירן דעם אורטייל און לאָזן לעבן די פארמישפּעטע. עס האָבן זיך געבילדעט רעפּרעזענטאטיווע קאָמיטעטן אף צו פארטיידיקן די ראָזענבערגס. די רעגירונג פון פשא האָט געמאָלדן, אז זי איז גרייט זיי צו שענקען דאָס לעבן מיט דעם טנאַי, זיי זאָלן מאסקים זײַן מיטצואַרבעטן מיט די בורזשואזע מאכט-אָרגאנען, עפנטלעך פארורטיילן דעם קאָמוניזם און דאָס סאָוועטנלאנד. דאָס ווײַסע הויז האָט געהאָפט, אז די שטאנדהאפטיקײַט פון די ראָזענבערגס וועט זיך א וואקל טאָן אין לעצטן מאָמענט און זיי וועלן זיך קויפן דאָס לעבן מיט דעם פרײַז פון ליגנערײַ און רעכילעס. די ראָזענבערגס זײַנען אָבער אף דעם ניט אײַנגעגאנגען, און מע האָט זיי אוועקגעזעצט אפן עלעקטרישן שטול. אגעוו, עטעל איז געווען איינע פון די ווייניקע אמעריקאנער פרויען, וועלכע זײַנען אף אזא אויפן אומגעבראכט געוואָרן.

ניט קוקנדיק אף די ראפינירטע מעטאָדן פון די אינקוויזיטאָרס, האָט זיך זיי ניט אײַנגעגעבן ארויסצורײַסן בא די באשולדיקטע אנערקענונג פון זייער שולד; די ראָזענבערגס און סאָבעל האָבן זיך קאטעגאָריש אָפּגעזאָגט מיטצואַרבעטן מיט די אינטערײַסערישע אגענטורן, וועמענס ציל עס איז געווען צו קאָמפּראָמעטירן די אלוועלטלעכע קאָמוניסטישע באוועגונג. דאָס פארורטיילן די ראָזענבערגס האָט געדארפט צוגרייטן די עפנטלעכע מיינונג אין פשא און אין אויסלאנד צו נײַע רעדיפעס קעגן דער קאָמפּארטיי און צו נײַע פּראָצעסן. מיט דעם, וואָס די ראָזענבערגס און סאָבעל האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו אנערקענען זייער שולד און מאָטיווירן זייער „פאראט" דערמיט, וואָס זיי זײַנען געווען קאָמוניסטן, וועלכע האָבן געדינט ניט די נאציאָנאלע אינטערעסן פון פשא, נאָר פון פססר, האָבן זיי ניט דערלאָזט, אז די אמעריקאנער מאכט-אָרגאנען זאָלן דערגרייכן זייערע צילן.

אין אָנהייב פון דעם פּראָצעס קעגן די ראָזענבערגס האָט דער פעדעראלער ריכטער קאָפמען דערקלערט: „איבערגעבנדיק אין די הענט פון די רוסן די אטאָם-באָמבע מיט יאָרן פריער איידער זיי האָבן זי געקאָנט אליין שאפן, ווי עס האָבן פאָרויסגעזאָגט אונדזערע בעסטע געלערנטע, האָבן די באשולדיקטע געביטן דעם גאנג פון דער געשיכטע. דערמיט האָבן זיי ארויסגערופן די אגרעסיע פון די קאָמוניסטן קעגן קאָרייע, און זיי טראָגן די פאראנטוואָרטלעכקײַט פאר 50 טויזנט אמעריקאנער סאָלדאטן, וועלכע זײַנען דאָרט געהארגעט אָדער פארוווּנדעט געוואָרן". דער פּראָקוראָר סייפּאָל האָט געזאָגט: „די באשולדיקונג וועט דערווײַזן, אז די ראָזענבערגס און סאָבעל האָבן געטרײַ געדינט ניט פשא, נאָר דעם קאָמוניזם בא זיך אין לאנד און אין דער גאנצער וועלט"; די באשולדיקטע האָבן אויסגעליפערט פשא „אף פארלענדונג" דער מעלוכע, וועלכע „וועט אונדז אָפּווישן פונעם אויבערפלאך פון דער ערד"; די דאָזיקע „פארשווערער האָבן צוגעגאנוועט בא פשא די וויכטיקסטע וויסנשאפטלעכע סוידעס, וועלכע די מענטשהײַט האָט ווען-עס-איז געהאט אין איר רעשוס, און זיי איבערגעגעבן דעם סאָוועטנפארבאנד"; די באשולדיקונג וועט באווײַזן, האָט סייפּאָל געזאָגט, אז סאָבעל און י. ראָזענבערג האָבן שוין פון לאנג זיך געווידמעט דער „קאָמוניסטישער טעטיקײַט".

„פארשטייט זיך, — האָט סאָבעל זיך שפּעטער דערמאָנט, — די רעגירונג האָט בייס דעם פּראָצעס דאָס ניט געקאָנט דערווײַזן, פונדעסטוועגן האָבן סייפּאָלס פאלשע באשולדיקונגען געלאָזט א שפּור. ער האָט נאָכאמאָל און ווידעראמאָל באהויפּטעט, אז מיר האָבן פאראטן דאָס פאָטערלאנד, אונדז אָנגערופן אמעריקאנער-פאררעטער, ביז כאלאָשעס

געהאלטן אין איין דערציילן וועגן אונדזער פארעטערישער טעטיקייַט. אונדזערע אדוואָקאטן זייַנען געבליבן שטום. זיי זייַנען ארויסגעטראָטן אין גאנג פונעם פראָצעס מיט פראָטעסטן אין פילצאָליקע פראָצעדור-פראגן, וועלכע האָבן ווייניק-וואָס באַייַנפלוסט דעם אורטייל, נאָר ווען סייפאָל און דער ריכטער האָבן אונדז נאָך ביזן ארויסטראָגן דעם אורטייל אָנגערופן פארעטער, האָבן אונדזערע אדוואָקאטן ניט אויסגעדריקט דעם מינדסטן פראָטעסט. זיי זייַנען אונדז קיין סאָנים ניט געווען, נאָר עס האָט זיי געפעלט דער געהעריקער געהילפס-פערסאָנאל, מע האָט זיי אָפט אָנגעשראָקן, געטרוידעפט, און אין געוויסע פראגן זייַנען זיי געווען ניט גענוג קאָמפעטענט. די דאָזיקע אדוואָקאטן-יעכידים איז קעגנגעשטאנען מיט איר גאנצער מאכט און אומבאגרענעצטע רעסורסן די אמעריקאנער רעגירונג, וועלכע האָט באשלאָסן פאר יעדער פרייַז זיך דערשלאָגן, אז מע זאָל די באשולדיקטע פארורטיילן. דערצו האָט אויך מיטגעהאָלפן די ריזיקע מאשין פון דער מאניפולירטער „געזעלשאפטלעכער מיינונג"; די בארימטע אדוואָקאטן-קרימינאליסטן שטיצן זיך אף א פילצאָליקן שטאט פון מיטארבעטער און אויספאָרשער, וועלכע זאמלען פאר זיי די נייטיקע מאטעריאלן. קיינער פון אָט די אדוואָקאטן וואָלט ניט אייַנגעגאנגען אָנצונעמען אונדזער פארטיידיקונג אין 1951 יאָר. נאָך מער, א סאך לינקע אדוואָקאטן, פיל מער קאָמפעטענטע פון אונדזערע, האָבן זיך פון אונדז אָפגעקערט, אויסגעמיטן ווי א צאראס. אזא צייַט איז עס געווען"[1].

אפן פראָצעס פון 11 אָנפירער פון דער קאָמפארטיי אין אָקטיאבער 1949 זייַנען 5 אדוואָקאטן פאר זייער „אומבעקאָוועדיקער באציִונג צום געריכט" פארורטיילט געוואָרן צום ארעסט פון 1 ביז 6 כאדאָשים. די דאָמאָקל-שווערד איז געהאנגען די גאנצע צייַט איבערן קאָפּ פון די פארטיידיקער פון די ראָזענבערגס און פון סאָבעלן. ווען די אדוואָקאטן וואָלטן אפילע געווען אף דער געהעריקער הייך, איז א סאָפעק צי זייערע באמיִונגען וואָלטן געווירקט אף דעם אורטייל פונעם געריכט. „דער פראָצעס פון די ראָזענבערגס, — האָט אן אמעריקאנער זשורנאל אנערקענט, — איז א פאָליטישער איניען, און די אטמאָספער אין יענע טעג איז געווען אזא, אז יעטווידע זשורי וואָלט אין יעדן פאל, אומאָפּהענגיק פונעם כאראקטער פון די אינקרימינירטע באשולדיקונגען, אנערקענט די באשולדיקטע פאר שולדיק"[2]. דער פרעזידענט פון דער אנטיקאָמוניסטישער אסאָציאציע פון די קאטוילישע טרייד-יוניאָניסטן, דער גאלעך טש. רייז, וועלכער האָט געהאלטן, אז די ראָזענבערגס זייַנען שולדיק, האָט געפאָדערט, מע זאָל זיי באשטראָפן. אין 20 יאָר ארום האָט ער זיך מודיע געווען: „מיר זייַנען קימאט אלע אין יענע טעג און אין די פאָלגנדיקע יאָרן געווען טיפּשים. אפילע די פארטיידיקער האָבן געטרויט דער פעדעראלער אויספאָרשונגס-ביוראָ און דעם פראָקוראָר, און זיי האָבן דערלאָזט, מע זאָל דעם איניען קאָמפּלעקטירן מיט פאבריצירטע באווייַזן... מיר האָבן געדארפט האָבן א „שעיר לעזאָזל" (אן אומשולדיקן קאָרבן). דאָס קאַרייער מעשוגאס איז נאָך געווען אין גאנג, דער פראָקוראָר האָט באשולדיקט אין דעם די ראָזענבערגס, און אזוינע נאראָנים, ווי איך, האָב אין דעם געגלייבט"[1].

דערבייַ דארף מען באמערקן, אז די באשולדיקונג אין פאראט גופע, וועלכע מע האָט ארויסגעשטעלט קעגן די ראָזענבערגס און קעגן סאָבעלן, איז געווען אומבאגרינדעט אפילע פון ריין-יורידישן שטאנדפּונקט. לויט די אמעריקאנער געזעצן, קאָן מען אזא באשולדיקונג ארויסשטעלן נאָר אינעם פאל, אויב דאָס לאנד, אין וועמענס אינטערעסן עס זייַנען טעטיק די באשולדיקטע, געפינט זיך אין קריגס-צושטאנד מיט פשא. די געמישפּעטע האָט מען באשולדיקט, אז זיי האָבן איבערגעגעבן פססר אינפאָרמאציע וועגן דער אטאָם-באָמבע אין 1944. דאָס הייסט, אין א צייַט, ווען פשא זייַנען געווען פארבינדעטע פונעם סאָוועטנפארבאנד און האָבן מיטגעהאָלפן צו דערגרייכן דעם געמיינזאמען ניצאָכן איבערן פאשיזם. דער פראָקוראָר האָט פארזיכערט, אז די „רעגירונג וועט צושטעלן אזעלכע באווייַזן אין דער שולד פון די באשולדיקטע, וועלכע קיינער אין דער וועלט וועט ניט קאָנען אָפּלייקענען", אָבער אלס אזעלכע באווייַזן האָבן געדינט די אומבאגרינדעטע גוויִעס-איידעס פון עטעלס ברודער ד. גרינגלאס און זייַן פרוי רוט. גרינגלאס האָט געמאָלדן, אז ער, אלס מיטארבעטער פון די אטאָם-לאבאראטאָריעס אין לאָס-אלאמאָס, איז געווען דער, וועלכער האָט באקאנט געמאכט די ראָזענבערגס מיט די אָנגאבן וועגן דער אטאָם-באָמבע, און די ראָזענבערגס האָבן זיי איבערגעגעבן דעם פאָרשטייער פון דער סאָוועטישער אויסשפּיר-דינסט. רוט האָט עס „באשטעטיקט". גרינגלאס איז שפּעטער פארמישפּעט געוואָרן אף 15 יאָר טורמע, נאָר

[1] M. Sobell, Op. cit., pp. 136-137, 191, 245.
[2] "Science and Society", No. 1, 1967, p. 73.

[1] "Commonwealth", 1973, December 28, p. 330.

ער איז אינגיכן ארויס אַף דער פרײַ. זײַן פרוי האָט מען ביכלאַל ניט צוגעצויגן צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט.

א סאַך אויטאָריטעטע געלערנטע און ספּעציאַליסטן אין די מײַרעוו־לענדער האָבן דאַן גערעכנט, אַז די באַשולדיקונג קעגן די ראָזענבערגס, אַז דער סאָוועטנפאַרבאַנד איז קלוימערשט אַדאַנק זיי געוואָרן דער באַזיצער פון אַטאָם־געווער, איז ניט קיין ערנסטע און האַלט ניט אויס קיין שום קריטיק. פאַרשטייט זיך, אַנערקענען, אַז פּסר איז געווען בעקויעך זעלבשטענדיק, אָן זײַטיקער הילף, צו פּראָדוצירן די אַטאָם־באָמבע נאָך ביז דעם ווי פּשא האָט גענצלעך אויסגענוצט פון איר טויווע־וועגן די מאָנאָפּאָליע איבער די אַטאָם־סוידעס, האָט באַטײַט, פון איין זײַט, זאָגן דעם עמעס וועגן די פאָרצוגן פון דער סאָציאַליסטישער סיסטעם אין פאַרגלײַך מיט דער קאַפּיטאַליסטישער. פון דער אַנדערער זײַט, האָט עס געהייסן אַנטפּלעקן דער גאַנצער וועלט די קורצזיכטיקײַט און אַוואַנטוריסטישקײַט פון די רעגירנדע קרײַזן פון פּשא, וועלכע האָבן אַלפּי־טאָעס גערעכנט, אַז זיי וועלן האָבן די מעגלעכקײַט א לענגערע צײַט אײַנצוהאַלטן די מאָנאָפּאָליע אַף דעם אַטאָם־געווער אין זייערע הענט און, אַזויאַרום, דיקטירן זייער ווילן דער גאַנצער וועלט, בעסויכעם אויך דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און די אַנדערע לענדער, וועלכע האָבן זיך באַפרײַט פונעם קאַפּיטאַליסטישן יאָך. „די מעגלעכקײַט, — האָט געשריבן או. ז. פאָסטער, — אַז פּסר וועט אויך באַזיצן די אַטאָם־באָמבע, האָט מען געהאַלטן קימאַט פאַר אומגלייבלעך. מע האָט זיך מעשאַער געווען, אַז אויב דאָס וועט אַפילע ווען־עס־איז געשען, וועט עס זײַן ניט פריִער, ווי אין 5, 10 אָדער 20 יאָר אַרום. אין דעם פאַל האָט זיך אַרויסגעוויזן די טיפּישע פאַר די קאַפּיטאַליסטן אומפעיִקײַט ריכטיק אָפּצושאַצן די טעכנישע מעגלעכקײַטן פונעם סאָציאַליזם"[1].

אַלס איינער פון די „באַווײַזן" פון דער שולדיקײַט פון די ראָזענבערגס האָט געדינט דער דאָקומענט נומער 8, דאָס איז געווען א געמאַכטע פון גרינגלאַסן רעפּראָדוקציע פון דער אַטאָם־באָמבע, וועלכע יענער האָט, לויט זײַן דערקלערונג, איבערגעגעבן די ראָזענבערגס. די באַשולדיקטע האָבן אָבער דעם עסקיז ניט געזען אין די אויגן, ניט פאַרן, ניט בײַסן פּראָצעס. ערשט אין 1966 איז, לויט דער פאָדערונג פון סאָבעלס אַדוואָקאַט, אָט דער שלימאַזלדיקער עסקיז פאַרעפנטלעכט געוואָרן. גרינגלאַס איז אין 1944 געווען 23 יאָר אַלט, ער איז געווען א מעכאַניקער מיט מיטלער בילדונג און האָט זיך געלערנט אין ברוקלינער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט. ער האָט זיך אָבער שלעכט געלערנט, און אין א האַלב יאָר אַרום האָט מען אים אויסגעשלאָסן. צי האָט אַזא מין „ספּעציאַליסט" געקאָנט מאַכן א קוואַליפיצירטן עסקיז, לויט וועלכן די געלערנטע פון אַן אַנדער לאַנד זאָלן זיך דערוויסן, וויאַזוי צו שאַפן די אַטאָם־באָמבע? לאָמיר אָננעמען, אַז דעם אָריגינאַל פונעם עסקיז האָט געצייכנט א דריטער, א מער קאָמפּעטענטער מענטש, וועגן וועלכן גרינגלאַס האָט ניט געוואָלט זאָגן. נאָר די דאָזיקע היפּאָטעזע האָט אַפן פּראָצעס אַפילע ניט פיגורירט, ווײַל די באַשולדיקונג האָט געהאַלטן, אַז גרינגלאַס איז אָן צווייפל דער אויטאָר, און זי איז באַשטאַנען אַף דעם, אַז דער עסקיז גיט פּינקטלעך איבער דעם געבוי פון דער אַטאָם־באָמבע.

אַף צו דערווײַזן די ריכטיקײַט פון דעם דאָזיקן טעזיס זײַנען צום פּראָצעס אַרויסגערופן געוואָרן „עקספּערטן". איינער פון זיי איז געווען דש. א. דעררי, אַן עלעקטראָ־אינזשעניער, וועלכער האָט פריִער געאַרבעט אַפן אײַזנבאַן־טראַנספּאָרט, און אין דער צײַט, ווען ער איז אַרויסגערופן געוואָרן אַלס איידעס, איז ער געווען א פאַרבינדונגס־אָפיצער באַם גענעראַל ל. ר. גראָווס, דעם לייטער פון „מאַנהעטן־פּראָיעקט" (אונטער אַזא נאָמען האָט זיך פאַרבאָרגן די אָרגאַניזאַציע אַף פּראָדוצירן די אַטאָם־באָמבע). דעררי האָט געמאָלדן דעם געריכט, אַז „ער ווייסט אַלץ וועגן דער אַטאָם־באָמבע" און אַז דער עסקיז, וואָס גרינגלאַס האָט געצייכנט, „שטימט מיט דער באָמבע, וועלכע מיר האָבן אַראָפּגעוואָרפן אַף נאַהאַסאַקי". דער אַדוואָקאַט פון די ראָזענבערגס ע. בלאָך האָט געשטעלט א פראַגע, צי האָט גרינגלאַס, נעמענדיק אין אַכט זײַנע מער ווי באַשיידענע קענטענישן אין פיזיק, געקאָנט ריכטיק באַשרײַבן די באַשטאַנדטיילן פון דער באָמבע (גרינגלאַס האָט געמאָלדן, אַז ער האָט צום עסקיז בײַגעלייגט א באַשרײַבונג פון 12 זײַטן. ער האָט זי אָבער ניט „רעקאָנסטרויִרט", און זי האָט אַפן פּראָצעס ניט פיגורירט). בלאָכס פראַגע האָט אַזוי איבערגעשראָקן דעם ריכטער קאָפמען, אַז ער האָט אַזש, נאָך איידער דער פּראָקוראָר האָט באַוויזן צו ענטפערן, אויסגעשריגן, אַז ער ווענדט אָפּ די פראַגע, ווײַל וועגן גרינגלאַס' קאָמפּעטענטקײַט וועט אורטיילן דער געריכט פון געשוווירענע.

דער צווייטער עקספּערט, דער פיזיק־לערער או. ס. קאָסקי, האָט געהאַלטן, אַז האַגאַם דער עסקיז האָט א סכעמאַטישן אויסזען,

[1] У. З. Фостер. Указ. соч. стр. 523.

עטעל און יוליוס ראָזענבערג

פונדעסטוועגן אנטפּלעקט ער דעם איקער-פּרינציפּ פון דער פונקציאָנירונג פון דער באָמבע. אף דער פראַגע, אין וואָס עס באַשטייט דער דאַזיקער פּרינציפּ, האָט קאָסקי געענטפערט: „אין אויסנוצן אין א באַשטימטער קאָרעלאַציע שטאַרקע אופרײַס-מאַטעריאַלן פון א רעספּעקטיווער פאָרם מיטן ציל אַרויסצורופן א סימעטרישע, קאָנווערגירנדיקע, דעטאָנירנדיקע כוואַליע", — דאָס הייסט, אז ער האָט זיך באַנוצט מיט ווערטער, וועלכע האָבן פּאַקטיש גאָרנישט דערקלערט, ניט אין וויסנשאַפטלעכן, ניט אין טעכנישן הינזיכט.

קעדיי אויסצומײַדן דעם וויסנשאַפטלעך-טעכנישן אַספּעקט פון דער פראַגע, האָט קאָפמען אין מעשעך פונעם פּראָצעס געהאַלטן אין איין אונטערשטרײַכן, אז דער פאַרברעכן באַשטייט אינעם פאַקט גופע פון איבערגעבן מיליטערישע אינפאָרמאַציע אַן אויסלענדישער מעלוכע און ניט אינעם אַרויסגעבן דעם אינהאַלט פון דער דאַזיקער אינפאָרמאַציע. פונדעסטוועגן האָט מען די ראָזענבערגס באַשולדיקט ניט אין איבערגעבן מיליטערישע אינפאָרמאַציע סטאַם, נאָר אין איבערגעבן אזא אינפאָרמאַציע, וועלכע האָט באַדראָעט די זיכערהײַט פון פּשא און איר עקזיסטענץ. דאָס הייסט, אז עס האָט זיך גערעדט וועגן דער מיליטערישער, וויסנשאַפטלעך-טעכנישער באַדײַטונג פון דער דאַזיקער אינפאָרמאַציע. אגעוו, ווען דער עסקיז פון דער באָמבע, וואָס גרינגלאַס האָט געמאַכט, איז באַוווּסט געוואָרן דער עפנטלעכקײַט, האָט יעדערער זיך געקאָנט גרינג איבערצײַגן, אז די רעפּראָדוקציע איז ווייניק-וואָס ענלעך אף דער אטאָם-באָמבע: עס האָבן אין עסקיז געפעלט א ריי וויכטיקסטע קאָמפּאָנענטן, איינער פון וועלכע ס'איז געווען דער ראַדיאָאַקטיווער עלעמענט פּאָלאָני. פיל אַנדערע טיילן זײַנען געווען איבערגעפּלאָנטערט. דער עסקיז איז געווען ביז אזא גראַד ניט קיין קוואַליפיצירטער, אז ווען איינער אַן אַמעריקאַנער זשורנאַל האָט אים פאַרעפנטלעכט, האָט ער אים אַליין קאָרעקטירט, אײַנשליסנדיק, נעמלעך, די אָנווײַזונג אף פּאָלאָני.

צו אַן אידענטישן אויספיר וועגן דער ווערטלאָזיקײַט פונעם עסקיז איז אויך געקומען דער פּראָפעסאָר ג. ליפּשיץ, איינער פון די שעפער פון דער אטאָם-באָמבע, אין זײַן מעלדונג דעם געריכט, וועלכע ער האָט געגעבן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאָדערונג איבערצוקוקן סאָבעלס איניען אין 1966 יאָר. נאָך איין אָנטיילנעמער אין דער שאַפונג פון דער אטאָם-באָמבע, פּראָפעסאָר ד. מאָריסאָן, האָט געזאָגט, אז דער עסקיז איז ניט מער ווי א „קאַריקאַטור אף דער אטאָם-באָמבע". ו. ווייסקאָפּף, דער פּראָפעסאָר פון פיזיק פון מאַססאַטשוסעטער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט (אין לאָס-אַלאַמאָס איז ער געווען דער שטעלפאַרטרעטער פונעם שעף פונעם אָפּטייל פון טעאָרעטישע פאָרשונגען), האָט אָנגערופן דעם עסקיז „א לעפּיש, קינדעריש געמעל, פון וועלכן מע קאָן גאָרניט פאַרשטיין". קעדיי אויסמײַדן די דאָזיקע פאַקטן, האָט דאָס יוסטיץ-מיניסטעריום אין 22 יאָר אַרום געמאָלדן, אז עס זײַנען געווען אין דאָסיע נאָך אַנדערע זאַכלעכע באַווײַזן, נאָר זיי זײַנען „פאַרפאַלן געוואָרן".

לאָמיר זיך איצט ווענדן צו אזא נייטראַלן קוואַל, ווי דער „ביולעטען פון געלערנטע-אטאָמיסטן". אין דער דאָזיקער אויטאָריטעטער אַמעריקאַנער אויסגאַבע, אין נומער פאַרן כוידעש יוני 1975, איז דערשינען דאָס אַרטיקל פון דזש. גלאַקין „וויאַזוי די פאַרקאָנספּירירטקײַט האָט צוגעשפּילט דעם טאַליען" („צי וואָלטן די ראָזענבערגס פאַר-

מישפּעט געוואָרן צום טויט, ווען די באַשולדיקונג וואָלט געווען דערציילט אַלצדינג, וואָס זי האָט געוווּסט?"). דער מעכאַבער האָט אָנגעוויזן, אַז דער פּרינציפּ, וויאַזוי עס פונקציאָנירט דער מעכאַניזם פון דער אַטאָם-באָמבע, איז דאָס ערשטע מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אינעם אַמעריקאַנער זשורנאַל „טײַם" נאָך דעם 27 נאָיאַבער 1944, דאָס הייסט מיט 2 יאָר פאַר דעם, ווי די ראָזענבערגס, ווי עס באַהויפּטעט גרינגלאַס, האָבן זיך צו אים געווענדט נאָך אינפאָרמאַציע וועגן זײַן אַרבעט אין לאָס-אַלאַמאָס. אין „טײַם" זײַנען אַנאַליזירט געוואָרן די פּרוּוון פון די דײַטשישע געלערנטע צו באַקומען א טערמאָנוקלעאַרע רעאַקציע. אַזויווי דער טעטיקײַט-פּרינציפּ פון דעם אַטאָם-אופּרײַס איז באַשריבן געוואָרן אין דער אָפענער פּרעסע, האָט עס אַרויסגערופן בא די אַמעריקאַנער אַטאָמשטשיקעס א שטאַרקע באַאומרויִקונג, ווי גראָווס דערציילט וועגן דעם אין זײַנע זיכרוינעס[1]. גלאַקין שרײַבט ווײַטער, אַז די סאָוועטישע אַטאָם-באָמבע איז לאַכלוטן ניט געווען קיין קאָפּיִע פון דער אַמעריקאַנער. זי איז געווען דער רעזולטאַט פון זעלבשטענדיקע פאָרשונגען אַפן געביט פון מעכטיקע אופּרײַס-מאַטעריאַלן און פון טערמאָדינאַמיק. אַגעוו, איז די אַמעריקאַנער רעגירונג, מיט א שטיק צײַט איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער איניען פון די ראָזענבערגס, געווען אינפאָרמירט וועגן דער פעיִקײַט פון פּססר צו פאַרווירקלעכן א טערמאָנוקלעאַרע עקספּלאָזיע. פונדעסטוועגן האָט זי וועגן דעם ניט געמאָלדן דעם געריכט. דערפאַר איז גלאַקין געקומען צום אויספיר: „עס בלײַבט א פאַקט, אַז ניט די זשורי פון די געשווירענע, ניט דער געריכט, ניט די באַשולדיקונג האָבן ניט באַקומען די פאַקטן, וואָס אַף זייער יעסאָד וואָלט מען געקאָנט מאַכן פאַרנינפטיקע און גערעכטע אויספירן אין דעם איניען פון די ראָזענבערגס"[2].

און אַף וואָס פאַר א גרונט איז סאָבעל פאַרמישפּעט געוואָרן? ער איז א געוויסע צײַט געווען א קאָמוניסט און איז דאַן אוועקגעפאָרן קיין מעקסיקע, ווײַל ער האָט מוירע געהאַט, אַז מע וועט אים צוציִען צום געריכט. נאָר וואָס פאַר אַן אַטאָם-סוידעס האָט ער איבערגעגעבן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד? די באַשולדיקונג זעלבסט האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַזעלכע באַהויפּטונגען אַף זײַן כעזשבן.

1 Л. Гровс. «Теперь об этом можно рассказать». М., 1964.

2 J. J. Gluckin, How Secrecy Playes Executioner (Would the Rosenbergs Have Been Sentenced to Die if the Prosecution Had Told All It Know?). "The Bulletin of Atomic Scientists", June 1975, pp. 14-16.

אַרויסטראָגנדיק דעם אורטייל, האָט דער ריכטער אַזוי זיך געווענדט צו סאָבעלן: „איך צווייפל ניט קיין איין מינוט, אַז איר האָט אָנטיילגענומען אין שפּיאָנאַזש, כאָטש דער געריכט האָט ניט אין זײַן באַזיץ קיין פאַקטן, וועלכע זאָלן איידעס זאָגן, אַז איר האָט אָנטיילגענומען אין פּראָדוצירן די אַטאָם-באָמבע. איך פאַרמישפּעט אײַך צום מאַקסימאַלן טערמין, וועלכער איז פאַרויסגעזען לויט דעם געזעץ, דאָס הייסט אַף 30 יאָר טורמע. און האַגאַם דאָס האָט ניט קיין שײַכעס צום איניען, זאָג איך זיך שוין אַרויס קעגן אײַער פאַרטערמיניקער באַפרײַונג אַף אָרעוועס"[1].

נאָר אויב סאָבעל האָט ניט געהאַט קיין שײַכעס צו דער אַטאָם-באָמבע, וויאַזוי זשע האָט ער געקאָנט אויסגעבן וועלכע עס זאָלן ניט זײַן אַטאָם-סוידעס? פאַרוואָס זשע האָט מען אים פאַרמישפּעט? פונעם געריכט-איניען איז דאָס שווער צו פאַרשטיין, נאָך שווערער — נעמענדיק אין אכט, אַז אינעם פּראָצעס האָט זיך סאָבעל באַטייליקט ווי א „שטומער" באַשולדיקטער: ניט די באַשולדיקונג, ניט די ריכטער, ניט די אַדוואָקאַטן האָבן אים ניט געשטעלט קיין איין פראַגע. און פונדעסטוועגן איז ער פאַרורטיילט געוואָרן אַף 30 יאָר טורמע. פאַקטיש האָט מען אים באַשטראָפט פאַר זײַנע איבערצײַגונגען און דערפאַר, וואָס ער האָט זיך געכאַווערט מיט די ראָזענבערגס. ניט אומזיסט האָט דער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט ט. קאַנאָן אונטערגעשטראָכן, אַז „דער ריכטער קאָפמען האָט ערעוו דעם פּראָצעס, בייסן פּראָצעס און נאָך אים זיך געפירט ניט ווי א ריכטער, נאָר ווי אַן אַגענט פון דער פעדעראַלער אויספאָרשונגס-ביוראָ, א פּראָקוראָר און אַן אומדערבאַרעמדיקער מאַלכאַמאָוועס"[2].

ניט קענענדיק זיך דערשלאָגן, די באַשולדיקטע זאָלן דערקלערן, אַז „זיי האָבן כאַראָטע" בייסן פּראָצעס, האָט די רעגירונג פון פשא פאַנאַנדערגעאַרבעט א נײַעם פּלאַן: צווינגען די שוין פאַרורטיילטע, דראָענדיק זיי מיט אויספירן דעם אורטייל, זיי זאָלן מאַסקים זײַן מיטצואַרבעטן מיט די מאַכט-אָרגאַנען און העלפן פאַרשטאַרקן די אַנטיסאָוועטישע קאַמפּאַניע. דאָס האָט געהאַט א שײַכעס צו די ראָזענבערגס אין דער ערשטער ריי, און וועגן דעם רעדט זיך אין געהיימען מעמאָראַנדום פון דער צענטראַלער אויספיר-אַגענטור פון 22 יאַנוואַר 1953, וועלכער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן מיט א פערטל יאָרהונדערט שפּעטער נאָכן אומברענגען די ראָזענבערגס. אָט איז דער אינהאַלט פונעם מעמאָראַנדום: „די טעמע:

1 M. Sobell, Op. cit., p. 254.

2 "Political Affairs", 1978, No. 6, p. 2.

דער איניען פון די ראָזענבערגס. דער פאַרשלאָג: אָנעמען קאָנצענטרירטע מיטלען, קעדיי צו איבערצייַגן די פאַרמישפעטע צום טויט פאַר אַטאָם-שפיאָנאַזש יוליוס און עטל ראָזענבערג, אַז דער סאָוועטישער רעזשים, וועלכן זיי דינען, פאַרפאָלגט און האָט די לעצטע צייַט באַשלאָסן צו פאַרניכטן די ייִדן, וועלכע געפינען זיך אונטער זייַן מעמשאָלע. פון די ראָזענבערגס פאָדערט זיך, זיי זאָלן זיך ווענדן צו די ייִדן פון דער גאַנצער וועלט מיטן אופרוף איבערצורייַסן די באַציִונגען מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און זי צעשטערן. דערפאַר וועט אָפגעשאַפן ווערן זייער טויט-שטראָף. די פאַרצוגן: פונעם שטאַנדפונקט פון פסיכאָלאָגישן קריג איז שווער איבערצושאַצן די באַדייַטונג פון דער דאָזיקער אָפעראַציע. די קאָמוניסטישע פאַרטייען פון דער גאַנצער וועלט האָבן פאַרוואַנדלט די ראָזענבערגס אין זייערע העלדן און זיי אוועקגעשטעלט אַלס קאָרבאָנעס פונעם „צאָפן-אַמעריקאַנישן אַנטיסעמיטיזם". ווען זיי וואָלטן זיך אָפגעזאָגט פון זייערע אָנשויונגען, וואָלט עס געהאַט אַ נעגאַטיווע ווירקונג אַף די באַמיִונגען פון דער סאָוועטישער פראָפאַגאַנדע. די קאָמוניסטישע וועלט וואָלט לאַכלוטן ניט געווען בעיעכוילעס צו איגנאָרירן אָדער דערפאָלגרייַך צו דיסקרעדיטירן די נייַע אָנשויונגען פון די ראָזענבערגס. די דאָזיקע פאָר קאָן זייער גוט דינען אַלס אינסטרומענט אין דער פסיכאָלאָגישער מילכאָמע, וועלכע שטעלט זיך אַלס ציל צו צעשפאַלטן די אַלוועלטלעכע קאָמוניסטישע באַוועגונג דאָרט, ווו עס איז נעגייע ייִדן. עס איז נייטיק אויסצובילדן אין די קאָמפאַרטייען גרופעס פון אומצופרידענע און אויסנוצן די דאָזיקע גרופעס, קעדיי ווייַטער אַרייַנדרינגען אין דער אויסשפיר-דינסט. צי וועט דער פאַראַט פון די ראָזענבערגס ברענגען ווערטפולע אינפאָרמאַציע וועגן דער טעטיקייַט פון אַנדערע סאָוועטישע אויסשפיר-גרופעס — די דאָזיקע פראַגע איז אין דער קאָמפעטענץ פון דער פעדעראַלער אויספאָרשונג-ביוראָ"[1].

אין דער צושריפט צום מעמאָראַנדום האָט די צענטראַלע אויסשפיר-אַגענטור אָנגעוויזן, אַז עס וואָלט געווען ניט ריכטיק צו פאָדערן פון זיי, זיי זאָלן ווערן רענעגאַטן, קעדיי זיך צו ראַטעווען דאָס לעבן. ס'וואָלט געווען אַ טאָעס צו האָפן, אַז זיי זייַנען מעסוגל צו פאַראַטן זייערע אידעאַלן, קעדיי צו ראַטעווען זיך פון טויט. די צענטראַלע אויסשפיר-אַגענטור האָט זיי פאָרגעלייגט גאָר עפעס אַנדערש: זיי זאָלן אַרויסגיין פונעם פראָצעס מיט „קאָוועד און ווירדע" און מיט אַ „נייַעם ציל אין לעבן", אַרויסטרעטנדיק אַלס פאַרטיידיקער פון די ייִדן.

אַף צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די ראָזענבערגס האָט די צענטראַלע אויסשפיר-אַגענטור פאָרגעלייגט אויסצונוצן ראַבאָנים, „וועלכע זייַנען באַוווסט מיט זייערע ראַדיקאַלע אָנשויונגען" און „זייַנען באַהאַוונט אין געביט פון פסיכיק". די צענטראַלע אויסשפיר-אַגענטור האָט רעקאָמענדירט אָפצולייגן דעם טאָג פונעם אויספירן דעם טויט-אורטייל, ביז די ראַבאָנים וועלן ניט צו וויסן געבן, צי די ראָזענבערגס זייַנען גרייט פירן געשפרעכן מיט די מאַכט-אָרגאַנען. אויב זיי וועלן זיך אָפזאָגן אָנצונעמען די פאָרגעלייגטע באַדינגונגען, וועט מען דעם טויט-אורטייל דאַרפן דורכפירן, און די פאַרמיטלער וועלן זייַן פאַרפליכטעט צו היטן אַלץ אין שטרענגער געהיימניס. אין פאַל אָבער, אויב די פאַרפלאַנירטע אָפעראַציע וועט געלונגען, קאָן דאָס דערמעגלעכן אויסצונוצן די ראָזענבערגס פאַר אַ דערפאָלגרייַכער צווישנפעלקערלעכער קאַמפאַניע אין דער פסיכאָלאָגישער מילכאָמע קעגן דעם קאָמוניזם, אין וועלכער די ייִדן-פראַגע וואָלט פאַרנומען דאָס צענטראַלע אָרט"[1]. מע האָט אַפילע צוליב דעם אייַנגעשטעלט אין דער קאַמער פון די צום טויט פאַרמישפעטע ראָזענבערגס אַ טעלעפאָן, וועלכער איז געווען פאַראייניקט מיטן קאַבינעט פונעם פרעזידענט אין ווייַסן הויז.

די ראָזענבערגס האָבן אָפגעוואָרפן די מאַכערייַקע, וועלכע מע האָט זיי פאָרגעלייגט. זייער שטאַנדהאַפטיקייַט איז געווען אַן אַקט פון בירגערלעכער מוטיקייַט. ווי באַוווסט, זייַנען זיי ביידע ניט געווען קיין מיטגלידער פון דער קאָמפאַרטיי פון פשאַ. דער צענטראַלער אויסשפיר-אַגענטור, וועלכע האָט זיך באַמיט צו פאַרבינדן זייערע נעמען מיט דער אַמעריקאַנער קאָמפאַרטיי, איז טאַקע ניט געלונגען עס צו דערגרייכן. אַפן פראָצעס האָט מען אַלס באַווייַז פון זייערע פאַרבינדונגען מיט דער קאָמפאַרטיי פאָרגעבראַכט עטעלס כסימע אונטער דער פעטיציע וועגן אַרויסשטעלן צו די וואַלן אין ניו-יאָרקער מוניציפאַליטעט די קאַנדידאַטור פונעם געוועזענעם קאָנגרעסמען וו. מאַרקאַנטאָניאָ, וועלכער איז געווען באַוווסט מיט זייַנע „לינקע" אָנשויונגען, און אַ קאָנסערוון-שאַכטל מיט דעם אויפשריפט „ראַטעוועט די שפאַנישע קינדער", וואָס מע האָט בא זיי געפונען בייס אַ הויזאונטערזוכונג אין זייער דירע. אַזעלכע שאַכט-

[1] "Granma Internacional", 25.VI.1978.

[1] "Granma Internacional", 25.VI.1978.

לען האָבן זיך פאַרקויפט אין פשא, קעדיי צו זאמלען שפּענדונגען אַף צו שאפן א הילפס-פאָנד פאר די שפּאנישע קינדער, וועלכע האָבן געליטן הונגער אין די יאָרן פונעם בירגערקריג.

דעם 3 יון 1953 האָט זיך די ראָזענבערגס אײַנגעגעבן איבערצושיקן פון דער טורמע סינג-סינג, ווו מע האָט זיי געהאלטן אין שטרענגער איזאָליאציע, א מעלדונג פאר דער פּרעסע, אין וועלכער זיי האָבן געשריבן: „נעכטן האָט דער גענעראל-פּראָקוראָר פון די פאריייניקטע שטאטן אונדז פאָרגעלייגט א מאכערײַקע — מיר זאָלן מאסקים זײַן מיט-צואַרבעטן מיט דער רעגירונג און דערמיט זיך אויסקויפן דאָס לעבן. אזא פאָרשלאָג ווײַזט באַשײַמפּערלעך, אז די רעגירונג גופא צווייפלט אין דער ריכטיקײַט פון דער באַשולדיקונג קעגן אונדז. מיר וועלן ניט צו-לייגן קיין האנט צו באַרעכטיקן אזא שמוציקן איניען, א פאבריצירטן פּראָצעס און א באַר-באַרישן אורטייל. מיר מעלדן פײַערלעך, אז מיר וועלן ניט לאָזן זיך שאנטאזשירן מיטן טויט-אורטייל, מיר וועלן ניט ווערן קיין פאלשע איידעס און מיר וועלן זיך ניט אָפּ-זאָגן פון אונדזערע רעכט אלס פרײַע צפון-אמעריקאנער בירגער, ווי עס פאָדערט פון אונדז די טיראנישע רעגירונג"[1].

דער ענטפער פון די ראָזענבערגס, וועלכער האָט צונישט געמאכט דעם פּראָוואָקא-טאָרישן סצענאריום, וואָס די צענטראלע אויסשפּיר-אגענטור האָט צוגעגרייט מיט דער באַגיטיקונג פונעם ווײַסן הויז, האָט ארויס-געבראכט פון די קיילים די בורזשואזע פּרע-סע, נאָר איינצײַטיק איז געוואקסן דער שטראָם בריוו פון דער גאָרער וועלט אין ווײַסן הויז מיט דער פאָדערונג, אז דער טויט-אורטייל זאָל אָפּגעשאפן ווערן. אין מע-שעך פון דער ערשטער העלפט פון 1953 זײַנען אָנגעקומען אַף אייזענהאוערס נאָמען העכער 200 טויזנט אזעלכע בריוו. צווישן די, וועלכע זײַנען ארויסגעטראָטן צו פאַרטיידיקן די פאַרמישפּעטע, זײַנען געווען איינער פון די שעפער פון דער אטאָם-באָמבע ג. אורי, די שרײַבער לוי אראגאָן, זש. פּ. סארטר, פ. מאָריאק און איליא ערענבורג, פיל אנדערע אָנגעזעענע געלערנטע און קולטור-טוער. ניט אָפּנעמען דאָס לעבן בא די ראָזענבערגס האָט געבעטן דער רוימישער פּויפּסט פּיוס דער צוועלפטער. אין פיל הויפּטשטעט פון דער וועלט זײַנען פאָרגעקומען דעמאָנסטראציעס לעטוווּעס זיי. דאָן האָט מען אין וואשינג-טאָן באַשלאָסן צו פאָרסירן די עקזעקוציע,

¹ Ibid.

וועלכע איז קודעם געווען באַשטימט אַפן 19 יון 1953. דער אדוואָקאט פון די ראָזענ-בערגס האָט זיך געווענדט אין אפּעליאציע-טריבונאל מיט דער באַקאָשע אָפּצולייגן דאָס אויספירן דעם טויט-אורטייל אַף עטלעכע טעג. דער ריכטער דז. פרענק האָט אנער-קענט די ביטע אלס באַגרינדעטע, און דאָך אָפּגעזאָגט אַפן סמאך פון די אָנווײַזונגען פונעם העכסטן געריכט פון פשא. מיטיילנ-דיק וועגן דעם באַשלוס, האָט פרענק זיך צעוויינט, ווײַל ער האָט פארשטאנען, אז ער טוט א שווערע אוולע[1].

אין דער לעצטער מינוט האָט זיך די אדוואָקאטן דאָך אײַנגעגעבן צו דערשלאָגן זיך בא דעם מיטגליד פון העכסטן געריכט או. דוגלאסן, מע זאָל אָפּלייגן דאָס אויספירן דעם טויט-אורטייל, נעמענדיק אין אכט, אז דער אורטייל איז אָנגענומען געוואָרן לויטן געזעץ פון שפּיאָנאזש פונעם 1917 יאָר און ניט לויטן „געזעץ פון אטאָם-געהיימניסן", וועלכער האָט אים פארביטן אין 1946. אין געוויינלעכע באַדינגונגען וואָלט דאָס אָפּלייגן געבליבן אין קראפט, ביז דער העכסטער גע-ריכט וואָלט זיך ניט צונויפגעקומען אין אָקטיא-בער אין פולן באַשטאנד נאָך די קאניקולן. דער יוסטיץ-מיניסטער ג. בראונעל האָט אָבער געפאָדערט, „אז דער איניען זאָל פארענדיקט ווערן ווי ווײַט מעגלעך שנע-לער". דעם 19-טן יון האָט דער אויבער-געריכט מיט 6 שטימען קעגן 3 באַשטימט, אז עס איז ניט פאראן קיין גרונט איבערצו-קוקן דעם איניען און האָט אָפּגעשאפן דאָס אָפּלייגן פונעם דורכפירן דעם אורטייל. אין זעלבן טאָג האָט דער ריכטער קאָפמען צו-ריקגעוויזן די לעצטע באַקאָשע. אין 21 מינוט ארום איז יוליוס ראָזענבערג געווען טויט, און אין נאָך 10 מינוט ארום איז זײַן פרוי אויך אומגעבראכט געוואָרן.

בעערעך מיט א נײַן כאדאָשים נאָך דער עקזעקוציע האָט דזש. בעקערלי, דער פאראנט-וואָרטלעכער פאר דער זיכערהײַט אין דער אמעריקאנער קאָמיסיע פון אטאָם-ענערגיע, אָפן אנערקענט די אומגעלומפּערטקײַט פון דער באַשולדיקונג, וועלכע מע האָט ארויס-געשטעלט קעגן די ראָזענבערגס. ער האָט געמאָלדן: „די אטאָם-באָמבע און די וואסער-שטאָף-באָמבע האָבן בא אונדז די שפּיאָנען ניט צוגעגאנוועט. די אייגנארטיקײַט פון אזעל-כע באָמבעס באַשטייט אין דעם, וואָס עס איז ניט מעגלעך זיי צו גאנווענען אָדער

¹ W. Reuben, Op. cit., pp. 397, 404-405.

איבערצוגעבן אין דער פֿאָרם פֿון אוועלכערעס-איז אינפֿאָרמאַציע"[1].

„דאָס, וואָס די ראָזענבערגס האָבן זיך אָפּגעזאָגט מיטצואַרבעטן, — האָט געשריבן ט. קאַנאָן, — פֿאַלש אײדעס זאָגן און אַרײַנציִען אינעם איניען אַנדערע מענטשן לויט דער אָנווײַזונג פֿון דער פֿעדעראַלער אויספֿאָרשונגס-ביוראָ, האָט אָפּגעראַטעוועט פֿיל אומשולדיקע. זײער העלדישע אויפֿפֿירונג האָט אַרײַנגעבראַכט אין גרימצאָרן די רעגירונג, און זײ האָבן דערפֿאַר באַצאָלט מיט זײער לעבן"[2].

אין 25 יאָר אַרום נאָכן אומקום פֿון די ראָזענבערגס איז אַ טײל דאָקומענטן געוואָרן צוטריטלעך זײער אַדוואָקאַט. די דאָזיקע דאָקומענטן, ווי ער האָט געמאָלדן, בעסיכעם אויך יענע, וואָס שטאַמען פֿון דער פֿעדעראַלער אויספֿאָרשונגס-ביוראָ, פֿון דער צענטראַלער אויסשפּיר-אַגענטור און פֿון אַנדערע מעלוכע-אינסטאַנציעס, דערווײַזן אומבאַשטרײַטבאַר, אַז דער איניען איז אינסצעניִרט געוואָרן מיט פּאָליטישע צילן. גרינגלאַס און די אַנדערע אײדעס פֿון דער באַשולדיקונג, וועלכע האָבן געשוווירן פֿאַרן געריכט, האָבן געלײַגט. זײ האָבן אײדעס געזאָגט אַזוי, ווי ס'האָבן דיקטירט די פּראָקוראַטור און די אַמעריקאַנער אויסשפּיר-אַמטן מיט דער מיטווירקונג פֿונעם ריכטער קאָפֿמען. כּוץ דעם, האָט די פּראָקוראַטור פֿאַרשוויגן אַלע ידיעס, וועלכע וואָלטן געגעבן די מעגלעכקײַט דער פֿאַרטײדיקונג צו דערווײַזן, אַז די ראָזענבערגס און סאָבעל זײַנען ריין פֿון שולד.

נאָכן אומברענגען די ראָזענבערגס האָט מען זיך גענומען פֿאַרפֿאָלגן זײערע קינדער מײַקל און ראָבערט, וועלכע זײַנען אין טאָג, ווען זײערע עלטערן זײַנען אַרעסטירט געוואָרן, אַלט געווען — דער עלטערער 6 און דער ייִנגערער 3 יאָר. ווען די קינדער זײַנען אויסגעוואַקסן, האָבן זײ אָנגעשריבן אַ בוך, אין וועלכן סזווערט דערציילט די געשיכטע פֿון זײער לעבן[1].

שוין העכער אַ פֿערטל יאָרהונדערט קומען אין כּוידעש יון יעדעס יאָר פֿאָר אין וואַשינגטאָן דעמאָנסטראַציעס מיט דער פֿאָדערונג, אַז דער איניען ראָזענבערג זאָל רעווידירט ווערן און מע זאָל אַנולירן דעם אָ'מגערעכטן אורטײל. רעווידירן אַן אורטײל איז אַ ספּעציפֿישער שטריך פֿון דער אַמעריקאַנער געריכט-סיסטעם, וועלכע ווערט אַף אַלע אויפֿאַנים געלויבט בײַ אירע אַפּאָלאָגעטן. פֿאַרוואָס זשע האָט דער געריכט זיבן מאָל נאָכאַנאַנד אָפּגעוואָרפֿן די פֿאָדערונג פֿון די אַדוואָקאַטן איבערצוקוקן דעם ראָזענבערג-איניען? דער באַוווּסטער יוריסט פּ. פֿראַנקפֿורטער האָט עס באַצייכנט אַלס דעם אומווירדיקסטן עפּיזאָד אין דער הײַנטצײַטיקער געשיכטע[2].

אין דער ליכט פֿון אָט די דאָזיקע פֿאַקטן קאָן מען פֿאַרשטײן, וויאַזוי עטעל און יוליוס ראָזענבערג זײַנען באַשולדיקט געוואָרן אין אַ פֿאַרברעכן, וואָס זײ האָבן צו אים קײן שום שײַכעס ניט געהאַט, און וויאַזוי זײ זײַנען מיט דער הילף פֿון פֿאַלסיפֿיצירטע באַווײַזן אַנערקענט געוואָרן פֿאַר שולדיק. דער שעף פֿון דער פֿעדעראַלער פֿאָרשונגס-ביוראָ ע. הווער האָט אָנגערופֿן דעם איניען ראָזענבערג „דער פֿאַרברעכן פֿונעם יאָרהונדערט". „ער איז געווען גערעכט, — האָט קאָמענטירט דער אָרגאַן פֿון דער קאָמפּאַרטײ אין פּשאַ, — נאָר דעם פֿאַרברעכן איז באַגאַנגען די רעגירונג פֿון פּשאַ און ניט די ראָזענבערגס"[3]. „דער איניען ראָזענבערג, — האָט געשריבן דער קאָנסערוואַטיווער אַמעריקאַנער זשורנאַל „סקווײַער", — וועט ניט פֿאַרגעסן ווערן, ער איז קלעפּיק און לאָזט זיך ניט אויסלופּטערן. די ראָזענבערגס זײַנען געוואָרן די פּאָפּולערסטע מאַרטירער אין דער וועלט נאָכן קאַפּיטאַן דרייפֿוס".

אָט אַזוי ווערן אין פּשאַ אָפּגעהיט די „מענטשן-רעכט", וועלכע עס פֿאַרטײדיקן קלוימערשט די בורזשואַזע טוער, פֿאַרגיסנדיק אָן אַ שיר קראָקאָדיל-טרערן.

[1] "Political Affairs", 1968, No. 6, p. 5.
[2] "Political Affairs", 1978, No. 6, p. 2.

[1] "We Are Your Sons. The Legacy of Ethel and Julius Rosenberg". Boston, 1975.
[2] The American Historical Review", 1977, October, vol. 82, No. 4, p. 808.
[3] "Political Affairs", 1978, No. 6, p. 3.

ב לעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען

מיר דרוקן דאָ איבער מיט קירצונגען דרײַ עטנאָגראַפישע נאָטיצן פון דער פערטל־יאָרשריפט „אקי יערושאַלאַים”, וועלכע גייט ארויס דאָס פינפטע יאָר אף דזשודעז־ליאָרשריפט „אקי יערושאַלאַים”, וועלכע גייט ארויס דאָס פינפטע יאָר אף דזשודעז־מאָ (לאַדינאָ). לויט ווי עס האָט געמאָלדן די רעדאַקציע פון דער אויסגאַבע, שטעלט זי זיך פאַר א ציל צו פאַרצייכענען די אוצרעס פונעם גערעדטן ספּאַרדישן פאָלקלאָר, וועלכער עקזיסטירט איצט בלויז אין זיקאָרן פונעם עלטערן דאָר, פאַרפינקטלעכן פאָלקסלידער, מעשאָלים, אפאָריזמען, באַלאַדעס, מינדלעכע דערציילונגען און הומאָר, וואָס לייענער פונעם זשורנאַל אין פאַרשיידענע לענדער שיקן צו, ווי אויך, אלס וויכטיקע אופגאַבע, אויסאַרבעטן אן איינהײַטלעכן אויסלייג פון דזשודעזמאָ, אף וויפל די צוגעשיקטע מאַטעריאַלן שטאַמען פון פאַרשיידענע לענדער מיט אנדערש־דיקע אויסשפּראַכן (די אויסלייג־פּראָבלעם איז געוואָרן קאָמפּליצירטער מיט דעם, וואָס אין די לעצטע יאָרצענדליקער איז די שריפט פון דזשודעזמאָ איבערגעפירט געוואָרן פונעם העברעיִשן אַלעפבייס אפן לאַטײַנישן, וועלכער איז ניט מעסוגל אויסצודריקן אין זײַנע סטאַנדאַרטע בוכשטאַבן איינִיקע קלאַנגען־וואַריאַציעס פון דעם ספּאַרדישן מאַמע־לאָשן). דער זשורנאַל דרוקט אויך נאָטיצן וועגן ספּאַרדישער געשיכטע, רעצענזיעס אף ביכער פון ספּאַרדישן אינהאַלט, פאַרשיידענע אינפאָרמאַטיווע מאַטעריאַלן.

ספּאַרדישע קעהילעס אף די קאַריבער אינדזלען און בישבײַנעס

אין זייערע וואַנדערונגען איבער דער וועלט, אמאָל צוליב זוכן פּאַרנאָסע, אמאָל אין רעזולטאַט פון א גייִרעש, זײַנען די ייִדן געקומען אין די סאַמע ווײַטע און אומבאַוווּסטע לענדער. זיי זײַנען געווען צווישן די, וואָס האָבן געמאַכט די גרויסע געאָגראַפישע אַנטדעקונגען, צווישן די ערשטע אײַנוווינער פון די נײַ־געגרינדעטע קאָלאָניעס אין דאָרעם־ און צאָפן־אַמעריקע. ייִדן און מאַראַנען האָבן אויך אָנטיילגענומען אין דער קאָלאָניזאַציע־באַוועגונג פון די פּראָטעסטאַנטישע מעלוכעס, באַזונדערס פון האָלאַנד און ענגלאַנד, אין וועלכע קיין אינקוויזיציע איז ניט געווען. זיי האָבן מיטגעהאָלפן צו אַנטוויקלען דעם מיסכער און די נאַוויגאַציע צווישן די נײַע קאָלאָניעס אין די טראָפּיק־געביטן פון אַמעריקע און אויך צווישן קאָמערץ־צענטערס אין אייראָפּע, אַזעלכע ווי לאָנדאָן און אַמסטערדאַם.

קימאַט אַלע ייִדן, וואָס זײַנען געקומען אף די קאַריבער אינדזלען און אין סורינאַם (דאָרעם־אַמעריקע), זײַנען געווען אָפּשטאַמיקע פון די פּלייטים פונעם גייִרעש ספּאַרד (1492) און פונעם גייִרעש פּאָרטוגאַל (1497), וועלכע זײַנען איבער־געפאָרן קיין האָלאַנד. אין עטלעכע דוירעס אַרום האָבן די יאָרשים פון יענע ייִדן זיך באַזעצט אין בראַזיל און אף איינִיקע פון די קאַריבער אינדזלען, וואָס זײַנען אין דער ערשטער העלפט פונעם 17־טן יה. געווען אונטער דער האָלענדישער מאַכט.

אין די דזשונגלען פון סורינאַם (איצט שוין אן אומאָפּהענגיקע מעלוכע, נאָר אין יענע צײַטן — א האָלענדישע גוויִאַנע) האָבן זיי געגרינדעט א קע־

הילע, וועלכע האָט געהייסן „ברכה ושלום״ („בראָכע וועשאָלעם״). דאָרט, אין באַסיין פונעם טײַך סורינאַם, האָבן זיי אויפגעבויט א שטאָט א פעסטונג מיט א שול אין צענטער. האגאַם די שטאָט עקזיסטירט שוין ניט, איז די געגנט איצט באַוווּסט אונטערן נאָמען „יאָדען סאַוואַנע״ (ייִדישע סאַוואַנע).

אין דער שטאָט קיוראַסאַאָ האָבן די ייִדישע פליטים געגרינדעט א קעהילע „מקוה ישראל״ (מיקווע ייִסראָעל). די שול פון דער דאָזיקער קעהילע איז די ערשטע אין אַמעריקע. זי עקזיס־טירט אַדהײַנט. אויך אין די ענגלישע קאָלאָניעס, אַף יאַמײַקע און באַרבאַדאָס, האָבן די ייִדן גע־גרינדעט קעהילעס.

אַף די ווירדזשינער אינדזלען, וועלכע זײַנען געווען ביז דער צווייטער וועלט־מילכאָמע א קאָלאָ־ניע פון דענעמאַרק, איז אויפגעשטעלט געוואָרן א ספאַרדיש־פּאָרטוגאַלישע שול, וועלכע היט אַף ביז הײַנט דעם ספּעציפישן סטיל אירן. איינער פון אירע אטריבוטן באַשטייט אין דעם, וואָס זי האָט ניט קיין דיל, בלויז זאַמד אונטער די פיס.

דאָס איז אַן אוראַלטע טראַדיציע פון די פּאָרטו־גאַלישע ייִדן. מעגלעך, אַז עס איז פאַרבונדן מיט די וואַנדערונגען פון די בני־ייִסראָעל אינעם מידר־בער סיני. ס׳איז אויך פאַראַן א מיינונג, אַז דער זאַמד־דיל האָט געדינט אָפּצוהיטן די שטילקײַט בעשאַסן דאַוונען. אַזעלכע שולן, מיטן זאַמד־דיל, עקזיסטירן הײַנט ניט בלויז אין דער הויפּטשטאָט פונעם אינדזל סענט־טאָמאַס (ווירדזשינער אינדז־לען), נאָר אויך אין קינגסטאָן (יאַמײַקע), אין קיוראַ־סאַאָ און אין דער הויפּטשטאָט פון סורינאַם פּאַראַ־מאַרינאָ, וווּ עס זײַנען פאַראַן צוויי שולן.

די ייִדן־ספאַרדים פון באַרדאָ און באַיאָנע האָבן זיך באַזעצט אַפן אינדזל מאַרטיניקע, א קאָלאָניע פונעם קאַטוילישן פראַנקרײַך. ווען די קאָלאָניאַלע מאַכט האָט זיי אַרויסגעטריבן, זײַנען זיי איבער־געפאָרן אין אַן אַנדער פראַנצויזישער קאָלאָניע — אַפן אינדזל האַיטי.

די דאָזיקע אַלע ערטער זײַנען אַצינד דענקמע־לער פון די אַמאָליקע ספאַרדישע קעהילעס. די גע־שיכטע זייערע איז ווייניק באַשריבן.

צווי לאַקער

די ייִדישע קעהילעס אין טערקײַ אין אונדזער צײַט

א) די צאָל ייִדן אין טערקײַ און זייער געאָ־גראַפישע צעשפּרייטונג.

לויט דער אָפיציעלער ציילונג אין 1965 זײַנען אין טערקײַ געווען 38.267 ייִדן. דאָס איז די לעצ־טע ציילונג, וועמענס אָנגאַבן מיר האָבן באַקומען. לויט איר איז די געאָגראַפישע צעשפּרייטונג פון די טערקישע ייִדן געווען: אין סטאַמבול — 30.831 נעפאָשעס, אין איזמיר — 4.067 נעפאָשעס און אין אַנדערע שטעט פונעם לאַנד — 3.369 ייִדן.

אין 1977 האָב איך דורכגעמאַכט צוויי רײַזעס איבער טערקײַ און באַזוכט די ייִדישע קעהילעס. כ׳האָב גערעדט מיט זייערע מאַנהיגים און מיט זקיינים. אייניקע דעטאַלן וועגן דעם ייִדישן לעבן אין איזמיר האָב איך געזאַמלט אויך בײַס מײַן באַזוך אין דער שטאָט אין 1978 און 1979.

לויט מײַן אָפּשאַצונג, האָבן אין 1977 אין טער־קײַ געלעבט אַן ערך 23—24 טויזנט ייִדן, צווישן דער אַלגעמיינער טערקישער באַפעלקערונג פון 45 מיליאָן. אין אָט דעם לאַנד עקזיסטירן הײַנט־צו־טאָג 14 ייִדישע קעהילעס (אין דער צאָל גייען ניט אַרײַן יענע ערטער, וווּ עס זײַנען געבליבן בלויז עטלעכע ייִדן און קיין קעהילע איז שוין ניטאָ). די געאָגראַפישע צעשפּרייטונג פון די קעהילעס איז פאָלגנדיקע: 8 אַף צאָפן־מײַרעוו פון טערקײַ — סטאַמבול, עדירנע (אַדריאַנאָפּאָל), טעקירדאַג, קירק־לאַרעלי, גאַליבאָלו (גאַליפּאָלי), טשאַנאַקאַלע, בורסאַ, איזמיר; אינעם צענטער — די קעהילע פון אַנקאַראַ; אַפן דאָרעם פונעם לאַנד — די פאָלגנדיקע קעהילעס: מערסין, אַדאַנאַ, איסקענדערון, אַנטאַקיאַ און גאַ־זיאַנטעפּ (אַנטעב). אין די 13 קעהילעס (אַכוץ סטאַמבול) האָבן אין 1977 געלעבט 3.183 ייִדן. לויט מײַן אָפּשאַצונג, האָבן אין סטאַמבול אין אָט דעם יאָר געלעבט 20—21 טויזנט ייִדן.

ב) זייער שפּראַך..און אָפּשטאַמונג.

אין 10 פון די אויבנדערמאָנטע קעהילעס רעדן די ייִדן, אַכוץ טערקיש, אַף דער ייִדיש־שפּאַנישער שפּראַך. זיי שטאַמען דעריקער פון די פליטים פונעם גייערש ספאַרד. די ייִדן פון איסקענדערון, אַנטאַקיאַ און גאַזיאַנטעפּ רעדן, אַכוץ טערקיש, אַף אַראַביש. די סיבע איז אין דעם, וואָס די דאָ־זיקע קעהילעס זײַנען אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין דער טערקישער מעדינע בלויז אין 1939, ווען די געגנט, וואָס איז ביז דאַן געווען א טייל פון סיריע, איז אַנעקסירט געוואָרן מיצאַד טערקײַ (די געגנט כאַטײַ).

אין מערסין רעדן צוויי דריטל ייִדן ייִדיש־שפּאַניש און די איבעריקע — אַראַביש. די אַראַביש־שפּראַכיקע ייִדן זײַנען פליטים פון דאָרעם, וועלכע זײַנען געקומען אין 1948.

אין סטאַמבול עקזיסטירט אויך אַן אַשקענאַזישע קעהילע (1000 נעפאָשעס). זיי רעדן ייִדיש. דאָס זײַנען פליטים פון אייראָפּע און זייערע קינדער.

ג) באַטעמעדראָשים.

דאָסראָוו שולן אין טערקײַ זײַנען אַרומגערינגלט מיט הויכע ווענט. אינעם אינערלעכן הויף פון

א שול איז פאראן נאָך א וואנט, וועלכע פארשטעלט די מיספאלעלים פון די אויגן פון פארבײַגייענדיקע.

אין אלע קעהילעס, אכוץ סטאמבול און איזמיר, ריכט מען ניט אָפּ די טראדיציאָנעלע דרײַ גאָטעסדינסטן. אין אייניקע שולן ווערט צונויפגעזאמלט א מיניען בלויז איין מאָל אין טאָג, אין אנדערע — בלויז שאבעס און אָף יאָמטויווים, קוידעמקאָל — ראָשעשאָנע און יאָמקיפּער. די דאָזיקע קעהילעס האלטן באם פארשווינדן ווערן. די פרומע ייִדן עפענען יעדן טאָג די טירן פון דער שול בלויז קעדיי צו באווײַזן, אז די געבײַדע געפינט זיך אין רעשוס פון דער קעהילע.

די סינאגאָגעס אין טערקײַ האָבן ניט קיין ספעציפישן ייִדישן ארכיטעקטור־כאראקטער, זיי זײַנען ענלעך אָף קריסטלעכע קלויסטערס אָדער אָף מוסולמענישע מעטשעטן. די ייִדישע קונסט דריקט זיך אויס אינעם באפוצן די ריטועלע זאכן.

ד) דער ייִדישער יישעוו אין פארשיידענע שטעט פון טערקײַ (אכוץ סטאמבול):

אדאנא— 71, עדירנע — 72, איזמיר — 2061, איסקענדערון — 57, אנטאקיא — 164, אנקארא — 225, בורסא — 192, גאזיאנטעפּ — 122, געליבאָלו — 22, טעקירדאג — 40, מערסין — 43, טשאנאקאלע — 70, קירקלארעלי — 44 נעפאשעס.

שאול טוּוואל

דער ייִדישער מוזיי אין גריכנלאנד

דער היסטאָרישער מוזיי פונעם ייִדישן יישעוו אין גריכנלאנד איז געגרינדעט געוואָרן אין 1979. צו יענער צײַט איז שוין געווען א געפאר, אז דענקמעלער פון דער געשיכטע פון די גריכישע ייִדן, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן מיט 2300 יאָר צוריק, וועלן פארשווינדן אונטער דער ווירקונג פונעם מאָדערניזם, נאציאָנאליזם און פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. עס האָט געדראָעט די טענדענץ צו אסאָציִירן די ייִדישקײַט און די אלטע יישוווים מיט ייִסראָעל — מער ווי מיט דער טראדיציאָנעלער קולטור, וועמענס וואָרצלען ליגן אינעם אָוואר פון די ספארדים און ראָמאניאָטן (גריכיששפראכיקע ייִדן). דער ייִדישער מוזיי אין גריכנלאנד איז געגרינדעט געוואָרן, קעדיי זאמלען, אָפּהיטן און ארויסשטעלן אלץ, וואָס האָט א שײַכעס צו דער דאָזיקער געשיכטע.

די געשיכטע פון די גריכישע ייִדן איז זייער קאָמפּליצירט. יעדע קעהילע האָט איר אייגענעם היסטאָרישן גאנג. די עלטסטע פון זיי זײַנען געגרינדעט געוואָרן מיצאד די ייִדן, וועלכע האָבן זיך באזעצט אין די שטעט פון דער אימפעריע פון אלעקסאנדער מוקדן און זײַנע יאָרשים, צוערשט אין אזעלכע שטעט, ווי אנטיאָכיע, אלעקסאנדריִע, ביירוט, און שפּעטער — אפן מײַרעוו־ברעג פון אנאטאָליע און פונעם עגייער יאם. אפן אינדזל קריט, אין איזמיר, סאלאָניקי און אין אייניקע אנדערע ערטער זײַנען אופגעקומען קעהילעס, וועמעס געשיכטע ציט זיך ביז הײַנט.

די גריכישע ספארדים האָבן גאָר אן אנדער געשיכטע. זייער באזעצונג אין גריכנלאנד איז א רעזולטאט פון צוויי גיירושים — פון יעהודע, נאָכן כורבן פונעם צווייטן בייסהאמיקדעש און פון שפּאניע. די פּלייטים האָבן געפונען א מאָקעם־מיקלעט אין די גרויסע שטעט פון דער אָטאָמאנישער אימפעריע, באזונדערס אין סאלאָניקי, איזמיר, קאָנסטאנטינאָפּאָל און עדירנע. די ייִדן־ראָמאניאָטן פון די דאָזיקע שטעט האָבן אָנגענומען ניט בלויז דעם ספארדישן עמונע־מינהעג, נאָר אויך די שפּאנישע שפראך, אף וועלכער עס האָבן גערעדט די ספארדים. אָנהייבנדיק פונעם 16 יה., זײַנען די ייִדן־ספארדים און די ייִדן־ראָמאניאָטן אין גריכנלאנד געווען פארבונדן דורך דער אלגעמיינער געשיכטע. האגאם יעדע גרופּע האָט אָפּגעהיט אירע ספּעציפישע מינהאָגים און שטייגער־אייגנארטיקײַטן.

די קאָלעקציע פונעם מוזיי האָט שוין הײַנט מער פון 2000 עקספּאָנאטן, וועלכע שטעלן פאָר פארשיידענע אספעקטן פון דעם רעליגיִעזן און וועלטלעכן לעבן פון די צוויי איידעס. עס זײַנען פאראן ספּעציִעלע קאָלעקציעס פון מאלבושים, העפטונג, האנטווערקערײַ, פאָטאָגראפיעס און דאָקומענטן.

דאניִעל כאנאן־סטאווראָלאקיס

די יוגנט
אף דער עסטראַדע

ביראָבידזשאַנער
פּײזאַזשן



Содержание:

I. Грамматика:
Описательные глагольные обороты.
II. Материал для чтения.

אינהאלט:

I. גראַמאַטיק:
באַשרײַביקע ווערבן.
II. פראַגמענטן צום לייענען.

§ 41а. Имеется ряд действий, для обозначения которых в еврейском языке используется не одно слово — глагол, а группа слов. Такая группа слов выражает значение данного действия о п и с а т е л ь н ы м путем. (Сравните с подобным явлением в русском языке, где, например, понятие «согласиться» выражается описательным словосочетанием «**дать согласие**», «победить» — «**одержать победу**», «воевать» — «**вести войну**» и т. п.).

Устойчивое словосочетание (типа «**одержать победу**», «**дать согласие**» и т. п.), представляющее собой единое смысловое целое и обозначающее действие, называется «**описательным глаголом**» или «**описательным глагольным оборотом**».

Примеры:

1) прибежать (буквально: «приходить бежать»); — 1) **קומען צו לויפן;**
2) привести (буквально: «приносить приводить»); — 2) **ברענגען צו פירן;**
3) ошибиться (буквально: «иметь ошибку»). — 3) **א טאָעס האָבן**

§ 41б. «Описательный глагол» состоит из двух частей. Одна часть — это глагол самого общего значения, типа «быть» — [зайн]; «делать» — [махн] или [тон]; «иметь» — [hобн]; «стать», «становиться» — [вэрн]; «держать» — [hалтн]; «давать» — [гэбн]; «прибыть» — [кумэн]; «доставить», «принести» — [брэйнгэн]. Вторая часть описательного глагольного оборота — это либо неопределенная форма какого-либо глагола (см. ниже примеры 1, 2), либо причастие (см. пример 3), либо, наконец, слова других частей речи (прилагательные, существительные и т. д., см. примеры 5, 6, 7, 8, 9), например:

Буквальный перевод и значение целого	Описательный глагол
1. «**прибыть** + ходить» = придти	1. קומען **צו גיין**
2. «**доставить** + носить» = принести	2. ברענגען **צו טראָגן**
3. «**стать** уснувшим» = уснуть	3. ווערן **אנשלאָפן**
4. «**быть** осуществленным = осуществлять	4. זײַן **מעקײַעם**
5. «**иметь** + любовь» = любить	5. האָבן **ליב**
6. «**держать** совет» = советоваться	6. האלטן **אן אייצע**
7. «**давать** (уделять) внимание» = присматривать за...	7. געבן **אכטונג**
8. «**делать** свадьбу» = женить, выдать замуж	8. מאכן **כאסענע**
9. «**совершить** раскаяние» = раскаяться	9. טאָן **טשוווע**

§ 41в. Глаголы **[кумэн, брэйнгэн, вэрн, зайн, hобн, hалтн, гэбн, махн, тон]**, изменяясь (спрягаясь) по лицам, числам, временам и наклонениям, выполняют во всем описательном обороте роль вспомогательного глагола, в дальнейшем называемым и з м е н я е м о й ч а с т ь ю о п и с а т е л ь н о г о г л а г о л а. Другая же часть (неоп-

ределенная форма, причастие, существительное и т. д.) остается во всех лицах и числах без изменения. Это — **неизменяемая часть описательного глагола**. Ср., например, спряжение описательного глагола «**дать** знать (о чем-либо)» — [**гэбн** цу висн] (изменяемая часть выделена):

настоящее время	קעגנוואַרט
1. Я даю знать о...	1. איך גיב **צו וויסן**
2. Ты **даешь** знать...	2. **דו** גיסט **צו וויסן**
3. Он **дает** знать...	3. **ער** גיט **צו וויסן**,
4. Мы **даем** знать...	4. **מיר** גיבן **צו וויסן**
и так далее...	**און אַזוי ווײַטער...**

прошедшее время	פאַרגאַנגענהײַט
1. **Я дал** знать	1. **איך האָב** געג׳עבן **צו וויסן**
2. **Ты дал** знать	2. **דו האָסט** געג׳עבן **צו וויסן**
3. **Он дал** знать	3. **ער האָט** געג׳עבן **צו וויסן**
и так далее...	**און אַזוי ווײַטער...**

будущее время	צוקונפט
1. Я дам знать	1. **איך** וועל געבן **צו וויסן**,
2. Ты **дашь** знать	2. **דו** וועסט געבן **צו וויסן**
3. Он даст знать	3. **ער** וועט געבן **צו וויסן**
и т. д...	**אאַוו.**

условное наклонение	באַדינג־מאָדוס
1. **Я дал бы** знать	1. **איך** וואָלט גענעבן **צו וויסן**
2. **Ты дал бы** знать	2. **דו** וואָלסט געג׳עבן **צו וויסן**
и т. д...	**אאַוו.**

повелительная форма	באַפֿעל־מאָדוס
Дай знать!	גיב **צו וויסן!**
Дайте знать!	גיט **צו וויסן!**
Пусть он даст знать!	לאָז ער געבן **צו וויסן!**

Вывод: При чтении и переводе предложений, содержащих описательные глагольные обороты, необходимо обращать внимание на **форму изменяемой части** (т. е. глаголов [зайн, һалтн] и других вспомогательных глаголов), т. к. именно **по форме этой изменяемой** части мы узнаем лицо, число, время действия, выраженного описательным оборотом в целом.

Задание 1*: Переведите следующие предложения, обратите внимание на выделенные формы изменяемой части и значение описательных глаголов:

ווערטער: 1) **ליב** האָבן; 2) קומען **צו פֿאָרן; 3) מעק׳אַבל־פּאָנעם** זײַן; 4) **די קאַלע**

Перевод: 1) любить; 2) приехать; 3) встречать (гостей, молодоженов и т. п.); 4) невеста.

זאַצן: 1) **ער** האָט **ליב.** 2) **ער** האָט **ליב** געהאַט. 3) **ער** וועט **ליב** האָבן. 4) **איך** קום **צו פֿאָרן.** 5) **איך** וועל קומען **צו פֿאָרן.** 6) **איך** בין געק׳ומען **צו פֿאָרן.** 7) קום **צו פֿאָרן!** 8) קומט **צו פֿאָרן!** 9) **ווען איך וואָלט האָבן** צײַט, וואָלט **איך** קומען **צו פֿאָרן קיין מאָסקווע.** 10) לאָמיר **די קאַלע מעק׳אַבל־פּ׳אָנעם** זײַן! 11) **מיר** וועלן **די** קאַלע **מיט בלומען מעק׳אַבל־פּ׳אָנעם** זײַן. 12) **די** געסט **האָבן** די קאַלע מיט בלומען מעקאַבל־פּאָנעם געוו׳ען.

Ключ к заданию 1:
1) Он любит. 2) **Он любил.** 3) Он будет любить. 4) Я приезжаю. 5) Я приеду. 6) Я приехал. 7) Приезжай! 8) Приезжайте! 9) Было бы у меня время, я приехал бы в Москву. 10) Давайте встретим невесту! 11) Мы встретим невесту с цветами. 12) Гости встретили невесту с цветами.

דאָצענט ש. סאנדלער

КРАТКИЙ РАЗГОВОРНИК

Застолье	дэр мóлцайт (ди сýдэ)	דער מאָלצײַט (די סודע)
Ева Лазаревна: Если Вы мне разрешите, я Вам помогу.	ойб ир вэт мир дэрлóйбн, вэл их айх һэ́лфн.	יעווע לאזארעווונע: אויב איר וועט מיר דערלויבן, וועל איך אײַך העלפֿן.
Злата Ароновна: Не только разрешаю, но прошу Вас очень. Что Вам больше по душе?	нит нор их дэрлóйб, нор их бэт айх зэ́йер. вос из айх мэр цум һáрцн?	זלאטע אראָנאָוונע: ניט נאָר איך דערלויב, נאָר איך בעט אײַך זייער. וואָס איז אײַך מער צום הארצן?
Е. Л.: Я люблю украшать салат.	их һоб либ бапýцн а салáт.	יע. ל.: איך האָב ליב באפוצן א סאלאט.
З. А.: Вот Вам зелёный лук, петрушка, что ещё требуется?	от һот ир грúнэ цúбэлэс, пэ́тришке, вос нох из нэ́йтик?	ז. א.: אָט האָט איר גרינע ציבעלעס, פעטרישקע, וואָס נאָך איז נייטיק?
Е. Л.: Спасибо, все остальное есть.	а данк, дос úберике из алц до.	יע. ל.: א דאנק, דאָס איבעריקע איז אלץ דאָ.
Н.: Что я должен делать, мама?	вос дарф их тон, мáмэ?	נ.: וואָס דארף איך טאָן, מאמע?
З. А.: Ты, сын мой, поставь каждому тарелочку и положи вилку справа, а нож слева. Кроме того, расставь бокалы и рюмки.	ду, зун мáйнэр, штэл йé-дерн а тэ́лэрл ун лэйг авéк а гопл фун рэхтс ун а мэ́сэр фун линкс. хуц дэм, цэштэ́л ди бэ́херс ун ди келишеклэх.	ז. א.: דו, זון מײַנער, שטעל יעדערן א טעלערל און לייג אוועק א גאָפּל פון רעכטס און א מעסער פון לינקס. כוץ דעם, צעשטעל די בעכערס און די קעליישעקלעך.
Мойшэ Хаймович: Златочка, а как ты используешь мои глубокие познания?	злáтэлэ, ун виазóй вэ́сту óйснуцн мáйнэ тúфэ кéнтэнишн?	מוישע כאַימאָוויטש: זלאטעלע, און וויאזוי וועסטו אויסנוצן מײַנע טיפע קענטעענישן?
З. А.: Ты, Мойшэлэ, большой знаток вин, так принеси сюда бутылки и расставь их на столе.	ду, мóйшэлэ, бист а грóйсэр мёйвн аф мáшке, из брэйнг аһэ́р ди флэ́шэр ун цэштэ́л зэй афн тиш.	ז. א.: דו, מוישעלע, ביסט א גרויסער מייוון אף מאשקע, איז ברענג אהער די פלעשער און צעשטעל זיי אפן טיש.
М. Х.: Ты слышал, Исачек? Сейчас понимаешь ты мое положение?	һост гэһэ́рт, йúцикл? ицт фарштéйсту шойн майн лáге?	מ. כ.: האָסט געהערט, איציקל? איצט פארשטייסטו שוין מײַן לאגע?
Исаак Борисович: Рэб Мойшэ, не падайте духом. Давайте работать сообща — веселее будет.	рэб мóйшэ, фалт нит арóп ба зих. лóмир áрбэтн цузáмэн вэт зайн фрэ́йлэхэр.	איסאַק באָריסאָוויטש: רעב מוישע, פאלט ניט אראָפּ בא זיך. לאָמיר ארבעטן צוזאמען וועט זײַן פריילעכער.
З. А.: Извини меня, мой муж, если я затронула твою честь. Дорогие друзья, прошу садиться к столу. (Стол накрыт, все рассаживаются).	зай мир мóйхл, майн ман, ойб х'һоб онгерúрт дайн кóвэд. лúбэ фрайнт, их бэт зих зэцн цум тиш. (дер тиш из гегрэ́йт, алэ зэцн зих).	ז. א.: זײַ מיר מויכל, מײַן מאן, אויב כ׳האָב אָנגערירט דײַן קאָוועד. ליבע פרײַנט, איך בעט זיך זעצן צום טיש. (דער טיש איז געגרייט, אלע זעצן זיך).

А. Герцберг

◊ ◊ ◊

כראָניק

דער זשורנאַל „דדר" וועגן הערבערט און מאַריאַנע באום

אינעם מײַ־נומער פונעם זשורנאַל „דדר" (אָרגאַן פון דער דײַטשישער פרײַנטשאַפט־ליגע מיט אויסלענדישע פעלקער), וועלכער דערשײַנט אין עטלעכע שפּראַכן (דערונטער אין רוסיש), זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן מאַטעריאַלן וועגן דער טעטיקײַט פון דער ווידערשטאַנד־גרופּע בעראָש מיט הערבערט און מאַריאַנע באום.

אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן זײַנען הערבערט און מאַריאַנע באום אַרײַנגעטראָטן אין דעם דײַטשישן קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד. גלײַך נאָך דעם, ווי היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, האָט דאָס יונגע ייִדישע פּאָרפּאָלק באַשלאָסן, אַז זייער אָרט איז אין די רייען פון די קעמפער קעגן פאַשיזם. דער קרײַז־ראַט פונעם דײַטשישן קאָמיוג האָט פאַרטרויט הערבערט באומען די אָנפירונג מיט אונטערערדישע יוגנט־גרופּעס אין איינעם פון די בערלינער שטאָט־ראַיאָנען.

צום 1936 האָט דאָס פּאָרפּאָלק באום פאַרלייגט דעם יעסאָד פאַר אַ נײַער ווידערשטאַנד־גרופּע. נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָט די גרופּע אָנגעהויבן אַרויסגעבן אומלעגאַלע בראָשורן — „דער אויסוועג" און „דער וועג צום זיג", ווי אויך פלוגבלעטלעך. די גרופּע האָט ענג מיטגעאַרבעט מיט דער קרײַזישער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין פרילינג פון 1942 האָט זי שוין אָנגעציילט העכער 100 מיטגלידער.

דעם 18 מײַ 1942 האָבן די אָנטיילנעמער פון דער גרופּע אונטערגעצונדן די געבײַדע, אין וועלכער ס'איז געווען אײַנגעאָרדנט אַ פּראָוואָקאַציאָנעלע אַנטיסאָוועטישע אויסשטעלונג אין בערלין. אין פיר טעג אַרום זײַנען ה. באום און זײַנע כאַווײרים אַרעסטירט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ. דעם 11 יול 1942 איז הערבערט באום געטויט געוואָרן. זײַן פרוי און מיטקעמפערן מאַריאַנע איז אומגעקומען דעם 18 אווגוסט 1942. ביידע זײַנען זיי אַלט געווען צו 30 יאָר.

אױפן ייִדישן בעסוילעם אין בערלין האָט די געזעלשאַפטלעכקײַט פון דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק אױפגעשטעלט אַ דענקמאָל די קעמפער פון באומס גרופּע. 39 אַרבעטער־קאָלעקטיוון און מיליטערישע טיילן פון דער רעפּובליק טראָגן די נעמען פון הערבערט באום און פון זײַנע כאַווײרים.

דערפאָלג פון אַ ביראָבידזשאַנער ספּאָרטסמען

אין סווערדלאָווסק איז פאָרגעקומען די 17־טע אַלרוסלענדישע ספּאַרטאַקיאַדע פון די שפּילן אין טיש־טעניס. אַכט און פערציק בעסטע ספּאָרטסמענער, זיגער פון די פריִערדיקע פאַרמעסטונגען, האָבן געקעמפט פאַר דעם ניצאָכן אין אַלע מינים פון דער פּראָגראַם.

די ווײַטמיזרעכדיקע זאָנע איז געווען פאָרגעשטעלט מיצאַד דעם ביראָבידזשאַנער שילער אַלעקסאַנדער שערמאַן. אין דער איינצל־קאַטעגאָריע האָט ער פאַרנומען אַ בעקאָוועדיק אָרט אינעם ערשטן צענדליק. אַ נאָך גרעסערער דערפאָלג איז אים אויסגעפאַלן אין דער פּאָר מיט דער ספּאָרטסמענקע פון דער סיבירער שטאָט טשיטאַ אירינע גורייעווא. אירינע און אַלעקסאַנדער האָבן באַזיגט אַזעלכע קרעפטיקע דועטן, ווי ד. מאָזונאָוו און נ. זשוראַוולִיאָווא (גאָרקי), וו. גולקאָוו און אַ. קאַרקאַטאַיעווא (קראַסנאָדאַר), נ. מאָראָזאָווא און ס. אָשורקאָ (אַבאַקאָן).

אַזויאַרום, האָט דער ספּאָרטלער פון ביראָבידזשאַן אַלעקסאַנדער שערמאַן דערוואָרבן דעם טיטל „טשעמפּיאָן פון רספסר אין דער געמישטער פּאָר־קאַטעגאָריע".

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

קאָטליאַר, יויסעף
(1962 — 1908)

— דיכטער. געבוירן אין בערדי־טשעוו, אריבערגעפאָרן מיט דער מישפּאָכע קיין כאַרקאָוו. נאָכן פאַרענדיקן א מעכאנישע פראָפ־שול און א טעכניקום איז ער אָנגעקומען אין דעם כאַרקאָווער פּעדאגאָגישן אינסטיטוט. סאָף 20־ער יאָרן הייבט ער אָן ארבעטן אין די רעדאקציעס פון די ייִדישע צײַטונגען „זײַ גרייט", „יונגע גווארדיע", אינעם מעלוכע־פארלאג פון אוקראַיִנע. די ערשטע לידער פארעפנטלעכט אין מיטן פון די 20־ער יאָרן אין דער בערדי־טשעווער צײַטונג „די וואָך". פון דעמלט אָן באווײַזן זיך זײַנע לידער און פּאָעמעס אין פארשיידענע אויסגאבעס — אין די זשורנאלן „פראָליט", „פארמעסט", „סאָוועטישע ליטעראטור" און אין צײַטונגען. יויסעף קאָטליאר איז געווען אן אויסגעשפּראָכע־נער ליריקער, א מײַסטער פונעם קלינגעוודיקן פערז, און דאָס איז געווען א היפּשע מײַלע פון זײַן שאפונג. פיל האָט ער אופגעטאָן אין געביט פון ליטע־ראטור פאר קינדער. פון די העכער צוואנציק לידער־זאמלונ־גען, וועלכע ער האָט ארויס־געגעבן, זײַנען קימאט א העלפט געווענדט צום לייענער פונעם פאָרשול־ און שול־עלטער. גע־שטאָרבן איז ער אין ווילנע, ווו ער האָט זיך באזעצט גלײַך נאָך דער מילכאָמע.

ווערק: ליכטיקער געבוירן (לי־דער פאר די יאָרן 1926—1930). קיִעוו, אוקרמעלוכענאצמינד־פארלאג, 1930; ענטוזיִאסטן. כארקאָוו, „ליטעראטור און קונסט", 1932; קינדער פון מײַן לאנד. קיִעוו — כארקאָוו, אוקרמע־לוכענאצמינדפארלאג, 1934; גלענצנדיקער וועטער. קיִעוו — כארקאָוו, מעלוכישער ליטעראַרי־שער פארלאג, 1935; אײַ, א גאָרטן. כארקאָוו — אָדעס, קינ־דער־פארלאג, 1935; זומער־לידער. כארקאָוו, אוקרמעלוכע־נאצמינדפארלאג (ביבליִאָטעק „זײַ גרייט", 7), 1935; אף דער פריילעכער גאס (לידער און מײַסעס). קיִעוו, אוקרמעלוכענאצ־מינדפארלאג, 1938; דער שטעכלער (א מײַסעלע אין פערזן פאר קינדער). אָדעס, קינדער־פארלאג, 1938; מײַן וועלט. קיִעוו, אוקרמעלוכענאצ־מינדפארלאג, 1939; לידער־מײַ־סעלעך, קיִעוו, אוקרמעלוכענאצ־מינדפארלאג, 1940; פאר קינד־און־קייט, קיִעוו—לוואָוו, אוקרמע־לוכענאצמינדפארלאג, 1940; צען לידער. מוזיק ב. ריסקינד, ווער־טער — י. קאָטליאר. כארקאָוו, צענטערפארלאג, 1927; פּיִאָנערי־שע לידער־זאמלונג מיט נאָטן, מוזיק — זאגראניטשני. כארקאָוו, קינדער־פארלאג, 1937; אויסגע־לייזטע ערד. מאָסקווע, „דער עמעס", 1948; אין דער איבער־זעצונג אף רוסיש: מיט א שטיל קאָל. מאָסקווע, „סאָוועטסקי פּיסאטעל", 1961; מײַן לופט־באלאָן. מאָסקווע, „דיעטסקאיא ליטעראטורא", 1968.

ביבליִאָגראפיע: ה. בלאָשטיין, וועגן קאָטליארס לידער־זאמלונג. זשורנאל „סאָוועטישע ליטעראַ־טור", 1939, נומ. 8; ש. קופּער־שמיד, וועגן י. קאָטליארס לידער־מײַסעלעך. דאָרט, 1940, נומער 11—12; ב. סלוצקי, וועגן „לי־דער־מײַסעלעך" און „פאר קינד־און־קייט". דאָרט, 1941, נומ. 5; קורצע ליטעראַרישע ענציקלאָפּע־דיע (רוסיש), מאָסקווע, 1966, שפּאלט 774; ל. קאסיל, א פול פּעסל מיט וווּנדער. ארײַנפיר צו י. קאָטליארס בוך „מײַן לופט־באלאָן" (רוסיש); יויסעף קאָט־ליאר, נעקראָלאָג. זשורנאל „סאָ־וועטיש היימלאנד", 1962, נומ. 5; א. גאָנטאר, צום 60־טן גע־בורטסטאָג פון יויסעף קאָטליאר. דאָרט, 1968, נומ. 2.

קאָפּעליאָוויטש, בעניע (בענדעט)
(1941 — 1891)

— פּעדאגאָג, לינגוויסט, פּובלי־ציסט. געבוירן אין א שטעטל פון ווילנער גובערניע. קינדווײַז אריבערגעפאָרן צוזאמען מיט די עלטערן קיין מינסק. צו 17 יאָר געקומען קיין אָדעס, אָפּגעגעבן דעם מאטורע־עקזאמען און אָנגע־קומען אין אוניווערסיטעט אפן היסטאָרישן פאקולטעט. מיטן אָנהייב פונעם ערשטן וועלט־קריג קערט ער זיך אום קיין מינסק און ווערט נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע א לערער אין ייִדישע שולן און קינדערהיימען. צוערשט איז ער א דערציִער אינעם מינסקער ייִדישן קינדער־היים, דערנאָך באשטימט מען אים אלס דירעקטאָר פון דער מינס־קער ייִדישער אָוונט־שול פאר

אַרבעטער־יוגנט. אין 1921, ווען אין מינסק עפנט זיך דער ערשטער אוניווערסיטעט, ווערט ער א סטודענט פונעם פּילאָלאָגישן פאַקולטעט אף דער יידישער אָפּטיילונג. נאָכן פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט זעצט ער פאָר צו אַרבעטן אין געביט פון פּעדאַגאָגיק. אין 1932 פאָרט ער אַריבער קיין ביראָבידזשאַן, איז טעטיק אַלס לערער אינעם פּעדאַגאָגישן טעכניקום און אַלס הויפּט־מעטאָדיסט בא דעם בילדונגס־אָפּטייל. אין דער זעלבער צייט דרוקט ער אין דער צייטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן" אַרטיקלען איבער פראַגן פון פּעדאַגאָגיק און מעטאָדיק פון אונטעריכטן יידיש און רוסיש אין די יידישע שולן. אין 1935 דערשיינט אינעם מאָסקווער פאַרלאַג „דער עמעס" זיין לערנבוך „רוסיש אין דער יידישער שול". ער שטעלט צונויף א רוסיש־יידיש ווערטערביכל, וואָס איז דערשינען אין 1941 אין מאָסקווע אונטער דער רעדאַקציע פון ע. פאַלקאָוויטש.

קיסעלהאָף, זוסמאַן (זינאָווי)
(1884 — 1939)

— פּעדאַגאָג, פאָלקלאָריסט. געבוירן אין וועליזש, וויטעבסקער גובערניע. נאָכן פאַרענדיקן דעם ווילנער יידישן לערער־אינסטיטוט געאַרבעט אין א יידישער פאָלקס־שול אין וויטעבסק. אין 1905 איינגעלאַדן געוואָרן פאַר א לערער אין דער שול פון דער געזעלשאַפט „כעוורע מעפיצע האַסקאָלע" אין פּעטערבורג. ער ווערט איינער פון די ערשטע פאָרשער פון דער יידישער פאָלקס־מוזיק און א זאַמלער פון יידישע פאָלקסלידער. באַטייליקט זיך אין פאַרשיידענע עטנאָגראַפישע עקספּעדיציעס, בייס וועלכער ס'ווערן פאַרשריבן מוזיקאַלישע פאָלקס־שאַפונגען, וועלכע ער נוצט אויס פאַר זיין ווערק „לידער־זאַמלבוך פאַר דער יידישער שול און פאַמיליע". ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער „געזעלשאַפט פאַר יידישער פאָלקס־מוזיק". אין 1920 קומט ער אָן זיך לערנען אפן נאַטור־מאַטעמאַטישן פאַקולטעט פונעם פּעטראָגראַדער אוניווערסיטעט. זעצט פאָר צו זאַמלען יידישע מוזיק־ווערק, אַרומפאָרנדיק איבער די שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד. נאָכן פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט ווערט ער א לערער אין די פּעטראָגראַדער שולן. אין די צוואַנציקער יאָרן באַשטימט מען אים אַלס דירעקטאָר פון דער 11־טער יידישער נאַציאָנאַלער שול אין לענינגראַד און פונעם 73־טן יידישן קינדערהיים. ער נעמט אָן אַקטיוון אָנטייל אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, אין דער טעטיקייט פון דער לענינגראַדער אָפּטיילונג פונעם „געזערד" אַלס מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג. ער איז אויך א מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג פונעם יידישן בילדונגס־הויז אף יא. מ. סווערדלאָווס נאָמען אין לענינגראַד.

ווערק: לידער־זאַמלונג פאַר דער יידישער שול און פאַמיליע. פּעטערבורג — בערלין, 1912 (2־טע פאַרבעסערטע און פאַרגרעסערטע אויסגאַבע — 1913, נייע אויסגאַבע — 1923); „רעפעראַט איבער יידישער פאָלקס־מוזיק", פּעטערבורג, 1913.

ביבליאָגראַפיע: ל. סאַמינסקי, וועגן יידישער מוזיק (רוסיש); ז. רייזען, לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פּילאָלאָגיע. 3־טער באַנד, ווילנע, 1929, שפּאַלטן 637—639.

קיריטשאַנסקי, פּיניע
(1921)

— דיכטער. געבוירן אין שטעטל מאַלין, זשיטאָמירער געגנט. אין 1931 אַריבערגעפאָרן צוזאַמען מיט די עלטערן קיין קאָראָסטישעוו. פון 1934 לעבט ער אין קיעוו. פאַרענדיקט א יידישע שול. אָנטיילנעמער אין דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע. נאָך דער דעמאָביליזאַציע, אין סאָף 1945, קערט ער זיך אום קיין קיעוו, אַרבעט דערנאָך אין משך פון עטלעכע צענדליק יאָר אין א לעדער־פאַבריק. אָנגעהויבן שרייבן, זייענדיק נאָך א שילער. אין 1937 דעביוטירט מיט א ליד אין דער צייטונג „זיי גרייט". פון דעמלט אָן דרוקט ער לידער אין די צייטונגען „דער שטערן", „דער עמעס", אין די זשורנאַלן „אָקטיאַבערל", „סאָוועטישע ליטעראַטור", אין די זאַמלונגען „קינדער־שאַפונג", „אָנהייב" און אַנד. אין 1948 פאַרעפנטלעכט א ציקל לידער אינעם קיעווער זשורנאַל „דער שטערן". אין „סאָוועטיש היימלאַנד" אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1961. וווינט אין קיעוו.

ווערק: זוניקע שטאַמען. „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", 1981; אין דער איבערזעצונג אף אוקראַיניש: „באַגינען". קיעוו. פאַרלאַג „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק", 1974. אינעם זעלבן פאַרלאַג — „עפּל קלינגען", 1982.

■ ■ ■

דער רעבע און זײַן שאַמעס



א ייִדענע איז געקומען צום רעבן מיט א געוויין, מיט א געבעט:

— רעבע, העלפֿט מיר! שוין א צײַט, אז מײַן מאַן האָט מיך פֿאַרלאָזט און קומט צו מיר ניט. העלפֿט מיר, רעבע, ער זאָל זיך צוריקקערן!

דער אַלטיטשקער ראָוו ווענדט ניט אָפּ זײַנע אויגן פֿון א סייפֿער און ענטפֿערט איר:

— וויין ניט, טאָכטערקע, גאָט וועט געבן און דײַן מאַן וועט זיך אומקערן. איך זאָג דיר — ער וועט זיך צו דיר אומקערן.

די ייִדענע פֿאַרלאָזט דעם ראָווס הויז, נאָר פֿאַרן אוועקגיין באַרימט זי זיך פֿאַרן שאַמעס, וואָס באַדינט דעם ראָוו:

— דער רעבע האָט געזאָגט, אז מײַן מאַן וועט זיך אײַנגיכן צו מיר אומקערן.

— ניין, ער וועט זיך ניט אומקערן, — ענטפֿערט איר דער שאַמעס.

— וואָס הייסט? — האָט אויסגעשריִען מיט פֿאַרדראָס די ייִדענע. — דער רעבע זאָגט, אז ער וועט זיך אומקערן, און דו — אז ניין. ווער ווייסט מער — דו צי דער רעבע?

— ווייסן ווייסט טאַקע מער דער רעבע, — האָט איר געענטפֿערט דער שאַמעס, — נאָר דער רעבע הייבט דאָך ניט אויף די אויגן פֿון זײַנע ספֿאָרים, און איך זע גוט, וואָס פֿאַר מײַנע אויגן געפֿינט זיך. ער וועט זיך ניט אומקערן!

אָדער דער פּאַרעץ — אָדער זײַן הונט

איינער א פּאַרעץ, אף וועמענס ערד עס האָט זיך געפֿונען א ייִדיש שטעטל, האָט אַרויסגעגעבן א באַפֿעל, אז די ייִדן מוזן אויסלערנען זײַן הונט ריידן אף א מענטשלעכער שפּראַך. אויב ניט, טרײַבט ער זיי אַרויס פֿון נעם שטעטל.

א טרויער און א פּאַכעד זײַנען אָנגעפֿאַלן אף די שטעטלדיקע אײַנוווינער:

— אזא גזיירע, וואָס טוט מען?

האָט זיך צונויפֿגעקליבן דער אוילעם באַטראַכטן די לאַגע. אַלץ באַטראַכט, און געבליבן איז — שיקן זייער עלטסטן און קליגסטן צום פּאַרעץ, עפּשער אים אײַנבעטן, פֿאַרלייגן אים מעזומאָנים...

וואַרט דער אוילעם, עס זאָל זיך אומקערן דער שאַלײַעך, עטלעכע שאָ מיט אומגעדולד. ענדלעך האָט יענער זיך באַוויזן. מע רינגלט אים אַרום און מע פֿרעגט:

— נו וואָס, עס האָט זיך עפּעס אײַנגעגעבן?

— מע קאָן זאָגן, אז יאָ, — ענטפֿערט דער שאַלײַעך.

— איז וואָס, וויפֿל געלט פֿאָדערט ער?

— קיין געלט וויל ער ניט, — ענטפֿערט יענער. — ער האָט זיך אײַנגעעקשנט און פֿאָדערט נאָר אויסלערנען זײַן הונט מענטשלעך ריידן.



— נו?

— האָב איך באַ אים געפּועלט, ער זאָל געבן אף דעם א שטיקל צײַט, זײַנען מיר סאָפּקאָלסאָף אײַנגעגאַנגען אף צען יאָר.

— אָך און וויי איז אונדז, — האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען. — און אפֿילע פֿאַר צען יאָר וועט איר אויסלערנען א הונט צו זאָגן כאָטש איין וואָרט?

— קיין אַנדער ברייִרע איז באַ מיר ניט געבליבן, — ענטפֿערט דער שאַלײַעך. — אָבער איצט גייט אַהיים, ייִדן, און שלאָפֿט רויִק. גאָט איז א פֿאָטער, און אין מעשעך פֿון צען יאָר וועט אָדער דער הונט פּייגערן, אָדער, מעכײַלע, דער פּאַרעץ אליין...

געמוזט טרינקען

א.

ווי באַוווּסט, האָט לאָט זייער ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן, און ווען מע וויל אף עמעצן זאָגן, אז ער האָט זיך גוט אָנגעטרונקען, דערמאָנט מען: „שיקער לאָט.“

דערציילט מען, אז בײַס די לעצטע אויספֿאָרשונגען באַם יאַם האַמעלעך, האָבן די געלערנטע דאָרט געפֿונען א שטיק זאַלץ מיט געוויסע סימאָנים, אז דאָס איז אַמאָל געווען לאָטס ווײַב, וועלכע איז לויט דער ביבלישער לעגענדע פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין זאַלץ.

— מע קאָן זיך פֿאָרשטעלן, — האָט איינער פֿון די געלערנטע באַמערקט, — אז, האָבנדיק אזא געזאַלצן ווײַב, האָט לאָט פֿון צײַט צו צײַט טאַקע געמוזט נעמען דעם ביטערן טראָפּן...

„דו האָסט פֿאַרלאָרן דעם זיקאָרן...“



אַן אַלטע ייִדענע זאָגט צו איר מאַן:

— שפּאַציר זיך דורך, גיי אַרײַן אין קראָם און קויף ברויט. ווײַס ברויט זאָלסטו קויפֿן, אָבער ניט קיין שוואַרצס, ווײַל מאָרגן איז שאַבעס. דו קאָנסט נאָך פֿאַרגעסן, איז זאָג איך דיר נאָכאַמאָל: ווײַס ברויט, און ניט קיין שוואַרצס!

— צוליב וואָס כאַזערסטו מיר איבער, — ענטפֿערט דער אַלטער. — כ'האָב געהערט: ווײַס ברויט.

אין אַ היפּשער צײַט אַרום קומט דער אַלטער צוריק און לייגט אַוועק אָפֿן טיש לעבן דעם ווײַב אַ שטיקל זייף.

— נאַ דיר, — זאָגט ער דערבײַ, — אָט איז דאָס, וואָס דו האָסט געבעטן.

די אַלטיטשקע קוקט אַ ווײַלע אָף דער זייף פֿאַרוווּנדערט, איר פּאָנעם איז אָנגעשטרענגט, זי וויל זיך דערמאָנען, דערנאָך טוט זי אַ פּאַטש מיט די הענט און שרײַט אויס:

— אָך, וויי איז מיר ניט, דו האָסט טאַקע אָף דער עלטער פֿאַרלאָרן דעם זיקאָרן! פֿאַר דײַן אוועקגיין האָב דיר בעפּיירעש געזאָגט, אַז דו זאָלסט מיר קויפֿן וואַש־זייף, און דו האָסט מיר גאָר געבראַכט באָד־זייף!

דער ווײַבערשער סאָד

מע דערציילט, אַז גאָר אַמאָל האָבן די ווײַבער זיך געווענדט צו גאָט מיט אַ טײַנע:

— גאָט, באַשעפֿער פֿון אַלץ! ווו איז גערעכטיקײַט, ווו איז יוישער? אונדז, ווײַבער, קומט אויס גיין צו קינד, לײַדן כאַוולײַ לײדאַ, און אין דער זעלבער צײַט פֿילן זיך אונדזערע מאַנצבלען ניט ערגער ווי אַלעמאָל, האָבן ניט קיין שום ווייטעקן. זאָל כאָטש, ווען דאָס ווײַב גייט צו קינד, ווי טאָן באַ דעם מאַנצבל דער בויך, זאָל ער אויך פֿילן עטוואָס פֿון די כאַווליי לײַדאַ!

— גוט, — האָט גאָט געענטפֿערט, — זאָל זײַן אַזוי, ווי איר בעט.

אַזוי האָט געדויערט אַ געוויסע צײַט: דאָס ווײַב גייט צו קינד — טוט ווי באַ איר מאַן דער בויך. אָבער גאָר אײַנגיכן האָבן אָנגעהויבן פּאַרקומען ווונדערלעכע זאַכן: דאָס ווײַב גייט צו קינד, און פֿון בויכווייטעק קנײַקלט זיך ניט דער מאַן אירער, נאָר זייערער אַ נאָענטער פֿרײַנט. דאָס ווײַב גייט צו קינד — און פֿון בויכווייטעק שרײַט ניט דער מאַן, נאָר אַ שאָכן...

האָבן די ווײַבער גיך פֿאַרשטאַנען זייער טאָעס און אײַנגעבעטן גאָט, עס זאָל זײַן ווי פֿריער: דער מאַנצבל ווייסט ניט פֿון קיין ווייטעקן, אָבער ווער עס איז דער עמעסער פֿאָטער פֿונעם קינד, בלײַבט דער סאָד פֿון דער פֿרוי...

אַ סימען

אין אַ בויד, וואָס איז געווען פֿול אָנגעפּאַקט מיט פֿאַרשוינען, האָט זיך אײַנער אוועקגעזעצט אָף עמעצנס אַ פּוס. פֿרעגט ער:

— ראַבויסײַ, זײַט זיך מוידע, אָף וועמענס פּוס האָב איך זיך געזעצט?

רופֿט זיך אָן פֿון הינטן אַ ייִד:

— אויב דער פּוס איז אין אַ בלויען זאָק, איז ער מײַנער.

פֿאַרשריבן און באַאַרבעט פֿון מוישע ליאַכאָוויצקי

מוישע ליאַכאָוויצקי איז געבוירן געוואָרן אין 1893 אין אַ מישפּאָכע פֿון ערדאַרבעטער אינעם שטעטל שטשעדרין (ווײַסרוסלאַנד), וואָס איז דעמלט געווען אַ ייִדישע קאָלאָניע. נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע איז ער פֿאַרוואַלטער און לערער אין אײַנער פֿון די ערשטע ייִדישע שולן אין זײַן געבורטס־אָרט. אין 1926 פֿאַרענדיקט ער אַ מאָסקווער הויכשול, באַקומט אַן אינזשעניער־פֿאַך און אַרבעט אין משך פֿון 44 יאָר אין דער פּאָלקס־אינדוסטריע און אײַנצײַטיק אין אַ ריי הויכשולן פֿון דער הויפּטשטאָט אַלס דאָצענט (אין 1938 האָט ער פֿאַרטיידיקט אַ דיסערטאַציע און באַקומען דעם טיטל קאַנדידאַט פֿון כימישע וויסנשאַפֿטן). אין 1957 ווערט ער באַלוינט מיט אַ לענין־אָרדן.

אין 1981 האָט „סאָוועטיש היימלאַנד“ פֿאַרעפֿנטלעכט זײַנע אַ פֿאַרצייכענונג וועגן דעם שטעטל שטשעדרין.

פֿאַר דער לעצטער צײַט האָט מ. ליאַכאָוויצקי צונויפֿגעשטעלט אַ זאַמלונג פֿון ייִדישע וויצן. אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן 90־יאָריקן געבורטסטאָג דרוקן מיר הײַנט אײניקע פֿון זיי.

אינהאַלט פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן יאָר 1983

ראָמאַנען

ש. גאַרדאָן. באַ דער וואָלגע (אילוסטרירט נ. קאַפּראַנאָווא). נום. 8, ז. 9; נום. 9, ז. 6.

י. ראַבין. אַניע — אַניעטשקע (אילוסטרירט ג. אינגער. נום. 10, ז. 55.

א. ליזען. שטערן הוידען זיך (אילוסטרירט אי. קריוואָרוטשקאָ). נום. 10, ז. 124.

ב. סאַנדלער. טרעפּלעך אַרויף צו אַ נעס (אילוסטרירט נ. כאַטשאַטריאַן). נום. 10, ז. 4.

ה. פּאָליאַנקער. דער גורל פון אַ קינסטלער (צווייטער טייל. צייכענונגען פון ג. אינגער). נום. 4, ז. 30; נום. 5, ז. 35; נום. 6 (סאָף), ז. 6.

דערציילונגען, נאָוועלן, ליטעראַרישע מיניאַטורן

ל. אַרקאַדיעוו, א. דעכטיאַר. די אומבאַוווּסטע (דאָקומענטאַלע דערציילונג). (יידיש — ב. גערשמאַן). נום. 8, ז. 83; נום. 9, ז. 72.

ש. גאָרשמאַן. נײַע דערציילונגען. נום. 11, ז. 79.

ק. גרײַדינא. דער זינגענדיקער גאַסט. (יידיש — ש. גאָרשמאַן). נום. 11, ז. 87.

ט. גען. נײַע דערציילונגען. נום. 1, ז. 28.

ד. כײַקינע. דרײַ דערציילונגען. נום. 5, ז. 20.

ה. דאָבין. צוויי ברעגן. נום. 1, ז. 51.

יע. מאַלאַכאָווסקאַיאַ. וואַרעמע רעגנס. נום. 1, ז. 75. (יידיש. ש. גאָרשמאַן).

ב. מאָגילנער. פּאָר קליין און גרויס. בענעק און דינע. נום. 11, ז. 166.

ב. מילער (צו זײַן 70־טן געבורטסטאָג). נײַע דערציילונגען. נום. 4, ז. 9.

ב. סאַנדלער. צוועלף כאָדאָשים פון אַ גאַנץ יאָר. נום. 4, ז. 52.

ל. סאָלאָווייטשיק. קאַפּיטלען פון אַ לעבן (דאָקומענטאַלע דערציילונג). (יידיש — ש. גאָרשמאַן). נום. 11, ז. 15; נום. 12, ז. 21.

מ. פּענס. וויאַזוי הערשעלע האָט געפּירט די מאָדע אין באָד אַרײַן (פונעם ציקל „הערשעלעס געשיכטעס"). נום. 4, ז. 61.

ג. קאָסאָי. צוויי דערציילונגען (צו זײַן 80־טן געבורטסטאָג). נום. 7, ז. 85.

ב. שײַנגאַוטער (צו זײַן 70־טן געבורטסטאָג). נאָך לעבעדיקע פיש. נום. 3, ז. 47; די פּרײַז פון אַ שטיקל ברויט. נום. 11, ז. 93.

י. שרײַבמאַן (צו זײַן 70־טן געבורטסטאָג). נאָוועלן און ליטעראַרישע מיניאַטורן. נום. 3, ז. 10.

פּאַרצייכענונגען

דאָקומענטאַל־קינסטלערישע פּאַרצייכענונגען. (נום. 2): י. בורג. אַנושקאַ. ז. 85; ב. און א. בורשטיין. שענק אַ זון־פאַרגאַנג דעם מענטשן. ז. 61; כ. ביידער. דאָקטער ברודני. ז. 118; ש. גאָרדאָן. איינער פון זיי. ז. 59; ש. גאָרשמאַן. בילדלעך פון וועג. ז. 68; אַ. גוראַלניק. אַ בריוו פון דושאַנבע. ז. 160; כ. גורעוויטש. צוגאַסט אין זשיטאָמיר. ז. 123; מ. גרוּומאַן. בלומען. ז. 78; ק. גרײַדינא. עס פליט פּאָרויס אונדזער פּאַראָוואָז. ז. 23. ט. גען. עליע כאַנינס יאָרשים. — וויגעלעך. ז. 111; מ. ריאַנט. אַ בריוו פון טינדאַ. ז. 53; נ. לוריע. אײַלט זיך טאָן גוטס. ז. 42; א. ליזען. איבערגעגעבנקײַט. ז. 36; ב. מאָגילנער. אָנשטאָט אַ פּאַרצייכענונג. ז. 169; מ. מאָגילעוויטש. אייגענע מענטשן. ז. 65; כ. מעלאַמוד. לעבעדיקע גרוסן. ז. 28; ה. פּאָליאַנקער. אין יאַרוגע. ז. 4; ג. קאָסאָי. דער מענטש און זײַן צײַט. ז. 81; י. שוסטער. יאָרשים. ז. 163; כ. שמאַיעניאָק. מענאַשע מײַמאַנס כסימע. ז. 73.

אי. דרוקער. אַפילע אַ גראָשן האָט זײַן לאָשן. נום. 2, ז. 131.

א. ווערגעליס. דאָרט, וווּ איך בין נאָך ניט געווען (רײַזע־פּאַרצייכענונגען). נום. 11, ז. 105; נום. 12, ז. 57.

ג. רעזניטשענקאָ. אַלץ, וואָס איך ווייס. נום. 2, ז. 88; בוימוואָל. (יידיש — כ. מעלאַמוד). נום. 12, ז. 72.

י. שוסטער. אין אַ גאַסטראָל־רײַזע מיטן ווילנער פאָלקס־טעאַטער. נום. 11, ז. 124.

50 יאָר יידישע אויטאָנאָמע געגנט. ט. גען. ביראָבידזשאַנער דערציילונגען. נום. 6, ז. 51; ביראָבידזשאַנער יונגער דאָר. (פּאָטאָ פון נ. קאָוואַל). נום. 9, ז. 144; א. קרעמער. אין אופשטײַג. נום. 11, ז. 102.

לידער און פּאָעמעס

י. בוכבינדער. שטייט מײַן טויבנשלאַק צעעפנט. נום. 8, ז. 56; לעם היימישע האָפנס. נום. 12, ז. 53.

ל. בערינסקי. די וועלט, אין וועלכער עס לעבט מײַן סוועטלאַנע. נום. 4, ז. 59; דאָס זיסע אומענדלעכע לעבן. נום. 8, ז. 78.

א. בעלאָוסאָוו. ליד און וועלט. נום. 9, ז. 69.

מ. גאָלבשטיין. מיט קויעך פון לעבן. נום. 11, ז. 99.

מ. גרוומאן. דער בליק איז פול מיט שײַן. נום. 11, ז. 13.

ל. העלער. קומט א טאָג א נײַער. נום. 7, ז. 11.

א. ווערגעליס. פונעם ציקל „רינג נאָך רינג”. נום. 1, ז. 24; נום. 6, ז. 46.

כ. גורעוויטש. מיט ליכטיקן פארשטאנד (לידער). נום. 12, ז. 87.

ד. כײַקינע. פון מײַנע אויצרעס. נום. 11, ז. 40.

ב. מאָגילנער. אין גערانגל. נום. 3, ז. 26.

מ. מאָגילעוויטש. מענטשן פּאַשעטע זיך מיִען. נום. 9, ז. 52.

ב. מילער. הייליק איז דער צארטער כיין. נום. 2, ז. 127.

מ. לעמסטער. לידער אין נאָטיץ־ביכל. נום. 5, ז. 79; כאטינער גלעקער. נום. 7, ז. 106.

מ. פּענס. אז פינקלען זאָל דײַן שויב. נום. 8, ז. 68; אין הארצן מיט געדולד (לידער־ציקל). נום. 12, ז. 90.

פ. קיריטשאנסקי. א ליכטיקער טאָג אף דער וועלט. נום. 5, ז. 32.

מ. ריִאנט (צו זײַן 60־טן געבורטסטאָג). מײַן הארץ פאר פרײַנט איז אָפן. נום. 6, ז. 3.

ה. רעלעס (צו זײַן 70־טן געבורטסטאָג). צוויי דיכטער. נום. 4, ז. 59.

מ. שטורמאן. סאטירישע לידער. נום. 7, ז. 164. נײַע לידער. נום. 11, ז. 162.

כאָשעווער רעדאקטאָר, איך שיק אײַך דאָ איין ליד מײַנע, בלויז איינע... י. בוכבינדער, מ. גאָלבשטיין, מ. גרוומאן, ד. כײַקינע, ל. העלער, מ. ריִאנט, מ. מאָגילעוויטש, ב. סינעלניקאָווע (נום. 3, ז. 43, 44, 45).

פון דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער יידישער דיכטונג (נום. 10). פ. פּלאָטקין. דער אלטער קאָמיסאר; א. ווערגעליס. א הימן; ל. העלער. דער מענטש; מ. ראזומני. רומבולער וואלד; א. בעלאָוסאָוו. די לעצטע מינוט; מ. ליפשיץ. עס איז קעדײַ; ב. מילער. וועגנערע; י. בוכבינדער. אף פרעמדע ערדן; ד. כײַקינע. מע קאָן פון דער זײַט ניט באמערקן אפילע; כ.ביידער. דער מעטעאָריט; מ. גאָלבשטיין. דער הירש. ז. 49—54; כ. גורעוויטש. קיין סיביר; מ. גרוומאן. דרײַ לעבנס; ב. סינעלניקאָווע. די פאָן; ב. מאָגילנער. איך בין מעקאנע; מ. ריִאנט. אבי מיט דיר; ה. רעלעס. בא דער טרויעריקער ווערבע. מ. מאָגילעוויטש. איך קאָן ניט פארגעסן; א. קאצעוו. צו די, וואָס מאכן אָן א כורבן; מ. פּענס. די קינדער פון די בערג; ל. בערינסקי. א סאָד; מ. לעמסטער. איך גלייב; פ. קיריטשאנסקי. ניט גרינג און ניט פּראָסט; מ. שטורמאן. געלויבט זאָל זײַן; וו. טשערניִן. די בלעטער; י. עלקיס. ***; וו. ווערביק. ווען א קינד אין וויגל קוועלט; ז. ווייצמאן. דער שלײַפער. ז. 114—123.

פון דער שעפערישער ירושע. צום 110־יאָריקן געבורטסטאָג פון איינעם פון די גרונטלייגער פון דער יידישער פּראָלעטארישער דיכטונג.

י. באָוושאָווער. רעוואָליוציאָן און אנד. לידער. נום. 9, ז. 3.

דידאקטישע לידער און עפּיגראמען פון העברעישע דיכטער פון מיטלאלטער (נום. 9). די לידער ווערן געדרוקט לויט מ. יאָפּעס „אנטאָלאָגיע פון דער העברעיִשער פּאָעזיע”. ש. האנאַגיד, ש. איבן־גאבירעל, יעהודע האלעווי, א. איבן־עזרא, יעהודע אלכאריזי, א. איבן־כאסדיי, שעמטאָוו איבן־פלאקירא, עמ. האַרומי.

מ. גרוביאן. אין דאָנעצק. נום. 4, 106; נום. 6, ז. 91; מ. טייף. לידער פון פארשיידענע יאָרן. נום. 7, ז. 80; נ. זאבארע. רעפלעקסן פון א רײַזע. נום. 4, ז. 98.

צום 85־טן יאָרטאָג פון איזי כאריק. מינסקער בלאָטעס. פּאָעמע. נום. 3, ז. 54. מ. טאלאַלאיעווסקי. זײַן בארוף. נום. 4, ז. 103.

צום 40־טן יאָרטאָג פונעם אופשטאנד אין ווארשעווער געטאָ. אי. פעפער. שאָטנס פון ווארשעווער געטאָ (פראגמענטן). נום. 4, ז. 22. אי. קיפּניס. קינדער־מײַסעלעך. נום. 9, ז. 54.

צום 90־טן געבורטסטאָג פון וולאדימיר מאיאקאָווסקי. די ליד וועגן סאָוועטישן פּאספּאָרט (יידיש — עמ. קאזאקעוויטש); קעמפ „ביט געדײַגעט” (יידיש — י. זעלדין). נום. 8, ז. 3.

געפונענע מאנוסקריפּטן. מירע כענקין. אין פעטליורעס קרוינשטאָט (ראָמאן). נום. 1, ז. 110; נום. 3, ז. 64; נום. 4, ז. 76; נום. 5, ז. 80, נום. 6 (סאָף), ז. 94.

פון אונדזער קלאסיק. י. אָפּאטאָשו. אף יענער זײַט בריק. נום. 8, ז. 60; מאָריס און זײַן זון פיליפּ. נום. 9, ז. 98. י. דינעזאָן. יאָסעלע (פראגמענטן). נום. 6, ז. 74. א. רייזען. דערציילונגען. נום. 7, ז. 108.

ווערק פון אויסלענדישע שרײַבער

ד. גאבע (בולגאריע). אין אָוונט (יידיש — ב. מאָגילנער). נום. 8, ז. 136.

מ. גיציס (פשא). אין זוכעניש. נום. 3, ז. 28; אינטערלוד. נום. 7, ז. 13.

נײַע איבערזעצונגען. א. באָרטניאק. ליליע (יידיש — ד. כײַקינע). נום. 6, ז. 68. ג. גאָרישין. דער ערשטער רעדאקטאָר (יידיש — מ. פּענס). נום. 6, ז. 70. מאָרדעכײַ ריטשלער. בעניע, די מילכאָמע אין אייראָפּע און בעלע, מייערסאָנס טאָכטער (יידיש — ד. כײַקינע). נום. 12, ז. 7. ג. קאָרנײַלאָווא. דער טויער פון אָסטרא־בראמא (יידיש — ב. האלפּערן). נום. 12, ז. 14.

ליטעראָרישע געדענק־דאטעס. נ. אויסלענדער. בוזי אָליעווסקי. נום. 8, ז. 124; די טרייסט (סאטירישע דערציילונג אין פערזן). נום. 12, ז. 113; אי. בראָנפמאן. ביראָבידזשאנער לידער. נום. 3, ז. 108; מ. בערעגאָווסקי. א קאפּיטאל ווערק „וועגן יידישן מוזיקאלן פאָלקלאָר”. אָפּרופן פון פּראָפ. מ. גנעסין, פּראָפ. ק. קוויטקאָ, פּראָפ. מ. גאָלדין.

נום. 1, ז. 106; א. גאָנטאַר. פון דער ליטעראַרישער ירושה (לידער). נום. 3, ז. 108; י. דאָברושין און זײַנע בריוו צו י. צינבערגן און א. גורשטיינען. נום. 12, ז. 113; ש. דריז. קינדער־לידער. נום. 5, ז. 118; מ. טײַטש. לידער נום. 1, ז. 104; מאני לייב. פון דער רוסישער דיכטונג; צאלעל בליך. ש. אנסקי. זײַן גאנג מיט פאָלקלאָר און פאָלקס־קונסט; מ. טאלאלאיעווסקי. מײַן גוט געמיט (לידער). נום. 11, ז. 78; נ. פּרילוצקי. דיִאַלעקטאָלאָגישער פּענאָמען. נום. 1, ז. 102.

ליטעראַרישע געדענק־ערטער. א. סאלקאָווער. דעם לעצטן פונעם ליפּקאַנער אָלימפּ (בא דעם דענקמאָל פון מ. אלטמאַן). נום. 9, ז. 141.

אונדזער קאָסמאָס־ווינקל

ג. בערעגאָוואָי. סוועטלאַנע סאוויצקאיא. נום. 2, ז. 108. י. דאָקוטשײַעוו. ב. וואָלינאָוו — דער באצווינגער פון מוסטאַנגען. נום. 4, ז. 68. פּ. פּאָפּאָוויטש. דער וועטער אף איבערמאָרגן. נום. 5, ז. 122.

„סאָוועטיש היימלאַנד" — באלוינט מיט א גאַגאַרין־דיפּלאָם. נום. 9, ז. 165.

ליטעראַטור־קריטיק, ביבליִאָגראַפיע, פּראָגן פון קונסט

א. בראָדסקי. צום אייביקן אָנדענק (אורוגווײַער, שפּאַנישע, לאטײַן־אמעריקאַנישע שרײַבער). נום. 9, ז. 115; ל. בערינסקי. וועגן דער איבערזעצונג פון „שיר־השירים" אף רומעניש. נום. 12, ז. 108; א. בעלאָוסאָוו. גאָר פּלוצעם, אומגעריכט... (וועגן כ. ביידערס דיכטונג). נום. 12, ז. 105. ד. בעלקין. ייִדישע סוזשעטן אין דער לערמאָנטאָוו־ענציקלאָפּעדיע. נום. 1, ז. 143; יע. גיק. וויסנשאפט, קונסט אָדער ספּאָרט? נום. 3, ז. 152; א שמועס מיטן עקס־טשעמפּיאָן פון דער וועלט מ. טאל. נום. 7, ז. 159.

אי. דרוקער. פון טאָף צו א נײַעם אלעף. (סאָף. זע נום. 9, 1982). נום. 3, ז. 121.

א. ווערגעליס. דער אלעפבייס און דאָס לעבן. נום. 5, ז. 160.

מ. מארגאָלין. „די געשיכטע פון א ליבע" — אן אָנזאָג פון א ראָמאַנטישן שטראָם אין נאָטע לוריעס שאפונג. נום. 4, ז. 125; וועגן דער לוריעס שאפונג. נום. 4, ז. 125. ז. ליבינזאָן. נײַע צײַטן, נײַע פּראָזע. נום. 11, ז. 129. כ. מעלאמוד. זוניקע טרעפּ (וועגן שרײַבער ה. בלאָשטיין). נום. 7, ז. 148; מ. פּאָליאַנסקי. דער שרײַבער מאָרדכע גאָלדענבערג און זײַן גורל. נום. 6, ז. 154.

פון דער ליטעראַטור־געשיכטע. ל. ווילסקער. יעהודע האַלייוויס 198 לידער פון אן אומבאוווסטער רעדאַקציע. נום. 6, ז. 135.

אף דער פּלענאַרער זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד". (נום. 6). כ.ביידער. די דיכטונג פון די סטודענטן. ז. 131; נ. לוריע. שלײַפן יעדער שורה, יעדעס וואָרט. ז. 127; כ. מעלאמוד. א פּאָר ווערטער וועגן די עסייען. ז. 133.

טריבונע פונעם שרײַבער. א. בעלאָוסאָוו. א בריוו קיין ייִשׂראל. נום. 11, ז. 158.

קורצע רעצענזיעס

יע. אמבארצומאָוו. דער פאַרברעכער נומער 1. נום. 1, ז. 135; ל. דאדיִאני. א פּאָרום פון די ייִשׂראלדיקע קאָמוניסטן. נום. 3, ז. 132; א. טשערניִאווסקי. „די ערד פון ראָמאַנטיק" (וועגן דעם אלמאַנאַך „אף די ברעגן פון בירא און בידזשאַן"). נום. 1, ז. 150. וו. טשערנין. „גאָדישניק־81". נום. 3, ז. 136; א בוך וועגן דער ייִדישער פּרעסע נום. 9, ז. 137; א. ראזגאָן. די הײַנטצײַטיקײַט שטאמט פון דער פאַרגאַנגענהײַט. נום. 6, ז. 161; ז. ליבינזאָן. אין אָנדענק פונעם ייִדישן שטעטל (וועגן א. ליזענס בוך „נאָכעמקע עסרעג"). נום. 1, ז. 147; הויכע שטאַפּלען (וועגן ה. רעמעניקס בוך „שטאַפּלען"). נום. 5, ז. 151; מ. מארגאָלין. אווראָם קאצעווס דיכטונג. נום. 9, ז. 134; י. קארא. א רומענישער ראָמאַן וועגן עסטער האמאלקע. נום. 9, ז. 138; מ. שין. די אנקעטע פון א דיכטער (וועגן אי. בראָנפמאַנען). נום. 3, ז. 116.

פּעריִאָדישע אויסגאבעס אין די סאָציִאליסטישע לענדער. י. ביהאָרי (בודאפּעשט). אונגארישער אלמאַנאַך. נום. 8, ז. 130; וו. טשערנין. „יודאִיקא באָהעמיִא" (פּעריִאָדישע, וויסנשאפטלעכע זאמלונג אין טשעכאָסלאָוואקיע). נום. 8, ז. 130.

שמעסן וועגן מוזיק און עסטראַדע. יע. בינעוויטש. יעווגעני וואכטאַנגאָוו און דער ייִדישער טעאַטער. נום. 11, ז. 137; מ. גאָלדין. די פאַרבינדונגען אין ייִדישן און אוקראַיִנישן מוזיקאַלן שאפן. נום. 9, ז. 121; ז. סטאָליאר. לידער פון פאַרברידערטקײַט צווישן די פעלקער (וועגן דער נאָענטקײַט פון מאָלדאווישער און ייִדישער מוזיק). נום. 6, ז. 164; ג. פרייד. איינשטיין און מוזיק. נום. 9, ז. 126; י. קאץ. א פריידיקער קאָנצערט (וועגן ווילנער ייִדישן פאָלקס־טעאַטער); ע. קאָזשעווניקאָוו. נײַע וועגן (ווי־אזוי עס אנטוויקלט זיך די ייִדישע סאָוועטישע מוזיק). נום. 8, ז. 138; אונדזער ספּראַווקע. אינקורצן וועגן י. באַרדאַנאַשווילים און

ס. בערינסקיס שאַפונג. נום. 8, ז. 140; מ. קאַטליאַראָווע. דאָס געשטאַלט פון א שוישפּילער. נום. 3, ז. 148; א וועטעראַן פון דער ייִדישער קולטור (צום 75־טן יאָרטאָג פון כ. אָסטראָווסקי). נום. 2, ז. 168 (כראָניק); ב. קאָטיק. א טריאָ: דער קאָמפּאָזיטאָר, דער אויספילער און דער צוהערער. נום. 3, ז. 143; ז. קאָמפּאַנייעץ. געדאַנקען וועגן אנטאָן רובינשטיין. נום. 3, ז. 193; וועגן איינעם א פאַרגעסענעם זשאַנער פון דער פאָלקסליד. נום. 12, ז. 112.

אינפאָרמאַציע פאַר די ליבהאָבער פונעם ייִדישן בוך. טש. סעריאָגין. נײַע אויסגאַבעס פון ייִדישער מוזיק. נום. 9, ז. 166.

אפן קינאָ־עקראַן. ב. שיינין, מ. סעמענצאָוואַ. דער זיקאָרן פונעם עקראַן. נום. 4, ז. 141; ב. שיינין. מיכאַיל ראָם און זײַן פילם „געוויינלעכער פאַשיזם". נום. 8, ז. 141.

פּובליציסטיק

נום. 1. מאַטעריאַלן פון דעם אויסעראָרדנטלעכן פּלענום פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס דעם 12 נאָיאַבער 1982; רעדע פונעם כאַווער י. וו. אַנדראָפּאָוו. ז. 5; רעדע פונעם כאַווער ק. או. טשערנענקאָ. ז. 7; יורי וולאַדימיראָוויטש אַנדראָפּאָוו. ז. 9; ג. מאַרקאָוו. אונדזער רודערער — די פּאַרטיי. ז. 10.

טעאָרעטישע קאָנפערענץ פון „סאָוועטיש היימלאַנד". א. בעליאַיעוו. די פּאַראַדאָקסן פון ראָנאַלד הינלי. ז. 12.

נום. 3. זעכציק יאָר פססר. פּאָרטראָג פונעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון צק קפּסס כאַווער יו. וו. אַנדראָפּאָוו אויף דער געמיינזאַמער פײַערלעכער זיצונג פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס, אויבערסאָוועט פון פססר און אויבערסאָוועט פון רספסר דעם 21 דעקאַבער 1982. ז. 3.

נום. 4. א. טשאַקאָווסקי. די ליטעראַטור און דער גורל פונעם שאָלעם. ז. 3.

נום. 5. ווענדונג צו די אַרבעטער, קאָלווירטניקעס, פאָרשטייער פון דער אינטעליגענץ צו שאַפן א פרײַוויליקע אָרגאַניזאַציע — דעם „אַנטיציוניסטישן קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקײַט". ז. 3; ל. דאַדיאַני. דער ציוניזם קעגן די פעלקער פון לאַטײַן־אַמעריקע. ז. 132; יו. ווערטשענקאָ. די שרײַבער אין קאַמף פאַר שאָלעם. ז. 5;

צום 100־טן יאָרצײַט פון קאַרל מאַרקס. יע. כאַרעוואַ. זײַן פּערזענלעכע ביבליאָטעק. ז. 143.

נום. 7. באַשטימונג פון צק קפּסס וועגן דעם 80־טן יאָרטאָג פון דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון רסדאַפּ. ז. 3.

נום. 8. פּרעסע־קאָנפערענץ פונעם אַנטיציוניסטישן קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקײַט. ז. 102.

נום. 11. א. בעליאַיעוו. דער אידייען־קאַמף אין דער ספער פון דער קינסטלערישער קולטור. ז. 3.

נום. 12. אָפענער בריוו צו די ייִדן פון פססא. ג. באָנדאַרעווסקי. וויאַזוי די באַלפור־דעקלאַראַציע איז אויסגענוצט געוואָרן אויף צו צעקריגן די פעלקער. ז. 131; י. גריגולעוויטש. דער פּראָצעס פון די ראָזענבערגס (צו זייער 30־טן יאָרצײַט). ז. 143.

אונדזערע מיטיילונגען

ל. ווילסקער. אומבאַוווּסטע שומרונישע אויפשריפטן אין דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָטעק. נום. 9, ז. 109; א. יערוסאַלימסקי. די אינטערנאַציאָנאַליסטישע טראַדיציעס בײַ די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן. נום. 5, ז. 136; נום. 6 (סאָף), ז. 117; וו. לעבעדיעוו. מאַטעריאַלן וועגן דער געשיכטע פון יודאַיזם און וועגן זײַן קריטיק אינעם קסאַוויאַדפאָנד פון דער עפנטלעכער ביבליאָטעק אויף סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען. נום. 8, ז. 132.

י. קאָוועלמאַן. די קינסטלערישע אויספירעמונג פון ספּעקטאַקלען מיט ייִדישע סוזשעטן (מיט איליוסטראַציעס פון מ. אַקסעלראָד, י. ראַבינאָוויטש, ר. פאַלק, וו. סעראָוו, א. טישלער). נום. 4, ז. 136.

75 יאָר נאָך דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ. איבערגעגעבן געפרעסט דעם פאַרלויף פון די פיר זיצונגען. נום. 8, ז. 71.

אינטערוויו פאַר די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד". א. שוואַרצמאַן. לעקאָוועד דעם יובליי פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. נום. 3, ז. 149.

אן אינטערוויו פון נאָטע לוריע. יע. שוואַרצמאַן. מײַנע ביכער — מײַן ענטפער. נום. 9, ז. 140.

אונדזער רעפּליק. גענריקאַס זימאַנאַס. רעכילעס פון א מענוואָל. נום. 5, ז. 148; כראָניק. די גרינדונג־פאַרזאַמלונג פונעם אַנטיציוניסטישן קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקײַט. נום. 6, ז. 126.

א שפּערישע באַגעגעניש אין רעדאַקציע מיט דעם אוקראַיִנישן דיכטער דמיטראָ פּאַווליטשקאָ. נום. 3, ז. 161.

קורצע נאָטיצן. וו. טשערנין. די ביבלישע לענדער אין דער שטיין־טקופע. נום. 5, ז. 130; ביראָבידזשאַנער נײַס. עקספּאָנאַטן דערציילן. נום. 2, ז. 58.

ביראָבידזשאַן הײַנט. א. קרעמער. יאָרן פון שאַפונגס־מי. נום. 3, ז. 119.

זיכרוינעס. כ. טאַמאַרקין. דורך יאָרן און געשעענישן. נום. 1, ז. 134; נום. 3, ז. 95; נום. 4, ז. 115; ד. כאַריק. אין זײַן ליכטיקער שײַן. נום. 7, ז. 141; נום. 8, ז. 114; מ. לאַנדמאַן. וועגן א גוטן פרײַנט (וועגן א. גאָנטאַרן). נום. 3, ז. 109; וואָס איך געדענק וועגן יעכעזקל דאָברושינען. נום. 8,

ז. 121; ר. שילער־בוזגאַן. מײַן לעבן אין טעאַטער. נום. 12, ז. 92.

עטנאָגראַפיע. פ. קאליקא, י. יושוואיעוו. בארג־ייִדן. נום. 4, ז. 149; נום. 5, ז. 166; נ. ראָזענבערג. ייִדן אין סאכארע הײַנט־צו־טאָג. נום. 9, ז. 143. וו. טשערנין. דער אינהאלט און די טערמינען „קרימטשאק" און „קרימטשאקישע שפּראך". נום. 11, ז. 149.

מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער. באריכט פון דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע אין ייִסראָעל ארום דעם מאסן־מאָרד אין די פּלייטים־לאגערן סאברא און שאטילא. נום. 7, ז. 124.

בעגין האָט געוווּסט (פון דער דאָסיע פון דער צווישנפעלקערלעכער קאָמיסיע אף אויסצופאָרשן די פאַרברעכנס פון דער רעגירונג פון ייִסראָעל קעגן דעם ליוואנער און פּאלעסטינער פעלקער). נום. 8, ז. 148.

אף די שפּורן פון געשעענעס. י. בעלקין. צוויי פּרײַנט; כ. ביילקין. עלימעלאכס העלדנ־טאט; כ. זײַען. מיר קאָנען דאָס ניט פארגעסן; אי. אָקוניעוו. דער קלוב אף ראבינאָוויטשעס נאָמען. נום. 5, ז. 8.

עס ווערט פאָרגעזעצט דער שמועס, וואָס „סאָוועטיש היימלאנד" האָט אָנגעהויבן. „לעשעם פּינקטלעכקײַט" („סאָוועטיש היימלאנד", 1982, נום. 6). נום. 4, ז. 160; „דער ווערטער אף איבערמאָרגן" („סאָוועטיש היימלאנד", 1983, נום. 6). פארשריבן אי. נעמאָוו. נום. 9, ז. 146.

ביכער־גראפיק. קינסטלער א. גאָלדמאן. נום. 9, ז. 139; קינסטלער וו. לאָקשין. נום. 3, ז. 160; קינסטלער יע. סקאקאלסקי. נום. 7, ז. 168.

קינסטלערישע בײַלאגעס

קינסטלער ה. אינגער. איליוסטראציעס צו די ווערק פון שאָלעם־אליכעם און י.־ל. פּערעץ; מיטן „בירעבידזשאנער שטערן" איבער דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. נום. 1.

דער מענטש און זײַן צײַט. אויג אף אויג מיט דער מאשין. נײַע טעכניק אף די ראכוועסן פון אונדזער היימלאנד. מע גייט אף דער ארבעט. אף דער בײַקאל־אמורער מאגיסטראל. טיומענער טײַגע. אלע פאָטאָגראפיעס פון וו. אכלאָמאָוו. נום. 2.

קינסטלער א. שולריכטער (מאָסקווע). עסקיזן פון דעקאָראציעס צו ה. לייוויקס ספּעקטאקל „דער גוילעם". ז. 145; א זײַט פון „בירעבידזשאנער שטערן". נום. 3.

ג. פּאָקראָווסקי (דאָס ארטיקל וועגן מאָלער זע ז. 147). נום. 4.

בלעטערנדיק דעם נײַעם ייִדישן אלעפבייס. נום. 5.

קינסטלער אמשיי ניורענבערג (וועגן אים — ארטיקל פון ש. בראָנשטיין). נום. 6.

אי. זילבערמאן. עטלעכע שורעס וועגן זיך. ז. 161. נום. 7.

קינסטלער וו. וועקסלער. נום. 8.

ראפאעל (צום 500־טן געבורטסטאָג). נום. 9.

קינסטלער ל. פּאסטערנאק. נום. 10.

קינסטלער מענדל גאָרשמאן. נום. 11.

בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען. נום. 1, 4, 6, 7, 8, 9, 11, 12.

אן ארטיקל אין דער ייִסראָעל־צײַטונג „דער וועג". ש. בוים. אן אויסשטעלונג פון ביכער, ניט צום לייענען... נום. 9, ז. 162.

ווינקל פון געזעלשאפטלעכן פארשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאנד". נום. 1.

פון אונדזער פאָטאָ־ארכיוו. נום. 1.

פריילעכע שורעס. נום. 1, 3, 12.

דאָס איז טשיקאווע. נום. 1, 3, 6, 7, 8, 9, 11, 12.

די פאָטשט פון „סאָוועטיש היימלאנד". נום. 4.

מאטעריאלן פאר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. נום. 1, 3, 4, 5, 6, 7, 8, 9, 11, 12.

פאר די, וואָס לערנען ייִדיש. נום. 1, 3, 4, 5, 6, 7, 8, 9, 11, 12.

לאָמיר זינגען נײַע לידער. ייִדישע טשאסטושקעס. ווערטער פון א. ווערגעליס, מוזיק פון ס. טשעבאָטאריאָוו. נום. 3, ז. 170; כ׳טאָר דיך ניט האָבן ליב. ווערטער פון ב. מאָגילנער, מוזיק פון ז. קאָמפּאנייעץ. נום. 6, ז. 171; סימפאָניע פונעם וועג. ווערטער פון א. ווערגעליס, מוזיק פון נ. קאָזלאָווסקאיא. נום. 9, ז. 173.

ביבליאָטעק פון „סאָוועטיש היימלאנד"
(בײַלאגעס)

נום. 1. יאנוואר — או. גוראלניק. טיפע וואָרצלען.

נום. 2. פעווראל. ג. בערעגאָוואָי. דער וועג צום העלדנטאט.

נום. 3. מארט. ה. רעלעס. איבער ווײַסרוסישע שטעטלעך.

נום. 4. אפּרעל. ק. דאָלגאָוו. די גײַסטיקע קולטור פונעם אנטוויקלטן סאָציאליזם.

נום. 5. מײַ. מ. גיציס. פון מענטש צו מענטש.

נום. 6. יון. א. גאָנטאר. וועגן קרייצן זיך איבער.

נום. 7. יול. ש. סאנדלער. לימודים פון ייִדיש.

נום. 8. אווגוסט. א. יערוסאלימסקי. אונטער דער פאָן פון אינטערנאציאָנאליזם.

נום. 9. סענטיאבער. א. גובניצקי. אייגענע מענטשן.

נום. 10. אָקטיאבער. י. בורג. איבערוף פון צײַטן.

נום. 11. נאָיאבער. מ. נאָטאָוויטש. קריטיק און קריטיקער.

נום. 12. דעקאבער. ה. ראבינקאָוו. נײַ־שטאָט.

■ ■ ■

We are publishing an article about Jewish folk-song by composer Zinovy Kompaneyets of Moscow.

It is 30 years since the Rosenbergs went to the electric chair. In connection with this date, we are publishing an article by Iosif Grigulevich of Moscow, member of the Institute of Ethnography and Corresponding Member of the USSR Academy of Sciences.

There is also another publicistic article about the military-political bloc of Zionism and Imperialism by Professor Grigory Bondarevsky of Moscow.

Our feature "From the Newspapers and Magazines" includes items about the life and customs of the Jews in Turkey, Greece and the Caribbean (reprinted from the magazine "Aki Yerushalaim").

"Items of Interest" is about the Samaritans today.

"Merry Lines" features Jewish anecdotes, recorded and presented by Moishe Lyakhovitsky of Moscow.

Also in this issue: "Material for a Lexicon of Soviet Jewish Literature", and "An Aid to those learning Yiddish". As usual, our December number contains an Index for 1983.

Supplement: H. Rabinkov, "The New Town"

אכטונג לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד"!

ווער פון אונדזערע לייענער עס האָט נאָך ניט באַוויזן צו אויספאָרמירן די אבאָנירונג אויף „סאָוועטיש היימלאַנד", דארף האָבן אין זינען, אַז אונטערשרייבן זיך אויפן זשורנאַל אויפן 1984 יאָר קאָן מען שוין איצט, בלויז אָנהייבנדיק פון פעברואַל כוידעש.

די אבאָנירפּרייז אויף א יאָר צוזאַמען מיט דער ביילאַגע איז 9 רובל מיט 60 קאָפּ.

אויף א האַלב יאָר — 4 רובל 80 קאָפּ.

אויף דריי כאָדאָשים — 2 רובל 40 קאָפּ.

די פּרייז פון אן איינצל־נומער צוזאַמען מיט דער ביילאַגע — 80 קאָפּ.

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")
No. 12, December, 1983

"We Soviet citizens of Jewish nationality have decided to address you, hoping that our sincere appeal will meet with a response from all honest people who cherish the cause of world peace,"—with these words begins "Open letter to Jews in The United States" signed by a group of representatives of the Soviet Jews. The complete text of the Letter opens the December issue of "Sovietish Heimland".

We are publishing in Yiddish an anti-war story by well-known Canadian writer Mordechai Ritchler, "Benya, the War in Europe, and Bela, Daughter of Meerson". Born in Montreal in 1931, M. Ritchler has written novels, plays and short stories in English. His main subject is the life of the Jews in Canada. In recent years, M. Ritchler has been resident in Great Britain.

We are publishing a translation from the Russian of a short story, "The Gates of Ostra Brama", by Galina Kornilova of Moscow.

It is 90 years since the birth of Nochem Oislender, Soviet Jewish scholar, prose writer and poet. We are timing for this occasion the publication of his satirical verse story, "Appeasement".

The centenary of Iekhezkel Dobrushin, literary critic, authority on folk-lore and dramatist, is being marked by the publication of a selection from his letters to literary historians Isroel Tsinberg and Aron Gurshtein.

There are verse sequences by poets Moishe Pens of Makhachkala, Chaim Gurevich of Novosibirsk and Iosl Bukhbinder of Kiev.

We are publishing the continuation of "Where I have not yet been" travel essays by Aron Vergelis of Moscow.

In this issue, readers will also find the conclusion of the documentary story, "Chapters of Life", by Leib Soloveichik of Moscow, an essay, "Cotton", by Grigory Reznichenko of Moscow, and "My Life in Theatre", the memoirs of actress Rivka Schiller-Buzgan.

Literary criticism is generously represented in this issue. Alexander Belousov of Kuibyshev has devoted an article to the poetry of Chaim Beider. Lev Berinsky of Moscow tells about a new translation of "The Song of Songs" into Romanian by well-known poet Ioan Alexandru. This was the reaction of Romanian criticism to I. Alexandrus translation, which was brought out as a separate book: ". . .there is no doubt that one of the most fruitful sources, bringing an abiding freshness to the work of Ioan Alexandru, is in the themes of ancient Hebrew literature, not only deeply felt, considered and filtered through a contemporary poetic vision, but for the most part experienced inwardly."

вод И. Александру, вышедший отдельной книгой: «...нет сомнений в том, что тематика древнееврейской литературы не только глубоко прочувствованная, продуманная и профильтрованная через современное поэтическое видение, но главным образом пережитая изнутри, является одним из самых плодотворных источников, вносящих непреходящую свежесть в творчество Иоанна Александру».

Со статьей о еврейском песенном фольклоре выступает композитор Зиновий Компанеец (Москва).

Исполняется 30 лет со дня казни на электрическом стуле супругов Розенберг. Наш журнал публикует в связи с этой датой статью сотрудника института Этнографии, члена-корреспондента АН СССР Иосифа Григулевича (Москва) «Процесс Розенбергов».

Публицистика представлена также статьей профессора Григория Бондаревского (Москва) о военно-политическом блоке сионизма и империализма.

Под рубрикой «Листая журналы и газеты» помещены материалы о жизни и быте евреев Турции, Греции и островов Карибского бассейна (перепечатка из журнала «Аки Ерушалаим»).

Рубрика «Это интересно» рассказывает о современном положении самаритян.

Традиционные «Веселые строки» представлены еврейскими анекдотами, записанными и обработанными Мойше Ляховицким (Москва).

Публикуются «Материалы для лексикона еврейской советской литературы», лекции «В помощь изучающим идиш». Как обычно, в двенадцатом номере печатается содержание журнала за прошедший год.

Приложение к номеру: Г. Рабинков
«Новый город»

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 12, декабрь, 1983

«Мы, советские граждане еврейской национальности, решили обратиться к вам в надежде, что наш идущий от чистого сердца призыв найдет отклик у всех честных людей, кому дорого дело мира во всем мире», — этими словами начинается «Открытое письмо к евреям США», подписанное группой представителей советской еврейской общественности. Полный текст Письма открывает декабрьский номер «Советиш геймланд».

Под рубрикой «Новые переводы» мы публикуем в переводе на идиш антивоенный рассказ известного канадского писателя Мордехая Ричлера «Беня, война в Европе и Белла, дочь Меерсона». М. Ричлер родился в 1931 году в Монреале. Он автор ряда романов, пьес, рассказов. Пишет на английском языке. Главная тема его творчества — жизнь канадских евреев. Последние годы М. Ричлер живет в Великобритании.

В переводе с русского языка печатается рассказ Галины Корниловой (Москва) «Ворота Остра Брама».

Исполняется 90 лет со дня рождения еврейского советского литературоведа, прозаика и поэта Нохема Ойслендера. К этой дате приурочено опубликование в нашем журнале сатирического рассказа в стихах «Успокоение», принадлежащего перу Н. Ойслендера.

Столетие Иехезкэля Добрушина, литературного критика, фольклориста, драматурга, отмечается публикацией подборки его писем литературоведам Исроэлу Цинбергу и Арону Гурштейну.

Подборками стихов представлены поэты Мойше Пенс (Махачкала), Хаим Гуревич (Новосибирск) и Йосл Бухбиндер (Киев).

Продолжается публикация путевых очерков Арона Вергелиса (Москва) «Там, где я еще не был».

В декабрьском номере читатели найдут также окончание документального рассказа Лейба Соловейчика (Москва) «Главы жизни», очерк Григория Резниченко (Москва) «Хлопок», воспоминания актрисы Ривки Шиллер-Бузган «Моя жизнь в театре».

Широко представлена в номере литературная критика. Александр Белоусов (Куйбышев) посвятил свою статью поэзии Хаима Бейдера. Лев Беринский (Москва) рассказывает о новом переводе «Песни песней» на румынский язык, сделанном известным румынским поэтом Иоанном Александру. Румынская критика так откликнулась на пере-

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер,
Г. Полянкер, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:

главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан

Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 30.09.1983 г. Подписано к печати 18.11.1983 г Формат $70 \times 108^1/_{16}$. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 80 коп. Зак. 2452.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13

© Журнал «Советиш геймланд», 1983 г.

Цена 80 коп.
70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

Открытое письмо к евреям США.
Л. Соловейчик. Страницы моей жизни (документальная повесть. Окончание).
Стихи И. Бухбиндера, Х. Гуревича, М. Пенса.
Путевые заметки. А. Вергелис. Там, где я еще не был. (Окончание).
Г. Резниченко. Хлопок (очерк).
Воспоминания. Р. Шиллер-Бузган. Моя жизнь в театре.
Беседы о музыке и эстраде. З. Компанеец. Об одном забытом жанре народной песни.
Литературные памятные даты. Н. Ойслендер (1893—1962). И. Добрушин (1883—1953).
Публицистика. Г. Бондаревский. Как декларация Бальфура была использована для разжигания войны между народами.
Листая журналы и газеты. Материалы для лексикона советской еврейской литературы. В помощь изучающим идиш. Хроника.
Резюме на русском и английском языках.
Содержание журнала «Советиш геймланд» за 1983 год.

1983

№ 12